STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00245

A LEBENSVEG

Gina Medem

Permanent preservation of this book was made possible by
Sylvia & Jim Katzman
in memory of
Frances & Sol Blitz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גינאַ מעדעם

אַ לעבנסװעג

אױטאָביאָגראַפֿישע נאָטיצן

אַרױסגעגעבן פֿון
גינאַ מעדעם בוך־קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1950

A LEBENSVEG
(*A Way of Life*)

By Gina Medem

Copyright, 1950, by the Author

Published by
GINA MEDEM BOOK COMMITTEE
317 West 95th St., Room 71-F
New York 25, N. Y.

209

Printed in the U.S.A.

גינאַ מעדעם (אין 1937)

גינאַ בירענצווייג (מעדעם)
אין רעוואל (אין 1908)

וולאַדימיר מעדעם

גינאַ בירענצווייג (מעדעם)
אין עלטער פון 6 יאָר

פאַרוואָרט

עס איז געווען סוף דעצעמבער, 1939, אין פּאַריז.

פראַנקרייך איז געווען 4 מאָנאַטן אין אַ צושטאַנד פון „מלחמה" מיט נאַצי־דייטשלאַנד, ווען זי און ענגלאַנד האָבן, אַלס ענטפער אויף היטלערס אָנפאַל אויף פּוילן, צוריקגעצויגן זייערע דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער פון בערלין. פראַנקרייך האָט דערקלערט קריגס־צושטאַנד איבערן לאַנד, דורכ־געפירט אַ מאָביליזאַציע פון דער פראַנצויזישער אַרמיי און זי געשיקט צו דער „מאַזשינאָ"־ליניע.

אין פּאַריז איז געוואָרן פינצטער. די גאַנצע פּראָגרעסיווע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַרונטער אונטער דער ערד, די צייטונגען זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן און מיטינגען פאַרבאָטן. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט פריי באַ־וועגן, אַפילו זיך נישט געקאָנט זען אין וואוינונגען, ווייל די פּאָליציי פלעגט מאַכן אַבלאַוועס און זוכן מענטשן אָן „פּאַפּירן". דאָס הייסט, כמעט די גאַנצע קאָלאָניע פון אַנטי־פאַשיסטן־פּליכטלינגען.

בלויז דעם לעצטן אָוונט אין יאָר, דעם 31טן דעצעמבער, האָט די פּאָליציי דערלויבט די „פעדלערס" (גאַסן־פאַרקויפער) צו האַנדלען אין גאַס, ביי פאַרטונקלטע לעמפּלעך, און פאַרלענגערט די נאַכט־קאָמוניקאַציע ביז 1 פאַרטאָג.

אין אַ קליינעם אידישן רעסטאָראַן, פון גרינבערג, אויף „רו די טאַמפּל", אויף אַ פערטן עטאַזש, ביי פאַרהאַנגענע פענצטער, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ קליינער עולם פריינט פון אידישן וואָרט, כדי ביי אַ באַשיידענער מלחמה־וועטשערע צו פראַווען ניי־יאָר און צו פאַרגעסן, ביי אַ גלעזל „מאַקאָן", די פינצטערע כמאַרע, וואָס האָט זיך גערוקט אויף פּאַריז פון איבער דעם רהיין...

און דאָרט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ בוך, וואָס זאָל אַנטהאַלטן אַ טייל זכרונות און רעפּאָרטאַזשן פון מיינע וואַנדע־רונגען איבער דער וועלט, ווי זיי זיינען דערשינען אין אַ ריי אידישע צייטונגען. מען האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן רעדן מיט אַ אידישן פאַרלעגער, צעראַטאַ, אין פּאַריז. אָבער אין 1940 האָב איך געמוזט פאַרלאָזן פּאַריז און מיר האָבן דעם פּלאַן באַשלאָסן אָפּצולייגן אויף בעסערע, שלומדיקע צייטן.

אין ניו־יאָרק האָט דעם געדאַנק באַשלאָסן צו רעאַליזירן אַ גרופּע

פריינט פון „באַטווין־קאָמיטעט״. אָבער ווען די מלחמה האָט זיך דערטראָגן צו אונדז אין אַמעריקע, האָב איך געפילט, אַז אַלע כחות אונדזערע דאַרפן אָוועקגעגעבן ווערן אויף דער מלחמה־אָנשטרענגונג און טאָרן נישט אָפּ־געצויגן ווערן אויף אַזאַ ענין, ווי דאָס אַרויסגעבן פון אַ בוך, וואָס האָט, סוף כל סוף, נישט קיין דירעקטן שייכות מיט די נאָענטסטע צילן.

ווען די מלחמה האָט, אין 1945, זיך פאַרענדיקט, און ווען די קול־טור־קאָמיסיע ביים אידישן פאָלקס־אָרדן האָט מיר פאַרגעלייגט, מיט אַ צייט צוריק, צוצוגרייטן דעם אויטאָביאָגראַפישן מאַטעריאַל, כדי אַרויס־צוגעבן דעם באַנד „וואַנדערונגען און באַגעגענישן״, האָב איך זיך גענומען צו דערגאַנצן די פעלנדיקע קאַפּיטלען און צוגעבן אַ פּאָר נייע.

פון דעם איז אַרויסגעוואַקסן דער איצטיקער בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אַ לעבנסוועג״, פון וועלכן די פון פריער־אָנגעשריבענע איינדרוקן פון מיינע רייזעס („וואַנדערונגען״) איבער דער וועלט זיינען דערווייל אויס־געשלאָסן. איך האָף זיי אַריינגעבן אין מיין צווייטן באַנד.

די אויטאָביאָגראַפיע אַנטהאַלט בלויז איין צייט־אָפּשניט פון מיין פאַר־גאַנגענהייט און איז אַ טייל פון אַ גרעסער ווערק, איבער וועלכן איך אַר־בעט און וואָס הייסט: „טראַגישע עדות״. איך האָף די אַרבעט צו פאַר־ענדיקן אַמאָל.

איך שרייב די פּאָר ווערטער, כדי צו בעטן אַלע אַבאָנענטן מיר מוחל זיין די לאַנגע יאָרן פון וואַרטעניש אויף דעם בוך. אָבער אין אונדזער שווערער פאַרגאַנגענהייט, צווישן 1940־1945, ווען דער גורל פון דער מענטשהייט איז געהאַנגען אויף אַ וואָגשאָל פון „ווער וועמען?״ — האָב איך געמוזט, ווי דאָס גאַנצע פאָלק האָט עס געטאָן, טאָן מלחמה־אַרבעט.

איך דריק אויס מיין גרויסן דאַנק אַלע פריינט, וואָס האָבן געהאָלפן פון אָנהויב אָן צוצוגרייטן די טעכנישע זייט פון דער אויסגאַבע, גאַנץ באַ־זונדערס דעם פריינט ר. זאַלצמאַן, גענעראַל־סעקרעטאַר פון אידישן פּראָגרעסיוון פאָלקס־אָרדן, און דעם ענערגישן טוער, פריינט ר. יוקלסאָן, פאַר דערמעגלעכן די אַרבעט און זי צו שטויסן פאָרויס.

גיטאַ מעדעם

לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, דעצעמבער 15, 1945.
פאַרענדיקט אין ניו־יאָרק, אין 1949.

אַ פּאָר ווערטער צו די לייענער

ווי איינער, וואָס האָט געהאַט די אחריות פאַר דעם טעכנישן צו־זאַמענשטעל פון דעם בוך, וואָס ווערט דאָ איבערגעגעבן דעם לייענער, וויל איך דערקלערן, אַז דעם פאַרגעניגן וואָס איך האָב געהאַט ביים צו־לייגן אַ האַנט האָט ווייט אַריבערגעשטיגן די שוועריקייטן, אין וועלכע ס׳איז אויסגעקומען זיך אָנשלאָגן אין דעם פּראָצעס פון דער אַרבעט.

דעם לייענער ווערט דאָ צוגעטראָגן אַ בוך פון אויסערגעוויינלעכן אינטערעס. כאָטש דאָס איז דורכאויס אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, שפּיגלט עס אָבער אָפּ, נישט נאָר דאָס פּערזענלעכע לעבן פון דער אינטערע־סאַנטער פּערזענלעכקייט גינאַ מעדעם; די פאַרשיידענע עטאַפּן פון איר וואוקס און אַנטוויקלונג פון איר קינדהייט אָן ביז נאָך דעם טויט פון איר באַרימטן מאַן וולאַדימיר מעדעם — אַ לעבן, פול מיט פאַר־כאַפּנדיקע עפּיזאָדן, געשילדערט מייסטעריש אין איר אייגנאַרטיקן, פאַרבנ־רייכן סטיל — נאָר איז גלייכצייטיק אויך אַ ווערק, וואָס פאַרצייכנט מאָמענטן און געשעענישן פון היסטאָרישן ווערט.

עס ווערן אין דעם בוך אַרויסגעפירט פּערזאָנען, פון וועלכע אייניקע האָבן אין זייער צייט געשפּילט מאָמענטאַלע, לאָקאַלע — כאָטש פאַר־שיידנאַרטיקע — ראָלן און אַנדערע, וועלכע האָבן געשפּילט היסטאָרישע וועלט־ראָלן, ווי וולאַדימיר איליטש לענין. און ווי אַ שאַרפער קאָנטראַסט ווערט אין דעם בוך אויך געשילדערט דער פריערדיקער אַנאַרכיסט און שפּעטערדיקער פירער פון דעם פאַשיזם אין איטאַליע — בעניטאָ מוסאָליני.

עס איז אַ ווערטפול ווערק, אָבער נאָך ניט קיין פאַרענדיקטס. עס שטעלט מיט זיך דערוויל פאַר דעם ערשטן טייל און מיר האָפן, אַז די באַרימטע פאַרפאַסערין וועט ניט לאָזן לאַנג וואַרטן אויף דעם צווייטן טייל, אין וועלכן זי וועט, וואַרשיינלעך, שילדערן פאַר אונז די פיל לענדער, וואָס זי האָט באַזוכט און דאָס לעבן פון די פעלקער, וועלכע וואוינען אין זיי, ווי אויך איר׳ע אייגענע שפּאַן אויף איר קאַלירפולן און אינהאַלטס־רייכן לעבנסוועג.

ראובן יוקלסאָן

אינהאַלט:

זייט

פֿאָרוואָרט, פֿון גינאַ מעדעם — — — — — — — — — — — — — — 3

אַ פּאָר ווערטער צו די לייענער, פֿון ר. יוקלסאָן — — — — — — 5

גינאַ בירענצווייג און גינאַ מעדעם (אייניקע כאַראַקטער־שטריכן),
פֿון י. ב. ביילין — — — — — — — — — — — — — — — 7

צוויי זיידעס — דער רב און דער פּריץ — — — — — — — — — 15

איד און קריסט אין די קינדער־יאָרן — — — — — — — — — — 22

קינדער־עלנט אין אַ אידישער שטוב — — — — — — — — — — 30

די ערשטע יוגנט־יאָרן — — — — — — — — — — — — — — 41

יוגנט־קאַמפֿן און יוגנט־חלומות — — — — — — — — — — — 48

די לעצטע עפּיזאָדן פֿון דער קינדהייט. — דער אַריינפֿיר אין
דערוואַקסענעם לעבן. — די ווירקונג פֿון דער רוסישער רעוואָ־
לוציאָנערער סביבה — — — — — — — — — — — — — — 59

די רוסישע גימנאַזיע — דער לעצטער עטאַפּ פֿון שול־זוכענישן — 71

ציוניזם און רעליגיע אין די קינדער־יאָרן — — — — — — — — 79

די צעשיידונג — — — — — — — — — — — — — — — — — 86

די יאָרן אין דער גימנאַזיע זיינען געווען גאַנץ שווערע — — — 88

דער קראַנקער טאַמאַשאָווער וועבער — — — — — — — — — — 106

די ערשטע רייזע אין דער פֿרעמד; דער איינפֿלוס פֿון רוסלאַנד — 110

צוריק אין פּוילן — — — — — — — — — — — — — — — — 128

עפּיזאָדן און באַגעגענישן — — — — — — — — — — — — — 130

אַ געפּערלעכע רייזע — — — — — — — — — — — — — — — 133

מיין אַקטיוויטעט אין פּוילן — — — — — — — — — — — — 144

דער אַרעסט אין אַ פֿאַבריק — — — — — — — — — — — — 151

אַדאַמסקי — דער יונגער „באַנדיט” — — — — — — — — — 159

מענטשן פֿון דער רעוואָלוציע, 1905־1908, אין פּוילן — — — — 166

ווידער אין זשענעווע — 1908 (איך באַקום אַ לעקציע אין פּאָליטישע
מאַניערן) — — — — — — — — — — — — — — — — — 169

וו. מעדעם (1910־1923) — — — — — — — — — — — — — 174

דער מענטש: מעדעם — — — — — — — — — — — — — — 193

לעבן און טויט — — — — — — — — — — — — — — — — 205

אַליין — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 209

איך בענק נאָך מעדעמס רוסלאַנד — — — — — — — — — — 213

אויפֿן וועג קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — — — — — — — — — — 221

די ערשטע סאָוועטישע וויזע — — — — — — — — — — — — 225

ניעגאָרעלאָיע — — — — — — — — — — — — — — — — — 228

אַ פֿאַרכאַפּנדיקע באַגעגעניש — — — — — — — — — — — 230

גינאַ בירענצווייג און גינאַ מעדעס

(אייניקע כאַראַקטער־שטריכן)

יעדער מענטש האָט צו דערציילן אינטערעסאַנטע זאַכן פון זיין לעבן. מען דאַרף בלויז קענען דערציילן. יאָ, יעדער מענטש, אפילו אַזויגער, וואָס איז דורכגעגאַנגען זיינע יאָרן שטיל און באַזאַכט, אָן אַ וואָלקנדל איבערן הימל, אָן שאַרפע קאָנפליקטן, אָן צוזאַמענשטויסן, אָן חרטות, אָן געוויסן־פּלאָגענישן — האָט אויך וואָס צו דערציילן. אפילו איינער, וואָס פירט אַן איזאָלירט לעבן אין ערגעץ אויף אַן אינדזל און לעבט אויס זיינע טעג מיט אַ ווענדקע ביים זעלבן ים־ברעג, האָט אויך אַ מעשה צו דערציילן.

בפרט נאָך אַ מענטש פון אונדזער צייט, ווען עס איז שטענדיק אויסגעקומען צו זיין אינעם צענטער פון געשעענישן נישט אין איין שטאָט אָדער שטעטל, נישט אין איין לאַנד, נאָר אין פיל שטעט און אין פיל לענדער, כמעט אין אַלע וועלט־טיילן, אונטער אַלע קלימאַטן, געאָגראַ־פישע און פּאָליטישע. און בפרט נאָך, ווען די דאָזיקע פּערזאָן איז אויך אַ פּערזענלעכקייט, וואָס הויבט זיך אַרויס אין פאַרשיידענע קאַמפן.

און אַוודאי, ווען די דאָזיקע פּערזאָן איז כמעט ווי אַן אַרומגערינגלטע מיט אַ שטראַלן־קראַנץ, מיט אַ נאָמען, וואָס איז שוין ביי צענדליקער טויזנטער מענטשן געוואָרן אַ סינאָנים פון העלדישקייט און מוט, פון אָנ־ציאונג און צויבער — גינאַ מעדעס.

און גינאַ מעדעס קאָן אויסגעצייכנט דערציילן. זי קען דראַמאַטי־זירן. זי קען מאָלן אין בילדער און מעטאַפאָרן. זי קען לעבעדיק מאַכן פאַר די אויגן שוין־לאַנג־פאַרגאַנגענע געשעענישן. זי רעדט אָפט סקולפּ־טאָריש. איר שרייבן איז שטענדיק אין אַ קלאַסיש־אַרכיטעקטאָרישן סטיל, כאָטש זי האַלט זיך נישט שטענדיק אין קלאַסישער רואיקייט, נאָר גייט צומאָל איבער אין עקסטאַטישער, גליענדיקער התפּעלות.

גינאַ מעדעס איז פון די געציילטע יידישע פרויען, וואָס האָבן באַ־רייזט די וועלט: איירָאָפּע, אַזיע, אַפריקע, אויסטראַליע און אַמעריקע. און געזען מיט די אויגן פון אַ מאָלער און געהערט מיט די אויערן פון אַ מוזיקער. דאָס איז אַ זעלטענע קאָמבינאַציע. בפרט נאָך, ווען זי איז נישט געפּאָרן „פאַר זיך" און נישט בלויז „מיט זיך". זי איז שטענדיק

געווען אין אַ געוויסער שליחות, אַן „אַמבאַסאַדאָר" פון ברייטע פּאָלקס־מאַסן צו ברייטע פאָלקס־מאַסן. אַלס אַזעלכע איז זי שטענדיק געקומען אין באַריר מיט טויזנטער, האָט זי ממילא אַלץ באַנומען ווי אַ קעמפער באַנעמט אַ שלאַכטפעלד.

שוין אין דעם ערשטן טייל פון דער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס מיר האָבן דאָ פאַר זיך, פילט זיך עס. מיר באַמערקן עס גלייך, ווי זי דערציילט וועגן איר קינדהייט און יוגנט, איר איבערפלאַנצונג פון דעם האַלב־פּריצישן הויף פון איר זיידן, לעבן טאָמאַשאָוו, אויפן אינדוסטריעלן באָדן פון דער שנעל־וואַקסנדיקער לאָדזש; פון דער אַטמאָספערע, וואָס איז געווען נאָך פול מיט עכאָס פון דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע", ביז דער פּאָגראָם־לופט פון 1892, אויף דער לאָדזשער אַלטשטאָט און דרוקער־גאַס, וואָס דאָס איז געווען אַ פּאַרזוך פון דער צאַרישער רעגירונג אָפּצואווענדן פון זיך דעם פאָלקס־צאָרן און מאַכן די יידן פאַרן שעיר לעזאזל. און וואָס זי געדענקט אַלס אַ פּיצל קינד, אַלס איר סאַמע שרעקלעכע איבערלעבונג.

מיר זעען קלאָר פון די סאַמע ערשטע בלעטלעך דעם הינטערגרונט פון דער קליינער גינאַ, אירע גראָז־וואָרצלען. און מען זעט איר רעוואָלט־גייסט, וואָס וועט שוין ביי איר יורן און אַנוואַקסן אין די קומענדיקע יאָרן, ווען, פון דער צווייטער זייט, איר פאַטאַליזם און שרעק פאַרן גיהנום מיט דער קאָכיקער סמאָלע וועט איבערגיין אין פאַרשידענע אַנדערע פאָרמען, ביז עס וועט זיך אויסוועפן אינגאַנצן אין דער קאַמף־פאַרשיכורנדיקער לופט פון מאַדריד און באַרצעלאָנאַ, אין 1937 און 1938. און נאָך פריער, אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע, און בראַזיל, אין 1935־1936. ווי צוויי רויטע שנירלעך ציען זיך אירע געירשנטע אייגנשאַפטן, וואָס די סביבה און אומשטענדן האָבן דערנאָך אַזוי איבערגעשפּונען און קאָמפּליצירט.
פון איין זייט איר זיידע פונעם פאָטערס צד — אַ יידישער פּריץ, אַ „דזשיעדזיץ", וועגן וועלכן מען האָט געמורמלט, אַז ער האָט אַ שווערע האַנט, וואָס לייגט זיך אויף די פעלד־אַרבעטער פון זיינע מאַיאָנטקעס — און פון דער צווייטער זייט, איר זיידע פון דער מוטערס צד — דער רב ר׳ גבריאל פיינבערג, פון מעמעל, פּרייסן, וואָס האָט אַ ברודער אַ דאָקטער, אַן אפיקורוס, אַ שטרענגער, כמעט אַ ברוטאַלער. אין זיין אומגאַנג מיט די רוסישע און דייטשע באַאַמטע פון קאָוונע (ליטע) איז ער גראָב, אָבער מיט די יידישע אָרעמע לייט און האַנטווערקער איז ער מילד און געדולדיק.

דערצויגן אויף פּויליש און פראַנצויזיש אין איר עלטערנס הויז, לערנט זי זיך אויך אויס דייטש און אַביסל יידיש, ערשט ווען זי באַזוכט איר זיידן אין מעמעל. רוסיש איז אין זייער הויז טריף, כמעט פאַרבאָטן, ווי אַ „קאַזאַקן־שפּראַך, וואָס אונטערדריקט פּויליש". איר לעבנס־וועג פירט זי גאָר דערנאָך צו פאַרבינדן זיך אויפן אינטימסטן אופן מיט אַ מענטשן, וואָס זיין מוטער־שפּראַך איז רוסיש און וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף דער רוסישער קולטור. אָבער דאָס איז, פאַרשטייט זיך, שוין געווען פיל, פיל שפּעטער, ווען זי האָט שוין לאַנג געהאַט דורכגעמאַכט די רוסישע גימנאַזיע און אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג געלייענט די מאַרק־סיסטישע ליטעראַטור אין רוסיש. עס איז געווען דורכאויס אַ קאָמפּלי־צירטע אַנטוויקלונג.

גינאַ מעדעמס אויטאָביאָגראַפיע גופא איז דעריבער אויך אַ זייער קאָמפּליצירטע, ווי איר גאַנץ לעבן ביזן היינטיקן טאָג. אָבער נישט אין דער דאָזיקער קאָמפּליצירטקייט ליגט דער גוואַלטיקער אינטערעס, וואָס זי רופט אַרויס, נאָר טראָץ דעם. עס איז פּשוט אַ וואונדער־מעשה פון אָנהויב ביזן היינטיקן טאָג. עס איז אָנגעפּאַקט מיט אַזויפיל אַקטועל־קייט, מיט אַזויפיל מאָדנע געשעענישן, אַז איר מוזט קומען צום שלוס — צום וויפלטן מאָל ? — אַז דאָס לעבן שפּינט אויס פּאַסירונגען, אַ סך פאַנ־טאַסטישער, ווי דאָס קען טאָן דער דערציילער מיט דער רייכסטער פאַנטאַזיע.

פון דעם מאָמענט, וואָס זי געפינט אויפן בוידעם אַן אַלט ביכל וועגן דער פּוילישער „פאַוסטאַניע" און פאַרשטייט שוין בעסער די געשפּרעכן, וואָס איר פאָטער פירט מיטן פאַכטער, מאָטל אולמאַן, פירט זי דאָך שוין פאַקטיש מיט דער וועלט אַ רעוואָלוציאָנערן חשבון. שוין איר מיטגייין מיט דער ניאַניע, קאַסיאַ, אין קלויסטער, איז אַ מין ווידערשפּעניגונג. אַזוי אויך איר אָוועקגיין מיט סטעפּאַנען אין קלויסטער „זוכן גאָט" און צום גלח, כדי צו ווערן באַשפּריצט מיט „הייליקר וואַסער" — איז איר אומ־באַוואוסטזיניקער פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס זי „זעט נישט גאָט ביי זיך אין דער היים"; וואָס אפילו איר זיידע, דער מעמעלער רב, האָט זיך אָפּ־געגעבן מיט נאַרישע שאלות וועגן אַ נאַרישער הון, וואָס האָט איינגע־שלונגען אַ נאָדל, אָנשטאָט אַ קערנדל — און זי האָט קיינמאָל נישט גע־זען אים „ריידן מיט גאָט" . . .

און אַזוי, דורך פאַרשיידענע וועגן, קרומע און גלייכע, אומדירעקטע

און דירעקטע, ווערט זי אַריינגעצויגן, סוף־כל־סוף אין דער יוגנטלעכער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און ווערט אומפּאַרמיידלעך שוין אַריינגע־שוואונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. און דאָ קומען מיר צו דעם גרעסטן חסרון אין איר אויטאָביאָגראַפיע.

ווען מיר האַלטן שוין ביי די רייפערע יאָרן פון איר לעבן, ווען מיר דערוואַרטן זי צו דערזען אין דער ראָלע פון אַ סאָציאַליסטישער טוערין, רעדנערין, וואָס האָט אויפגעשטורעמט מאַסן, דעמאָלט ווערט אונדזער גינאַ קאַרג, סיי אויף אַקטועלקייט, סיי אויף קינסטלערישער באַשרייבונג. ווען זי דערציילט וועגן די רעוואָלוציאָנערע יאָרן אין לאָדזש, מאַכט זי עס אַזוי בקיצור, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, טאָמער וועט איר טעמפּעראַ־מענט זיך לאָזן פּאַרמאַניען און זי וועט זיך אַליין אַריינפלעכטן אין גע־וויסע געשעענישן.

איז וואָס־זשע באַקומט זיך? גינא בירענצוויג (איר מיידלשער נאָ־מען) איז כמעט אַ פּאַסיווער עדות אין יענע יאָרן, לויט איר אייגענער אויטאָביאָגראַפיע. און דאָס איז אַן עוולה. זי איז עס נישט געווען. ווייל איך דאָ דעם לייענער פון דער אויטאָביאָגראַפיע פאַרכאַפּן דעם וועג, און ווי איינער, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר עלטער פאַר איר, סיי אין דער באַ־וועגונג, און סיי אין ממשותדיקע יאָרן, האָב איך זי גוט געקענט אין יע־נער צייט און געוואוסט וועגן איר אַרבעט און איינפלוס אויף די אַר־בעטער, וויל איך זיך דאָ נעמען דאָס רעכט אָנצוואַרפן עטלעכע שטריכן וועגן דער ראָלע פון גינאַ בירענצוויג, ווי מיר האָבן זי געקענט אין לאָדזש.

לאָדזש איז אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט געווען די סאַמע־אינדוסטריעלסטע שטאָט אין דער גאַנצער צאַרישער אימפּעריע. איר שנעלן וואוקס שילדערט גינאַ מעדעם אין קינסטלערישע, גליענדיקע פאַרבן. לאָדזש איז געווען אין יענער צייט אַן „אַמעריקע אין מיניאַטור". איר באַפעלקערונג, איבערהויפּט די יידישע, איז באַשטאַנען מערסטנס פון אַן איינגעוואַנדערטן עלעמענט. כמעט יעדע שטאָט און שטעטל איז גע־ווען פאַרטראָטן אין לאָדזש דורך איינגעוואַנדערטע. דאָס האָט איר צו־געגעבן אַן אינטערנאַציאָנאַלן, קאָסמאָפּאָליטישן כאַראַקטער.

דאָס איז אויך געווען די סאַמע פּראָלעטאַרישסטע שטאָט — אַ שטאָט מיט רויך־שפּייענדיקע פאַבריק־קוימענס, ווי ריזיקע „גאַיזערס". זי האָט געהאַט צענדליקער טויזנטער פאַבריק־אַרבעטער און צווישן זיי, אויך

טויזנטער יידישע. עקאָנאָמישע סטרייקס זיינען געוואָרן אין לאָדזש אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. דאָך זיינען געווען אַ גאַנצע ריי פֿאַבריקן, וואָס זיינען געווען אומצוטריטלעכע, דאָרט וואו עס האָבן הויפּטזעכלעך געאַרבעט עלטערע אַרבעטער.

אַלע פּראָבעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן צוצוקומען צו די גאָר גרויסע פֿאַבריקן, האָבן זיך שוין אַ לאַנגע צייט געענדיקט מיט אַ דורכ־פֿאַל. איבערהויפּט איז געווען שווער צוצוקומען אין יענע יידישע פֿאַבריקן און געשעפֿטן, וואָס האָבן געהערט צו חסידים און דאָס רוב פֿון זייערע יידישע אַרבעטער זיינען אויך געווען פֿרומע און מורא געהאַט צו סטרייקן, ווייל עס איז אַ „זינד". אַזוי האָבן אויף אַ געוויסע צייט חסידישע פֿאַברי־קאַנטן אינגאַנצן נישט אַריינגעלאָזט צו זיך קיין יידישע אַרבעטער, כּלומרשט, כּדי נישט צו ברענגען זיי צו קיין עבֿירה.

די דאָזיקע שווערע לאַגע האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז די פֿרילינג־יאָרן פֿון דער ערבֿ־רעוואָלוציע. איך געדענק גענוי יענעם פֿרילינג, יענעם וואונדערבאַרן אייזגאַנג אין דעם פֿאַרגליווערטן יידישן געטאָ־לעבן. איך דערפֿיל נאָך איצט דעם עכאָ פֿון יענעם האַרץ־ציטער, וואָס האָט זיך, ווי דורך דעם מאָדערנעם ראַדאַר, אָנגעשלאָגן אָן אַזוי פֿיל הונדערטער און טויזנטער אַנדערע, ענלעכע הערצער און האָט מיט זיך אויסגעכישופֿט, ווי אָן אַטעם־פֿאַרכאַפּנדיקע סימפֿאָניע, די יוגנטלעכע רעוואָלוציאָנערע אַר־בעטער־באַוועגונג.

איך געדענק, ווי איך האָב אין יענע יאָרן אין גינאַ בירענצוויג געזען די פֿאַרקערפּערונג פֿונעם סאַמע וואונדערבאַרסטן, יונגן, צאַפּל־דיקן טיפּ רעוואָלוציאָנער: איר מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט, הערלעכע שיינקייט און די צוויי ערלעכע גרויסע אויגן, וואָס, אַט האָסטו זיי געזען גרינע, צאַרנדיקע, שיסנדיקע, ווען זיי האָבן פֿאַר זיך געזען, אָדער באַ־נומען, אַ שונא — און אַט זיינען זיי געוואָרן אַזעלכע מילדע, אומשולדיקע גאָזעל־אויגן, וואָס שפּרייטן אַרום זיך גוטסקייט און ליבשאַפֿט צו אַלץ, וואָס אונטער דער זון.

און איך בין נישט געווען דער איינציקער. כּמעט יעדערער אין מיין קרייז האָט זי אַזוי געזען. אַרבעטער, אינטעליגענטן, מענער, פֿרויען, יונגע און עלטערע האָבן זי באַוואונדערט. שווער געווען צו זאָגן, וואָס עס איז געווען אין איר עפּעס אַזעלכעס אייגנאַרטיקעס, וואָס האָט אַלעמען אַזוי פֿאַרכאַפּט. עס איז זיכער נישט געווען בלויז איר שיינקייט — עס

זיינען געווען שענערע פון איר; און אויך נישט די צוויי טונקל־בראַנ־זענע צעפּ, וואָס האָבן איינגעראַמט דעם שיינעם קאָפּ מיטן הויכן שטערן. נישט בלויז איר לויטערער ערנסט און דער גרויסער אָפענער וואונדער אין אירע אויגן, צי איר העלע, געזונטע און וואַרעמע שטים, וואָס איז געווען אַזוי גלאַט, ווי פיינער סאַמעט. און עס איז אַוודאי נישט בלויז אירע לאַנגע, כאַטש געניג קלאָרע זאַצן, וואָס זי וועבט נאָך אפילו היינט אויס אין קאַלירפולע זיידענע סטענגעס, ווען זי קומט פאַר אַן עולם אים אַדרעסירן. זיכער איז עס געווען אַלץ צוזאַמען.

יאָ, גינאַ בירענצווייג איז געווען פון די סאַמע קענטיקסטע ביי אונדז אין לאָדזש — פון די אַרטיקע אינטעליגענטקעס און — פון די סאַמע באַליבטסטע. מען האָט זי געשיקט ריידן אין פאַבריקן, וואוהין מען האָט נישט געקאָנט צוקומען. זי האָט גערעדט צו פוילישע אַרבעטער און צו דייטשע, און אומעטום האָט מען זי געטראָגן אויף די הענט. זי האָט אויך גענומען די גרעסטע „פעסטונגען". זי איז נישט געווען זיכער מיט איר יידיש, אָבער ווען זי האָט גערעדט פאַר יידישע אַרבעטער, נאָך אין יענע צייטן, האָט עס געהאַט אַזויפיל חן, אַז מען האָט איר מוחל געווען אַלע אירע ווערטער־צעקריפּלונגען און כמעט גראַמאַטישע פעלערן.

ווען פון יענער גינאַ בירענצווייג וואָלט שוין קיין אַנדערע פּערזענ־לעכקייט נישט אַרויסגעוואַקסן און וואָלט געבליבן באַגרענעצט צו יענע יאָרן אין לאָדזש, ביז זי איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1907, וואָלט אויך איר לעבנס־געשיכטע געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע צווישן דער פּראָ־גרעסיווער יוגנט פון יענער צייט. בפרט נאָך, ווען אויפן פּלאַץ פון יענער גינאַ בירענצווייג איז דערנאָך דערשינען אַ פייערדיקע רעד־נעריק, אַ גינאַ מעדעם, וואָס צענדליקער טויזנטער פּראָגרעסיווע יידן און ניט־יידן אין פאַרשיידענע לענדער און אין די פאַראייניקטע שטאַטן ליבן און פאַרערן זי אין משך פונעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט, אַלס אַ מו־טיקע אַנטיפאַשיסטישע קעמפערין, אַ דינאַמישע פּערזענלעכקייט און אויס־געהאַלטענער, איבערגעגעבענער טוער פאַר אמתער פרייהייט און סאָ־ציאַליזם.

מיר ווען מיט אומגעדולד וואַרטן אויפן צווייטן אָפּשניט פון איר רייכן, קאַלירפולן לעבנסוועג.

י. ב. ביילין

צוויי זיידעס — דער רב און דער פריץ

צוויי זיידעס — דער רב און דער פריץ

. . . מאַרטין — הייס איך,
דילער — ווערדע איך גענאַנט;
איינעס ווייס איך,
פוילן — איז מיין פאַטערלאַנד . . .

(קאַטאָוויציע, יוני, 1898.)

.1

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דעם וואָרט פאַטער־לאַנד און מיט דעם באַגריף פוילן.

איך האָב זיך נאָר וואָס אויסגעלערנט צו לייענען און צו רעדן אַ דריטע שפּראַך: דייטש. פּויליש איז געווען די מוטער־שפּראַך. פראַנ־צויזיש האָט מיט מיר גערעדט אַ באָנע — אַ פריילין צו פאַרברענגען און פירן אויף אַ שפּאַציר — און דייטש האָב איך זיך אויסגעלערנט אין דער צייט פון וואַקאַציע, וואָס מיר, קינדער, האָבן מיט דער מאַמען פאַרבראַכט אין דעמאָלטיקן פּרייסישן האָפן מעמעל. אין יענער פּרייסישער זויבערער און אַ ביסל שטרענגער שטאָט איז מיין מוטערס פאָטער, ר׳ גבריאל פיינבערג, געווען אַ רב. ער האָט געשטאַמט פון קאָוונער געגנט, פון שטעטל ווילקי. זיינער אַ ברודער איז געווען באַ־רימט אין ליטע ווי אַ „פּראָפעסאָר" — דער דאָקטאָר נאַטאַן פיינבערג. אַן אָריגינאַל, אַן אפיקורס און אַ שטרענגער, כמעט אַ ברוטאַלער אין זיין אומגאַנג מיט די פּאַציענטן, רוסישע און דייטשע באַאַמטע פון קאָוונע, איז ער געווען שווייגנדיק און מילד צו די אָרעמעלייט און קליינע הענדלער פון קאָוונעס ענגע זאַאולקעס און הילצערנע שטיבער, ביים ניעמאַן.

נאָך אַלס קליין קינד איז מיר אויסגעקומען צו זיין באַאיינפלוסט פון פאַרשיידענע קולטורן, שפּראַכן, סביבות און שטימונגען—וואָס בלויז דער וואַקסענע און אויסגעפּראַוווטע מענטשן קאָנען זיך פאַנאַנדערקלייבן אין זיי. געבוירן און די ערשטע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט אין אַ פּויליש דאָרף ברזשוסטאָוווקאַ, לעבן טאָמאַשאָוו, פּיאָטריקאָווער פּאָוויאַט, ביים טייך פּיליצאַ אין אַ פּויליש־דאָרפישער סביבה פון פּויערן־קינדער, פון וועלדער און אַ טאַרטאַק, וואָס האָט געשניטן ברעטער און זיי איבער דער ווייסל געפירט קיין דאַנציג, אין דייטשלאַנד.

דער טיפער סאַסנע־וואַלד, מיט זיין אייביקן כּישוף, מיטן שליט־וועג ווינטער־צייט, מיט די פריילעכע גלעקלעך ביים פערדישן קאָפּ, מיט דער פאַרע פון דעם פורמאַן לעוואַנס מויל און די וואַרעמע באַשליקלעך אַרום אונדזערע קעפּ — מיין ברודערס און מיינעם — שטייט נאָך היינט פאַר די אויגן, ווען איך דערזע אַ ווינטער־לאַנדשאַפט אַלצאַיינס וואו: אין די גאָרוועגישע קוילן־גרובן פון „קאַרונאַ" אָדער אויף די „סאַפּקעס" פון טייך אַמור, ביי דער מאַנדזשורישער גרענעץ.

און ווען איך האָב אין די אָפּגרונט־טיפע טאָלן פון „בערנער אָבער־לאַנד", אין דער שווייץ, אין אַ דערפל לעבן „אינטערלאַקן", צום ערשטן מאָל דערשמעקט דעם רויך פון אַ דאָרפישן קוימען, וואו דער פּאַסטוך האָט געקאָכט די ברויט־זופּ מיט קעז, ווען די שישקעס און טרוקענע צווייגן האָבן געקנאַקט אין שייטער, האָט זיך דאָס האַרץ פאַרקראַמפּט פון ווייַ, בענקשאַפט און יענעם זיסן, אומדערטרעגלעכן געפיל, וואָס צעגיסט זיך איבערן מענטשן, ווען ער טראַכט וועגן די קינדער־יאָרן.

און דעמאָלט קומט צוזאַמען מיטן ריח פון פּוילישן וואַלד, געבאַקענע אין אַש קאַרטאָפל און שמעקעדיקע פּאַזיאָמקעס, דער הילכיקער רוף פון אַ „פליסאַק" — אַ פּויער פון די האָלץ־פלויטן, וואָס שווימט פאַרביי אָרעמע דערפער און דרעמלענדיקע, שטויביקע שטעטלעך אויף דער ווייסל, צום באַלטישן ים צו: אי־הא, אי־הא . . . און אַ מויל־האַרמאָניקע — די „אָרגאַנקעס" שפּילן אַ טרויעריק, פּויליש פּאָלקס־ליד — וועגן אָרעם און רייך — וועגן צוויי וועגן, דעם וועג פון באַרג און דעם וועג פון טאָל, דעם וועג פון דער פריצישער טאָכטער און דעם וועג פון דער פּויערשער מיידל...

און דאַן קומט שטענדיק אַלס לעצטער עטאַפּ פון די קינדהייטס־בילדער דאָס ביכל, וואָס איך האָב געפונען ביי אונדז אויפן בוידעם צוזאַמען מיט אַנדערע, געהיימניספולע שריפטן און ביכער אין טאַמאַשאָוו.

דאָס ביכל וועגן דער פּוילישער „פּאָווסטאַטניע", דעם אויפשטאַנד פון 1864, געדרוקט אין קראָקע אין יאָר 1872 פון אַן אומבאַקאַנטן עדות מיט די צוויי אותיות ק. וו., וואו אַ צווייטער, פאַר מיר אומבאַקאַנטער, מענטש האָט אָנגעשריבן די ווידמונג מיט דער שטאָלצער פאַרזיכערונג, אַז „פּוילן איז זיין פאָטערלאַנד", מיט דער דאַטע פון 1898.

אין נעכט אָן שלאָף, בעת ווילדע אוראַגאַנען און ים־שטורעמס צע־טרייסלען דאָס שיף, בעת די שרויפן פון דעם מאַשין־אַפּאַראַט אין די

טורבינעס עגבערן דעם מוח און דאָס בעט אין דער שיפס־קאַיוטע טרייסלט זיך ווי אַ וויג, קומט צו חלום ביי וואַכנדיקע אויגן, דער וואַלד פון זשאַנדלאָוויצע, פון ספּאַלאַ, פון סקיערניעוויץ און רוישט און שמעקט און ציט צו זיך: צו די פאַרשנייטע סאָסנעס, צו די ווינקעלדיקע פּראַנזן שניי, צו דעם בלויען רויך פון די פּויערשע כאַטקעס, צו דעם קרעכץ פון מאָטל אולמאַן, דעם שוויגער, וואָס פלעגט ברענגען מילך יעדן אין דער פרי און זיך רייבן די פאַרפרוירענע הענט ביים פייער פון דער באַלעבאַטישער קיך.

עס ציט, בעת מעשה, שטאַרק צו יענעם טאָג אויפן הייסן בוידעם, וואו אַן אַלט ביכל, מיט פאַרגעלבטע בלעטער, פון וועלכע עס האָט גע־שמעקט מיט וואַפנע, ליים און קעז, האָט ביים קליינעם מיידעלע דערוועקט אַ וועלט מיט אומרו, מיט וואונטשן, מיט פאַרצווייפלונג פון אומוויסנהייט, מיט איינזאַמקייט און מיט התפּעלות פאַר העלדישקייט. ווייל אין פינצ־טערע אָוונטן, איידער מען האָט אָנגעצונדן ליכט, אין אַ שבת פאַרנאַכט פאַר דער הבדלה, פלעגט מיין פאָטער מיט מאָטל אולמאַן, דעם שוויגער, אָדער ווי מ'פלעגט אים רופן אין דאָרף, דער „פּאָכציאַזש", רעדן שטילער־הייט ביי אַ גלעזל טיי, וואָס מאָטל פלעגט פעסט אַרומנעמען מיטביידע דלאָניעס, וועגן דער „פּאָווסטאַניע", דעם אויפשטאַנד אין 1864, וועלכן מיין פאָטער און מאָטל האָבן, אַלס יונגע בחורים, מיטגעלעבט, ווען מיין זיידנס עלטערע זין, סטודענטן, זיינען געווען מיט דער „פּאַרטיע", קעגן די „מאָסקאַלעס". שטיל פלעגן פליסן די שמועסן.

קיינער איז נים געווען אין הויז — בלויז דער פאָטער און איך. די מאַמע פלעגט אוועק צו־גאַסט, דער ברודער פלעגט זיך אַרומטראָגן מיט אינגלעך אין די סעדער און שפּילן זיך אין „אינדיאַנער און ווייסע". און מיך פלעגט ציען צו יענע שמועסן מיט מאָטל אולמאַן, וואו איך האָב זיך געמאַכט שלאָפנדיק אָדער פאַרנומען מיט איינוויגן דאָס קעצל.

איך פלעג זיצן שטייף פון שרעק, ווען דער גענעראַל מעלער־זאַקאָמעלסקי האָט געהייסן אונטערצינדן די סטאַדאָלעס פול מיט שמע־קעדיקן היי, ווייל די קאָזאַקן האָבן געזאָגט, אַז דאָרטן מוז זיך געפינען דער זון פון גראַף וויעלאָפּאָלסקי, צוזאַמען מיט דעם פאָטערס ברודער (אַ שפּעטערדיקער אַדוואָקאַט אין לאָדזש). איך פלעג פילן ווי די הויט ציט זיך צונויף אויף מיין רוקן, ווען אולמאַן האָט דערמאָנט מיין פאָטער, ווי אַ פור האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם שענק אין שטעטל אינאָוולאָדז, וואו דער פאָליוואַרק פון זיידן איז געווען, און מען האָט אין קייטן געשמידט

ביי דער קוזניע דריי פרויען פון אַרטיקע פריצים, וואָס זיינען מיט די מענער אוועק קיין סיביר...

און ווען איך האָב איינמאָל ניט אויסגעהאַלטן און זיך אַ וואָרף געטאָן צום פּאָטער מיט אַ געשריי: „פאַרוואָס נעמט איר ניט נקמה? פאַרוואָס שווייגט איר? פאַרוואָס צינדן מיר ניט אונטער דעם פּאַלאַץ פון רוסישן צאַר אין ספּאַלאַ (16 וויאָרסט פון אונדז), און פאַרוואָס רופן מיר ניט פּיאָטרעקס זין, וועמעס פּאָטער עס איז פאַרברענט געוואָרן אין דער סטאָדאָלע?...״ — האָט זיך אָנגעהויבן אין שטוב אַ מהומה.

דער פּאָטער האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, מיך גוט אָנגעזידלט פאַר „אונטערהערן״ וואָס דערוואַקסענע רעדן, און געדראָט צו שיקן אין שטאָט, אַזוי ווי מיין ברודער, אין אַ שולע.

די מוטער האָט אין אָוונט געזאָגט, אַז מען מאַכט איר קראַנק דאָס קינד, וואָס זיצט סיי ווי דעם גאַנצן טאָג אויף דעם בוידעם און נישטערט אין די אַלטע פּאַפּירן ווי אַ „גאַלגאַניאַזש״ — אַ שמאַטע־קלייבער.

איך האָב אַזוי אַרום איין שבת פאַרלאָרן, ווייל מען האָט מיך אין דעם עס־צימער מער ניט אַריינגעלאָזן.

2.

דער צווייטער זיידע, מיין טאַטנס פּאָטער, איז געווען אַ פּוילישער איד, אַ פריץ, אַ שטרענגער, אַן אמתער „דזשיעדזיץ״, אַ לאַנד־באַזיצער. עס זיינען געגאַנגען קלאַנגען, אַז ער האָט אַ שווערע האַנט, און אַז די פּאַרנאַלעס, די פעלד־אַרבעטער פון מאַיאַנטעק, פילן עס.

איין מאָל, איילנדיק זיך אַהיים פון די וועלדער, נאָך די האַרבסט־אָנצייכענונגען פון ביימער צום האַקן, האָט ער געהייסן שנעל פּאָרן דעם געשפּאַן מיט די שטאַרקע צוויי „גניאַדעס״. דער „פּאַרנאַל״ האָט זיי אַ שמיץ געגעבן איבער די פעטע רוקנס און דער וואַלאַנט האָט זיך אַ קער איבער געטאָן — אין קאַנאַווע... דער זיידע האָט אים גוט אָנגעזידלט און, ווי קאַסיאַ — מיין ניאַניע — האָט געזאָגט, אפילו געשלאָגן, ווייל לעוואָן איז געגאַנגען אַ פּאָר טעג מיט אַ געשוואָלענעם פּנים.

איך האָב אים אַ סך ניט געקענט. עס האָט געמוזט זיין אין דער גאַנץ־פריער קינדהייט.

מיר זיינען אַרויס אין שטאָט לעבן. אין לאָדזש. און דאָרט בין איך געוואויר געוואָרן, אַז איך האָב אַן אַנדער זיידן — אַ גוטן, אַ האַרציקן, דעם פאָטער פון מיין מאַמען, און אַז מיר פאָרן צו אים.

דאָס איז טאַקע געווען דער רב פון דער אָרטאָדאָקסישער קהלה אין מעמעל.

מיין מוטער איז געווען פאַרהייראַט צוויי מאָל. איר ערשטער מאַן איז געווען פון ווילנע. אַ געוויסער ראָזענזאָן. ער איז געשטאָרבן זייער יונג, איבערלאָזנדיק זי מיט אַ זון פון דריי יאָר.

דער זיידע, דער רב פון ווילקי, האָט זי זייער ליב געהאַט און האָט ניט געוואָלט זי זאָל בלייבן אַן אַלמנה מיט אַ צעלאָזענעם אינגל, ווען אַלע האָבן קאַליע געמאַכט.

האָט מען גערעדט אַ שידוך מיט אַ פוילישן, אויפגעקלערטן מאַן, וואָס האָט געענדיקט אין וואַרשע די אַזוי־גערופענע „שקאָלאַ ראַבינואַוו", אַ מין אידישן סעמינאַר. דאָס איז געווען מיין פאָטער.

זי איז אַוועק קיין פוילן מיט איר קליינעם זון און דאָרט אין פוילן זיינען מיר שוין געבוירן געוואָרן: מיין ברודער און איך.

דערצויגן האָבן מיר זיך זאַלבעדריט, מיטן שטיף־ברודער. אָבער ער איז געווען אין אַ וואַרשעווער גימנאַזיע, אַזוי אַז מיר האָבן אים געהאַט אין שטוב בלויז בעת וואַקאַציע.

די מוטער האָט אויך דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע. פון אַ אידישער רבנישער שטוב וואו מען האָט גערעדט אַ זאַפטיקן קאָוונער אידיש, איז זי אַוועק איבער ווילנע, מיט נאָך אַ זאַפטיקערן אידיש, קיין פוילן, אין אַ דאָרף, צווישן וואַלד־פויערים. אַנשטאָט אידיש, רוסיש און דייטש, האָט זי איצט געמוזט רעדן פויליש. די שטוב פון מיין פאָטער איז געווען אַסימילירט און מען האָט געהאַסט רוסיש און די רוסן.

די זכרונות פון קאָזאַקן־גענעראַל מעלער־זאַקאָמעלסקי און שפּעטער— פון רענענקאַמף זיינען ניט געווען באַזונדערס דערמוטיקנדיק צו כאָווען די רוסישע שפּראַך ביי אונדז אין שטוב.

בלויז דער עלטערער שטיף־ברודער איז אַוועק אין אַ רוסישער גימנאַזיע אין וואַרשע און פון דעם זעקסטן קלאַס האָט מען אים מיט אַ „וואָלטשי בילעט" (וואָס שליסט אויס יעדע מעגלעכקייט אָנצוקומען אין אַן אַנדער גימנאַזיע) אַוועקגעשיקט אַהיים פאַר אָנשרייבן אַ פויליש פּאַטריאָטיש ליד, טאַקע נאָכן איבערלייענען דאָס דערמאָנטע ביכל וועגן

דעם אויפשטאַנד. און מאַרטין דילער איז אויך געווען, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אַ ראַקאָווער סטודענט, וואָס פּלעגט זומער געבן לעקציעס צו שוואַכע אין לערנען קינדער און זיי אויף אַזאַ אופן דערציען פּאָליטיש.

יענער פּונק פּאַטריאָטיזם, וואָס איז געווען אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון יענע צייטן, שטאַמט פון די שלעזישע און גאַליצישע אינטעליגענטן, וואָס פלעגן אַריבערקומען קיין קאָנגרעס־פּוילן און פּלעגן באַאיינפלוסן די יוגנט און די אַרבעטער־אינטעליגענץ פון יענע יאָרן.

3.

איך געדענק זיך פון זייער פרי — פון 2½ יאָר. די סאַמע ערשטע דערינערונג איז פאַרבונדן מיט אַ שרעק און מיט אַ פאַרצווייפלטן געוויין, אויף וועלכן עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַלע ביים זיידן אין שטוב.

מיר זיינען צום סאַמע ערשטן מאָל געקומען צו־גאַסט צו זיי; מיינע עלטערן און מיר ביידע קינדער, פון פּוילן. דער עלטערער, דער שטיף־ברודער, איז געווען אין דער שולע.

עס איז געווען ווינטער. דער זיידע איז נאָך געווען אַ רב אין ליטע. מען איז לאַנג געפאָרן צו אים. צוערשט מיט אַ שרעקלעכער שווארצער חיה, וואָס האָט געשפּיגן מיט פייער און האָט געהאַט צוויי לאָמפּן אָנשטאָט אויגן.

דעם טייל רייזע געדענק איך בלויז דורך אַ געשריי פון מיין מאַמען, אַז מען מוז פאָרן איבער אַ בריק און זי האָט מורא. מיין ברודער איז אַלט געווען 4½ יאָר און האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין פונעם פענצטער פון וואַגאָן. דאַן איז געוואָרן פינצטער. און ווייזט אויס, איך בין געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אין אַ שליטן מיט אַ סך ווייסקייטן אַרום מיר, וואָס דער ברודער האָט אָנגערופן קאַלטע מילך. און מיטן הענטל האָב איך אָנגענומען אַ ביסל פון שליטן און געוואָלט עסן. מען האָט מיר באַלד ביידע הענט אַרונטערגעלייגט אונטער אַ טיכל.

געפאָרן זייער לאַנג. פאַרפאָרן אין אַ שטוב מיט עטלעכע טרעפּלעך. מען האָט מיך אַריינגעטראָגן אין אַ קאַמער, וואו אַ הויכער אַלטער מענטש

מיט אַ זייער לאַנגער ווייסער באָרד האָט מיך גענומען אויף די הענט און געצערטלט.

אָבער עס איז געוואָרן אַ געלאַף פון אַ סך מענטשן איבער דער שטוב. טירן האָבן געקלאַפט, הינט האָבן געבילט, פערענעס האָט מען געוואָרעמט, און פלוצלונג בין איך געבליבן אַליין. איך געדענק זייער גוט: איך בין געזעסן אויף אַ טיש איינגעוויקלט אין אַ גרויסער פאַטשיילע, וואָס האָט געהאַט אַ קנופ אויפן רוקן. אַ לאָמפ האָט געברענט, און פלוצלונג האָב איך דערזען אויף דער וואַנט אַ באַשעפעניש מיט צוויי הערנער, מיט אַ שפּיציקן פּיסק, און אַלץ האָט זיך געשאָקלט.

איך האָב זיך מסתמא שטאַרק דערשראָקן, ווייל איך האָב זיך פאַר־צוינן אין אַזאַ געוויין, אַז מען איז זיך ווידער צונויפגעלאָפן.

איך האָב געטייטלט מיטן פינגער אויף דער וואַנט און געשריגן: „יאבעל, יאַבעל". ווי מען האָט מיר שפּעטער יאָרנלאַנג דערציילט, כדי צו באַווייזן (מיין ברודער), אַז איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ פּחדן. דאָס וואָרט „יאַבעל", האָט געדאַרפט באַדייטן „דיאַבעל" — דער טייוול.

איך געדענק, ווי דער זיידע האָט געזאָגט: „מען טאָר זי נישט לאָזן אַליין, זי זעט אַלץ."

און שפּעטער, פון צוהערן זיך צו אַלע שמועסן אין קיך, פון רעדן מיט דער קעכין און מיט די פויערן, האָב איך אַ לאַנגע צייט געלעבט אין אַ וועלט פון שדים, פון גיהנום, פון לעגענדעס פון דעם קאַטוילישן קלויסטער, וואָס די פויערטעס און די ניאַנע פלעגן דערציילן סיי זיי, סיי מיר.

די נאַכט פלעגט זיין אַ קוואַל פון שרעק. און איין מאָל האָט מען מיך געפונען אין קיך ביי דער קעכין, צו וועלכער איך בין געקומען זיך באַהאַלטן, ווייל אויף מיין וואַנט שטייט אַ טייוול מיט אַ בייטש אין האַנט און מיט אַ קעסל סמאָלע.

מיט מיין זיידן האָבן מיר, קינדער, ניט געקאָנט רעדן, ווייל ער האָט ניט גערעדט קיין פּויליש.

ערשט אין די עלטערע יאָרן, ווען ער איז אַוועק פון מעמעל, האָבן מיר זיך שנעל אויסגעלערנט דייטש און דורך דעם אַ ביסל רעדן אידיש. יענע צייט איז געווען אַ הערלעכע. מיר האָבן געזען דעם ים, זיך געבאָדן און געפאָרן אויף אַ שיפל. דאָרט איז אויך צום ערשטן מאָל דערפילט געוואָרן מיין וואונטש צו באַקענען זיך מיט אַזאַ זאַך ווי „גאָט". אין

פוילן פלעג איך ניט וויסן פארוואס מיידלעך דאווענען ניט און אינגלעך — יא. אין מעמעל פלעגן אלע קינדער גיין פריוויטיק פארנאכט אין „טעמפל".

האט מען מיך אויך אמאל מיטגענומען. דארט, האב איך באשלאסן, וועל איך פטור ווערן פון די שרעק פארן טייוול און דער סמאלע. איך האב אבער געהערט מוזיק, דעם כאר פון די קינדער, געזען די ליכטער און די רייכע פרויען, אבער עס האט מיך ניט באפרידיקט. איך האב ניט געפונען יענע שוץ און דרך־ארץ, וואס איך האב געזוכט. און מיין זיידע האט מיך אויך אנטוישט שפעטער: מען פלעגט צו א מאנסביל ברענגען א טאפ מיט פלייש און ער פלעגט דארט זוכן נאדלען. דאס האט געהייסן „פסקענען א שאלה", און איך האב גאר געמיינט אז ער רעדט מיט „גאט" אליין. נאך איינער פון די רייזעס, האב איך פאר מיין ניאניע דערקלערט מיין „אנטוישונג" אין מיין זיידן, אויך וועגן מיין גיין אין „טעמפל" זוכן גאט און ער איז דארט גאר נישטא. קאסיע האט מיר געזאגט, אז ביי זיי אין „קאסציאל" רעדט זייער גאט מיט אלעמען, אפילו מיט איר — דער ארעמער דינסט־מיידל קאסיע. און איין זונטיק אין דער פרי האט זי מיך טאקע גענומען אין קלויסטער . . .

איד און קריסט אין די קינדער־יארן

איך געדענק ווי א ביטער געפיל האט נאך אין דער פריעסטער קינד־הייט גענאגט ביים הארצן: אונדזער שטוב איז אין גאנצן אן אנדערע געווען ווי ביי די ארומיקע מענטשן.

און פארגלייכן האב איך געקאנט מאכן וויפיל איך האב געוואלט: אין צווייטן הויף (אין לאדזש), מיט א הויז ווייטער, האבן געלעבט קרובים פון מיין מוטער, און מיר, די קינדער, האבן זיך געשפילט און פארבראכט צוזאמען גאנצע טעג און אוונטן זומער־צייט.

איין כאראקטער־שטריך ציט זיך דורכן גאנצן קינדער־לעבן אונדזערן, מיינעם און מיין ברודערס: מען האט אונדז קיינמאל נישט געקושט, נישט געצערטלט, נישט געטראגן אויף די הענט, נישט באמיט זיך צו טרעפן יעדן קינדער־וואונטש שוין פון די אויגן... מען האט אונדז באהאנדלט ווי דערוואקסענע מענטשן, גערעדט מיט אונדז שטרענג, זאכלעך, דערצויגן אין די ראמען פון אזא באשיידנקייט, אז עס האט פשוט געגרענעצט מיט

מאַנגל און אָרעמקייט. און אָרעם איז מען דאָך נישט געווען. עס איז געווען אַ שטיק ערד מיט אַ הויז אין אַ דאָרף. עס איז געווען אַ הויז אין טאָמאַשאָוו. עס זיינען געווען עטלעכע הייזער ביי דעם ברודער אין ווילנע — נאָך פון דער מוטערס ערשטן מאַנס ירושה. אָבער דער פאָטער מיינער האָט זיך פאַרוויקלט אין „פּראָצעסן", וואָס ער פלעגט פירן מיט קאָנקורענטן צוליב קאַלך־גרובן, שמעלץ־אויוונס, ציגל־פאַבריקן און וועלדער.

דאָס איז געווען דער צרהדיקער מאָמענט אין אונדזער לעבן, דער פינצטערער וואָלקן, וואָס האָט פאַרטונקלט דאָס צוזאַמענלעבן צווישן די עלטערן און אויסגעגראָבן אַ תהום צווישן דעם שטיף־ברודער און מיין פאָטער.

דאָס איז אויך שפּעטער געוואָרן די סיבה פון אַ סיכסוך צווישן מיר און מיין מוטער, ווייל איך פלעג אָפן נעמען דעם פאָטערס צד אין זיין פאַרצווייפלטן געזעצלעכן קאַמף קעגן די דייטשע פאַבריקאַנטן און סוחרים פון טאָמאַשאָוו און לאָדזש, וועלכע האָבן געבראָכן קאָנטראַקטן מיט אים און דורך כאַבאַר געדונגען פאַלשע עדות און נעניטע אַדוואָקאַטן.

מיין פאָטער איז געווען אַן ערלעכער מענטש און זייער אַ שלעכטער סוחר. ער איז געווען אַ געמיש פון אַ פרומען אידן און אַ פוילישן אַסימי־לאַטאָר: די שפּראַך אין שטוב איז געווען פויליש, אַפילו מיט מאַטל אולמאַן — דעם יונגנט־פריינט זיינעם און מיטקעמפער פון 1864 קעגן דער צאַרישער מאַכט, פאַר אַן אומאָפּהענגיק פוילן.

און אַזוי ווי מיין צערייצטע פאַנטאַזיע איז געווען גענערט פון ערנסטע ביכער, וואָס איך האָב געשלונגען אַן אַ מאָס, און אַזוי ווי דער גרונט־יסוד אין לעבן פון אַ מענטשן, לויט מיין פאָטערס שמועסן מיט מיר, איז געווען ערלעכקייט און שנאה צום ליגן — האָב איך אָפן זיך געשטעלט אין רשות פון מיין פאָטער ביים אָנשרייבן און אָפּשרייבן מיט מיין בעסטער קאַליגראַפישער שריפט (נישט צו פאַרגלייכן מיט מיין היינטיקער...) די ענדלאָזע געריכט־אַקטן, פּראָטאָקאָלן, צייגענישן און עדות־אויסזאָגן.

און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די פּראָצעסן האָבן פאַרשלונגען דעם גרעסטן טייל פון דעם פאַרמעגן און איך האָב שוין אַלס 13־יאָריקע מיידל פאַרדינט געלט פון צוגרייטן קליינע קינדער אין אַ שולע, האָב איך מיין פאָטער געגעבן געלט צו פאָרן אויף אַ זיצונג פון פּיאָטרקאָווער

טריבונאַל, אָדער צו באַצאָלן אַ יונגן אַנפאַנגער־אַדוואָקאַט, וואָס האָט געזוכט שנעלע, ביליקע פּראַקטיק.

אַלעמאָל איז מיין פאָטער פאַר מיר געווען דער שטרענגער, אָבער ערלעכער מענטש, אָן שמייכלען, אָן קריכעריי, אָן קאָמפּלימענטן צו אַנדערע, מער מעכטיקע און איינפלוסרייכע מענטשן.

אַ באַזונדערן דרך־ארץ האָב איך געהאַט צו אים פאַר אַ זאַך, וועלכע איך האָב שוין פון קינדערווייז אָן הויך געשעצט: פאַר זיין פּערזענלעכן מוט.

ער פלעגט ביינאַכט עטלעכע מאָל אויפשטיין ווינטער־צייט און גיין אויפן בוידעם נאָכזען צי דער שלאָס הענגט אויף דער טיר און צי די וועש איז נישט אַראָפּגעגנבעט.

אין יענע צייטן — אין די נײַנציקער יאָרן — איז לאָדזש געווען אַ שטאָט פון געוואַלטיקן אויפשטייג אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע. פאַבריקן, וועבערייען און שפּינערייען, מעטאַל־ און אייזן־גיסערייען, האָלץ־וואַרשטאַטן פלעגן אויסגעבויט ווערן איבער נאַכט. געוואַלטיקע סקלאַדעס פון קוילן פון די סאָסנאָוויצער און סאָטאָוויצער דייטשע קוילן־גרובן פלעגן טאָג און נאַכט אָנגעפילט ווערן מיט קוילן, „שוט" (קוילן־שטויב) און קאָקס. און יעדע נאַכט פלעגן צענדליקער גנבים, מיט דער שטילער דערלויבעניש פון אַ נאַכט־סטראַזשניק, אָנפילן טאָטשקעס מיט קוילן און צעפירן צום קליינהאַנדל איבער דער פאָרשטאָט און די פעריפעריעס — דאָס אייגענע מיט שמאַטעס, וואָל און באַוול־אָפפאַל, מיט האַלב־פאַרטיקע פאַבריקאַטן און רעשטלעך.

אַ גאַנצע „אָרגאַניזאַציע" האָט עקזיסטירט לענג־אויס דער „וויר־דזעווער גאַס", וואָס פלעגט קונציק אַראָפּנעמען פון די לאַנגע, הויך־אָנגעלאָדענע „ראָל־וואָגנס" (גרויסע פּלאַטפאָרמעס מיט 2 פערד) זעקלעך מיט סחורה, באַוול, וואַטע אָדער שמאַטעס און פּאַפּיר־אָפּפאַל.

דער קאַמף מיט די גנבים איז געווען אַ האָפענונגסלאָזער און אייביקער. מען האָט געגנבעט וועש פון בוידעם, פערענעס פון די פּלויטן, כלים פון די הויפן, זויערקרויט פון די קעלערן און הינער פון די שטאַלן...

און ווען מיר האָבן איין מאָל אין זעקס וואָכן געוואַשן אַ גרויסע וועש, ערב פּסח אָדער נאָכן זומער, פלעגט מיין מוטיקער פאָטער גיין ביי דער נאַכט היטן דעם בוידעם.

און נישט איין מאָל האָט מיר דאָס האַרץ געקלאַפּט פאַר שרעק איידער ער פלעגט צוריק אַראָפּגיין. אַלע פלעגן עס באַטראַכטן פאַר נאַטירלעך, —

בלויז איך האָב אים, פון אונטער דער קאָלדרע, בעת ער איז פאַרביי־געגאַנגען מיין בעטל, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אים געזאָגט:

„האָסט גאָר קיין מורא נישט? דער „גרויסער" ברודער שלאָפט און דו וואַכסט! נעם כאַטש מיט דעם האַק־מעסער פון קיך." — ווייל מיט אַזאַ מעסער האָבן די אינדיאַנער געשפּאָלטן די קעפּ פון די ווייסע אין די וויסטענישן פון מעקסיקע, ביי פענימאָר קופּער, וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר דעם מוטיקסטן מענטשן אויף דער וועלט.

אָבער דער פאָטער פלעגט מיך צודעקן, הייסן שלאָפן און נישט רעדן ביינאַכט און וועקן אַלעמען.

די צווייטע מעלה, פאַר וועלכער איך האָב מיין פאָטער ליב געהאַט, איז געווען פאַר נישט שפּילן אין קאָרטן, נישט רויכערן און נישט טאַנצן, פאַר שטענדיק טראַכטן בלויז וועגן מיין מוטער און אונדז, קינדער.

חנוכה פלעגט מען ביי די קרובים מאַכן בעלער, אָוונט־מאָלצייטן און אַרויסרוקן טישלעך צום קאָרטן־שפּיל. מיין פאָטער פלעגט עס נישט מיט־מאַכן און רעדן אָנשטאָט דעם וועגן פּאָליטיק מיט נאָך עטלעכע מענער.

איך פלעג שטיין ביי זיין שטול און זיך צוהערן מיט ליידנשאַפט.

די דרייפוס־אַפערע האָט מיך פאַרכאַפּט. איך האָב געלייענט אויך אַ ביליקן דייטשן ראָמאַן, צו צען גראָשן אַ העפט, וואָס אַן אַגענט פון אַ לאָדזשער בוך־פירמע האָט געבראַכט יעדע וואָך צום מייסטער פון ראָבערט בידערמאַנס פאַבריק, צו הער פענערט, אונדזער שכן פון פּאַרטער, פון אונטן. זיין פרוי האָט עס מיר אויסגעליען.

איך בין געוואָרן אַ הייסער פריינט פון דרייפוסן, דעם אומגליקלעכן אידישן קאַפּיטאַן, און אויפן הויף פאַרטיידיקט אים קעגן סטעפאַן, דעם 12־יאָריקן לערן־אינגל ביים שלאָסער, קאָלאָדזייטשאַק, אַ פרומען קאַטאָליק און אַנטיסעמיט, וואָס האָט געהאַלטן דריי אַרבעטער און דעם לערן־יינגל, אַ „טערמינאַטאָר" — ווי מען פלעגט זאָגן.

מיר זיינען געווען גרויסע פריינט: סטעפאַן איז געווען מיין ערשטער ראָמאַן.

די גאַנצע וואָך איז ער געווען שוואַרץ פון סאַזשע און רויך ביי דעם בלאָז־אינסטרומענט, אויף פּויליש: „מיעך" — וואָס פלעגט צעבלאָזן דאָס פייער אין דעם וואַרשטאַט.

זונטיק פלעגט סטעפאַן ווערן ווייס אין פּנים, מיט רויטע שיינע באַקן און מען פלעגט קאָנען זען זיינע הערלעכע בלויע אויגן — די איינציקע

העלע אויגן צווישן אַלע קינדער אויפן הויף, אויסער מיר און מיין ברודער: די איבעריקע קינדער און אויך די פיר טעכטער פון שלאָסער־מייסטער האָבן געהאַט טונקעלע.

סטעפאַן פלעגט זיצן מיט מיר זומער, נאָך דער אַרבעט זיינער, אויף אַ בארג זאַמד, לעבן קאַלך־גרוב, פון וועלכער מען האָט שטענדיק געשעפּט קאַלך פאַר די נייע הייזער אויף דער פּולנאַצנע גאַס, וואָס האָט זיך גע־האַלטן אין איין בויען דעמאָלט. ער פלעגט הערן, וואָס איך דערציי̇ל אים פון די ביכער, וואָס איך פלעג לייענען און פון די שמועסן, וואָס איך פלעג אונטערהערן דורכן טאָג, סיי אין קיך, סיי אין שטוב.

סטעפאַן איז געווען אַ יתום. זיין מאַמע איז געשטאָרבן ביי זיין געבורט ערגעץ־וואו אין דאָרף — און אַ פאָטער האָט ער בכלל נישט געהאַט.

איך האָב סטעפאַנען אויסגעלערנט לייענען פּויליש — מיר זיינען געווען אין איין עלטער. ער האָט צו מיר געזאָגט שטענדיק: „פּאַניענקאַ״: פריילין — און נישט געוואָלט זאָגן: „דו״ און רופן ביים נאָמען.

די זאַך, וואָס האָט אונדז נאָענט געבראַכט און באַפריינדעט איז געווען אַ פאַל מיט אַ קליין פּויליש אינגל — אַ לאַנגע צייט פאַר דער פריינטשאַפט מיט די פּוילישע קינדער. אָבער וועגן דעם — שפּעטער. מיט אַ סך יאָרן פריער האָב איך איין מאָל, זיצנדיק אין קיך ביי דער דינסט־מיידל אונדזערער, מאַניאַ, דערזען אַ שרעקלעכע זאַך: די טיר פון קיך איז אויפגעריסן געוואָרן און אַ איד מיט אַ לאָך אין קאָפּ איז געפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס בלוט האָט זיך שטיל געגאָסן איבערן טויט־בלאַסן פּנים.

דאָס מיידל איז אַריינגעלאָפן אין שטוב צו די עלטערן מיינע. איך בין געבליבן זיצן אויפן טיש און געקוקט אויף דעם בלוט, וואָס גיסט זיך פּאַמעלעך. ווען מען איז אַריינגעלאָפן פון שטוב, האָב איך געזאָגט צום עלטערן ברודער אין דער שטיל, אַז ער זאָל פּרואוון „צוריק אַריינגיסן דאָס בלוט אין קאָפּ, ווייל בלוט קאָן מען דאָך נישט קויפן״ — אַזוי פלעגט זאָגן דער הויז־דאָקטאָר צו מיין מוטער, וואָס האָט געליטן פון אַנעמיע, בלוט־אָרעמקייט.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען אפשר זעקס יאָר. דער איד מיט דעם לאָך אין קאָפּ איז געווען דער קרבן פון דעם לאָדזשער פּאָגראָם, וואָס די פּאָליציי האָט אָרגאַניזירט דעמאָלט כדי צו דערזאָרגאַניזירן און פאַר־

וואנדלען אין א בלוט־באד דעם ארבעטער־סטרייק אין לאדזש אין דער פאבריק פון א. ק. פאזנאנסקי.

איך געדענק זייער גוט, אז איך האב נישט געוויינט און נישט געשריגן פון שרעק: בלוט האב איך אפט געזען, ווען מאניע פלעגט מיך מיטנעמען צום שוחט קוילענען א הון אדער א גאנז.

איך פלעג איר בלויז שטענדיק צורעדן, זי זאל די הון לאזן לויפן און נישט גיין קוילענען.

די טויטע הון האט שוין אויף מיר נישט געמאכט קיין איינדרוק — זי איז געווארן פלוצלונג א פרעמדע, אן לשון און אן באוועגונגען, אן אומבאקאנטע.

אבער דער פאל מיטן אידן און די צעווארפענע קאשיקעס מיט גרינסן, עפל און פיש, וואס די כוליגאנעס, רוסישע איבערגעטאנענע סטראזשניקעס, האבן צעטראטן און צעראבירט, האט צום ערשטן מאל געבראכט צום באוואוסטזיין דאס ווארט: „איד". דער „סטרוזש" פון הויז און די דינסט־מיידלעך פלעגן איצט פלוצלונג אנהויבן צו רעדן וועגן אידן; זיי האבן געמאכט אן אונטערשייד צווישן די אידן אויפן מארק מיט די קאשיקעס און סטראגאנעס און אונדז, די באוואוינער פון דער גרויסער „קאמיעניצע", — דעם מאדערנעם הויז מיט די שיינע טרעפ. זיי, די פוילישע דינסט־מיידלעך און דער „סטרוזש", האבן אונדז מיט אונדזער גוטן פויליש נישט באטראכט אלס אידן, וויניקסטנס נישט אלס די אייגענע אידן פון מארק.

און איך געדענק, ווי מאניע האט מיך געמוסרט, ווען איך בין אמאל אויף עטלעכע שעה פארשוואונדן געווארן און מען האט מיך נאך לאנגע זוכענישן געפונען אין שטוב פון א מלמד מיט ניין קינדער, פינקעלשטיין, וואס האט געלעבט אין איין שטוב, אין א הילצערנער בודקע,ביים סאמע סוף פון אונדזער הויף.

עס איז נישט געווען קיין שנאה ביי מאניען צו די פינקעלשטיינס, נאר זי האט געטענהט, אז עס פאסט נישט די „פאניענקא" זאל זיך חברן מיט שמוציקע, ניט־געוואשענע „זשידקעס". — אבער צו וועמען עס איז יא געווען א שנאה ביי מאניען — איז געווען צו דער רוסישער פאליציי, דעם „רעוויראווי", די סטראזשניקעס און די קאזאקן — מען האט עס געקאנט הערן פון אירע רייד, ווען זי האט דערציילט פון די צעטריבענע פאבריק־ארבעטער, פון די צעשלאגענע פרויען און קינדער, וואס זיינען געקומען בעת דעם סטרייק אפנעמען דעם ארבעטס־לוין פון די מענער.

ביי אונדז אין שטאָט האָט מען אָפן גערעדט וועגן די פּראָוואָן פון גענעראַל־גובערנאַטאָר צו ברענגען קיין פּוילן די טעג פון „אַדעס" — פון צייטן שרעקלעכע פאַר אידן, ווען „ליטוואַקעס" זיינען געלאָפן קיין פּוילן זיך ראַטעווען פון פּאָגראָמען. דאָס וואָרט „ליטוואַק" — איז ביי אונדז אין שטוב געווען אַ סימבאָל פון פאַראַכטונג פאַר רוסישע אידן, וועלכע מיר האָבן נישט ליב געהאַט און נישט געקאָנט פאַרטראָגן זייער שפּראַך, — פול מיט רוסישע ווערטער... און ווען עטלעכע פון זיי האָבן געעפנט געשעפטן און פאַבריקן אין לאָדזש, האָט זיי די פּויליש־אידישע באַלע־באַטישקייט באָיקאָטירט... דער פּאָגראָם און די פאַרגרעסערטע כולי־גאַנסטוואָ האָט מיין ברודער, דעם עלטערן, געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרשאַפן אַ רעוואָלווער, אויף וועלכן ער האָט געהאַט אַ דערלויבעניש.

און פאַר אונדז, קינדער, איז עס געווען אַ געוואַלטיקע איבערלעבונג: ער קאָן שיסן ווען ער וויל; ער האָט אַ דערלויבעניש דערצו.

אונדזער שטאָלץ מיטן עלטערן ברודער איז געווען אומגעהייער גרויס: ערשטנס, האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן פון אַ רוסישער גימנאַזיע פאַר זינגען אַ פּויליש ליד. און איצט קאָן ער דערשיסן יעדן כוליגאַן — וואָס שלאָגט אַ אידן ביז בלוט.

איך דערמאָן זיך נאָך אַ פּאַסירונג פון יענע צייטן:

איין מאָל אין אָוונט האָט מען אַ שטיינדל געוואָרפן אין אַ קעלער־שטוב און צעבראָכן אַ שויב.

דער חשד איז געפאַלן אויף אַ קליין פּויליש אינגל פון אַ זייטיקן הויף.

מיר האָבן דאָס אינגל געכאַפּט און באַשלאָסן עס צו משפּטן.

מיר זיינען אַלע געווען אידישע קינדער. מען שפּילט אָפּ אַ משפּט.

מען האָט פאַרגעלייגט אים צו שלאָגן מיט דער האַנט. צובינדן צום פּלויט אויף אַ שעה. איינשפּאַרן אים אין אַ פוסטער שטוב, וואו עס איז געשטאָרבן אַ שכן און קיינער האָט זי נישט געדונגען. פּלוצלונג האָט אַ קליין אינגעלע אַ געשריי געטאָן: „רייסט אַרויס איין האָר פון אים, דאָס טוט זייער וויי."

מיר האָבן אַלע געשוויגן און נישט געוואוסט, ווי אַזוי עס צו טאָן, ווייל דאָס אינגל האָט געהאַט קורצע האָר אויפן קעפּל.

פּלוצלונג איז צו אונדז צוגעגאַנגען אַ צווייט אינגל פון דער נידעריקער הויז פון שלאָסער, אַ פאַרשוואַרצטער און אַ שטרענגער, און האָט גע־זאָגט: „איר האָט געזען, אַז ער איז עס געווען, וואָס האָט צעבראָכן די

שויב? ער איז דאָך פון אַ פרעמדן הויף — ער איז דאָ בלויז געקומען אין „מאנגל", צו מאַנגלעווען די וועש מיט זיין מאַמען — ווי אַזוי וועט ער וואַרפן שטיינער אין אַ פרעמדן הויף? לאָזט אים אָפּ!"

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ פרעמד אינגל זאָל אַזוי רעדן צו אונדז, צו מיר. דאָס געפיל פון אמת איז ווידער געקומען און האָט אַפּעלירט צו מיר. דאָס מאָל נישט בלויז פון פאָטער, נאָר פון אַ פרעמדן פּוילישן אינגל.

זיין נאָמען איז געווען סטעפאַן. ער האָט זיך מיט אַ פּאָר טעג צוריק באַוויזן אין הויף, ביים שלאָסער, ביי דעם זעלביקן שלאָסער, וואָס האָט פאַרמאַכט די טיר און נישט אַריינגעלאָזן דעם אידן זיך אויסבאַהאַלטן פון די שטיינער, ווי ער האָט שפּעטער דערציילט אין שפּיטאָל.

איך האָב זיך נעענטער באַקאַנט מיט סטעפאַנען, אַריינגעקומען צום שלאָסער און געשפּילט זיך מיט די טעכטער: איינע פון זיי, בראָניאַ, איז געוואָרן מיין פריינדין.

סטעפאַן איז געווען אַ פרום אינגל. ער האָט מיר צוגערעדט כסדר צו גיין מיט אים אין קלויסטער זונטיק, הערנדיק פון מיר, אַז איך האָב נישט קיין גאָט; אַלס מיידעלע גיי איך נישט דאַווענען, נאָר מיין ברודער; און אַן „גאָט" איז שווער, מען האָט מורא, מען קאָן דערטרונקען ווערן ביים באָדן זיך, מען קאָן נישט באַווייזן זיך צו ראַטעווען פון אַ שׂרפה. נאָך מער: אַ פור קאָן דיך איבערפאָרן — אויב גאָט העלפט נישט, — האָט געטענהט סטעפאַן.

בראָניאַ און סטעפאַן האָבן מיר שטאַרק צוגערעדט זונטיק מיט זיי צו גיין אין „קאָסציאָל".

איך האָב אינסטינקטיוו געפילט, אַז מען טאָר וועגן דעם נישט דערציילן אין שטוב — אפילו נישט דעם ברודער.

איך האָב אַליין אין זיך באַהאַלטן אַלע ספקות און באַשלאָסן צו זוכן מיין גאָט אין „זייער קלויסטער".

קינדער־עלנט אין אַ אידישער שטוב

„עס איז ניט גוט
צו קושן אַ קינד;
אַנשטאָט פאַרען מוט,
וועט עס זוכן ווינט..."

דאָס האָב איך אַמאָל אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן צוויי קוזינעס פון מיין מוטער, זומער־צייט, אין אונדזער גאָרטן, אויף דעם פאַרבויטן גרויסן הויף ביי ניימאַנען, אויף פּולנאָצנע גאַס אין לאָדזש. מיר האָבן שוין דעמאָלט פאַרלאָזן די קליינע שטאָט, טאָמאַשאָוו, מיר זיינען ארויס פון דעם אייגן הויז און אריין אין אַ געדונגענער שטוב.

געוואָרן שטאָט־מענטשן, גרויסשטאָט־איינוואוינער, מיט אַלע נייע, ביטערע דערפאַרונגען אין אַזאַ אויפגעקומענער, שטורעמדיק־אינדוס־טריאַליזירטער שטאָט, ווי דער „פּוילישער מאַנטשעסטער", ווי עס האָבן מיט שטאָלץ גערופן די שטאָט לאָדזש דייטשע באַוול־מאַגנאַטן.

דאָס פאַרלאָזן טאָמאַשאָוו און אריבערגיין אין לאָדזש האָט געביטן מיין גורל און אויך דעם גורל פון מיינע ברידער.

עס איז אָבער שטענדיק פאַרבליבן פאַר די עלטערן אַ שווערער קלאַפּ און אַ פאַמיליע־קאָנפליקט מיט דעם פאָטערס ברודער, אַ געניטן אדוואָקאַט, וועלכער האָט אין דער אָפּוועזנהייט פון מיין פאָטער אויס־גענוצט מיין מוטערס שלאָפקייט און פאַרן חוב, וואָס דער פאָטער איז אים שולדיק געווען, האָט ער פאַרקויפט דאָס הויז אין טאָמאַשאָוו.

איך געדענק, אַז די ביידע משפחות האָבן, צוליב דעם און אויף מיין מוטערס צאָרנדיקן פאַרלאַנג, איבערגעריסן אַלע באַציאונגען זינט יענעם מאָמענט.

ווען מיין פאָטער איז געקומען אהיים, גערופן דורך דעם געטרייען „פאַקטאָר", איטשל אולמאַן, אונדזער רעכטע האַנט אין אַלץ, איז שוין דאָס הויז געווען אין פרעמדע הענט.

„צוליב לומפּיקע פינף הונדערט רובל", פלעג איך הערן אַ לאַנגע צייט אָמפּערן זיך, „פאַרקויפט מען אַ ברודערס אַ היים: אַלץ איז די „שטאָט" שולדיק..."

און אַ טונקעלער האַס, אַז אומבאַקאַנטער און מוראַדיקער, האָט אין מיר אָנגעהויבן צו עגבערן און האָט אויף שטענדיק אָפּגעטיילט גוטע האַרציקע דאָרף־מענטשן פון שלעכטע, רויבערישע, בייזע, וואָס לויערן אויף דיר אין שטאָט.

איך האָב ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו דעם שמועס פון דערוואַקסענע. איך בין געזעסן אין אַ ווינקל מיט אַן אַלטן פאַמיליע־אַלבום, מיט בילדער פון דער גאַנצער קרובהשאַפט, אָדער שטיל פאַרווינט מיין קעצל, געטוליעט עס צו מיין מאָגערן קערפער (קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר־וואָס איך בין אַזוי דין און בלאַס) און זיך שאַרף צוגעהערט צו אַלע שמועסן. יענעם גלייכווערטל, אַז מען דאַרף ניט קושן אַ קינד, ווייל עס וועט אויסוואַקסן לייכטזיניק און צעפּיעשטשעט, און אַז מען מוז עס, פאַרקערט, דערציען שטרענג און „ספּאַרטאַניש" (איך האָב זינט דאַן שטענדיק מורא געהאַט פאַר דעם וואָרט!), יענעם גלייכווערטל האָט אויס־געדריקט מיין מוטער, ווען צוויי מיידעלעך, שוועסטער־קינדער מיינע, זיינען צוגעלאָפן אַמאָל און האָבן זיך אָנגעהויבן צו לאַשטשען און קושן זייערע מאַמעס. זי האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ דייטשע דערציאונג, אַן איבעריקע צערטלעכקייטן, אַן נאָכגעבן די קינדערשע קאַפּריזן. די קוזינעס האָבן געשוויגן דערויף, אָבער ניט אָוועקגעשטופּט די קינדער.

און איך האָב מיט קנאה, מיט יסורים אין האַרצן געקוקט, ווי סטעלאַ און זשעניאַ זיינען געוועזן צוגעטוליעט צו זייערע מאַמעס...

אונדז, קינדער, האָט מען ניט געקושט. שוין אָפּגערעדט פון מיין ברודער, דעם ווילדן, צעלאָזענעם אינגל, וואָס האָט זיך געחברט מיט אַלע לאָבוזעס אין גאַס, וועלכע זיינען אָבער פאַר אים געוועזן טייערע „אינ־דיאַנער". זיי פלעגן אָפּהאַלטן מלחמות און געשלעגן מיט די „ווייסע", דאָס הייסט — די „גויאישע" אינגלעך אַרום פּולנאַצנע גאַס.

עס קאָן זיין, אַז צוליב דעם, צוליב דער ליבלאָזער קינדהייט, אָן צערטלעכקייטן, אָן די אויסערלעכע, אַזוי פאַרשפּרייטע ביי די פּוילישע אידן, סימנים פון סענטימענטן, האָב איך זיי געזוכט ביי פרעמדע צופעליקע מענטשן, און מיין גאַנצן ניט־באַפרידיקטן געפיל אויסגעלאָזן צו חיות און... אָרעמעלייט! עס איז אַפילו געווען אַ סברה, אַז איך זאָל אויסוואַקסן אַ „פילאַנטראָפּ", אַזוי פלעגט מען מיך מיטשלעפּן אין פינצטערע קעלערס מיט טעפּלעך זופּ און סלאָיקעס מיט איינגעמאַכטס צו אָרעמע קימפּע־טאָרינס און אויף רעוומאַטיזם־קראַנקע אלמנות.

אָבער מיין לעבעדיקייט, מיין גרויסע קינדערשע ענערגיע, דאָס זוכן סאָציאַלע קריוודעס און ניט פֿערזענלעכע, מיין שלינגען ביכער, די איינזאַמקייט, דאָס שטענדיקע צוהערן זיך צו אַלע שמועסן אין הויף און קיך האָבן מיך פֿאַר דער צייט געמאַכט דערוואַקסן. זיי האָבן מיך שפּעטער סוף כּל סוף אַרויסגעפֿירט פֿון דער טעמפּער באַלעבאַטיש־פּאַראַרעמטער סביבה צו די גייסטיק־געזינטערע פֿאָלקס־מאַסן און ניט דערלאָזן צו פֿאַרבלייבן ביי פֿילאַנטראָפּיע.

* * *

סטעפֿאַן, דאָס שלאָסער־אינגל פֿון הויף, האָט מיר נאָך אַ בשותּפֿותדיקן זונטיק אין קאָשציאָל צוגערעדט צו פֿאָרן אויף פּסח צום גלח, זיינעם אַן „אָפּיעקון", וואָס האָט סטעפֿאַנען נאָכן טויט פֿון זיין מאַמע געבראַכט צום שלאָסער אין אונדזער הויף. מיר האָבן אַלע געוואוסט וועגן איר שווערן טויט: זי איז געווען ביי אַ מילנער און מיט אַ שווערן זאַק מעל אויפֿן רוקן איז זי געגאַנגען איבער אַ בריקל צו זיך אַהיים, די שכּירות פֿון אַ גאַנץ יאָר פֿראַצע אויף זיך. זי איז אַריינגעפֿאַלן אין וואַסער און איז שטיל און אָן עדות דערטרונקען געוואָרן. סטעפֿאַנס באָבע האָט געקלאָגט און געיאָמערט אויפֿן זאַק מעל, וואָס איז צעגאַנגען אין טייך. זיי האָבן געהונגערט אַ גאַנץ ווינטער. צוליב דעם הונגער האָט דער גלח געבראַכט סטעפֿאַנען צו קאָלאָדזייטשאַק אין טערמין (אַלס לערן־אינגל).

סטעפֿאַן און איך האָבןביידע ניט געוואוסט פֿון אַן אָפּגאָטישער ליבשאַפֿט צו אונדז מצד די עלטערן, און דערפֿאַר האָבן מיר זיך שטאַרק באַפֿריינדעט. איך בין מיט אים אָפֿט געגאַנגען זונטיק אין קלויסטער. אין שטוב האָט קיינער וועגן דעם ניט געוואוסט, אויסער דעם דינסט־מיידל, מאַריניאַ. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט וועגן פּוילישן „וויעלקאַנאָץ" (זייער פּסח) ביים גלח, וועלכער האָט געוואוינט אין דערפֿל כּאָיני, ניט ווייט פֿון לאָדזש.

מיר זיינען אַוועק באַגינען. סטעפֿאַן האָט, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, אַריינגעוואָרפֿן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער זיין צוקרואַווקע, די ווייסע טויב, וואָס האָט דעם גאַנצן טאָג גערופֿן: צוקרו, צוקרו! (דערפֿאַר רופֿט מען זיי טאַקע אין פּוילן „צוקרואַווקעס"). מיט איר געפֿלאַטער האָט זי מיך טאַקע אויפֿגעוועקט. אַלע אין שטוב זיינען געשלאָפֿן, מאַריניאַ האָט צוריק

פאַרהאַקט דעם שלאָס פון קיך, איך בין שטיל אַראָפּ די קיך־טרעפּ. סטעפאַן האָט געוואַרט פאַרן טויער מיט אַ טלומאַקל אין האַנט.

עס איז געווען אפשר זעקס אַזייגער. אַלץ איז געווען שטיל, אפילו דער סטרוזש איז נאָך געשלאָפן. צוליב דעם האָבן מיר געמוזט ביידע אַריבערקריכן איבער דעם שכנישן פּאַרקאַן, כדי ניט צו וועקן אים. ביים אַריבערגיין דעם פּאַרקאַן, האָב איך אויף אַ מינוט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז צום ערשטן מאָל טו איך עפּעס אַ זאַך, וואָס די מאַמע ווייסט ניט דערפון, און איך האָב געפרעגט ביי סטעפאַנען, ווען וועט מען זיין צוריק? ער האָט מיר אָפּגעענטפערט, אַז דער אַפּיעקון זיינער וועט אונדז צוריק־ברענגען מיט דער בריטשקע אַהער, ווייל ער קומט צו זיין מייסטער באַ־שפּרענקלען דאָס „שוויענצאַנע", די פּסחדיקע מאכלים ביי די קאַטויילישע. דאָס האָט מיך אַ ביסל באַרואיקט. מאַריניאַ וועט דאָך אויך קאָנען באַ־רואיקן די מוטער מיינע. וועגן פּאַטער האָב איך זיך ניט געזאָרגט: ער פלעגט זיך ניט אַריינמישן אין מיין דערציאונג, ער האָט זיך אינטערע־סירט מער מיט מיין ברודער.

עס איז געווען אַ זוניקער, שטאַטישער שיינער פרימאָרגן. איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אונדזער גאָרטן און דעם הויף פון דער הויך, פון מיין פּאַרקאַן, איידער איך בין אַראָפּגעשפּרונגען. דאָרפיש גרין און רואיק איז געווען דער אַרום.

עס איז געווען דער פּסח פון אידן און קריסטן צוזאַמען. און אין הויף האָט זיך געטאָן אַ גאַנצע וואָך, אַלע שכנות האָבן געפּוצט און געשייערט, געלופטערט און געסקראָבעט דאָס שטיקל וואוינונג. דערפאַר איז איצט געווען אַזוי רואיק. אַלע האָבן געפּראַוועט יום־טוב.

איך האָב סטעפאַנען דערציילט וועגן אליהו הנביא, און ווי ער איז דאָס מאָל ווידער ניט געקומען דורך דער טיר, וועלכע מען האָט מיר געהייסן עפענען פאַר אים. סטעפאַן האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט קומען אַזוי לאַנג, ווי מענטשן זיינען שלעכט. — „אָבער אידן זיינען גוט" — האָב איך געענטפערט, — „זיי שלאָגן קיינעם ניט!" סטעפאַן האָט גאָר נישט געהאַט צו ענטפערן אויף דעם. מיר זיינען געגאַנגען שווייגנדיק אַ צייט. דער גלח האָט געוואוסט, אַז איך קום מיט סטעפאַנען, און איך האָב זיך געפרייט מיט דעם טאָג אין דאָרף.

סטעפאַן האָט געזאָגט, אַז דער אַפּיעקון איז אַ גוטער מענטש, אַז איך וועל אים זיכער ליב האָבן, און אַז איך וועל אַמאָל ווערן אַ „קאַטאָליטשקע"

וועט ער, סטעפאַן, מיט מיר חתונה האָבן. „איך וויל אָבער בלייבן אין דאָרף, האָבן אַ הויף, קי, קעלבער און אַ הונט" — האָב איך צוגעגעבן.
סטעפאַן האָט מיט אַ זיפץ זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין זייער שווער, אַז ער אַליין האָט גאָרנישט, אַז אַ פּאַטער האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט און אויף אַן „אויצאָוויזנע", אַ ירושה, הייסט דאָס, קאָן ער אויך ניט רעכענען. עס איז געבליבן, אַז מיר וועלן ביידע אַרבעטן. ער וועט פלעכטן קאָשיקעס פון לאָזע און שמידן פערד. איך וועל שטריקן זאָקן, גלייך הויב איך זיך אָן צו לערנען. איך וועל אויך מאַכן קעזלעך פון זויערמילך, מיט קמינעק, וואָס הייסן „גאַמעלקעס" און וואָס ווערן צעכאַפּט אויפן מאַרק יעדן דינסטיק.

* * *

די „עקסקורסיע" האָט געדויערט דריי שעה. טויט־מידע זיינען מיר געקומען אין לאַגיעווניקי. פון דאָרט איז שוין געווען ניט ווייט.
אויף דער „פּלעבאַניע" האָט אונדז דער גלח אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך, זיך געוואונדערט, וואָס איך רעד אַזוי גוט פּויליש און מיר געזאָגט, אַז גאָט האָט ליב קלוגע קינדער, וואָס קומען אים זוכן. איך האָב באַלד געענטפערט, אַז מיין גאָט וויים ניט, אַז איך בין דאָ, איך קאָן מיט אים ניט רעדן, איך פאַרשטיי ניט זיין שפּראַך. נאָר אינגלעך רעדן מיט אים ביי אונדז.
— אָן גאָט קאָן מען אָבער ניט אויסקומען, — האָט ווייטער געטענהט דער גלח, יאַן גראַמאַדאַ, — און אויב דיינע עלטערן לערנען דיך ניט אים צו זוכן, מוז איך אַזאַ פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע געפינען און טרייסטן!
מען האָט באַלד געעפנט די טיר צום גאַנעק, וואו עס זיינען שוין געשטאַנען גרופּקעס פּוילישע פּויערטעס מיט ווייסע, זויבער־צוגעדעקטע קאָשיקלעך מיט ברויט, וואורשט, קעז, רעטעכלעך און צוגעפּאַרבטע, געקאָכטע אייער. דער גלח איז אַרוים מיט עטלעכע אינגלעך פון יתומים־הויז, אין ווייסע כאַלאַטלעך, מיט גלעקעלעך אין די הענט. אַלע האָבן געזונגען, ווי אין קלויסטער, וואָס האָט שטענדיק אויף מיר שטאַרק געווירקט. דאַן האָט דער גלח אַלץ באַשפּרענקלט מיט „הייליקע וואַסער פון רוים", אַ סימן, אַז מען קאָן עס שוין עסן בשלום.
דעם גרעסטן איינדרוק האָט אָבער געמאַכט אויף מיר סטעפאַן אַליין: אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן לאַנגן קאַפּטל, אויף וועלכן עס איז געווען

איבערגעוואָרפן א וויים, באַטיסטן כאַלאַטל, מיט א שפּיצן־קאָלנער, איז ער געגאַנגען, זינגענדיק אויפן קול, מיט א „מאָנסטראַנציע" אין האַנט, א מין לאַנגן שטעקן מיט קליינע, זילבערנע גלעקלעך באַהאַנגען. ער איז געגאַנגען זינגענדיק און קלינגענדיק, זיין שטימע האָט זיך געהערט ווייכטיק און דערוואַקסן. ער האָט אויסגעזען פּלוצלונג ווי א מאַן. ניט ווי דער פאַרשוואַרצטער, אין סאַזשע אויסגעשמירטער שלאָסער־אינגל פון הויף אין די וואָכעדיקע טעג, נאָר ווי א שיינער, בלוי־אויגיקער מענטש. א ביסל פרעמד איז ער מיר געוואָרן, א ביסל צוציענדיק, אָבער א נייער און ווייכטיקער, מיט וועמען איך קאָן שוין ניט קאָמאַנדעווען, ווי איך וויל. דאָס האָט מיך א ביסל געשטערט, עפּעס ניים איז אַריין צווישן אונדז.

מיר איז געווען היימ פון דעם לאַנגן מאַרש, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט גיך, גיך; איך האָב פּלוצלונג פאַרשטאַנען מיין מוטערס אייביקן האַלטן זיך ביים האַרצן און אין די אויגן איז געווען שטעכיק און פייכט. איך האָב פּונקט ווי די פּויערטעס אנידערגעקניט, און א פּאָר טראָפּנס הייליק וואַסער פון דעם גלחס באַרשטל, געטונקט אין א צינענעם קריגל, זיינען געפאַלן אויף מיר.

סטעפאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר מיר, אומיסטנע לאַנג געקוקט און שטאַרק געקלונגען מיט די גלעקלעך. מיר האָבן ביידע געשמייכלט צו זיך, אַזוי גוט און גליקלעך...

שפּעטער האָב איך געהאַט א קליינעם שטרייט מיט סטעפאַנען צוליב מיין פּעקעלע „שווייענצאָנע", וואָס דעם גלחס באַלעבאָסטע האָט מיר געגעבן: איך האָב געוואָלט אַלע געפאַרבטע אייער פאַר זיך, און סטעפאַן האָט געבעטן כאָטש איין איי פאַר בראָניא, דעם מייסטערס איינגסטע מיידעלע...

איך האָב ניט געוואָלט נאָכגעבן און סטעפאַן האָט געטענהט, אז אָן קרבנות איז א קריסט ניט א קריסט. אָבער, לויט ווי איך פאַרשטיי, איז עס געווען א פּשוטע אייפערזוכט, די ערשטע אין יענע יאָרן. איך בין געווען אַכט יאָר אַלט, און בראָניא איז געווען א ביסל עלטער, זי איז געווען די ערשטע „אַנדערע" צווישן מיר און סטעפאַן.

איך האָב א שליידער געטאָן דאָס גאַנצע פּעקל מיט די „שווייענצאָנע" אויפן גראָז, געזאָגט, אז איך דאַרף גאָר נישט פון „זיי", אים מיטן גלח, אז ביי אונדז קאָן ניט זיין קיין פריינטשאַפט, אז ביי אידן איז פּסח צום ערשטן סדר יעדע משפּחה פאַר זיך אין שטוב און מען שיקט ניט קיין

מתנות צו אַנדערע מיידעלעך, כאָטש זיי זאָלן צען מאָל זיין דעם מייסטערס טעכטער!...

סטעפאַן האָט גערעדט צו מיר שטיל און פעסט, אַז זי איז אין שטוב די גאַנצע וואָך צוליב צאַן־וויטיק, אַז זי האָט געבעטן, ער זאָל איר עפּעס מיטברענגען (זי האָט טאַקע אויסגעזאָגט וואוהין איך בין אוועק), אַז דער „פאַן יעזוס" האָט געהייסן ליב האָבן אַלעמען און באַזונדערס די קראַנקע און אַז ער, סטעפאַן, האָט צוליב דעם געקושט אַ קרעציקן בעטלער, וואָס קומט פרייטיק נאָך אַלטן ברויט, אין פּנים.

דאָס האָט מיך געוואַלטיק באַווירקט. איך האָב אויפגעהויבן דאָס קוישל, געגעבן אים אויסצוקלייבן דאָס סאַמע קאַלירפולע איי און זיך צוגעזעצט ביי דער סאַמע פלעבאַניע, שלומדיק זיך געגרייט צו עסן דעם יום־טובדיקן פרישטיק אין וואַלד.

פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט רעדער אויפן שאָסיי, עס איז צו־געפאָרן אַ דראָזשקע צום גאַנעק, און עס איז אַרויס מיין פאָטער מיטן עלטערן ברודער.

זיי האָבן אונדז ניט געזען: דאָס הויכע קאָרן־פעלד האָט פאַרדעקט די גרופּע קינדער אַרום אונדז. איך בין אַרויס און צוגעלאָפן צום גאַנעק. דער פאָטער האָט אין גאַנץ שטרענגע ווערטער געפרעגט זיך אויף זיין טאָכטער, וואָס איז אַוועק מיט אַ „פריינט" פון הויף, סטעפאַן. מיין פאָטערס גוטער פּויליש, דער הויכער, שיינער סטודענט, מיין ברודער, האָבן מסתמא געווירקט אויפן גלח גראַמאַדאַ, ווייל ער האָט געזאָגט העפלעך און מיט אַ שמייכל:

— זיי זיינען דאָ. און איך מוז זאָגן, אַז דאָס קינד אייערס איז אַ גוט און קלוג מיידעלע, וואָס האָט ליב אַזעלכע אָרעמע יתומים, ווי סטעפאַן. זי האָט אים געלערנט לייענען פּויליש, וויסנדיק, אַז אין אַ שולע קאָן ער ניט גיין...

איך בין אַרויסגעשפרונגען אַ בייזע און געזאָגט דעם גלח, אַז איך האָב אים געלערנט, ניט ווייל ער איז אַ יתום, נאָר ווייל איך בין זיין פריינט און וועגן רחמנות איז ניט קיין רייד, ווייל ער אַרבעט און פאַר זיין אַרבעט באַקומט ער אַ מאַנטל און שיך. איך בין אַהער געקומען אַליין, ניט צו־גערעדט פון קיינעם, און מען זאָל סטעפאַנען גאָרנישט ניט טאָן.

* * *

מען האָט מיך גענומען אויף דער דראָשקע אָן סטעפאַנען, ווען

מיין פֿאָטער האָט ניט דערלויבט צו רעדן מיט מיר. אין דער היים האָט מען ביי מיר צוגענומען דאָס קוישל, עס געגעבן מאַריניאַן און מיך פֿאַר־שפּאַרט אויף אַ גאַנצן טאָג אַליין אין אַ פּוסטער קאַמער מיט ווינטער־זאַכן. מיין עלטערער שטיף־ברודער האָט געגעבן אַן עצה, מען זאָל מיך גוט אָנשלאָגן, איך זאָל געדענקען ווי מ׳גייט אַוועק פֿון הויז מיט אַ גויאיש אינגל, ניט זאָגנדיק דער מאַמען. ווען איך האָב דערזען דעם פּאַסעק, מיט וועלכן מען פֿלעגט פֿון צייט צו צייט באַשטראָפֿן מיין צווייטן ברודער, אונטער די פּראָטעסטן פֿון מיין מוטער, האָב איך דעם פֿאָטער געוויזן דאָס פֿענצטער און געזאָגט מיט כּעס: „דער פֿאָטער קאָן עס טאָן. ער קאָן שלאָגן מיך, ווייסנדיק, אַז איך קאָן זיך ניט ווערן, ווייל איך בין שוואַכער. אָבער אַ מינוט נאָך דעם וועל איך זיין אויף די שטיינער, איך וועל טאָן דאָס, וואָס דאַרקע האָט געטאָן.“

איך זאָל האָבן אויסגעזען ווי אַ „זמאָרע“ (אַ קאַשמאַר), האָט מיר שפּעטער דערציילט מיין צווייטער ברודער, וועלכער האָט אונטערגעהערט דעם שמועס מיט דער מאַמען, וואו דער פֿאָטער האָט געזאָגט, אַז „זי“ וועט זיך אַן עצה געבן אין לעבן (איך, הייסט עס) און אַז ער האָט מיך ניט געשלאָגן, מורא האָבנדיק פֿאַר מיין סטראַשונאַק. ער האָט נאָכגעגעבן, ווי שטענדיק, דער מאַמען, אין איר דערציען מיך דורך גוטע ווערטער, ניט דורך קלעפּ. איך האָב געהערט זיינע לעצטע ווערטער צו איר, בעת מען האָט מיר געבראַכט עסן (קאַווע אָן צוקער און אָן מיין באַליבטן קאָזשוך, דער סמעטענע־הויט, מיט אַ שטיקל ברויט אָן פּאָווידלע אפילו). נאַטירלעך, האָב איך עס אויסגעגאָסן אויף דער פּאָדלאָגע. — „זיי“ זאָלן עס זען און זיך גריזשען דאָס האַרץ. די לעצטע ווערטער זיינע צו דער מוטער זיינען געווען: „געדענק, האָב ניט קיין פּוטערנע האַרץ: עס איז ניטאָ קיין מענטש אויף דער וועלט, וועמען דאָס קינד זאָל הערן!“

איך בין טאַקע אָפּגעזעסן צוויי טעג אין דער קאַמער אַליין, אָבער ניט צוגעזאָגט קיין איין זאַך. איך וועל זיך ניט בעסערן, איך האָב קיין שלעכטס ניט געטאָן, דאַרף איך ניט ווערן בעסער. ניט איך וועל אויפֿ־הערן צו רעדן מיט סטעפּאַנען, ווייל ער איז אַ סך בעסער, ווי די משוגענע אינדיאַנער פֿון מיין ברודער, וואָס פֿאַריאָגן די הינער פֿון הויף. ניט איך וועל פֿאָרן צוריק אין שטעטל. איך וועל קומען פּרייטיק צוריק מיט די פֿורן, וואָס ברענגען האָלץ פֿון וואַלד.

מאַריניאַ, פֿאַר וועמען איך בין געווען אַ „מאַרטירערין“, ווייל אין

הויף האָט מען זיך דערציילט, אַז איך בין געפאָרן זיך „שמדן" צום גלח, פלעגט מיר טאַקע ברענגען אַ פול טעצל מיט גוטע זאַכן פון „זייער" מיטאָג, און פלעגט מיך אַרויסלאָזן אין קאָרידאָר.

מיין סטראַשונאַק מיט דאָרקע איז געווען פון אַ גרויסער באַדייטונג: דאָרקע איז געווען אַ מיידעלע פון צען יאָר, וועמעס מאַמע, אַן אַלמנה, האָט געהאַנדלט אויפן מאַרק מיט פיש. איין מאָל, אַ פרייטיק, ווען זי איז געווען באַזונדערס פאַרנומען, און דאָרקע, מיט אַ קליין שוועסטערל, האָט זיך געפלאָנטערט ביי די פיס, האָט די מאַמע, אַן אומגליקלעכע און צע־רייצטע, צו איר אַ זאָג געטאָן: „איך זאָל דיך מער אויף מיינע אויגן ניט זען!" דאָס קינד איז אַוועק אַהיים, האָט איבערגעלאָזן די קליינע שוועסטער ביי אַ שכן און זיך אַרויסגעוואָרפן פון פערטן שטאָק, אויף פולנאָצנע גאַס נומער 11. עס איז געווען אַ געוואַלטיקע לוויה, די מאַמע אירע איז אַראָפּ פון זינען, און מיר, קינדער, האָבן יאָרנלאַנג געסטראַשעט אונדזערע מאַמעס צו טאָן דאָס, וואָס דאָרקע האָט געטאָן. מען האָט סטעפאַנען אָפּגעזאָגט פון דעם פּלאַץ ביים שלאָסער. דער גלח האָט זיך דערשראָקן פאַר אַ סקאַנדאַל פון צוריידן צו אַן אַנדער „גאָט" אַ מינדער־יאָריקע, אַזוי האָט מען מיר מיט יאָרן שפּעטער דערקלערט. דערפאַר האָט מען מיך צעשיידט מיט דעם שלאָסער־אינגל. מען האָט זיך געטראַכט, אַז אַזוי וועלן די מענטשן גיכער פאַרגעסן.

* * *

איך האָב סטעפאַנען ניט געזען יאָרנלאַנג. מיט גאַנצע ניין יאָר שפּעטער האָב איך אים צופעליק געטראָפן אויף אַ מיטינג פון פוילישע אַרבעטער ביי פוקסן אין פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס מאָנטיאָר, ביי די מאַשינען.

ער האָט מיך דער ערשטער דערקענט, צוגעגאַנגען צו מיר און אָנ־גערופן „פּאַניענקאַ" (פרייליין), ווי אַ מאָל. ער איז געוואָרן גרויס און שיין, ווייטער אַ פאַרסמאַליעטער, אין אַ לעדערנעם פאַרטוך. מיר האָבן זיך דער־מאָנט די קינדער־יאָרן, זיך געפרייט צו זען. אָבער צווישן אונדז איז געלעגן אַ וועלט, וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט אַליין, איינער אָן דעם צווייטן.

איך געדענק, ווי איך האָב אין דער ערשטער צייט געבענקט נאָך סטעפאַנען. ווי ער האָט מיר געפעלט אין די זומער־אָוונטן, אויפן גאָרטן־

פארקאן, ווען איך האב ניט געהאט וועמען צו דערציילן וועגן די איבער־געלייענטע ביכער: ער איז דאך געווען מיין ערשטע אוידיטאריע. דער „בעז" האט געבליט, דער געדטנער פלעגט צעאקערן די ערד, מיר פלעגן זוכן ווערים, אויף א ווענדקע זיי אנגעטשעפעט און געכאפט פיש אין דעם מוטנעם טייכל, אין ווידזעוו, זונטיק. די ערד האט געשמעקט מיט דארף, מיט האלץ־רויך, מיט קי און מיסט. די ארעמע שטאט־סביבה האט געוועקט א בענקשאפט נאך דעם טאמאשאווער וואלד, נאך דעם טייך פיליצא, נאך דעם וויסן, טרוקענעם זאמד ביים טייך, נאך שישקעס און שוועמלעך, בארוואוקעס און יאגדעס, נאך די פלויטן מיט געהילץ אויפן וואסער, נאך דעם רוף פון א סאווע אין וואלד, ביינאכט; נאך די גע־שטאלטן פון מאגיערא און זיינע זין, באקאנטע פויערן מיינע. א בענק־שאפט נאך אט־דער וועלט איז עס געווען און נאך אן אומבאוואוסטן עט־וואס, וואס האט געלעבט אין אן איינזאם קינד, געגערט פון ניט־קינדישע געדאנקען, פון א שווערן מאטעריעלן קאמף, וואס די משפחה האט דורכ־געמאכט אין יענע יארן, פון א דיסהארמאניע צווישן א וועלט בילדער און חלומות מיט דעם שווערן ברוטאלן לאדזשער לעבן.

מיין עלטערער ברודער פלעגט פירן א זעלבסטשטענדיקן, אייגענעם לעבן. ער האט געהאט געלט און הייזער, וואס זיינען געווען זיין ירושה, נאך זיין פאטער. ער פלעגט קומען שפעט ביינאכט אהיים, און די עלטערן פלעגן רעדן וועגן „הוליאנקעס" מיט פריינט און מיט „ארטיסטקעס". ווען איך האב זיך געפרעגט ביי מאריניאן וועגן דעם, האט זי מיר געזאגט, אז עס איז ניט פאר דער „פאניענקא" צו וויסן וועגן דעם. מיין צווייטער ברודער האט מיט פאראכטונג דערקלערט, אז מיט מיר רעדט ער איבער־הויפט ניט וועגן „מענערשע" זאכן...

איך האב צופעליק דערזען אמאל מיין ברודער, ווי ער קושט די שוועסטער פון מיינער א חברטע דעלא לארענץ, א דייטשיש מיידל, וואס האט מיט אירע עלטערן געוואוינט ביי אונדז אין הויף. דאס האט אויף מיר געמאכט א שטארקן איינדרוק און נאך מער אונטערגעבויגן מיך, נאך מער געוועקט אין מיר א בענקשאפט נאך צערטלעכקייט, נאך פריינטשאפט. איך געדענק, ווי איך בין געשטאנען אין דרויסן, ווינטער, מיט גליטשערס אויף די פיס און ווי פארגליווערט געקוקט אויף זיי ביידן. דערנאך שטיל אוועק זיך ווייטער גליטשן אין פארפרוירענעם רינשטאק.

אין יענער צייט האב איך געהאט א חלום, וועלכער איז צוליב זיין

שטאַרקער קראַפט געבליבן אומפאַרגעסלעך אויפן גאַנצן לעבן. די בייטאָג־געלייענטע און געהערטע זאַכן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די נאַכט־חלומות. איך פלעג איבערלעבן ביינאַכט שרפות, אַריינפאַלן אין טיפע ברונעמער, זיך געפינען פלוצלונג באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין אַ קבר און צעקוועטשט ווערן פון שווערע אייז־קריעס אין טייך. איך פלעג אָפט, אין דער צייט פון מיינע גאָט־זוכענישן, חלומען וועגן טייוול אין דער פאָרם פון אַ פיר־פיסיקער יאַשטשערקע, וואָס האָט מיך געשלעפּט צו אַ קעסל מיט סמאָלע. ווען איך האָב זיך געקלאָגט פאַר דער מאַמען, האָט מען אויף מיר געשריגן פאַר לייענען נאַרישע ביכער און געגעבן מיר צו טרינקען בראָם.

אָבער יענער חלום איז געווען אַ גאַנץ־אַנדערער. ער האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט, ניט וואָס איז שייך זיין פאַרכאַפּנדיקער זיסקייט, ניט דאָס געפיל פון אומענדלעכער זיכערקייט און שלום. קיינמאָל אין רעאַלן לעבן האָב איך ניט געהאַט יענעם געמיט־צושטאַנד, יענעם אַבסאָלוטן געפיל פון גליק. דאָס איז געווען מיין ערשטער עראָטישער, פון אַלע אַטריבוטן פון קינדהייט באַפרייטער, דערוואַקסענער „חלום", אַן איבערלעבונג פון אַן עלף־יאָריק קינד.

איך געדענק אים מיט אַלע זיינע איינצלהייטן. עס האָט געבושעוועט אַ פרילינג־שטורעם, מיט אַ שטראָם רעגן, מיט בליצן און דונערן. טייכן וואַסער זיינען געפלאָסן פון הימל. די לופט איז אָבער געווען זומערדיק וואַרעם, און דאָס גאַנצע — ניט שרעקנדיק. איך בין געגאַנגען איבערן גאַס, אין אַן אומבאַקאַנטער שטאָט. פלוצלונג איז אַרויס פון אַ טיר אַן אומבאַקאַנטער מענטש, מיט מאָדנע לייכטע טריט, אַ קוק געגעבן אויף מיר און מיך מיט אַ שמייכל שטיל אויפגעהויבן פון דער ערד, מיך גענומען טראָגן אויף די אָרעמס. מיר זיינען אַזוי געווען, ווי אין דער לופטן. ער איז געגאַנגען לייכט און פעסט, ווי גאָר ניט באַרירט דעם באָדן. עס האָט אויפגעהערט צו רעגענען.

אויף מיינע פּיס זיינען געווען גלעזערנע שיכלעך און בעת דעם טראָגן מיך האָבן זיי זיך באַרירט און האָבן צאַרט געקלונגען. אַזוי זילבערן, אַזוי דורכזיכטיק, אַזוי מוזיק־ענלעך, אַז איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן און זיך צוגעהערט. דער פרעמדער האָט געקוקט אויף מיר, ניט אַראָפּגענומען די אויגן. אַזוי גוט און האַרציק, ווי קיינער, ניט פריער, ניט שפּעטער.

און דאָס מאָדנע אין חלום איז געווען, אַז איך בין געווען דערוואַקסן,

אַז איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז קיין מאַמע שטייט ניט דערנעבן, אַז קיינער קאָן מיר ניט עפּעס זאָגן אָדער באַפֿוילן, אַז איך בין שוין ניט קיין קינד און אַז דער פּרעמדער וועט אַזוי מיך שטענדיק באַגלייטן. איך האָב מיט איין האַנט אַרומגענומען דעם פּרעמדנס האַלדז און אַרויסגעקוקט צו דער זון. אין דעם מאָמענט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט.

איך האָב ביטער געוויינט נאָך דעם. ניט געוואָלט קיינעם דערציילן וועגן דעם חלום. יאָרנלאַנג געהאַלטן אים אין זיך. פּאַרזוכט מיט אַלע מאַגנעטישע ווילנס-כוחות דעם חלום צו „געפינען צוריק", ווי מען זאָגט אין דער מעדיצין. אומזיסט. קיינמאָל האָט זיך דער חלום ניט איבער-געחזרט, קיינמאָל האָב איך אין מיין לעבן ניט געזען דעם פּרעמדן און קיינמאָל ניט געהאַט יענעם מאָדנעם אומפּאַרגעסלעכן געפיל פון ניט-ערדישקייט און פון גליק.

די ערשטע יוגנט־יאָרן

ווען עס איז אַזוי הפקרדיק איבערגעריסן געוואָרן מײַן פריינטשאַפט מיט דעם פּוילישן שלאָסער־לערן־אינגל, האָב איך זיך לאַנג אָפּגעהאַלטן פון זוכן נײַע באַקאַנטשאַפטן אויף אונדזער הויף. איך האָב סטעפאַנס חברישע און געטרײַע געפילן גענומען זייער ערנסט. איך האָב זייער לאַנג געטראַכט וועגן אים, גערעדט מיט דעם מײַסטערס טעכטער וועגן אים.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעמערקט איין שטריך אין מײַן כאַראַקטער: עקשנות צו פאַרבאָטענע זאַכן, אַ מין אָפּטאָן אויף־צו־להכעיס יענע, וואָס האָבן געוואָלט אַנדערש. און דאָס וואַקסנדיקע קינדערישע בונטעווען זיך קעגן די שטוביקע פאַרבאָטן און די פּאָטערלעכע „געזעצן", קעגן די פאַרבאָטן פון אויבן, איז אפשר שפּעטער אויסגעוואַקסן אין אַ געזונטן אָפּאָזיציע־גײַסט אין דעם ווײַטערדיקן לעבנס־גאַנג, צוערשט אין דעם צוזאַמענשטויס קעגן לערער און פירער אין דער רוסיש־קאַזיאָנער גימנאַזיע.

אַזוי ווי איך בין געווען אַ בלאַס, מאָגער שטאָט־קינד, נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס דאָרפיש שטילע לאַנד בײַ טאָמאַשאָוו, האָט זיך די מאַמע נישט געאײַלט מיך צו שיקן אין אַ שולע. איך בין געוואַקסן פאַרווילד, אָן אויפזיכט און אָן קאָנטראָל. איך פלעג דעם זומער־טאָג פאַרברענגען אויפן הויף און דעם ווינטער — אין אַ שטילן ווינקל, הינטער צוויי גרויסע שאַפעס, בײַם אויוון, אין געשלונגען ביכער, אָן אָרדענונג און אָן אָנווײַז. בײַ מײַן ברודער, וואָס איז געגאַנגען אין אַ פּוילישער פּריוואַט־שול אין לאָדזש האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען רוסיש. פּויליש האָב איך זיך אַליין אויסגעלערנט פאַר צען קאָפּיקעס אַ וואָך וואָס איך האָב אים געצאָלט, צוהערנדיק זיך צו מײַן ברודערס לעקציעס, אינדערשטיל, קיינער זאָל ניט זען. געזעסן מיט דער קאַץ אויף די הענט און זיך שטיל צוגעקוקט, ווי מ'האָט אים געלערנט. כ'האָב געוואוסט שוין, אַז מיידלעך באַטראַכט מען אַלס ווײַניקער־וויכטיקע באַשעפענישן, איידער אינגלעך, און האָב זיך אַליין אויסגעאַרבעט אַ היפּאָקריטישן מעטאָד אָפּצונאַרן די „גרויסע", ווי צו שפּילן אַ ראָלע פון אַ קליין קינד, בעת איך האָב שוין געוואוסט אַ סך נישט־קינדערישע זאַכן. עס האָט מיר געהאָלפן אין דעם אַ מין פיאיקייט, וואָס איך פאַרשטיי נאָך ביז הײַנטיקן טאָג נישט, ווײַל אויך איצט העלפט עס מיר אומגעהייער: אַ מין ביז געשפּאַנטקייט אַנטוויקלטע שאַרפע אינטואיציע, צו טרעפן זאַכן, צו באַמערקן מענטשלעכע האַנד־

לונגען און באַציאונגען, זען דורך פּנימער אַדורך מענטשלעכע כאַראַקטערן... דערפֿאַר אפֿשר האָב איך אין מײַן לעבן נישט געהאַט קיין אַנטוישונגען אין מענטשן, קיין איבעראַשונגען נאָך יאָרן פֿון קענען זיי: איך האָב ווילקירלעך, דורכן אײגענעם אינסטינקט, איבערגעריסן באַקאַנטשאַפֿטן דאַן, ווען עס איז געווען צײַט דאָס צו טאָן, אײדער אַ פֿאַסקודנער פֿאַקט האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען מצד זיי. איך וועל דערציילן וועגן דעם גענויער, ווען איך וועל באַשרײַבן באַגעגענישן מיט פּאָליטישע טוער אין דער אויסלענדישער עמיגראַציע, אין מערבֿ־אײראָפּע.

מײַן ברודער, וואָס מיט אים האָט מיך פֿאַרבונדן אַ געוואַלטיקע פֿרײַנטשאַפֿט און מיט וועלכן מיר פֿלעגן זיך שלאָגן ביז בלוט צוליב אונדזערע גרויסע טעמפּעראַמענטן, האָט אין יענע יאָרן געהאַט גרויסע הוצאות אויף זײַנע הויפּישע און אינגלשע שפּילערייען: ער האָט געדאַרפֿט קויפֿן גומע פֿאַר די „אינדיאַנער־פֿײַלן", בלעכערנע שווערדן קעגן די סטראַזשניקעס, בעת מען האָט געמאַכט אַ „פּאָווסטאַניע" קעגן „רוסלאַנד"; ער האָט געדאַרפֿט קויפֿן טויבן, בעת מען האָט געשיקט אַ וויכטיקע ידיעה צו אַ צווייטער גרופּע אויפֿשטענדלער, אין אַ שכנישער גאַס, מיט אַ פֿינף הײַזער ווײַטער. דערפֿאַר האָט ער געזוכט פֿאַרדינסטן: ער פֿלעגט נעמען פֿון מיר געלט פֿאַר לערנען מיך רוסיש און רעכענען, בסוד פֿון די עלטערן. געלערנט האָט ער מיך אויפֿן בוידעם, צווישן אַ גאַנצער גרופּע קעץ, וועלכע איך פֿלעג ראַטעווען פֿון די לאָבוזעס אין הויף און קאָרמענען פֿון דעם גלאָז מילך, וואָס מען האָט מיר געגעבן בײַטאָג. און דאָס פּלוצימדיקע וועלן זיך לערנען רוסיש, אינמיטן פֿון דעם האָס צום צאַריזם, וואָס האָט פֿאַרברענט סטאָדאָלעס מיט „פּאָווסטאַנצעס", לויט די דערציילונגען פֿון מײַן פֿאָטער, האָט אויך אַן אינטערעסאַנטן גרונט אונטער זיך — עס האָט מיר צוערשט געוויזן דעם וועג ווי צו טרעפֿן שפּעטער צו די פֿאָלקס־מאַסן.

אין יענע יאָרן, אין 1892 און שפּעטער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלטיקע בויאונג אין לאָדזש. גאַנצע לאָנקעס און וועלדער פֿלעגן אויסגעהאַקט און אָפּגעמעקט ווערן, און פֿאַבריקס־קוואַרטאַלן און וואוין־הײַזער פֿלעגן אויפֿקומען אויף זייער אָרט. „פּאָדריאַדטשיקעס" און בוי־אַגענטן האָבן זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן אויף אַזאַ זאַך, ווי אַ פֿעסטע שטעלונג פֿון די פּוילישע בוי־אַרבעטער און זיי האָבן זיך, אויף אַן אמת־טייוולשן אופֿן, געגעבן אַן עצה מיט זייערע פֿאָדערונגען: זיי האָבן געבראַכט ווײַס־רוסישע פּויערן און פּויערטעס פֿון מינסק און וויטעבסק, —

די געגנטן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דאָס יאָר אַ געוואַלטיקע נישט־גערעטעניש, און די פויערן זיינען געקומען אַרבעטן פאַר יעדן פּרייז. זיי זיינען געקומען אין די טויזנטער — רויע, נישט־אָרגאַניזירטע, מיט זייער אָרטיקן פּאָפּ, מיט זייערע „זנאַכאַרעס" און דאָרפישע באָבעס און שמידן און פּאַסטוכער. צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען געפלאָכטענע לאַפּ־טשעס פון „בערעסטאַ", גראָבע שטאַרקע לייוונטענע „סוויטקעס", אָנגעטאָן איבערן קלייד פון אַ פּרוי, איבערן העמד פון דעם פויער. זיי פלעגן שלעפּן זאָמד, וואַפנע, ציגל איבערן שמאָלן לייטערל און דאָס הויז איז אויס־געוואַקסן שנעל.

מיר, קינדער, האָבן אויף זיי געקוקט מיט בייזע אויגן, ווייל צוליב זיי, האָבן מיר געטראַכט, האָט מען אויסגעהאַקט אַ טייל פון אונדזער גרויסן הערלעכן גאָרטן אויף ניימאַנס הויף. אונדזער גאָרטן, וואו מען האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן אונטערן קליינעם בריקל פון אַ שמוציקן פאַבריק־קאַנאַל, מיט אַ שאַרפן, מיאוסן ריח פון אַ פאַרבערייַ. אָבער עס איז געווען אַ גוטע באַהעלטעניש, — אונדזער גאָרטן, וואו עס האָט אין פרילינג געבליט דער בעז, די אַקאַציע און דער יאַסמין, וואו מען האָט נאָך אַ רעגן געקליבן ווערים צו כאַפּן פיש זונטיק אינעם גרויסן טייך אין לאַגיעווניקי, וואו מען האָט אין אָוונט געקאָנט בלייבן שפּעטער, איידער אויף דער גאַס, ווייל די מאַמע איז געווען רואיק, אַז פון פענצטער קאָן זי אַלעמאָל אַ רוף טאָן די קינדער.

פאַר אונדז זיינען די „קאַצאַפּעס", ווי מע האָט זיי גערופן אין הויף, נישט געווען קיין ליבע געסט. מען האָט פאַרבויט דעם אַלטן גרויסן הויף. די פּוילישע שכנים האָבן זיי געזידלט, ווייל זיי האָבן דעם פּרייז אַראָפּ־געדריקט פון די פּוילישע בוי־אַרבעטער. עס פלעגן פאָרקומען געשלעגן. מען פלעגט זיי מיט סטראַזשניקעס פירן אַהיים שלאָפן אין זייערע באַראַקן, הינטער דער שטאָט. מען האָט געוואָרפן שטיינער אויף זיי, בעת זיי זיינען נעגאַנגען אינדערפרי צו דער אַרבעט, פון הינטער אַ פּורטקע, פון אַ פענצטער. האָבן די פויערן באַשלאָסן צו שלאָפן אין הויף ביי אונדז, אויף דער הוילער ערד אין גאָרטן. זיי פלעגן זיך אָוועקזעצן אויף די ברעטער עסן זייער וועטשערע, חזיר־פעטס מיט אַ שטיק שוואַרצן ברויט און פאַר־טרינקען מיט וואַסער פון די עמערס, אין וועלכע זיי האָבן געמישט זאָמד מיט קאַלך. זיי פלעגן זיך בעטן ביי אונדז, קינדער, אַ ביסל הייס וואַסער פאַר אַ זויג־קינד, וואָס איז דורכן טאָג געלעגן אין אַ לייוונטענעם זאַק,

צוגעבונדן צו צווייביימער, און די מאַמע פלעגט קומען אויף אַ רגע עס אַנזויגן, ווען דער „פאַלירער" (דער אויפזעער) האָט נישט געקוקט...

איך האָב דעמאָלט צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען ווי אַ קינד זויגט. ווייל אין די באַלעבאַטישע משפחות האָט מען אַן אַם, וואָס זויגט אַ קינד, געהאַלטן באַזונדער, פאַרשפאַרט אין קינדער־צימער, כדי קיינער זאָל עס, חלילה, נישט זען... און איך האָב זיך דעמאָלט צום ערשטן מאָל פאַראינטערעסירט מיט דעם ענין מענטש. איך האָב דערזען, אַז דאָס קינד האָט אַלע סימנים פון אונדז, גרויסע. און איך האָב אָנגעהויבן רעדן מיט דער פויערטע. אָבער איך האָב נישט פאַרשטאַנען איר שפּראַך. זי האָט אָבער מיך יאָ פאַרשטאַנען. איך האָב איר געבראַכט היים וואַסער מיט מילך, ווייס ברויט, אַ ווייס ציכעלע פאַרן קינד, פליגן זאָלן עס ניט בייסן. איך האָב גערעדט מיט מאַריניאַן, אונדזער קעכין, זי זאָל איר דערלויבן שלאָפן אין קיך, ווייל עס רעגנט אַמאָל ביינאַכט. זי האָט נישט געוואָלט, ווייל דער „סטרוזש" (דער דוואָרניק) און דער שלאָסער, און דער סטאָליער — אַלע האָבן באַיקאָטירט (ווי מען וואָלט עס היינט אָנגערופן) די ווייסרוסן, די „קאַצאַפּעס". בין איך אַוועקגעלאָפן צו מיינע קוזינקעס איבער דער גאַס, וואו זייערע עלטערן האָבן געהאַט אַ גרויסן לאַגער פאַר זאַקן און באַוול, און האָב זיי געבעטן צו דערלויבן דער פויערטע צו לייגן זיך מיטן קינד אין זייערן אַ ווינקל. מען האָט געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ משוגענער. געהאָלפן האָט מיר זייער ברודער, אַן ערנסט, זעלטן־ערלעך, קרישטאָל־ריין אינגל, וואָס האָט שוין דעמאָלט זיך אינ־טערעסירט מיט אַלץ, וואָס קאָן ראַטעווען די אידן פון אַזאַ זאַך, ווי דער לאָדזשער פּאָגראָם אין 1890, וועלכן ער האָט געזען אויף אונדזער גאַס. אונדז האָט פון יענער צייט אָן, ווען ער האָט מיר געהאָלפן געפינען אַן אָרט צום שלאָפן פאַר דער פויערטע, פאַרבונדן אַ שטאַרקע פריינטשאַפט (ער איז געוואָרן אַ פועל־ציוניסט, האָט אָבער שטענדיק בעת אַלע פאָלי־טישע שלאַכטן מיט מיר, זיך געהאַלטן זעלטן טאָלעראַנט און מענטשלעך גרויס. ערגעצוואו האָב איך געלייענט, אַז ער איז פון די נאַציס פאַר־פייניקט געוואָרן אין אַ לאַגער ביי לאָדזש אין 1940). די פריינטשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער פלעגט, אין די יאָרן 1905—1908, מיך אַליין באַהאַלטן ערב אַן ערשטן מאַי פון די צאַרישע זשאַנדאַרמען.

יענער אינצידענט מיט דער יונגער מאַמע האָט אויף מיר געווירקט און איך האָב זיך דעריבער אָנגעהויבן צו לערנען ביי מיין ברודער רוסיש

לייענען און שרייבן. ער, ווידער, האָט געהאַט דערוויל אַ ביסל „פאַר־דינסטן". ער האָט עס געוואָלט אויסציען אויף אַ לאַנגער צייט. אָבער איך האָב אַמאָל אָנגעהויבן רעציטירן אויסנווייניק פּושקינס „פּאָלטאַוועער שלאַכט" און ער איז געוואָרן בייז, ווייל דאָס האָט באַדייט, אַז איך דאַרף אים שוין ניט.

צום ווינטער האָט זיך דער בוי־סעזאָן אָפּגעשטעלט, און די ווייסרוסן זיינען אַוועק. דאָס קינד האָט באַקומען פון מיין מאַמען וואַרעמע שיכלעך, אַ מאַנטל און אַ טשיפּיקל. איך האָב גערעדט רוסיש מיט איר און די קינדער אין הויף האָבן מיר נישט געשטערט: דאָס קינד איז געוואַקסן פאַר אונדזערע אויגן און עס איז נישט געווען שולדיק וואָס די עלטערן אַרבעטן. אַזוי האָב איך געטענהט אויפן קול, דער שלאָסער און דער סטרוזש זאָלן הערן: „און וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען מען שיקט אייך אין סיביר און איר מוזט אַרבעטן, כדי נישט צו שטאַרבן פון קעלט? אָט זיינען נאָך פאַראַן פּוילישע פּאָוסטאַנצעס אין סיביר און זיי אַרבעטן, שיסן בערן און כאַפּן רוסישע פיש."

איך בין געוואָרן אין הויף צוביסלעך אַ רעדל־פירער. וואו נאָר עס איז געווען אַ סכסוך אָדער אַ געשלעג אין הויף צווישן די קינדער — איז מען געגאַנגען צו מיר: „„פּאַנאַדזש נאַס" (מאַך שלום צווישן אונדז), האָבן געפאָדערט די קינדער. די קיך־טיר פלעגט זיך נישט פאַרמאַכן ביי אונדז. מאַריניאַ האָט מיך געמסרט פאַר דער מאַמען, אַז די קינדער טראָגן אַריין זאַמד און בלאָטע אין קיך, זי האָט נאָר־וואָס אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגע.

מען האָט באַשלאָסן מיך אָפּצוגעבן אין אַ שולע. איך בין געווען 9 יאָר אַלט. געלייענט קאָראָלענקאָס און טאָלסטאָיס קלענערע דערציילונגען, די וועלט־געשיכטע פון מאַמען (די קאַפּיטלעך וועגן פוילן און פראַנקרייך זיינען געווען די בעסטע ביי מיר), געלייענט זשעראָמסקי און פּושקין, דעם זשורנאַל „וואָסכאָד" און ביליקע דייטשישע שונד־ראָמאַנען, וואָס דער עלטערער ברודער פלעגט ברענגען אהיים. דייטש האָב איך זיך אויסגעלערנט פון מיין מוטער זייער שנעל. די רייזעס צום זיידן, דעם רב אין מעמעל, פּרייסן, האָבן נאָך מער פאַרבעסערט מיין קענטעניש פון דער שפּראַך.

און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די יאָרן פון שפּאַצירן איבער דער פּיאָטרקאָווסקע גאַס, די הויפּט־גאַס פון לאָדזש, אַ שבת נאָך דער שולע,

האָט אַט דער סאָרט לייענען, דייטשישע ביליקע שונד־ראָמאַנען, גנהאַט א פּונקט־פּאַרקערטע ווירקונג אויף מיר, ווי מען וואָלט געקאָנט האָפן: איך בין אָנגעפּילט געוואָרן מיט א ברענענדיקן האַס צו די „מענער", מיט ממש א ברוטאַלער איראָניע צו די אינגלעך, וואָס האָבן זיך געוואָלט דער־נעענטערן צו מיר אויף א שילער־באַל, אָדער א פּיקניק, אָדער אויף א זומער־וואַנדערונג. איך בין געווען באַלעזן, האָב געקאָנט ענטפערן און געבן א מיאוסן גאָב א חוצפּהדיקן נפש און — בין דעריבער געווען איינזאַם. אַלע מיידלעך האָבן געהאַט פריינט, האָבן געטאַנצט, זיך גע־גליטשט מיט די גימנאַזיסטן, געשריבן בריוו און באַקומען בריוו; איך האָב געלייענט דאָסטאָיעווסקין און טורגעניעוון, געשריבן אין קלאַס קאָמ־פּאָזיציעס, וואָס האָבן דעם לערער פון רוסישער ליטעראַטור, פּיאָדראָוו, געצוואונגען איינמאָל הייסן מיר אָנשרייבן א זאַך אין קלאַס, כדי צו זען, ווער עס העלפט מיר. עס איז געווען א טעמע וועגן „מיין פאָטערלאַנד", וואו איך האָב באַשריבן פּוילן, אירע דערפער, טייכן און דאָס פאָלק, איר שיקזאַל און די צעטיילונג. איר צוקונפט וועט אַמאָל צוריק אַריבער־גיין אין די הענט פון אַזעלכע העלדן, ווי יאַן סאָביעסקי און קאָסציושקאָ, האָב איך געשריבן.

„דאַ טי או נאַם בונטאַווּשטשיצאַ" (דו ביסט ביי אונדז א בונטאַרקע), — האָט געזאָגט מיין קלאַסן־אויפזעערין, ווען זי האָט עס באַקומען צו לייענען פון אים, און פון דער צייט אָן איז מיר געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. לערער, וואָס האָבן פריער מיר געגעבן אויסצייכענונגען, האָבן אָנגעהויבן מיך שלעכט באַהאַנדלען. ספּעציעל האָט זיך גענומען צו מיר דער לערער פון מאַטעמאַטיק. ער האָט אַמאָל געמאַכט א טעות אין אַן אויפגאַבע און איך האָב עס „געוואַגט" צו זאָגן, ווי תמיד, ווען מען מאַכט א טעות. מער האָט מען נישט געדאַרפט. „חוצפּהדיקע זשידאָווקעס מוזן זיך אַרויסכאַפּן מיט זייער לשון" — האָט ער א זאָג געטאָן. דער קלאַס איז געוואָרן פאַרגליווערט. „אפילו א גאָט, האָט איר געזאָגט, קאָן מאַכן א טעות. און איר זייט נישט מער ווי א לערער. איר זייט אַליין אַמאָל געווען א שילער," — איז געווען מיין ענטפער.

די קלאַסן־אויפזעערין האָט מיר געהייסן פאַרלאָזן דעם קלאַס. די חברטעס האָבן מיט פרייד געקוקט אויף מיר. זיי האָבן געוואוסט, אַז די אָנגעצויגנקייט מוז פּלאַצן. א פּעדאַגאָגישע באַראַטונג איז פאָרגעקומען און מען האָט מיר אויסגעשטעלט פאַר „אויפפירן זיך" א 4, אָנשטאָט א 5,

ווייל איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל מיינע ווערטער ניט ציען צוריק, ווייל ער האָט געמאַכט אַ טעות. ווען איך טראַכט וועגן אים — און יאָרנ־לאַנג האָבן מיר, שילערינס, אים געהאַט צו געדענקען, אַזוי סאַדיסטיש האָט ער אונדז געפּייניקט ביי די עקזאַמענס, — ווער איך איבערצייגט, אַז איך האָב אים געהאַסט מיטן גאַנצן האַס פון אַ מיידל צו אַ מאַן, וועלכער איז אָפּשטויסנדיק און זוכט זיך אריינצוגנבענען אין דער סימ־פּאַטיע פון אַ פרוי: ער פלעגט זיך אָפּשטעלן ביי מיין באַנק, פלעגט רעדן צום קלאַס, קוקנדיק אויף מיר; פלעגט, בעת דער לעקציע, פרעגן, צי איך האָב דעם זונטיק נישט צופיל שפּאַצירט און איך האָב, מיט אַ קוים פאַרהאַלטענער איראָניע, געענטפערט אויף זיינע פראַגעס, באַקוקנדיק אים פון אויבן ביז אונטן, שוין גאָר נישט ווי אַ שילערין פון פערצן יאָר (אַזוי האָבן געקוקט די העלדינעס פון די ביליקע ראָמאַנען, וואָס איך פלעג נאָך, פון צייט צו צייט, לייענען). דורך אָט דער פאַלשער דערציאונג האָב איך זיך אַליין בארויבט פון אַזעלכע איבערלעבונגען, ווי די ערשטע פלירטן און ראָמאַנען אין שול־עלטער. אָנשטאָט דעם האָב איך זיך פאַר־ליבט צוערשט אין מיין פראַנצויזישער לערערין, וועלכע האָט דאָס אויס־גענוצט און פון מיר געמאַכט אַ שקלאַף, מיט האַרץ־קלאַפּעניש און שעהן־לאַנגע שפּאַצירן ביי איר וואוינונג, מיט אַהיימטראָגן שווערע פּעק מיט „קאַיעטן" און פעקלעך ביכער, און וועלכע האָט געהאַט איר אייגענעם ראָמאַן מיט אונדזער בילד־שיינעם געאָגראַפּיע־לערער.

מיין צווייטע ליבע איז געווען — דער אוראַלטער לערער פון פּוילישער ליטעראַטור, לאַווקאָוויטש, וועלכער האָט אַזוי שיין געקאָנט דערציילן וועגן די העלדן פון פּוילישן פאָלק, — ער האָט מיר דערמאָנט אָן מיין פאָטער, מיט זיינע דערציילונגען. איך פלעג פאַרגעדענקען אויפן אָרט זיינע גע־שיכטעס און זיי רעציטירן פאַרן קלאַס. דאַן האָב איך שוין אַ גאַנצן קוואַרטל נישט געדאַרפט אַרבעטן: ער האָט מיר געגלויבט אויפן וואָרט. זיין שטימע איז געווען צווישן די פּאָר שטימען, וואָס האָבן מיר געהאָלפן אין דעם סכסוך מיט יענעם רויט־האָריקן מאָנסטער פון מאַטעמאַטיק (זינט יענער צייט מוז איך זיך ממש צוריקהאַלטן פון באַיקאָט אויף רויט־האָריקע מענטשן).

די שול־יאָרן האָבן געבראַכט אַ גרויסע אַנטוישונג ביי אונדז אין שטוב: איך האָב נישט באַקומען דעם גאָלדענעם מעדאַל, וועלכער איז געלעגן אַ זיכערער פאַר מיר ביזן זעקסטן קלאַס: נישט באַקומען אים

צוליב אַזאַ זאַך ווי שול־פּריינטשאַפט. לעבן מיר איז יאָרנלאַנג געזעסן אַ דייטש מיידל, מיט וועלכער איך בין געווען באַפריינדעט. זי האָט נישט געקאָנט שרייבן קיין קאָמפּאָזיציעס, האָב איך געמוזט שרייבן פאַר אונדז ביידן. און אין אַלע שפּראַכן אַזוי. האָב איך געמוזט טראַכטן פאַר צוויי. און ווען מען האָט אונדז צעשיידט, האָב איך געמוזט איר אַריינשטעקן דאָס צעטל סיי־ווי, און דאָס האָט געמאַכט מיין אַרבעט מינדערווערטיק. אָבער די פּריינטשאַפט איז געווען אַ הייליקע זאַך. אין שטוב האָט מען דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין. איך האָב עס לאַנג געפּילט.

יוגנט־קאַמפּן און יוגנט־חלומות

צופאַלן און אויסערלעכע פּאַסירונגען באַשטימען אָפט אונדזער לעבנס־וואַנדל. עס איז אָבער זעלטן, אַז כאָאָס זאָל עס טאָן. ביי מיר איז עס געווען אַזאַ פאַל.

איך האָב נישט געטראָפן אין די זוכענישן און באַגעגענישן פון מיינע דערוואַקסענע יאָרן קיין איינציקן מענטשן, וואָס זאָל האָבן געלעבט אין אַזאַ כאַאָטישער וועלט פון איינדרוקן, איינפלוסן און ווירקונגען, ווי איך. איך האָב נישט געלייענט וועגן אַן ענלעכן פאַל פון אַליין זוכן און געפינען דאָס ריכטיקע אין אַ האָפענונגסלאָזער סביבה, אָן אָנווייזונגען, אָן הילף, אָן עצות. איך האָב אָבער אויך נישט געזען קיין צווייטן מענטשן, וואָס זאָל האָבן אין לעבן אַזוי פיל מזל. און אַזוי ביז היינט צו טאָג.

אַלץ, צו וואָס איך האָב געשטרעבט אין מיין לעבן, האָב איך דער־גרייכט. די הויפּט־זאַך: אָן קאָנפליקטן, אָן צעבראָכענע פּריינטשאַפטן, אָן ביליקע סצענעס, אָן גרויסע אַנטוישונגען, אויב מען זאָל נישט רעכענען — פּאָליטישע אַנטוישונגען. אָבער דאָס איז דאָך שוין אַ געזעלשאַפט־לעכער ענין, און וועגן דעם — שפּעטער. און אָט דער וועג פון וועלן עפּעס און דערגרייכן עס ציט זיך, ווען איך קוק אויף צוריק, איבער אַ גרויסן שליאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און אויך — איצט.

ווען מען האָט מיך צום ערשטן מאָל געפירט אין אַ שולע אין דער שטאָט לאָדזש, האָט זיך פון גרויס פּחד פאַר דעם אומבאַקאַנטן און נייעם, אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין מיר אַ נייע איינגנשאַפט: איך האָב זיך

געצוואונגען צו קוראַזש, צו העלדישקייט. דאָס איז פאַרבליבן אויף לאַנגע יאָרן ביי מיר. אין די מאָמענטן פון גרעסטער געפאַר און שרעק פלעג איך, מיט גרויס אָנשטרענגונג, ווערן שטאַרק און מוטיק, קוקן דער געפאַר אין די אויגן, גרייט זיין צו שלאָגן און צו מזיקן, אין דעם קומענ־דיקן אויגנבליק.

דאָס צווייטע געפיל, וואָס איך האָב אַנטוויקלט אין זיך, שוין אין דער שולע, איז געווען — אַ געוואַלטיקע אַמביציע, אַ ממש קראַנקהאַפטע טענדענץ צו זיין אומעטום די בעסטע, צו שלאָגן אַלע רעקאָרדן. דאָס איז געווען דער שטילער אָפּמאַך צווישן מיר און מיין מוטער: זי איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די נאַרונגס־קראַפט פון דעם געפיל. זי אַליין האָט געלייענט אַ סך, געקאַנט גוט די דייטשישע קלאַסישע ליטעראַטור, ליב געהאַט שילערן און געטען, געקאַנט די ווערק פון היינע און לודוויג בערנע, און מיר אויך צוערשט דערציילט וועגן די געפייניקטע פוילישע „פּאָוו־סטאַנצעס" אין דער ליטע, אויף זייער וועג קיין סיביר. איך האָב מיט מיין קינדערשן שכל באַלד אויסגעפונען, אַז זי האָט געקאָנט זיין אַ סך גליקלעכער מיט אַן אַנדער מאַן, ווי מיט מיין פאָטער, מיט אַ מער־וועלטלעכן און אינטערעסאַנטן, מיט אַ וויינער־פּרומען און פאַטאַליסטישן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די ניט־באַפרידיקטע, פּייאיקע און טאַלאַנטפולע פרוי וועט ביי אירע קינדער זוכן און וועלן געפינען דאָס, וואָס זי האָט ניט געהאַט אין איר פערזענלעכן לעבן. האָב איך באַשלאָסן איר דאָס צו געבן און אויך — געווירקט אויף מיין ברודער (דעם אמתן, נישט דעם שטיף־ברודער) ער זאָל אויך ווערן עפּעס אַ באַרימטער אינזשענער, אָדער וויסנשאַפטלער. אויך דאָס אייגענע האָב איך געוואָלט ווערן, נאָר מיין אַמביציע איז געלעגן אין אַ קאָנצערט־האָל אָדער אין אַ גרויסער רע־דאַקציע. איך האָב שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו שרייבן קליינע דער־ציילונגען פון קינדער־לעבן, באַאיינפלוסט פון די פוילישע שרייבער סיענ־קעוויטש, אָרזשעשקאָוואַ און קאָנאָפּניצקאַ. איך האָב זיי געלייענט אויפן הויף פאַר מיינע פריינט און פאַר מיין מוטער. זי האָט געוואָלט, איך זאָל אויך פרעמדע שפּראַכן לערנען, און דערפאַר האָט מען מיך אָנגעהויבן מיטצונעמען קיין דייטשלאַנד, צו מיין זיידן.

און דאָ קומט ווידער דאָס אומנאַרמאַלע אין מיין אַנטוויקלונג. דאָרט, אין דעם קליינעם שטעטל מעמעל, האָט אַ גרויסער דייטשישער געלערנטער, אַ פילאָסאָף און דענקער, גענראַפט מיר צוערשט דערציילן וועגן רוסלאַנד,

ווענן דעם צאר, ווענן קאראלענקא און טאלסטאי, ווענן די דעקאבריסטן און ווענן דעם קאמף פון די קאווקאזישע פעלקער קעגן דעם צארישן אימ־פעריאליזם. דאס איז געווען רודאלף ציגלער, — ווי איך האב שפעטער זיך דערוואוסט, — אן אנארכיסט. און דאס איז געווען דער קער־פונקט אין מיין שפעטערדיקער געזעלשאפטלעכער ארבעט: מיין ענערגיע און קראפט איז אוועק, להיפך דעם פוילישן פאטריאטיזם פון מיין פאטער און זיינע ברידער, און איבער די פוילישע נאציאנאליסטישע טענדענצן, צו באקעמפן דעם צאריזם גופא.

ווען און וואו איז געקומען דער אידישער מאמענט? פארוואס האב איך, נישט קענענדיק אידיש רעדן און שרייבן, נישט קענענדיק דעם איד, אלס א פאלק, נאר אפגעזונדערטע אידן, ווי א „פאכציארזש", וואס פלעגט ברענגען מילך, אדער א נאפט־איד, — זיך געפונען מיט יארן שפעטער, אלס זעכצן־יאריקע, אין די רייען פון א אידישער רעוואלוציאנערער באוועגונג?

עס איז נישט געקומען אן שווערע אינעווייניקסטע קאמפן. עס האט טאקע געצויגן צוערשט, און זייער שטארק, צו דער פוילישער פאלקס־מאסע, מיט וועלכער איך בין אויסגעוואקסן דורך די אינאוולאדזער פויערים און די „פליסאקעס" פון דער ווייסל, אין מיין היימיש דערפל ברזשוסטאוווקא און דורך מיין אם, קאסיא, וועמעס מילך עס האט מיך געראטעוועט פון א שווערן מאגן־קאטאר אין דער צארטסטער קינדהייט.

אבער שפעטער איז צוגעקומען א שטארקער אויפטרייסלענדיקער מאמענט, ווען איך האב אלס דריי־יאריק קינד צום ערשטן מאל געזען א אידישן פאגראם, ווען א שווער־פארוואונדעטער איד, מיט א לאך אין קאפ, האט זיך געראטעוועט פון רוסישע כוליגאנעס צו אונדז אין קיך, בעת די צארישע פאליציי האט אין לאדזש געוואלט דערטרינקען אין אידיש און ארבעטער־בלוט דעם גרויסן סטרייק אין פאזנאנסקיס פאבריק אין 1892.

דער מאמענט איז געבליבן ווי א חוב ביי מיר אין דער נשמה צו די אידן. צו די ארעמע אידן. אנדערע אידן, איידער מיר. ווייל אונדז האט מען נישט געשלאגן. מיר זיינען געווען די, וועלכע זיינען נישט געשטאנען אויפן מארק. מיר האבן געהאט א פויליש דינסטמיידל. מיין עלטערער ברודער האט געהאט א דערלויבעניש צו טראגן א רעוואלווער. ער האט געהאט באקאנטשאפטן מיט רוסישע אפיצערן און פוילישע פריצים. ער

פלעגט אַרומפאָרן מיט זיי אויף זייערע גיטער. מיר ביידע, דער אינגערער ברודער און איך, האָבן געוואַלדיק געהאַלטן פון דעם עלטערן ברודער, צוליב זיין פרייען לעבן, מיט אַ רעוואָלווער אין קעשענע. (יעדן אין דער פרי פלעגן מיר, גייענדיק אין דער שולע, כאַפּן אַ קוק אויף דעם פאַר־ניקלטן, שווערן „סמיט ענד וועססאָן", — אַזוי האָט זיך געלייענט דער אויפשריפט אויפן רעוואָלווער). מיר האָבן געלייענט ברעט האַרט און „געלעבט" אין די פּרעריס פון אַמעריקע, וואו לויט זיינע דערציילונגען עס פלעגן אָפט פאָרקומען מחלוקתן מיט אינדיאַנער. מיר זיינען אים מקנא געווען, וואָס ער איז אַרויס צו די כוליגאַנעס, בעתן פּאָגראָם, און געשאָסן אין זיי. אָבער איך האָב שטענדיק געהאַט פאַר זיך דאָס בילד פונעם פאַר־וואונדעטן, טויט־בלאַסן איד פאַר מיינע אויגן און זיך מיט אַ מאָדנעם געפיל פון פליכט פאַרקראַמפּט אין דעם געדאַנק אָנצונעמען זיך אַמאָל פאַר דער אידישער קריוודע.

דער צווייטער מאָמענט פון פילן זיך איינס מיט דעם אידישן פאָלק איז געקומען, ווען איך האָב דערזען, שוין אַלס 15־יאָריק מיידל, אַ דעמאָנ־סטראַציע פון אַזעלכע יונגע, ווי איך, בחורים און מיידלעך, דעם ערשטן מאַי. זיי זיינען געגאַנגען אין מיטן גאַס, שטרומפּן־וועגקער און מאָדיסט־קעס, מיט געזאַנג און מיט אויסגעשרייען אויף אידיש: „נידער מיט דער זעלבסט־הערשאַפט!", „זאָל לעבן דער ערשטער מאַי!" אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען דער עולם האָט גענומען שטראָמען פון די געוועלבער אויף די טראָטואַרן און געקוקט מיט שרעק אויף זיי, האָבן זיי פאַנאַנדער־געוויקלט אַ רויטע פאָן, מיט אידישע אויפשריפטן, וועלכע דער ווינט האָט נישט געלאָזן לייענען, און מיט צוויי פאַרפלאָכטענע הענט. עמעצער אין גאַס האָט געזאָגט מיט שרעק: „דאָס זיינען די „אחדותניקעס", אַלע האַלטן זיך צוזאַמען"...

דאָס איז געווען אַ פאַרכאַפּנדיק בילד. אַ קליינע גרופּע מאָגערע אינגלעך און מיידלעך האָט מיט אַן אמתער נאַטירלעכער פרייד געגעבן צו וויסן דער וועלט וועגן זייער לעבן. זיי האָבן מיט דעם מוט פון אייפ־ריכטיקע קעמפער זיך אוועקגעלאָזן אויפן וועג פון געפינען זייער אמת. עס איז געווען אַזוי אַנדערש, ווי יעדן טאָג, אַזוי העלדיש־אומדערשראָקן, ווייל עס זיינען שוין געלאָפן סטראַזשניקעס און סטרוזשעס פון די טויערן, אַז איך האָב מיט איין קער זיך אַ דריי געטאָן צו זיי אין די רייען און אוועקגעוואָרפן די ביכער מיט די קאַיעטן אין אַ טויער אַריין. מיר זיינען

געגאַנגען נאָך אַ פּאָר מינוט. מיר האָבן געזען, ווי דער פּאַנען־טרעגער ווערט אַרומגערינגלט מיט עטלעכע בחורים און די פּאַן ווערט אַראָפּגעלאָזן און באַהאַלטן. דאַן זיינען אָנגעקומען סטראַזשניקעס אויף פערד און מען האָט אונדז אַלעמען אָפּגעפירט אין פּאָליציי־צירקל. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ רירנדיקע סצענע: ווען מען האָט אונדז גראָב און פרעך אַריינגעשטופּט אין אַ קאַמער, האָט אַן אַרבעטערין מיך דערקענט, — זי האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק פון מיין מוטערס אַ קוזינע, אַנטקעגן אונדזער וואוינונג. מיט אַן אומפאַרגעסלעכן פאַר מיר געפיל פון מענטשלעכקייט האָט זי מיך געוואָלט ראַטעווען פון די קלעפּ און האָט פאַרלאַנגט דעם פּריסטאַוו, כדי אים צו זאָגן, אַז איך בין נישט קיין דעמאָנסטראַנט, אַז איך בין נאָר אַ שול־קינד און אַ צושויער פון טראָטואַר. זי פלעגט מיך געווים זען אָפט אין זייער פאַבריק־הויף, ווען איך פלעג קומען צו מיינע קוזינקעס צו פאַרברענגען. איך האָב אָבער ניט געוואָלט האָבן קיין גרינגערן גורל, ווי זיי, און געזאָגט, אַז איך אַרבעט אין אַ דערבייאיקן וואַרשטאַט. מע האָט אונדז אַלעמען געגעבן קלעפּ און איך האָב צעקראַצט דעם פּריסטאַוו. אין אָוונט האָט מען מיך אָפּגענומען אַהיים. מיין אָנקל, אַ גרויסער אַדוואָקאַט, האָט פון זיין קאַנצעלאַריע טעלעפאָנירט צום פּרעזידענט פון שטאָט, אַז „זיין" פּאָליציי אַרעסטירט קינדער פון בכבודיקע און „לאָיאַלע" בירגער... מען האָט מיך אַהיים גענומען און די פּאָן איז אַרומגעוויקלט געווען אַרום מיר. מען האָט זי געראַטעוועט, און דאָס, האָבן מיר געזאָגט מיינע אומ־באַקאַנטע, שוין טייערע חברטעס, איז די הויפּטזאַך אין אַ „פּראָוואַל" (אַ דורכפאַל).

דאָס איז געווען מיין צווייטער חוב צו מיין שטאָט. אין יענע עטלעכע שעה האָב איך אַ סך געלערנט, צוב 40 טאָן מאָל שנעל געטראַכט, אָפּ־געשלאָסן אַן עטאַפּ פון דער קינדהייט, דערפילט אַזאַ זאַך, ווי קאָנקרעטע חברשאַפט צו אומבאַקאַנטע מענטשן, וועלכע זיינען „אַנדערש", ווי אַלע, ווי די שטוביקע; נישט געבענקט אַהיים, אָבער אויך נישט געהאַט קיין מורא פאַר אַ שטראָף. עפּעס בין איך אויסגעוואַקסן פּלוצלונג, און אַזוי וויט און נישטיק האָבן אויסגעזען מיינע גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס פון נעכטן און די קליינע גלענצנדע שול־קאָמפּאָזיציעס, וואָס מיין רוסישער לערער, באָגאַדאָוו, מיין ערשטע אמתע „ליבע", פלעגט פון זיי נתפעל ווערן, לויבנדיק מיך געוואַלדיק, בעת איך פלעג חוצפּהדיק ענט־פערן: „אָבער אויף פּויליש שרייב איך נאָך בעסער!"

דאָס אַלץ איז געקומען אויפֿן זכרון אין די שעהן פֿון דעם ערשטן, נישט־קינדערשן, טראַט איבער דער ברייטער פּיאַטריקאָווער גאַס אין לאָדזש. מיט דעם האָט זיך געענדיקט די אַ ביסל ווילדע, כאַאָטיש־געפּירטע און פֿון קיינעם נישט ערנסט באַאיינפֿלוסטע, קינדהייט פֿון אַ אידיש־פּוילישער אַסימילירטער משפּחה, וואו אידיש איז געווען: „זשאַרגאָן", די שפּראַך פֿון „שוסטערס און מאַרק־ווייבער", און וואו די וועלט פּלעגט זיך איינטיילן אין מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט אַ קאַריערע און זיינען געווען גליקלעך, און מענטשן שלימזלניקעס, פֿאַר וועמעס טעכטער מען האָט געדאַרפֿט קלייבן אויף „נדן" און שיקן זיי נאָך די חתנים קיין „אַמעריקע".

אין דעם פֿינפֿטן קלאַס גימנאַזיע האָב איך זיך אַמאָל צעבונטעוועט קעגן מיין באַשטימטן גורל פֿון אַ „מעדאַליסטקע" און גלענצנדער שילערין: עס איז געווען אַ וויטיק פֿאַר מיין מוטער, ווען איך האָב אויפֿגעהערט צו ברענגען „פֿינפֿערס" פֿאַר אַלע לימודים, און ווען מיינע לערער פּלעגן אָפֿט קוקן אויף מיר און נישט פֿאַרשטיין, וואָס מיט מיר קומט פֿאָר. פֿאַרוואָס איך בין פּלוצלונג געוואָרן פֿאַרטראַכט, שטעל פֿראַגן וועגן „אַבסאָלוטיזם", וועגן דער פּוילישער פֿראַגע, דעם אויפֿשטאַנד פֿון 1863 און דער רעוואָלוציע פֿון 1789. איך האָב באַקומען דעם שם פֿון זאָגן „דערזאָסטי" (חוצפּהדיקע רייד).

אין יענע ציטן האָב איך שוין געלייענט ציטונגען, ליבעראַלע זשורנאַלן; אונדזער קרייז פּלעגט רעציטירן גאַרקיס „שטורעמפֿויגל", און אומלעגאַלן באַנד מיצקיעוויטשעס „דזיאַדי" (די זיידעס).

ענדלעך בין איך אַריין אין אַ קרייז, וואו מען האָט געלייענט און רעפֿערירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און שפּעטער פּלעכאַנאָווס ווערק. איך האָב געוואָלט פֿאָרן קיין פּעטערבורג אויף די העכערע פֿרויען־קורסן. דערצו האָט מען געמוזט האָבן אַכט קלאַסן גימנאַזיע און נישט בלויז זיבן.

איך האָב געהאַט אַ שווערן קאַמף מיט מיין מוטער, איידער מען האָט מיך אַוועקגעשיקט אין רעוועל, עסטלאַנד, צו אַ דאָרטיקער קרובה, מיטן צוועק צו ענדיקן דאָרט אַן אַכטן קלאַס.

עס איז געווען מיין ערשטע רייזע אַליין. מורא האָב איך נישט געהאַט פֿאַר קיינעם און פֿאַר קיין זאַך. נאָר מיין מאַמעס גרעסטע צרה איז געווען מיין „שיינקייט". איך אַליין האָב נישט געהאַלטן פֿון זיך, ווייל איך בין געווען צו דין, מיין אידעאַל איז נאָר געווען אַ האָלענדיש פֿעט

מיידל אין דער שולע. אָבער מיין ברודערס פריינט, די „לאָבוזעס", פלעגן מיך נישט לאָזן דורכגיין די גאַס אַליין. זיי פלעגן אין גאַנצע גרופּעס פּלוצלונג אַרויסשפּרינגען פון הינטער א „קאַוויאַרניע" און יעדער האָט געוואָלט גיין פון דער רעכטער זייט מיט מיר, ביז א לערער פלעגט אונטער־קומען און נעמען זייערע נעמען, אָדער מיין „קלאַסן־דאַמע" פלעגט מיך טרעפן און הייסן גיין אַליין.

האָט די מאַמע געהאַט מורא פאַר דער רייזע איבער ריגע און יוריעוו און רעוועל. מען האָט מיך געבראַכט ביז וואַרשע און דאָרט געוואָלט „צוטשעפּען" צו א קוזין, א קאַמי־וואָיאַזשאָר, וואָס איז צוויי מאָל א יאָר געפאָרן קיין וואַרשע איינקויפן גאַלאַנטעריי פאַר רעוועל. האָט דער קוזין דווקא געוואָלט פאָרן אַליין, אָן מיר... האָט מיין מוטער באַשלאָסן, אַז זי וועט געבן דעם קאָנדוקטאָר פינף רובל און וואַרשע און הייסן אים מיך אַרונטערלאָזן אין רעוועל, אין די הענט פון מיינע קרובים. באַלד נאָך וואַרשע, ביינאַכט, איז אַריין אין מיין אַפּטייל א רוסישער פּאָלקאָווניק מיט א פּוילישן פריץ און צוויי גרויסע יאַגד־הינט. איך בין געווען אַליין אין א צווייטן־קלאַס אַפּטייל. איך האָב געקוקט דורך די שויבן אַזוי לאַנג, ווי מיין מוטער איז נאָך געווען אויף דער סטאַנציע. דאַן האָב איך ווייטער געקוקט און געטראַכט, אַז עס איז גוט אַמאָל צו זיין אַליין אויך. אַלעמאָל פלעג איך פאָרן מיט דער מוטער און מיט מיין ברודער אָדער פאָטער. די רייזע האָט געדאַרפט דויערן דריי טעג. האָט מען מיר צו־געגרייט עסן און געהייסן נישט אַרויסגיין אויף די סטאַנציעס. אָבער עס איז געווען זומער און אויף די קליינע אָפּשטעלן פון צוג פלעגן שטיין סטודענטן און מיידלעך און עס איז געווען א שטיקל פרייד, ווען זיי האָבן אַריינגעקוקט דיר טיף אין די אויגן מיט א באַוואונדערונג אָדער מיט א דרייסט וואָרט. איך האָב זיך געפילט זיכער, ווייל, ביז רעוועל וועט דאָך קיינער נישט פאָרן מיט מיר. קאָן איך אויף זיי קוקן, וויפיל איך וויל. אָבער דאָ איז אַריין דער פּאָלקאָווניק מיט די הינט. דער פּוילישער פריץ האָט זיך אָפּגעזעגנט און מיר זיינען געבליבן זאַלבעפערט מיט די הינט. איך האָב גאַנץ שטרענג אויף פּויליש געזאָגט, אַז דאָ איז א פרויען־אַפּטייל און אַז דאָ קאָן א „סאָלדאַט" נישט זיצן. איך געדענק מיין גרויסן שטרויענעם הוט, מיט „ניעזאַבודקעס" און א זומערדיק בלוי קליידל, מיט פאַלבאַנקעס. איך בין געזעסן שטייף אויף מיין פּלוש־בענקל, דריי פאַרטאָג, און נישט געוואָלט שלאָפן: א ביסל איז דאָס געווען

אומבאַקוועם, ווייל די טיר האָט נישט געהאַט קיין שליסל. און דאָ קומט נאָך אַזאַ נפש, אַ גראָבער, מיט הינט און זאָגט, אַז דער צוג איז איבער־געפּאַקט, און אַז דער קאָנדוקטאָר האָט אים דערלויבט דאָ צו זיצן. ער האָט אים געגעבן 5 רובל, ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז בלויז „איין באַרישניע״ פאָרט אין דעם ליידיקן קופּע.

ער האָט מיך געפרעגט, אויב איך וויל, אַז ער זאָל אַרויס מיט די הינט און אָנהייבן זוכן אַ נײַ אָרט? און אויסערדעם דאַרף איך שלאָפן: סינדער טאָרן נישט זיצן אַזוי שפּעט...

איך האָב אים אַ וואָרט נישט געענטפערט, האָב גענומען מיין קליין פּעקל מיט עסן און בין אַריין אין דעם שכנישן וואַגאָן פון דריטן קלאַס.

פּאַפּיראָסן־רויך, אויפגערעגטע שטימען פון אַ מאַסע סטודענטן און אַ פּאָר דינע דיסקאַנטן פון מיידלעך האָבן געפירט אַ פאַרכאַפּנדיקע דיס־קוסיע און דאָס וואָרט „זאַבאַסטאָווקאַ״ (סטרייק), נײַ און אומבאַקאַנט, האָט אַריינגעהילכט אין מיין אויער. אין ערגעץ איז נישט געווען קיין אָרט. אַלץ אָנגעפּאַקט מיט טשעמאָדאַנעס אויבן און אונטן, צווישן זיי — סטודענטן: מען איז געפאָרן צוריק אין אוניווערסיטעט, אין פּעטערבורג, און עס איז געשטאַנען די פראַגע פון אַן אַלגעמיינעם סטודענטן־סטרייק אין 1902. אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום דער פראַגע פון אויטאָנאָמיע פון אוניווערסיטעט און פון אַרויסטרייבן די פּאָליציי אין פאַל פון אַ קאָנ־פליקט. אַלע האָבן גערעדט אין גרופּעס: ביאַליסטאָקער, ווילנער, מינסקער, וואַרשעווער יוגנט, טייערע, יונגע קעמפערישע פּנימער. אַזוי אַנדערש פון אונדזער פּוילישער יוגנט, מיט נײַע, פאַרכאַפּנדיקע לאָזונגען, נײַע פּערספּעקטיוון, קאַמפן!

איך בין געבליבן שטיין אויפן שוועל פון וואַגאָן און נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ביז אַ שטימע פון אַ מיידל האָט זיך דערהערט: „טוט יעסט מיעסטאָ, סאַדיטיעס!״ (עס איז פאַראַן דאָ אַן אָרט, זעצט זיך!), און אַ פּאָר בחורים האָבן אַ שאָס געטאָן פון זייערע ערטער, נאָכדעם ווי זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט קוקן אויף מיר און אויף מיין קאָסטיום, וועלכער איז, ליידער, געווען אַזוי נישט צוגעפּאַסט צו זייערע פּשוטע, נאַטירלעכע אוניפאָרמען. דער שמועס איז געפירט געוואָרן ווייטער אַרום דער פראַגע. איך האָב געשוויגן און זיך צוגעהערט, ווייל אויב זיצן אַ גאַנצע נאַכט — האָב איך דאָ נאָך בעסער געקאָנט זיצן: די סטודענטן האָבן זיך „געקאָכט״ און אַרום מיר איז געוואָרן ליידיק.

דאָס מיידל האָט מיט מיר אָנגעהויבן אַ שמועס. זי איז געווען אַ סטודענטקע פון מעדיצין, אין דריטן קורס. זי האָט געוואָלט נעמען באַקטעריאָלאָגיע און האָט געוואָלט בייטן דעם אוניווערסיטעט, גיין אין מאָסקווע. אָבער אַ טראַנספער איז געווען אוממעגלעך, ווייל זי האָט שוין געהאַט אַ שם פון אַ „זאַבאַסטאָווטשטשיק" און אירע פּאַפּירן האָט מען אָפּגעוואָרפן. איצט פאָרט זי אויף אַ „טויטן סעזאָן", ווייל עס גרייט זיך אַ סטרייק. זי האָט זיך זייער פריינטלעך און מוטערלעך צו מיר באַצויגן, מיר געגעבן מוט צו דער מעדיצינישער פּראָפעסיע (וועלכע איך האָב אויסגעקליבן אַלס מיין צוקונפטיקע קאַריערע) און האָט איינגעשטילט מיט אַ פּאָר ווערטער די סטודענטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו זינגען: „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ", ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַ פּוילישע, כאָטש מיט זיי האָב איך גערעדט רוסיש, נישט ווי מיטן אָפּיצער. ווען איך האָב זיי דערציילט, אַז דער קאָנדוקטאָר האָט באַקומען 5 רובל קיינעם נישט אַריינצולאָזן, האָט איינער פון זיי, דאַדיאַ גורלאַנד, באַשטימט אַ דעלעגאַציע אָנצוברעכן די ביינער דעם קאָנדוקטאָר און דעם אָפּיצער. דאָס מיידל האָט אים אָנגערופן „אַנאַרכיסט" און געהייסן זיצן שטיל. זי האָט מיר געגעבן אַן אָרט פאַר די דריי טעג לעבן זיך, געשיקט אין דער פרי די סטודענטן נאָך הייס וואַסער, נאָך אַ מיטאָג אין דעם בופעט, געראַמט פאַר אַלעמען פאַר די ערטער, געהייסן אַ שעה־צוויי דורכן טאָג נישט רויכערן, פאַרנייט אַלעמענס קנעפּ פון די אוניפאָרמען, געהיט די זאַכן און דערציילט מיר וועגן די לימודים, פּלענער, דעמאָנסטראַציעס אין דער גרויסער רוישיקער שטאָט פון רעוואָלוציע — פּעטערבורג...

זי האָט גערעדט פון דער צוקונפט, ווען מעדיצין וועט זיין אַ מלוכה־זאָרג פאַר די מיליאָנען רוסישע פּויערים, וואָס שטאַרבן פאַר דער צייט. זי האָט אויף אַלץ געהאַט אַן ענטפער, אַ פּשוטן, קלוגן, אָן „ביכעריי" און פראַזן. איך האָב ממש געטרונקען אירע ווערטער. דאָ איז געבוירן געוואָרן מיין ענדגילטיקע ליבשאַפט צו דער רוסישער, הערלעכער רעוואָלוציאָנערער יוגנט.

עס איז מיר פאָרגעקומען נאַריש מיין האַס צו דער רוסישער שפּראַך פון די גימנאַזיע־יאָרן, מיין פּריווילעגירטע באַציאונג צו אַלץ, וואָס איז געווען פּויליש — בלויז דערפאַר, וואָס פּוילן איז געווען אונטערן צאַר... וועגן אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און אַרמעניע און די אידן האָב איך נישט געטראַכט...

די שמועסן מיט דער קלוגער אידישער סטודענטקע האָבן אין די דריי טעג פאַר מיר געעפנט נייע פּערספּעקטיוון און האָריזאָנטן.

מיר האָבן זיך צעשיידט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר נאָמען: לינאַ שטערן איז געווען אָנגעשריבן אויפן שטיקל פּאַפּיר. דער אדרעס? ערגעצוואו אין פּעטערבורג אויפן וואסיליעווסקי אָסטראָוו. איצט איז לינא שטערן אַן אַקאַדעמיקער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַ באַרימטער וויסנשאַפטלער, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די וועלט מיט אירע אַנטדעקונגען אין די נייעסטע פּסיכיאַטרישע פּראָצעסן און עקספּערימענטן.

אין טאַפּס איז מיין צוג אַוועק קיין רעוואַל. אירע פריינט און זי האָבן געביטן דעם וואַגאָן און זיינען אַוועק קיין פּעטערבורג.

וועלן מיר זיך נאָך ווען עס איז זען? — וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל דערמאָנען אָן די ערשטע חלומות פון אַ יונגן דור? חלומות, וועלכע זיינען 15 יאָר שפּעטער מקוים געוואָרן?

די לעצטע עפּיזאָדן פון דער קינדהייט. — דער
אַריינפיר אין דערוואַקסענעם לעבן.—די ווירקונג
פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער סביבה

.1

איך געדענק דעם ערשטן אימפּולס אין מיין קינדהייט, וואָס האָט מיך אַריינגעפירט אין דער וועלט פון אַזעלכע וויכטיקע פראַגן, ווי דאָס גרינדן פון אַ משפחה, דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי.

דעם שטויס צו די פראַגן האָט געגעבן אַ חתונה אין אונדזער משפּחה, — פון מיין מוטערס ווילנער פריינטס אַ זון, אַראָן נעמזער, מיט איינער אַ דאָרטיקער שיינער, יונגער מיידל.

די שטאָט לאָדזש, אין פּוילן, וואו מיר האָבן שוין געוואוינט, איז געוואָרן דער צוציאונגס־פּונקט פאַר טויזנטער יונגע בחורים פון דער ליטע און פון קורלאַנד. זיי פלעגן אַריינגיין אַלס לערן־אינגלעך אָדער אָפיציאַנטן אין אַ קאָנטאָר פון אַ לאָדזשער פאַבריקאַנט, און מיט דער צייט ווערן „קאָמי־וואָיאַזשאָרן", אָדער רייזנדע מיט אַ קאָלעקציע פון מוסטערס פאַר די סיבירער און קאווקאַזער געשעפטן. אַזאַ אינגל איז אויך געווען דער אויבנדערמאָנטער אַראָן נעמזער, איינער פון 12 קינדער פון אַ פיש־הענדלער אין ווילנע, מיין מוטערס אַ פריינט, יאַנקל נעמזער.

די כּלה איז געקומען מיט איר חתן צו אונדז אין לאָדזש, און ווען זיי האָבן חתונה געהאַט און ער איז אַוועקגעפאָרן אויף זיין ווינטער־רייזע אין טיף־רוסלאַנד, האָט מיין מוטער אויפגעפּאַסט אויף איר, געגעבן איר עצות, באַקאַנט איר מיט אונדזער משפחה און געלערנט איר לעבן.

אָבער אַרום איר פערזאָן האָט זיך באַלד אָנגעהויבן וועבן אַ בילד אין מיין פאַנטאַזיע, ווען איך האָב געהערט די שמועסן וועגן איר, וואָס מיין עלטערער ברודער האָט געפירט מיט מיין מוטער. ער איז געווען אַ סך עלטער פון מיין צווייטן ברודער און שוין געפירט אַן אומאָפּהענגיקן פרייען לעבן, אַדאַנק זיין אייגענעם פאַרמעגן, וואָס זיין פאָטער (מיין מוטערס ערשטער מאַן) האָט אים איבערגעלאָזן.

ווי איך האָב שוין אַמאָל דערמאָנט, האָט מיין עלטערער ברודער געהאַט ראָמאַנען, וואו עס האָט זיך געטראָפן. און מיט מיין אויפגעוועקטער נייגיריקייט צו אַלץ, וואָס איז נישט געווען באַשטימט פאַר מיינע קינדערשע אויערן, האָב איך עס שטענדיק געוואוסט. געוואוסט וועגן דער שיינער דייטשער מיידל, דעלאַ לאָרענץ, מיט וועלכער ער פלעגט אַרומגיין; אויך וועגן אַ רוסישער אַקטריסע, קאַטיאַ, די פרוי פון אַ פּעטערבורגער קאַפּיטאַן, פון וועלכן זי איז אַוועק צוליב אַ „טעאַטער־

טרופּע", וואו זי האָט אָנגעהויבן צו שפּילן און וואָס איז גאָר געווען אַ נאַכט־קאַבאַרעט פּאַר דער לאָדזשער „גאָלדענער יוגנט".

ווען אויף דעם האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אָט־די שיינע מיידל, אָראָנס פרוי, מיט טיפע שווארצע אויגן און צוויי געוואָלטיקע ברוינע צעפּ אַרום דעם קאָפּ, האָט מיין ברודער אָנגעהויבן איר שענקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט און איך האָב זיך צום ערשטן מאָל פאַראינטערעסירט מיט לעבעדיקע ראָמאַנען, נישט קיין געלייענטע. ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, בין איך גאָר געווען די העלדין, די געליבטע און די פאַרליבטע אין אַ מין פאַנטאַסטישער שפּיל, וואָס האָט זיך געקאָנט אָנהויבן באַלד, ווי איך בין נאָר געבליבן אַליין מיט זיך — אַ פּאָר מינוט נאָכדעם, ווי איך האָב זיי געזען צוזאַמען אָדער באַזונדער.

דאַן איז געקומען אַ גרויסע פּאַסירונג: די אַרומיקע, קוזינעס פון מיין מוטער און מאַריניא, די שטוב־מיידל, האָבן אָנגעהויבן רעדן עפּעס וועגן אַ קינד, וואָס ליזאַ, די יונגע פרוי, דאַרף „באַקומען".

איך געדענק אַפילו דעם געניועזן אויסדרוק: באַקומען. און די אויסזיכט אויף דעם קינד, וואָס מען דאַרף „באַקומען", האָט אויף מיר געווירקט זייער שטאַרק און באַאומרואיקט מיך טאָג און נאַכט. ווער וועט זיין דערביי? ווער קאָן עס זען? ווער וועט עס ברענגען? ווען?

איך בין אַלט געווען 10 יאָר און איך האָב געזען שוין פּאַרטיקע זויג־קינדער ביי די אָרעמע שכנים אין הויף און ביי אונדזער וועכטער, וואו עס איז שטענדיק געווען אַ פרישׂ קינד אין דער וויג, כאָטש אַ סך פלעגן שטאַרבן, — אויך אַ זאַך, וואָס איז געווען ממש צאַפּלדיק מיט אינטערעס און מיט מורא. (איך האָב דעמאָלט צום ערשטן מאָל געזען אַ לוויה — פון אַ אידישער שכנטע אונדזערער, אַן אַלטע פעטע פרוי, וואָס האָט געהאַט צען דערוואַקסענע טעכטער מיט אייניקלעך און אור־אייניקלעך. וועגן איר האָט מען געזאָגט אויפן הויף, אַז זי האָט „גע־פּלאַצט", אַזוי פיל וואַסער האָט זי געהאַט אין קערפּער: אַ נאַאיווע באַצייכענונג פון וואַסערזוכט.

איך האָב געבעטן מיין מוטער מיך מיטצונעמען צו ליזען, ווען דאָס קינד וועט „קומען". זי האָט עס מיר צוגעזאָגט, מיט אַ שמייכל און מיטן וואָרט: „נאַרעלע". און איין פרימאָרגן האָט מען מיין מוטער גערופן צו איר. דאָרט איז געווען אַ „געהיימניספּולע" פרוי, מיטן נאָמען בערטאַ קאָוונער, וועגן וועלכער מיר, די קינדער, האָבן גוט געוואוסט, אַז וואוהין

זי נייט אריין, „באקומט" זיך א קליין שרייענדיק קינד אין דעם הויז.
אזוי איז אויך געווען דאס מאל. נאטירלעך האט מען מיך נישט מיטגענומען אהין. נאר ווען בערטא קאוונער איז פון דארט ארויס, האט שוין דאס קינד געשריען און מען האט עס געוויקלט אין טיכלעך. ליזעס מאן איז נישט געווען אין הויז, ער איז געווען ווידער אויף א רייזע. דערוואקסענע האבן געקוקט אויף דעם קינד און געזאגט, אז עס זעט אויס ווי דער אלטער זיידע אין ווילנע. איך האב זיך צעבראכן דעם קאפ, טראכטנדיק וועגן דעם, ווי אזוי עס איז אזוי פלוצלונג, אין דער פרי, „געקומען" און אט איז עס און אלע האבן עס ליב, און מען צערטלט עס, און מען שיקט א טעלעגראמע צום פאטער און צום זיידן...
איך האב אבער באלד געפרעגט אין שטוב: „פארוואס האט מען זיך נישט געפרייט, ווען לעאניא, דער קוזינעס שטובן־מיידל, האט „בא־קומען" א קינד? פארוואס האט מען עס אוועקגעגעבן אויפן דארף צו א פרעמדער פרוי און לעאניא האט נישט געקאנט בלייבן אין שטוב ווייטער ארבעטן?" מען האט מיר געהייסן גיין אין מיין קינדער־צימער און מיך אויסגעזידלט פאר שטעלן נארישע פראגן.
און בלויז מאריניא האט מיר אין אוונט דערציילט, אז לעאניאס קינד איז א „בענקארט" (אזוי האט זי עס אנגערופן, א בייזע), האט נישט קיין פאטער, און אז לעאניא איז נישט „בלאגאסלאוויעט" געווארן דורכן גלח. איר קינד איז א שאנדע פאר איר, און אז ארעמע מיידלעך דארפן זיך היטן פאר מענער, וועלכע האבן נישט חתונה מיט זיי.

2.

איך האב אנגעהויבן אפט רעדן מיט מאריניאן און מיט די דינסט־מיידלעך פון די אנדערע פאמיליעס. זיי פלעגן זונטיק נאכמיטאג, ווען זיי פלעגן קומען פון קלויסטער, זיך פארזאמלען ביי אונדז אין קיך און דארט פלעגט אויך קומען אפט א „פארנאל" (א לאנד־ארבעטער) פון דארף לאגיעווניקי, וועלכער פלעגט ברענגען פאר א קריסטלעכער פאמיליע פוטער, אייער און הינער. דארט פלעג איך זיך צוהערן, וויפיל דאס הארץ גלוסט, צו אלע מעשיות און פאסירונגען פון זייער באוועגטן שווערן לעבן. דארט בין איך געווארן באהעפט מיט זייערע צרות און לײדן, מיט נישט־באצאלטע עוולות און קריוודעס, מצד דעם „דזשיעדזיץ" און זיינע באאמטע.

זיי דאָרט, אין קיך, האָבן מיך ליב געהאַט און גאָר נישט פאַרבאַהאַלטן פון מיר, און אַ סך שפּעטערדיקע רייפערע פראַגן האָט מיר מאַריניאַ און איר „פאָרנאַל", מיט וועלכן זי האָט שפּעטער חתונה געהאַט, פאַר־ענטפערט.

אָבער פון זיי פלעג איך דאָך אַוועקגיין צו מײַנע ביכער, צו יענעם מאָדנעם כאַאָטישן געמיש פון לודוויג אוהלאַנד, היינריך היינע, קאָראָ־לענקאָ און די שונד־ראָמאַנען . . . דייטשע, ביליקע, 10־פעניגדיקע שונד־ראָמאַנען, וואָס פלעגן קומען פון בערלין און געווען דערלויבט פון דער צאַרישער צענזור פאַרן „גײַסטיקן" פאַרברויך פון די לאָדזשער פאַברי־קאַנטן, זייערע ווײַבער און טעכטער. איך פלעג זיי באַקומען אויסגעליען פון אַ דייטשער פרוי, וועמעס מאַן האָט געאַרבעט אין דער שפּינערײַ פון ראָבערט בידערמאַן, נישט ווייט פון אונדז. פון זייער פאַבריק איז גע־גאַנגען אַ שמאָלער קאַנאַל מיט געפאַרבטער, גאָר שוועבל־שטינקענדיקער, וואַסער און מיר, קינדער, האָבן געהאַסט דעם פאַבריקאַנט פאַר פאַרסמען אונדזערע קאַטשקעס, וועלכע האָבן געפּרואווט שווימען אין דעם קאַנאַל, און פלעגן שטאַרבן, שווימענדיק.

אין לאַנגע ווינטער־אָוונטן פלעג איך זיצן אַליין אין מײַן צימער און לייענען. איינמאָל האָט די מייסטערין געבראַכט פאַר מײַן מוטער אַ פּעקל מיט זשורנאַלן אויף דייטש, מיט בילדער. איך האָב אַ קוק געגעבן אויף זיי און די בילדער האָבן מיך צוגעצויגן. דאָס זײַנען געווען אילוס־טראַציעס צו אַ שונד־ראָמאַן: „די ראָזע פאָן אַמסטערדאַם", מיט עלעגאַנטע אָפּיצערן, יונגע מיידלעך, אַ באַל מיט האַלב־נאַקעטע טענצערינס און שפּאַציר־גענג ביי דער לבנה לענג־אויס אַ טייך. דאָס קעפּל פון דעם ראָמאַן איז געווען פּרעמדלענדיש און טשיקאַווע. אַמסטערדאַם — אַ ווייטע, ווייטע שטאָט. אונדזער שטאָט האָט נישט געהאַט קיין ים. בלויז דעם שמוציקן קאַנאַל, ביי וועלכן די אידן פלעגן פּראַווען „תשליך" און אַריינטרייסלען די עבֿרות פון זיך אין וואַסער אַריין, ווי עס האָט מיר דערקלערט מײַן ברודערס מלמד. איך האָב גאָר נישט געזאָגט מײַן מוטער וועגן די געבראַכטע העפטן פון פרוי פּענערט, און האָב זיי אַליין גענומען שלינגען, באַלד פון דעם אָוונט אָן.

מאַריניאַ האָט געזען די העפטן, געזען די בילדער, מיך אויסגעפרעגט וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָרטן און מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל זיי נישט לייענען; אַז עס איז נישט פאַר קיין „פּאַניענקעס" צו לייענען אַזעלכע

„פּאַסקודנע באַיקעס" און אַז עס וועט זיך שפּעטער „אומקערן אַלץ צו מיר".

איך האָב אָבער ווייטער געלייענט, איין אָוונט נאָכן צווייטן, ביז איך האָב אַלץ פאַרענדיקט. אָן אויפגערעגטע פון די געלייענטע שונד, בין איך אַרויסגעלאָפן אין פּראָסט צו מיין ברודער אויפן הויף זיך גליטשן אויפן פאַרפרוירענעם רינשטאָק, מיט זיינע צוויי פריינט, אינגלעך פון שכנים. ביינאַכט האָב איך זיך צעהוסט — זיך, קאָנטיק, גוט פאַרקילט — און דער קוזין, דר. מוניאַ, אין וועלכן איך בין געווען יאָרנלאַנג שטאַרק פאַר־ליבט, האָט געזאָגט, אַז עס איז מאָזלען און עס קאָן אַריבערגיין אין לונגען־אָנטצינדונג.

די אַטמאָספערע אין שטוב האָט זיך געענדערט. מען האָט גענומען אַרומגיין אַרום מיר, געבראַכט גוטע זאַכן פאַר טרינקען ביטערע מעדיצין, געזעסן ביים בעט. מאַריניאַ פלעגט אַריינקוקן און ברענגען פון גאַס נייעסן. עס איז געווען אַזוי וואַרעם אַרום מיר. אַלע זיינען געווען אומרואיק. די קינדער פון הויף האָבן געשיקט קליינע, האַרציקע מתנות: זייערע ביליקע, אומשולדיקע שפּילצייג, וועלכע איך וואָלט נישט פאַרביטן פאַר די טייערסטע ליאַלקעס פון לאָדזש, אפילו נישט פון דעם אויסלענדישן געוועלב פון ליסנער, וועלכער האָט געהאַט בערלינער און ווינער שפּילצייג אין עלעגאַנטע, רייכע קעסטעלעך. די זיינען אָבער געווען אָרעמע, בלע־כענע קאָך־טעפּלעך, צינענע לייכטערלעך און וואַנעלעך צו באָדן קליינע ליאַלקעס. מיינע שפּיל־חברים האָבן זיך צעשיידט מיט זיי, כדי צו פאַר־שאַפן פרייד מיר, צו וועלכער זיי האָבן נישט געטאָרט אַריינגיין, ווייל איך האָב געהאַט „אָדרע" (מאָזלען).

און די שטוביקע זיינען געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, ווען איך האָב זיך צעהוסט און בלוט איז מיר געגאַנגען פון נאָז. דאָס געפיל פון היים, פון ליבשאַפט צו מיר, פון זיין דער צענטער אויף אַ געוויסער צייט, האָט זיך צעגאָסן איבער מיין גאַנצן מאָגערן, דינעם גוף, האָט מיך גע־מאַכט וויינענדיק אָן אַ סיבה, מיט אַ שטיקל עקשנות אין אויספירן, וואָס איך האָב געוואָלט.

פּלוצלונג האָט זיך אַזוי מאַריניאַ אַ זאָג געטאָן, קומענדיק אָנרייבן מיך מיט אַלקאָהאָל: „עס זאָל נאָר נישט זיין עפּעס ערגערס", ווייל די טעמפּעראַטור איז געווען אַ גאַנץ הויכע און מיין קאָפּ האָט „געברענט", ווי זי האָט געזאָגט.

אירע ווערטער האָבן שטאַרק געווירקט אויף מיר. אָבער נישט אין דער ריכטונג פון טראַכטן וועגן שטאַרבן, ווי איך האָב עס געזען ביי אַ קראַנק קינד פון אונדזער „סטרוזש", וואָס איז געשטאָרבן אויף סוכאָטעס. איך האָב נישט געהאַט קיינמאָל קיין געפיל פון געפאַר — פון אַ סוף צו דער שיינער וואַרעמער היים, פאַמיליע, ליכט, דאָרף, ברידער, פערד און הינט, מיט קאָלעזשאַנקעס (פריינדינען) — דאָס אַלץ, וואָס איז געווען יעדן טאָג אַזוי ניי און גוט; אָט דאָס, וואָס מען רופט אָן שפּעטער מיט יאָרן, ווען עס איז פאַרלוירן, מיטן וואָרט: קינדהייט.

ניין. נישט וועגן טויט האָב איך געטראַכט נאָך מאַריניעס אוועקגיין פון בעט. אַ שרעקלעכע מורא האָט מיך פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט. איך האָב געהערט אַזש דעם שאָרך פון נעגל פון אַ רויב־פויגל, אַ מין זמאָרע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף מיר, וואָס קראַלט זיך אַריין מיט די שאַרפע שפּיזן אין מיין קאָפּ און אין די פיס. עס איז געווען פינצטער אין צימער, דער אָוונט האָט זיך גערוקט, מען האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט צוליב מיינע אויגן, וועלכע זיינען געווען אָנטצונדן אין לויף פון דער קראַנק־הייט. און די פינצטערניש האָט נאָך צוגעגעבן צו דער מורא, וואָס איז געווען אַ ריין־מענטאַלע, אַ פּסיכאָלאָגישע, אַ מורא פאַר אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס רוקט זיך אָן און קענען וועלכער איך, אַ קראַנק, הילפלאָז קינד, קאָן גאָרנישט ניט טאָן. איך געדענק גראָד אַמבעסטן די האָפענונגסלאָזיקייט פון דעם געפיל.

איך האָב זיך צעוויינט מיט אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַזוי הילכיק, אַז עס איז אַריין צו מיר מיין ברודער, דער פריינט און טיילנעמער אין אַלע מיינע פריידן און צרות. אין דער מינוט האָב איך דערפילט פאַרוואָס איך וויין...

איך האָב זיך דערמאָנט די ווערטער פון מאַריניאַ: „עס זאָל נאָר נישט זיין עפּעס אַנדערש". איך האָב זיך דערמאָנט איר מוסרן מיך פאַר לייענען דעם שונד־ראָמאַן, פאַר קוקן אויף די בילדער. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז עס קאָן אַמאָל טרעפן מיט מיר אַזאַ זאַך, ווי אין דעם העפט, וואָס איך האָב געהאַט געלייענט.

אויף דער שנעלער פראַגע פון מיין ברודער, וואָס עס איז מיט מיר, פאַרוואָס איך וויין, האָב איך מיט אַ נאָך שטאַרקערן געוויין געענטפערט, אַז איך האָב מורא צו האָבן אַ קינד... ער איז געבליבן אָן לשון. ער האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען: איך בין געווען 10 יאָר אַלט, און ער 12 מיט אַ האַלב.

די אומדערוואַרטעטע נייעס האָט אויף אים געווירקט, ווי אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן אין קאָפּ. ער איז געווען אַ געזונטער, ענערגישער בחור, אָן פאַנטאַזיעס, אָן גריבלעניש, אָן סענטימענטן. ער האָט געהאַט די גרעסטע פאַראַכטונג צו מיידלעך. ער האָט זיך געחברט בלויז מיט אינגלעך און געלייענט בלויז פעגימאַר קופּערן אָדער מיין ריעדן און האָט גע־חלומט וועגן אַמעריקאַנער אינדיאַנער אין די דזשאַנגלס פון בראַזיל. קיין „פּראָבלעמען" פון ליבע אָדער פאַנטאַסטישע „פּאַרוויקלונגען" האָט ער נישט געהאַט, און האָט נישט פאַרשטאַנען מיינע קאָנפליקטן מיט דער־וואַקסענע, וואָס האָבן נישט פאַרענטפערט מיינע פראַגן. אָבער צווישן אונדז איז געווען אַ רירנדיקע פריינטשאַפט. ער איז געווען שטאָלץ, אויף זיין אופן, מיט מיינע שמועסן וועגן „גרויסע טאַטן", וואָס איך קלייב זיך צו טאָן. ער האָט זיך צוגעהערט צו מיינע דערציילונגען וועגן עוולות קעגן אָרעמע, וואָס קאָנען נישט באַצאָלן אַן אַדוואָקאַט און מען נעמט פון זיי אַוועק אַ מאָרגע לאַנד אין אַ געריכט־סכסוך מיט אַ רייכערן קרוב.

און איצט שטיי איך פאַר אַזאַ קאַטאַסטראָפע, וועלכע זיין קאָפּ האָט נישט געקאָנט באַנעמען... און איך האָב שרעקלעך געוויינט, אַז מיט מיר וועט זיין אַזוי, ווי מיט לעאָניען: איך האַלט ביים האָבן אַ קינד און מען וועט מיך אַרויסטרייבן פון שטוב! און צו די צרות פון מיינע עלטערן אין דעם שרעקלעכן לאָדזש, וואו זיי קאָנען זיך נישט איינאָרדענען, וועט נאָך צוקומען די צרה...

נו, האָט ער צונויפגעקליבן זיין גאַנצע אויטאָריטעט פון אַן עלטערן ברודער, פון אַ „מאַן", אַזוי צו זאָגן, וואָס געפינט אַן אויסוועג פון יעדער שווערער לאַגע, און האָט מיר געזאָגט זייער זיכער און פעסט: „קודם כל, הער אויף צו וויינען, ווייל דו וועסט באַקומען נאָך מער היץ. און האָב נישט קיין מורא, דו וועסט נישט האָבן קיין קינד: מען מוז זיין 18 יאָר אַלט, כדי צו האָבן אַ קינד. אַלע אונדזערע באַקאַנטע און קוזינקעס, וועלכע האָבן קינדער, זיינען עלטער פון דיר. און מען מוז האָבן אַ וואוינונג און אַ מאַן, ווי, למשל, אונדזער פאָטער, כדי צו האָבן אַ קינד, אַט ווי אונדזער מוטער האָט, אָדער ווי די יונגע קוזינקע, נאַדיאַ, וועלכע האָט אַ מאַן און אַ קינד פון 3 חדשים. ווייַן נישט, איך וועל גאָרנישט ניט דערציילן אין שטוב." פּלוצלונג האָט ער אָבער אַ פרעג געטאָן: „אפשר האָסטו חתונה געהאַט און אונדז נישט געזאָגט וועגן דעם אַ וואָרט? גע־דענק, אויב עס איז אַזוי, וועל איך אָנברעכן די ביינער דיין מאַן!... פון

וועלכן הויף איז ער? מיט וועמען איז ער אַ פריינט? זאָג די מינוט, צי איז עס נישט אָסקאַר, פון בירברויערס הויף?"

איך בין געבליבן אָן לשון: נאָר־וואָס האָט ער געזאָגט, אַז מען מוז זיין 18 יאָר אַלט. און איצט זאָגט ער שוין, אַז מען מוז האָבן אַ שטוב און מעבל, ווי אונדזער פאָטער. און פרעגט זיך נאָך וועגן אָסקאַרן, אויף וועלכן ער האָט געהאַט אַ שנאה, ווייל זיין „באַנדע" האָט צעקלאַפּט מיין ברודערס קאָלעגן אין אַ ווילדער שפּיל מיט „אינדיאַנער"...

איך בין געווען צעמישט און האָב ווייטער געוויינט. ביז ס'איז געקומען דער קוזין, דער דאָקטאָר, און האָט זיך מיט מיר אויסגעטענהט. מילד, קלוג און חבריש. גערעדט, ווי ער וואָלט געווען 10 יאָר אַלט און וואָלט אויך געהאַט צרות פון לעבן. ער האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי איך בין געקומען צו אָט־דער מורא. דאָס איז די קראַנקהייט און איך דאַרף האָבן גאָר נייע רפואות און געטראַנקען. האָב איך זיך דערשראָקן פאַר דעם און האָב פאַוואָליע אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן מאַטראַץ די העפטן מיט דעם פאַסקודנעם ראָמאַן.

ער האָט אַ קוק געגעבן און איז געוואָרן ערנסט. און דאָ האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַ זייער וויכטיקער אָפּשניט גייט אַריין אין מיין לעבן: מען האָט זיך צום ערשטן מאָל פאַראינטערעסירט מיט מיינע איבער־לעבונגען און געדאַנקען, מיט דעם אופן, ווי איך פאַרברענג מיין צייט. צו וועמען איך רעד וועגן די געלייענטע זאַכן און וואָס איך נעם פון זיי אַרויס. מען האָט מיך באַרואיקט, נישט גערעדט מער וועגן דער זאַך. דער קוזין, מוניאָ, האָט צוגענומען די העפטן, אַרונטערגעשיקט מאַריניען מיט זיי אונטן, צו פּרוי פּענערט און געבעטן נישט צו שיקן מער די העפטן צו אונדז. מיט מיר האָט ער נאָך לאַנג גערעדט אויפן צווייטן טאָג, ווען די טעמפּעראַטור איז געפאַלן. ער האָט מיר דערציילט פון אַרבעט און פון אָפּרו: ער איז געווען נישט פאַרהייראַט זיין גאַנץ לעבן און בלויז געהאַט איין גרויסע ליידנשאַפט: אַרומפאָרן איבער ווייטע לענדער. יעדן זומער פלעגט ער נעמען 6 וואָכן וואַקאַציע פון זיין שפּיטאָל און פון זיינע פּאַציענטן און פלעגט פאָרן אין אויסלאַנד. מיר פלעגט ער שיקן פּאָסט־קאַרטלעך מיט בילדער פון גריכנלאַנד, שפּאַניע, טערקיי און קאַיראָ; בילדער פון אַראַבישע פרויען און עגיפּטישע פּיראַמידן. פון זיי האָט געשמעקט מיט פרעמדקייט און אַנדערשקייט. עס האָט נאָך מער פאַרכאַפּט מיין פאַנטאַזיע און איך פלעג שוין פאָרן אין די חלומות איבער

דעם מדבר אויף אַ קעמל, אָדער אויף אַן עלעפאַנט, לויט זיינע דער־ציילונגען...

איין פּאָזיטיווע זאַך האָט מיר געגעבן דער עפּיזאָד מיטן שונד־ראָמאַן: מען האָט פאַר מיר אויסגעשריבן פון וואַרשע אַ קינדערשן זשור־נאַל: „פשיאַטשעל דזיעצי" (דער קינדער־פריינט) און „וויעטשאָרי ראָד־זיננע" (פאַמיליען־אָוונטן) — אַ לייען־שטאָף, וועלכער האָט מיך פאַר־כאַפּט פאַר אַ גאַנצן ווינטער. די דערציילונגען פלעג איך רעציטירן צו די קינדער אין הויף, און אַזוי אַרום האָב איך באַשלאָסן צו ווערן אַ לערערין. איך האָב זייער ליב געהאַט די באַשרייבונגען פון דער פּוילישער ערד, פון אירע היסטאָרישע אָנדענקען, פון דער קעניגין יאַדוויגאַ און פון יאַן סאָביעסקי און זיין מאַרש אויף ווין. איך האָב נאָך מער ליב באַקומען אונדזער דערפל ברזשורטואַווקאַ, ביי טאָמאַשאָוו, וואו עס זיינען געווען די „רואינקעס" (די חורבות) פון אַ קלויסטער, צעשטערט אין 1864 פון די צאַרישע סאָלדאַטן, בעת דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע" (אויפשטאַנד) קעגן דעם צאַריזם. איך האָב צוגעזאָגט אין קיך לעוואַן, דעם פּאָרנאַל פון מאַריניאַ, אַז איך וועל באַפרייען פּוילן פון די צאַרן; רעציטירט צו זיי מיצקיעוויטשן און סלאָוואַצקין, געזונגען פּוילישע רע־וואָלוציאָנערע לידער, וואָס דער פּאָטער פלעגט מיט אונדז, קינדער, אַמאָל זינגען.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער פּעריאָד פון זיצן אין דער היים און זיין דאָס פאַרצויגענע שוואַכע קינד. פרילינג־צייט האָט מען מיך אָפּ־געגעבן אין אַ פּריוואַטער שול פון יעווגעניאַ יאַשונסקאַ, וואו איך בין געווען אַזוי גליקלעך, מיט אַזוי פיל חברטעס, און די לערערינס האָבן מיך געשטעלט פאַר אַ מוסטער פון קאַליגראַפיע. מען האָט מיך ליב געהאַט אין קלאַס: בעת די אַנדערע קינדער האָט מען גערופן מיט זייערע לאַנגע פאַמיליע־נעמען, האָט מען מיך אויסגערופן שטענדיק מיט אַ פאַרקלענערטן נאָמען: „גינעטשקאַ". פרוי יאַשונסקאַ פלעגט מיך האַלדזן און קושן ביים גוט־מאָרגן זאָגן אין קלאַס, און איך האָב געמעגט מיטגיין מיט איר אַהיים און טראָגן די קאַיעטן.

איינמאָל האָב איך נישט געטראָפן צוריק אַהיים, ווייל איך האָב זיך פאַרטראַכט און בין געגאַנגען עפּעס אַ שעה צייט. איך האָב פאַרבלאָנ־דזשעט און נישט געוואוסט ווי צו גיין אַהיים. בין איך אַריין אין אַ אידישער שטוב, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן עפּעס אַ דאַווענען און

וואו חסידים זיינען געזעסן אין שטריימלעך ביי אַ טיש מיט עסנוואַרג און האָבן געזונגען. עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז עס איז געווען אַ ברית: די מאַמע פון קינד איז געלעגן אין אַ הינטערשטוב, און ווען איך האָב געזאָגט מיין נאָמען און די גאַס און דערמאָנט דאָס געשטאַרבטע קליינע טייכל, האָט מען מיך שפּעט אין אָוונט אָפּגעפירט אהיים. אין דער היים האָט מען זיך געבייזערט אויף מיר, געפרעגט ווען וואָס איך טראַכט גייענדיק איבער די גאַסן און באַשטימט, אַז מאַריניאַ וועט נאָך מיר קומען דריי אַזייגער, און אין דער פרי וועט מיך פירן מיין קוזינקע, אויך אַ שילערין פון פרוי יאַשונסקאַ. יאָרן־לאַנג האָט מיין ברודער פון מיר אָפּגעלאַכט, אַז איך גיי אַהין, וואו מען בעט מיך נישט; אַז אַפילו אהיים קאָן „דאָס" נישט טרעפן.

מיין סאַמע ערשטע לערערין איז פאַרבליבן אין מיין זכרון אויף שטענדיק. און איך בין געווען אַזוי מאָדנע גערירט, ווען איך האָב אין אַלבאַסעטע, שפּאַניע, אין 1938 געטראָפן יוסטין יאַשונסקי, דעם יונגן, גלענצענדן פּויליש־אידישן היסטאָריקער, אַלס אַ פרייוויליקן אין דער „באַטווין־ראָטע", אַן אייניקל פון מיין ערשטער יונגער לערערין...

יוסטין יאַשונסקי, אַ פאָטער דעמאָלט פון אַן 8־חדשימדיקן זון, וועלכן ער האָט פאַרלאָזן, צוזאַמען מיט דער יונגער מוטער, כדי צו שלאָגן די נאַצי־מערדער פון שפּאַנישע קינדער. ער איז געפאַלן ביים „עבראָ", בעת דער לעצטער לאָיאַליסטישער אָפּענסיווע קעגן פראַנקאָן, אַ פּאָר מאָנאַטן נאָך אונדזער באַגעגעניש און נאָך אַן אויסטויש פון זכרונות פון לאָדזש און לאָדזשער פריינט.

אַ געמיש פון ווייטיק און פרייד איז געווען די קינדהייט, און זי קומט אָפּט צו חלום איצט, ווען עס איז אַזוי שווער צו לעבן. איצט (אין 1943), ווען די מלחמה ברענגט מיט זיך ידיעות פון פערזענלעכן אומגליק.

די רוסישע גימנאַזיע — דער לעצטער עטאַפּ פון שול־זוכעניש

עס האָט זיך אַזוי בולט אָפּגעשפּיגלט אין מיינע שול־יאָרן דער צושטאַנד און סטאַטוס פון אַ אידן אין די נײַנציקער יאָרן פון פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט: קיין איין בילדונגס־אינסטיטוציע האָט נישט געהאַט קיין רעכט, קיין פּריווילעגיע צווישן די פּריוואַטע שולן אָדער „פּענסיאָנאַטן", וואָס זיינען געווען אין פּוילישע הענט. מען האָט געמוזט אָנקומען צו דער „קאַזיאָנער" רוסישער שול, אָדער צום אוניווערסיטעט, אויב מען האָט געוואָלט האָבן אַ צוקונפט, אַ שטיקל דיפּלאָם, אַן אַטעס־טאַט פון אַ לערער אָדער לערערין, אָדער גיין וויטער שטודירן פאַר אַ פּראָפעסיע פון אַ דאָקטאָר, אָדער אַדוואָקאַט, אָדער אינזשענער.

נאָך אַ יאָר אין דער שול פון פרוי יאַשונסקאַ האָט מען באַשלאָסן, אַז איך דאַרף גיין אין אַ פּוילישער שול, ווייל זי האָט זעקס קלאַסן און נישט צוויי, און ווייל פון דאָרט קאָן איך, נאָך אַ קליינער צוגאָב־לערע אין רוסיש, אַריינגיין אין דער קאַזיאָנער גימנאַזיע.

איך האָב מיט באַגייסטערונג זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אמת־גויאישן פּענסיאָנאַט, וואו מען האָט געטראָגן ברוינע מונדירן, דאָס הייסט, אַ ברוינע קלייד, אַ שוואַרצן פאַרטוך און אַ קליינע, ברוינע פּעלערינקע איבער די פּלייצעס. אין באַזונדערע פייערלעכע טעג, בעת דעם „אַקט" אָדער סוף שול־יאָר, ווען מען האָט געטיילט פּרעמיעס אָדער אַ לויב־דאָקומענט, האָט מען געמעגט טראָגן אַ העלע לענטע אין די האָר און אַ ווייסן פאַרטוך מיט קרויזן.

מען האָט אַלץ געלערנט אין פּויליש און מען האָט פאַר די לימודים געזאָגט אַ קורצע תפילה אין דער פּוילישער שפּראַך, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן און פאַרפלאָכטענע הענט. עס זיינען דאָרט געווען מערסטנס קאַטוילישע מיידלעך און עטלעכע אידישע, פון די אַסימילירטע פּוילישע, נישט רוסישע אָדער ליטווישע, אידן. דאָ, ווי איך פאַרשטיי, האָט געזיגט מיין פאָטערס איינפלוס, וועלכער האָט נישט ליב געהאַט די אַריבער־געקומענע פון רוסלאַנד אָדער ליטע — אידן, וועלכע האָבן אַריינגעפירט איבעראַל זייער רוסישע שפּראַך און זייערע „קאַמיוואָיאַזשאָרישע שטיק". מיט אַנדערע ווערטער: זייער ספּעקולאַטיוון געשעפטס־גייסט, וועלכער

איז געווען פרעמד מיין פאָטער, א לאַנד־מענטש, געבוירן און דערצויגן צווישן פוילישע ערד־פויערים און „פליסאַקעס" (האַלץ־פלויטן־פירער אויף דער ווייסל).

איך האָב זיך גוט געפילט אין דער סביבה. מיין אַמביציע פון לייענען און זיך גוט לערנען איז אויפגעוועקט געוואָרן אויפסניי. בפרט נאָך, אַז די באַזיצערין פון דער שול, פאַני יעזיערסקאַ, האָט געהאַט א שטרענגע טבע: זי פלעגט א פוילע, אָדער נישט־אויפמערקזאַמע שילערין שלאָגן איבער די הענט (עס האָט געהייסן: „ביטש פּאָ לאַפּאַך"). צוערשט האָט עס מיך איבערגעשראָקן ביז גאָר: וואָס הייסט, מען וועט מיך שלאָגן? מען האָט מיך נישט געשלאָגן אין דער היים, וועל איך זיך עפּעס לאָזן שלאָגן דאָ, פון א פרעמדער, ברייטער, נישט־שמייכלענדיקער פרוי? יאָ, פאַני יעזיערסקאַ האָט קיינמאָל נישט געשמייכלט. זי פלעגט גיין פון קינד צו קינד דעם ערשטן פון יעדן מאָנאַט און האָט גענומען דאָס געלט פאַרן לערנען. אָבער זי האָט נישט געשמייכלט. נאָר ביי א שילערין, וואָס האָט זיך גוט געלערנט, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און א פריינטלעכערן קוק געטאָן. האָב איך באַשלאָסן, אַז זי וועט מיך נישט שלאָגן. איך האָב קיינמאָל אויף די לימודים נישט געחלומט וועגן „בלויע מאַנדלען", ווי מען האָט גערעדט אין דער היים וועגן מיר. איך האָב אויפגעפּאַסט און געגעבן אַן ענטפער, ווען מען האָט נאָר געפרעגט. איך האָב נישט גענומען קיין אָנטייל אין אויסלאַכן א קראַנקע, בלאַסע לערערין פון דער פראַנצויזישער שפּראַך, פאַני שאַטראָווסקאַ, בלויז דערפאַר ווייל זי איז נישט געווען עלעגאַנט, יונג און שיין, ווי אַנדערע לערערינס. ווייל דעמאָלט האָב איך זיך צוערשט באַקאַנט מיט אַנדערש־טראַכטנדיקע קינדער, מיט שלעכטע, צעלאָזענע און בייזוויליקע, מיט קנאה, מיט פאַלשקייט, מיט רעדן הינטערן רוקן און שמייכלען אין פּנים... מיט די אַלע אַטריבוטן פון דערוואַקסענע מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקאַנט שפּעטער.

פון די אַלע ענינים האָב איך נישט געהאַלטן, און בין דערפאַר געווען א ביסל איינזאַם. אויסער דעם, זיינען די מערסטע קינדער געווען פון זייער פאַרמעגלעכע עלטערן, פון פוילישע גוטסבאַזיצער; זיי פלעגן פאָרן אויף וואַקאַציע צו זיך אין דאָרף און איינלאַדן אַמאָל אַנדערע קינדער; פלעגן שפּעטער דערציילן וועגן זומער־טעג ביי א טייך, ווינטער־טעג אויף א שליטן אָדער פון קאַרנאַוואַל־בעלער און מאַסקאַראַדן —

זאכן, וועלכע איך האָב בלויז געקענט פון ביכער. אָדער עס זיינען געווען קינדער פון רייכע פּוילישע געשעפטסלייט אין לאָדזש. אַ פּאָר קינדער זיינען געווען פון אידישע דאָקטוירים און סוחרים. צעלאָזענע, אָנגע־בלאָזענע קינדער. איך געדענק נישט קיין גרויסע פריינדינען, וועלכע איך האָב דעמאָלט געהאַט, אויסער איין מיידעלע, עלזאַ שטאַוב, וועגן וועלכער מען האָט גערעדט, אַז איר פאָטער איז אַ געשמדטער דייטשער איד, איר מוטער אַן אמתע דייטשע פרוי, וועלכע האָט געאַרבעט אין זיין פאַבריק און ער האָט זיך אין איר „פאַרליבט" און חתונה געהאַט מיט איר. עלזאַ איז געווען קיילעכדיק, ווייס און רויט אין פּנים, זייער זויבער אָנגעטאָן און זיך גוט געלערנט. געווען אַ גוטע, נישט קיין אויסלאַכערקע און האָט צו מיר אַרויפגעקוקט מיט דרך־ארץ, ווייל די לערער האָבן מיך אָפט אַרויסגערופן צו דערקלערן דעם קלאַס אַן אויפגאַבע, אָדער צו דער־ציילן אַ נייעם קאַפּיטל פון דער פּוילישער געשיכטע, וועלכע איך האָב זייער גענוי געלערנט. עלזאַ פלעגט צו מיר קומען נאָך די לימודים און מיר פלעגן פאַרברענגען אין שטוב אין אַ ווינקעלע און מאַכן פּלענער פאַרן זומער. זי האָט געוואוינט ווייט הינטערן שטאָט, און איר פאָטער פלעגט קומען נאָך איר אין אָוונט. זונטיק פלעג איך גיין צו זיי. מיין מוטער האָט עס נישט זייער ליב געהאַט, און אַלע מאָל פלעג איך מוזן איר צוזאָגן, אַז איך וועל דאָרט גאָרנישט ניט עסן.

אין אונדזער שטוב פלעגט זיין אומעטיק. מיין פאָטער האָט זיך נישט געוואָלט און נישט געקאָנט צופּאַסן צו דער אַוואַנטוריסטישער יונגער סביבה פון לאָדזש, ווי ער האָט אָנגערופן די שטאָט. ער האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די אונטערגעצונדענע סקלאַדעס און נייע פאַבריקן, וועלכע די לאָדזשער פאַבריקאַנטן און ספּעקולאַנטן האָבן צו־ערשט געבויט, דערנאָך פאַרזיכערט און שפּעטער אונטערגעצונדן, כדי צו באַקומען די „פּאָליסי". ער האָט אויך נישט געקאָנט פאַרטראָגן די פאַלשע באַנקראָטן, די „פליטות" און דאָס אַנטלויפן קיין אַמעריקע, ווען דאָס געריכט האָט זיך אַריינגעמישט, דורך אַ מסירה. יאָ, דער קאַפּיטל „מסירה" האָט אים באַזונדערס אויפגעבראַכט. עס איז געווען אַ פּרנסה אין לאָדזש: מען האָט געגעבן געלט דעם מסור, כדי ער זאָל נישט מסרן, און מען האָט פון אַ צווייטער האַנט געגעבן געלט, כדי ער זאָל מסרן. איך האָב, נאַטירלעך, פון די אַלע זאַכן געהערט, זיצנדיק שפּעט אין אָוונט ביים טיש, נאָך וועטשערע. איך האָב דעמאָלט נישט געוואוסט,

אַז דאָס איז אַ געשעפט, ווי אַלע אַנדערע געשעפטן, און אַז דאָ, אין אַמעריקע, הייסט עס אַ „רעקעט"...

מיין פאָטער אָבער האָט זיך נישט געוואָלט צופּאַסן און איך האָב אָנגעהויבן אים בעסער צו קענען און האָב צו אים דערפילט אַ הייסע ליבשאַפט: צו זיין ערלעכקייט, צו זיין ליב האָבן די ערד, ליב האָבן פּוילן, צו זיין האַס צום רוסישן צאַר, צו דער פּאָליציי; פאַר זיין ליבשאַפט צו אָרעמעלייט, צום „פאַקטאָר" אונדזערן, איטשל אולמאַן, מיט וועלכן ער פלעגט רעדן וועגן דער „פּאָווסטאַניע"; פאַר זיין באַהאַנדלען מיך ווי אַ דערוואַקסענע. איך פלעג שרייבן פאַר אים די גרויסע אַקטן פון זיינע פּראָצעסן, וועלכע ער האָט פאַרפירט צו באַקומען צוריק אַ געוויסן חלק ערד, וואו מען האָט געפונען אייזנאַרץ און וועלכן אַ קרעדיטאָר האָט צוגענומען אַלס אַ משכון פאַר נישט־באַצאָלטע היפּאָטעקןגעלטער. איך בין געווען 12 יאָר אַלט און איך האָב געוואוסט אַלע זיינע צרות, דעם גאַנג פון פּראָצעס און זיינע אויסזיכטן. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטילע פריינטשאַפט צווישן אונדז און אַ פאַרזיכטיקע דערצו: איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט מאַכן מיין מוטער איפּערזיכטיק אויף מיין פאָטער. איך האָב איר געוואָלט שפּאָרן אָט־די ליידן, ווייל איך האָב שוין געפילט, אַז מיטן פאָטער האָב איך מער געמיינזאַמעס איידער מיט דער מוטער.

איך האָב, נאַטירלעך, נאָך נישט געוואוסט, אַז עס איז אַן אידעאָלאָגישע נאָענטקייט, אַ פּאָליטישע. אָבער מיר האָבן ביידע ליב געהאַט די אייגענע געדאַנקען. דער פאָטער פלעגט דערציילן וועגן קאָפּערניק, דעם גרויסן פּוילישן אַסטראָנאָם; וועגן שאָפּען, מיצקיעוויטש און סלאָוואַצקי. דערציילט, אַז אַ טייל פון מיצקיעוויטשעס ווערק איז פאַרבאָטן פון דער צארישער צענזור („דזיאַדי" — „די זיידעס"). אויף מיין פאָטער פלעגט רוען נאָך אַ באַזונדערע שכינה: ער פלעגט פאָרן, פון צייט צו צייט, אין וואַרשע...

און אַרום וואַרשע איז געלעגן אַ כישוף. וואַרשע, די הויפּט־שטאָט פון אַמאָליקן קעניגרייך, פּוילן. וואַרשע, ביי דער קעניגין פון פּוילישע טייכן, ביי דער ווייסל. איך פלעג אַרומגיין און רעציטירן זונטיק אין דער פרי אויפן הויף פאַר אַ כאָפּטע אָרעמע, אָפּגעריסענע קינדער אַ געזאַנג אויף דער ווייסל... „וויסלאָ שאַרא, וואוד קרולאָוואַ" („ווייקסל גרויע, וואַסער־מלכה"). אויפן הילצערנעם פאַרקאַן פון אונדזער גאָרטן

האָב איך אַמאָל אָנגעשריבן ביים שיין פון דער לבנה: „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ" (נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן). איך האָב דעם פּוילישן לערער פון ליטעראַטור געבעטן מיר געבן די פאַרבאָטענע פּאָעמע פון מיצקיעוויטשן און ער האָט אַ דערשראָקענער אין קאָרידאָר פון קלאַס מיך געפרעגט, פון וועמען וויים איך עס? איך האָב דערפילט, אַז מען טאָר נישט זאָגן פון וואַנען איך וויים, און האָב געשטאַמלט, אַז איך האָב עס געהערט אין דער „טשיטעלניע" (ביבליאָטעק), וואוהין איך פלעג שוין גיין לייענען ביכער...

דער איבערברוך אין די „פּענסיאָנאַט־יאָרן" איז געקומען אונטערן איינפלוס פון מיין מוטערס ליטווישע קוזינקעס, די האָלענדערסקים און קינזבערגס אין לאָדזש. זיי זיינען געווען פּראַקטישע געשעפטס־אידן. זיי האָבן געמאַכט גרויסע פאַרבינדונגען דורך זייערע רייזנדע מיט די שטעט אין סיביר און ווייסרוסלאַנד. דאָרט זיינען זיי זיך צונויפגעקומען מיט די רוסישע אידן, מיט דעם יונגן דור, מיט רוסישע משפּחות. די זין פלעגן זיין סטודענטן אין פּעטערבורג, קיעוו, אירקוטסק, טאָמסק. זיי פלעגן זיין זין פון סוחרים „פּערוואַי גילדי". זייערע זין פלעגן מאַכן קאַריערעס. זיינען די מענער־וואָיאַזשאָרן געקומען פון דאָרט און גע־טענהט, אַז מען מוז „צושטיין" צו „ראַסעי"; אַז פון פּוילן וועט קיין „טאָלק" נישט זיין; אַז אין פאַל פון אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד „גייען" אַלע פאַבריקן פון פּוילן קיין סיביר... (וועגן אַ מלחמה מיט יאַפּאַן האָט מען נאָך, ווייזט אויס, נישט געטראַכט אין די 90ער יאָרן.) און דער קורס פון אַ רוסישער גימנאַזיע איז אין גאַנץ רוסלאַנד דער אייגענער. איז זאָלן די קינדער זיך לערנען אין אַ רוסישער גימנאַזיע, וועלן זיי האָבן רעכט.

און די קינדער פון טילע האָלענדערסקאַ האָבן געמאַכט דעם אָנהויב. זיי האָבן באַלד שטאָלצירט איבערן הויף אין רויטע מונדירן (די מיידלעך) מיט רויטע פּעלערינקעס און שוואַרצע שירצן, מיט זויבער־פאַרפלאָכטענע צעפּ און מיט רענצלעך אויף דער פּלייצע. אָבער — אַ שרעקן! — זיי זיינען שבת געגאַנגען אין קלאַס! האָבן, מסתמא, געשריבן! אפשר אויך געקויפט זיך אַ קיכל אין גימנאַזיע־בופעט? און זייער פאָטער, דער וואָס האָט נישט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל אַ גאַנצן לעבן, איז דאָך געגאַנגען מיט אַ היטל אויפן קאָפּ פון מאָרגן ביז ביינאַכט... און געשיקט די קינדער אין גימנאַזיע?...

מיין פֿאָטער איז געווען צעטראָגן. וואָס־וואָס, אָבער קינדער מוז מען דערציִען אין אַ פֿרומען וועג. ער האָט נישט דערלויבט, אַז איך און דער ברודער זאָלן גיין אין דער „קאַזיאָנער" שול. ווייל סיי מיין ברודער, סיי איך זיינען געווען באַפֿרייט פֿון גיין שבת אין דער פּריוואַט־שול, און מען האָט אונדז נישט געשטערט אין דעם אויך אויף ווייטער.

אָבער די שמועסן האָבן געטאָן דאָס זייעריקע. דער אָנבליק פֿון דריי גרעסערע מיידלעך אין די רויטע מונדירן און דאָס צוגרייטן פֿון צוויי אינגערע האָט געהאַט זיין ווירקונג אויף מיין מוטער און האָט איר גערייצט צו שיקן אויך אירע קינדער אַהין. איז זי דאָך געווען, לויט איר אָפּשטאַם, פֿון קאָוונע, ליטע, און מער פֿאַרבונדן מיט רוסלאַנד איידער מיין פֿאָטער. עס האָט איר גענומען אַ לאַנגע צייט צו לערנען רעדן פּויליש, און אין מיינע שול־אויפֿגאַבן פֿלעג איך גיין צום פֿאָטער פֿאַר אַן עצה און נישט צו דער מוטער. דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען אָן מיר. מיך האָט שוין לאַנג פֿאַרדראָסן, וואָס די קוזינקעס פֿאַררייסן די נאָז, ווען זיי רעדן וועגן מיין „פּענסיע" ביי די פּוילישע „שליאַכטע"; ווען זיי באַרימען זיך, אַז בלויז זייער פֿייאיקע קינדער קאָנען גיין אין גימנאַזיע. איך האָב געזאָגט מיין מוטער, אַז זי קאָן אָנגיין מיט צוגרייטן מיך צום צווייטן קלאַס גימנאַזיע, אַז איך קאָן גענוג פֿאַר דעם קלאַס.

אַזוי איז עס טאַקע געווען. מען האָט בלויז צוליב „כּאבאָר" פֿון 30 רובל מיך געפֿירט דריי מאָל אַ וואָך צו אַ גימנאַזיע־לערערין, זינאַידאַ איוואַנאָוונאַ, וועלכע האָט שפּעטער זיך געטיילט, מסתּמא, מיט די געלטער, ווען דער עקזאַמען איז געקומען און די קינדער פֿלעגן אָנגענומען ווערן.

איך געדענק יענעם טאָג גאַנץ גענוי. עס איז געווען אַ קליינער ערשטער טריאומף פֿאַר מיין מוטער, ווען מען האָט איר איבערגעגעבן, אַז איך האָב רעציטירט פֿון זכּרון אַ גאַנץ־לאַנגע פּאָעמע: „דאָס ליד פֿון שאַרמאַנשטשיק", וואָס האָט געדויערט 10 מינוט. דער לערער פֿון רוסיש האָט אויף מיר געקוקט און געווען אומרואיק: וואָס וועט ער טאָן, ווען איך פֿאַרהאַק זיך און ער ווייסט נישט, ווי עס גייט ווייטער? אָבער איך האָב זיך נישט פֿאַרהאַקט און ער האָט געשמייכלט און געזאָגט: „וואָט פּאַמיאַט!" (נו, איז דאָס אַ זכּרון!)

דער עקזאַמען איז געווען אין אויגוסט, נאָך די זומער־וואַקאַציעס, און אין סעפּטעמבער האָב איך שוין געטראָגן דעם רויטן מונדיר און מיין פֿאָטער פֿלעגט שבת נישט קוקן אויף מיר, ווען איך פֿלעג צוריק־

קומען פון קלאַס: מאַריניאַ פלעגט טראָגן מיינע ביכער, כדי איך זאָל נישט האָבן קיין עבירה.

די ערשטע טעג זיינען געווען פול מיט ענטוזיאַזם און פאַרצווייפלונג, ווייל איך בין געווען ווייטער און בעסער צונעגרייט פון אַלע קינדער און די לערער האָבן מיך שנעל ארויסגעפונען פון אַלע קינדער. איך פלעג נישט וואַרטן ביז דער לערער פלעגט דערגאַנצן זיין מעשה און פלעג איר אַליין אַרויסשרייען פון מיין אָרט. אַזוי אין אַלע לימודים. וואָס איז געווען אָבער פאַר מיר אַן איבערראַשונג, איז געווען מיין פּלוצימדיקע ליבשאַפט צו רוסיש אַלס אַ שפּראַך. אפשר איז עס געווען די שולד פון לערער, אַ נישט־אַלטער, ווייכער, גוטמוטיקער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט זיין לימוד און אונדז, קינדער, און מיך: ער פלעגט מיר הייסן לייענען און דערקלערן דאָס מיט „אייגענע ווערטער" פאַרן קלאַס. און די קינדער האָבן באַלד אויסגעפונען זיין סימפּאַטיע צו מיר און מיך געשיקט צו אים פאַרן סוף זמן „אויסבעטן" פאַר זיי אַ לעצטן שאַנס צו פאַרבעסערן זייער „אָטמיעטקע" (דעם רעפּאָרט).

דאָס גיין אין גימנאַזיע איז געוואָרן אַ פרייד. אויפן הויף בין איך געוואָרן נאָך אַ גרעסערער אויטאָריטעט. כמעט אַ לערערין. מיין ברודער איז אויך אַוועק פון דער פּריוואַט־שול, פון גראַטשיק, צו אַ מלוכה־שול זיך לערנען און מירביידע האָבן געהאַט מונדירן און נייע קריגערייען צווישן זיך וועגן לימודים און „ווער קאָן בעסער?", „ווער האָט מער גע־לערנט?", „ווער האָט בעסערע קאָמפּאָזיציעס?"

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מער־געזעליקער קינדער־לעבן. מען איז געגאַנגען צו־גאַסט. מען האָט זיך באַקאַנט מיט די ברידער, די „גימ־נאַזיסטן". דאָס ערשטע יאָר האָט מיר באַלד געבראַכט די באַלוינונג פון ערשטן גראַד: אַ בוך וועגן פּריטיאָף נאַנסען און אַ „פּאָכוואַלני ליסט", אַ מין דיפּלאָם, וואָס מען האָט באַלד געוואָלט איינראַמען און אויפהענגען אויף דער וואַנט. אין דער משפחה האָט געהערשט אַ פרייד. מיינע קוזינקעס האָבן מיט דרך־ארץ געקוקט אויף מיר און אין דעם האַלב־שעהדיקן איבעררייס צווישן די לימודים געבראַכט צו מיר זייערע חברטעס פון אַנדערע קלאַסן און אָנגעוויזן אויף מיר אַלס אַ באַליבטער שילערין פון אינספּעקטאָר, סוויאַטוכין, אַ געוואַלטיק־גראָבן, בלאָנדן לערער פון רוסישער געשיכטע, וועלכער איז צוגלייך געווען דער אינספּעקטאָר פון דער גימנאַזיע און אַ שרעק פון אַלע פּוילישע חברטעס מיינע: ער האָט

אומברחמנותדיק זיי „געשניטן" אויפן עקזאמען פאר אַ שלעכטן אַקצענט אין רוסישע ווערטער...

איך האָב זיך געזוניקט אין דער וואַרעמקייט און אין דעם אָנזען אין קלאַס און הינטערן קלאַס: אין די קאָרידאָרן האָט מען מיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט דייטשע און פראַנצויזישע ווערטער פאר אַן „עקסטעמפּאָראַלע", אָדער אַ שול־קאָמפּאָזיציע. מען פלעגט אויף מיר אָנווייזן מיט די פינגער, אַלס בעסטע היסטאָריקערין אין קלאַס, מיט אַ זכרון, וואָס האָט געוואָרפן אַ חשד אויף מיין ערלעכקייט: מען פלעגט אריינקוקן אין מיינע פינגער־נעגל, צי איך פאַרשרייב דאָרטן נישט די דאַטן און נעמען, ווייל אַזוי פלעגן טאָן די אינגלעך, די גימנאַזיסטן און סטודענטן. זומער פלעגט מען פאָרן אויף וואַקאַציע אין פּרייסן, צום זיידן, דעם רב, אין מעמעל. און דאָרט פלעגט זיך ווייטער אָנהויבן אַ סדרה „אויסשטעלונגען" מיט מיין שול־קענטעניש און מיט מיינע גוטע רעפּאָרטן. נייע חברטעס, דייטשע און אידישע, זיינען צוגעקומען אין די וואַקאַציע־חדשים, און דאָ ווידער האָב איך זיי געקאָנט באַווייזן, אַז מיר, אין פּוילן, לערנען מער איידער זיי. איך האָב זייער געשיכטע און ליטעראַטור געקענט בעסער, איידער זיי, די דייטשקעס. אָבער האַנט־אַרבעט און הויזעניינים האָבן זיי געקאָנט בעסער. אַפילו קאָכן און באַקן האָבן זיי שוין געקאָנט... אָבער זיי זיינען געווען שרעקלעך אָפּגעשטאַנען אין ראָמאַנטישע ענינים: זיי האָבן גאָר נישט געוואוסט וועגן דעם חברן זיך מיט אינגלעך, וועגן טאַנץ־אָוונטן, ווי ביי אונדז. אמת, דאָ איז געווען אַ קליינער קאָנפליקט ביי מיר אויך: איך האָב נישט געהאַלטן פון דעם ענין זייט דעם פאַל מיט דעם שונד־ראָמאַן. איך פלעג אויסמיידן אַלע „סליזגאַווקעס" (גליטשן זיך) מיט אינגלעך אין העלענאָוו, אַ לאָדזשער גאָרטן מיט אַ טייך. אָבער אין די שמועסן מיט די מעמעלער מיידלעך האָב איך זיך באַרימט, אַז מיר (אָ, מיר!) זיינען שוין „דערוואַקסענע" און מיר פירן גאַנצע ראָמאַנען, מיט בריוולעך דורך די ברידער, מיט פינגערלעך און געהיימע פאַרלאָבונגען און שבועות אויף אייביק א. אַז. וו... מיט באַגלייטונגען אהיים פון וועטשערינקעס, אָן דערוואַקסענע און אָן מאַרינימאַן. די דייטשע מיידלעך פלעגן עפענען ברייט זייערע אויגן און זיך צושאַרן צו מיר און שטעלן הונדערט נאַרישע נייגיריקע פראַגן. מיין ברודער, אָבער, האָט זיך פאַר מיר באַרימט, אַז די „דייטשקעס דיינע" זיינען שוין גאָר נישט אַזעלכע בטלנותטעס ווי איך מיין, און אַז ער פאַרברענגט ביי

א פּאָר פריינדינען מיינע גאַרנישט שלעכט: מען שפּילט „אין פאַנטן" בלינדערהייט, מען טאַנצט און מען פאָרט צום ים אין דעם קליינעם מאַלערישן „זאַנדקרוג" איבערן האַפן פון מעמעל. איך האָב אים אָבער נישט נעגלויבט.

ציוניזם און רעליגיע אין די קינדער־יאָרן

דאָס וואָרט „ציוניזם" איז געקומען פלוצלונג צו אונדז אין קיך, אין לאָדזש: אַן אַלטער איד פלעגט אונדז צושטעלן גרינסן און קאַרטאָפל. ער איז געווען אַ ביטערער אָרעמאַן. אויף אַ גאַרניעץ קאַרטאָפל (פיר קוואָרט) פלעגט ער מאַכן צוויי קאָפּיקעס. אויפן מאַרק פלעגט זיין מיט צוויי קאָפּיקעס ביליקער, אָבער די דינסט־מיידלעך אין די באַלעבאַטישע הייזער האָבן נישט געוואָלט שלעפּן שווערע קוישן און קערב מיט קאַרטאָפל אָדער קרויט, און יעדע שטוב האָט זיך געהאַט אירן אַ אידן, וואָס פלעגט זיין דער ליפעראַנט פון גרינסן, פּרוכט, נאַפט און מילך, אַפילו עופות און מצה אויף פּסח.

אָט אַזאַ איד, איטשע־לייב, האָט איינמאָל, באַלד נאָכן באַלוטער פּאָגראָם אין 1892טן יאָר, גענומען קלערן און קרעכצן און זיפצן, בעת ער האָט געמאַכט חשבונות מיטן פאָטער מיינעם, איינמאָל אַ וואָך, פאַר די געבראַכטע פּראָדוקטן. און אַזוי שטייענדיק מיט אַ זעקל קאַרטאָפל אויף דער פּלייצע און אַ קוישל מיט עפּל אין האַנט, האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן צו אונדז: „שוין דאָס לעצטע זעקל, פאַניע בירענצווייג, ברענג איך צו אייך. איר זאָלט עס פאַרניצן מיט נאָט און זיך אויסבעטן אַ גיט יוער. יאָך פור אין ארץ־ישראל, נאָך די יום־טובים..."

איך פלעג שטענדיק זיצן אין קיך פאַר אַ יום־טוב: איך פלעג זיך מאַכן פאַר אַן ארויסהעלפערין דער מאַמען און דער קעכין, אָבער איך פלעג די ערשטע פאַרזוכן די בעסטע זאַכן, וואָס מען פלעגט באַקן אָדער פּרעגלען פאַר אַזאַ טאָג. איצט בין איך אויך געווען אין קיך ווען איטשע־לייב האָט עס געזאָגט צום פאָטער און צוגעקוקט, ווי מען וועגט אויף דער וואָג די עפּל.

יעדער פרעמדער קלאַנג האָט מיך אינטערעסירט און איך האָב באַלד אים איבערגעפרעגט אויף פויליש, וואָס ער האָט געזאָגט אַזעלכעס, צו־

ליב וואָס מיין פאָטער איז געוואָרן ערנסט. ער האָט געזאָגט אויף פויליש: „יאָדע דאָ פּאַלעסטיני." איך בין ארויס פון קיך און שנעל געבראַכט אַ געאָגראַפּיע און געבעטן מיין פאָטער מיר ווייזן, וואו דאָס געפינט זיך. איך האָב אים געפרעגט, ווי אַזוי וועט ער פאָרן. ער האָט געוווּס אַליין נישט געוואוּסט ווי אַזוי ער וועט פאָרן, אָבער ער האָט פריילעך געענטפערט: „אָט אַזוי, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס."

און מאָדנע: מיט יאָרן שפּעטער, דורך דער גאַנצער קינדהייט, איז דער באַגריף „פּאַלעסטינע" ביי מיר געווען פאַרקערפּערט אין דער פיגור פון איטשע־לייב, דעם הויכן, דאַרן אידן, מיט די רויטלעכע אויגן, שיטערע האָר, מיטן דאַשעק פון היטל טיף איבער די אויגן אריבערגעבויגן, מיט די הויכע שטיוול און דעם זאַק אויף די פּלייצעס...

די פיגור האָב איך שפּעטער געטראָפן אין די בילדער פון מיין ברודערס פריינט, דעם מאָלער העניק גליצענשטיין, פון לאָדזש, און פון אַ צווייטן מאָלער, ליליען, פון וואַרשע. אָבער איטשע־לייב איז געוואָרן מיין העלד. ער פאָרט. ער וויל דאָ נישט לעבן. ער האָט דעם מוט ארויס־צוגיין פון דער פּוילנאַצנע גאַס, פון דעם שטינקענדיקן קאַנאַל פון בידער־מאַנס פאַבריק, פון דעם געפערלעכן מאַרק, וואו אין אַ מינוט קאָן אַ שיכורער כוליגאַן, אַ „סאַכאַר־מאָראָזשניק" איבערקערן אַ קאָשיקל פון אַן אָרעמער אידענע און „לאָבוזעס" קאָנען צונויפקלייבן אירע עפּל און אַנטלויפן. אָבער איטשע־לייב פאָרט! איך האָב נישט געוואוּסט אין יענעם מאָמענט אין קיך, וואָס דאָס וואָרט „פּאַלעסטינע" באַדייט, אָבער איך האָב ביים צווייטן מאָל, ווען ער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין אַלטער פרוי זיך געזעגענען מיט אונדז, געפרעגט מיין פאָטער: „פאַרוואָס פאָרן מיר נישט?"

איך בין נאָך געווען שטאַרק אָנגעשראָקן פון יענעם בילד, אין דער סאַמע פריעסטער קינדהייט, ווען אַ צעבלוטיקטער איד איז אריינגעפאַלן אין אונדזער קיך זיך ראַטעווען פון כוליגאַנעס, וואָס האָבן אים באַוואָרפן מיט שטיינער... מיין פאָטער האָט מיר נישט געענטפערט. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז עס איז בעסער נישט צו פרעגן ווייטער. און קיינער האָט מיר נישט געענטפערט, אויסער לעאָן, אַ גליד־שוועסטערקינדס אַ זון, אַ יונגער, שטילער אינגל, וואָס האָט קיינעם נישט געטשעפּעט, מיט קיינעם זיך נישט געשפּילט, אַלעמאָל געלייענט און אַ סך געוואוּסט, אַלע־מאָל געזאָגט דעם אמת און מיט מיר פאַרבראַכט זיין פרייע צייט: מיר

האָבן געוואוינט איבערן הויף און זיינע שוועסטער זיינען געווען מיט מיר אין דער גימנאַזיע.

אַט־דער לעאָן איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט מיר דערציילט וועגן פּאַלעסטינע און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ ציוניסט. „דאָס זיינען אידן, וואָס ווילן מיט זייערע הענט צוריק אויפבויען פּאַלעס־טינע, פון וואַנען מיר, אידן, שטאַמען", האָט ער מיר דערקלערט און היים מיט מיר איינגעטענהט, אַז איך זאָל אויך ווערן אַ ציוניסטקע און מיר זאָלן פאָרן צוזאַמען פלאַנצן אַ גאָרטן און אַן אַקערפעלד...

עס האָט אויף מיר געווירקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: איך האָב זיך נישט געוואָלט צעשיידן מיט פּוילן. איך האָב בלויז געוואָלט זיך אריבערקלייבן פון פּולנאַצנע גאַס — אין וואַרשע, אין אַ דאָרף צווישן פּויערים — נאָר ארויס פון דער געגנט, נאָר גיין צו פּויערים. איך האָב געוואוסט, אַז זיי האָבן ליב מיין פאָטער; אין אונדזער דאָרף האָט מען קיינמאָל נישט געהערט, אַז מען זאָל די אידן אין שטעטל באַליידיקן אָדער שלאָגן. אָבער איך פלעג גערן זיך צוהערן צו לעאָנס דערציילונגען, צו אַזאַ זאַך, ווי דער באַזעלער קאָנגרעס, וועלכער האָט געזאָלט פאָרקומען אין קורצן, צום ערשטן מאָל; צו די דערציילונגען וועגן טעאָדאָר הערצל, מאַקס נאָרדאַו און זאַנגוויל און זיינע גרויסע ראָמאַנען („סענדער גלאַט־אייז"), וועלכע לעאָן פלעגט פאָר מיר ברענגען און וועקן אין מיר דעם געדאַנק, אַז איך בין אַ אידיש קינד, נישט קיין פּוילישע. עס האָט מיך געמאַכט טרויעריק, וואָס איך בין, לויט זיין מיינונג, נישט ווערט צו זיין אַן אייניקל פון אידישע מאַרטירער. אָבער איך האָב זיך נישט געקאָנט אַזוי לייכט צעשיידן מיט מיין ליבשאַפט צו פּוילן און מיט איר אומגליקלעכן גורל אונטער דער צאַרישער און דייטשער געוואַלט. איך האָב באַלד געפונען אַן אויסוועג: איך האָב אים פאָרגעלייגט צו אַרבעטן פאַר פּאַלעסטינע און איך וועל אַרבעטן פאַר פּוילן, און ווען מיר וועלן באַפרייען ביידע לענדער, וועלן מיר זיך טרעפן אין פּאַלעסטינע, וואוהין ער וועט שוין פאָרן, ווען ער וועט ווערן גרויס. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין גרויסע האָפענונגען אויף מיין טרעפן זיך מיט אים אין פּאַלעסטינע, ווייל צו יענער צייט האָב איך אפילו נישט געקאָנט לייענען קיין אידיש, נישט געוואוסט פון קיין שום אידישער געשיכטע און אפילו נישט געהאַט געפונען אַ שטיקל נאָט: איך בין נאָך אַלץ געווען אונטערן איינפלוס פון מיינע קאַטוילישע קיך־פריינט און הויף־קינדער.

איין פאַקט האָט אָבער געהאַט אַ גרויסע, כאָטש ציימווייליקע, ווירקונג אויף מיין רעליגיעזן זין און אויך אויף אַ מער ערנסטער באַציאונג צום לעבן: דאָס איז געווען די קראַנקהייט פון מיין מוטער אויף לונגען־אַנטצינדונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פאַרקילונג, בעת זי האָט געמוזט פאַרטרעטן מיין פאָטער אויף אַ האָלץ־סקלאַד, ווען ער האָט נעדאַרפט אַוועקפאָרן. פון דער פאַרקילונג איז געוואָרן אַ שטאַרק הוסטן, אַ הויכע טעמפעראַטור און אָנמאַכט. די שטוב איז פלוצלונג געוואָרן שטיל און אומדערטרעגלעך־טרויעריק. צוויי דאָקטוירים, אַ פעטער און מיין פאָטערס ברודער, פלעגן קומען צוויי מאָל אַ טאָג. מען האָט עפּעס גערעדט וועגן אַ „קריזיס״, וואָס דאַרף פאָרקומען ביי דער מאַמען. און איך פלעג ביינאַכט זיצן ביים בעט און וואַרטן אויפן „קריזיס״, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ לעבעדיקע זאַך. און אין איין פאַרטאָג, ווען אין שטוב איז געווען זייער קאַלט, ווען די פענצטער זיינען באַדעקט געווען מיט קווייטן פון פראָסט, ווען ביי מיר אויפן האַרצן איז געווען אַ שווערער אומעט, ווייל מאַריניאַ האָט געזאָגט, אַז די מאַמע קאָן אַמאָל נישט געזונט ווערן אויך, האָב איך זיך צוגעהערט צי זי אָטעמט. ווייל דאָס איינע האָב איך געוואוסט: כּל־זמן דער מענטש אָטעמט, אַרבעט די האַרץ און ער קאָן נישט שטאַרבן... דאָס איז געווען איינע פון מיין ברודערס לעבנס־חכמות, וועלכע ער פלעגט אין מיר אַריינקלאַפּן: זיי זיינען געווען פּשוט, קלאָר און אָפּטימיסטיש. האָב איך זיך שעהן־לאַנג צוגעהערט צו איר אָטעם און בין געווען גליקלעך — זי לעבט, מיין מאַמע! אין איר קראַנקהייט האָב איך איר אָנגעהויבן שטאַרק ליב צו האָבן. זי איז געוואָרן אומבאַהאָלפן און האָט זיך געגויטיקט אין מיין הילף. איך האָב איר געגעבן מעדיצין און מילך פון אַ לעפעלע, ווי אַ קראַנק קינד פון די שכנים. איך בין געזעסן שטיל ביי איר בעט, און פלוצלונג האָב איך אויף פּויליש אָנגעהויבן בעטן גאָט, אַז ער זאָל זי מאַכן געזונט. איך האָב אים דערמאָנט, אַז איך האָב איינמאָל שוין גערעדט מיטן גלח, אַז איך האָב געוואָלט ווערן אַ קאַטויליש קינד, ווי בראָניאַ און סטעפאַן, און אַז איצט איז זיין ריי געקומען מיר צו העלפן. איך האָב שטיל געשעפּטשעט אַ תפילה, וואָס מאַריניאַ פלעגט זאָגן זונטיק, און געקוקט אויפן אייז־פענצטער, וואָס איז געלעגן אויף מיין מוטערס שטערן.

פלוצלונג האָט מיין מוטער געעפנט די אויגן און מיך אַ פרעג געטאָן: „מיט וועמען רעדסטו און פאַרוואָס ברענט אַ לאָמפּ אין ווינקל?״

זי איז געוואָרן באוואוסטזיניק און האָט מיר געהייסן זיך אויסטאָן און גיין שלאָפן. איך האָב איר געזאָגט, אַז עס איז פיר אַזייגער פאַרטאָג, אַז דער פאָטער איז אוועק צו דער באַן נאָך קוילן און אַז איך קאָן נישט שלאָפן פון ווייטיק.

זי האָט שוואך געשמייכלט; געזאָגט, אַז איר איז בעסער, און מיך אַ גלעט געטאָן איבער די בעקלעך, זאָגנדיק, אַז זיי זיינען קאַלט און אַז איך זאָל גיין אין בעט. איך האָב פאַרבאַהאַלטן די טרערן, כדי זי זאָל נישט זען ווי קראַנק זי איז, און בין, צום ערשטן מאָל זינט דער קינדהייט, אַריין צו איר אין בעט, פאַרנעמענדיק אַ פיטשינקן אָרט, כדי זי זאָל ליגן באַקוועם.

איך געדענק, אַז צומאָרגנס בין איך אַוועקגעלאָפן צו לעאָנען און אים געבעטן מיר אויסלערנען אַ „מאָדליטווע" (אַ תפילה) אויף דעם לשון, אין וועלכן אידן רעדן צו גאָט. עס איז געווען מיין פעסטער באַשלוס, איצט, ווען די מוטער איז געראַטעוועט געוואָרן, צו ווערן נעענטער צו איר, ספּעציעל נאָך ווען איר פאָטער, אונדזער זיידע, איז געווען אַ רב, אַ מענטש, וואָס „רעדט מיט גאָט", ווי אַן אַלטע מומע האָט געזאָגט...

די פאָלגנדיקע טעג און וואָכן, ווען מיין מוטער איז געוואָרן געזונט, זיינען געוואָרן דער פונדאַמענט פון מיינע באַציאונגען מיט איר פאַרן רעשט פון איר לעבן. מיר האָבן ביידע פּלוצלונג דערפילט, אַז מיר האָבן זיך באַקאַנט איינע מיט דער צווייטער, אַז מיר זיינען ביידע פרויען, וואָס מוזן זיך האַלטן צוזאַמען דורך דעם געוואַלטיקן געביט פון געפילן, פון סענטימענטן, פון ליבשאַפט. אין די טעג פון שמועסן מיט איר וועגן הויז, וועגן מיין גרויסן ברודער און זיינע הוליאַנקעס, וועגן די פּלענער פאַר אַ גרויסער רייזע זומער צום זיידן אין פּרייסן, האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט פון איר צוויי זאַכן וועגן מיר, וואָס זי האָט געזאָגט צום פאָטער: אַז איך זאָג קיינמאָל נישט קיין ליגן, און אַז איך בין אַ קינד — אַ „חכמה"; אַז מען מוז מיר לאָזן גיין מיין אייגענעם וועג, ווייל איך ווייס, וואָס איך וויל.

און, אַלס אַ דאַנק פאַר מיין מוטערס געזונט ווערן, האָב איך יעדע נאַכט, ווי מיד איך זאָל נישט געווען זיין, שוין מיט פאַרמאַכטע אויגן „געלייענט קריאת־שמע" אויף אויסנווייניק, וואָס איך האָב זיך אויס־געלערנט, אָנשרייבנדיק עס מיט לאַטיינישע אותיות. יאָרלאַנג, ווען איבער דער משפּחה פלעגן הענגען שוואַרצע שאָטנס פון קראַנקהייט, אָדער

אַ געפּאַר פון אַ רייזע, פּלעג איך בעטן מיין פּלוצלונג־געפונענעם גאָט, אַז ער זאָל העלפן. אָבער בלויז פאַר דער משפּחה פּלעגן גיין מיינע תּפילות. פאַר זיך אַליין האָב איך וועגן קיין זאַך נישט מורא געהאַט, אָדער איך פּלעג באַשליסן, אַז צוליב מיינע ענינים, לייכטע און נישט גאַנץ געפערלעכע, דאַרף מען אים נישט מטריח זיין. עס וועט שוין, ווי ניט איז, זיך אויסגלייכן.

און דעם זומער, אַ יאָר פאַרן אַריינגיין אין דער רוסישער גימנאַזיע, האָב איך זיך אין מעמעל באַקאַנט מיט דעם באַרימטן ציוניסטישן פירער אין דייטשלאַנד, דוד לייב וואָלפסאָן, מיט וועמעס משפּחה מיין זיידע איז געווען באַפריינדעט, כאָטש ער, דער זיידע, דער רב ר׳ גבריאל פיינבערג, האָט געהאַט אַ גאַנץ נעגאַטיווע באַציאונג צום ציוניזם און נישט גע־גלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ אידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע. וואָלפסאָן האָט געהאַט אַ גרויסע משפּחה, עטלעכע דערוואַקסענע טעכטער און זין, און איך האָב זיך מיט זיי שטאַרק באַפריינדעט. איך האָב שוין גערעדט גאַנץ גוט דייטש, איך בין געווען שטאַרק פּאָפּולער אין שטעטל צוליב מיין אויסגעשפּראָכענער אומאָפּהענגיקייט, צוליב זיין באַלייענט אין דייטשע און רוסישע, פּוילישע און פראַנצויזישע דערציילונגען, ווייט אַריבער דעם קינדער־עלטער, און צוליב אַ מין פּאָליטישער רייפקייט, פון וועלכער די דייטשע קינדער האָבן גאָרנישט ניט געוואוסט. איך האָב נישט געוואָלט אָפּשטיין פון זיי אין קיין זאַך און האָב גאַנצע שעהן געהערט זייערע באַשרייבונגען פון פּאַלעסטינע, אָנגעקוקט די „בצלאל־״קאָלעק־ציעס, דעם הערבאַריום מיט פּאַלעסטינער בלומען און פלאַנצן, געקוקט אויף די בילדער פון ביימער, געפלאַנצטע אין נאָמען פון דר. הערצל און מאַקס נאָרדאַו. אָבער עס איז געווען דערביי אַ שטאַרק־פּערזענלעכע נאָטע: איינער פון וואָלפסאָנס זין, נאַטאַן, אַ שיינער אינגל, אַ גוטער שווימער און אַ פּריילעכער זינגער, איז דעם גאַנצן זומער מיט מיר „אַרומגעגאַנגען״ און אַלע מעמעלער מיידלעך האָבן אויף מיר פאַריבל געהאַט: „סטייטש, — האָבן זיי געטענהט, — ער איז אונדזערער, פון מעמעל, און דו קומסט פון רוסלאַנד און נעמסט אים פון אונדז אוועק! ער קוקט שוין אויף אונדז אַפילו נישט. פרייטיק, צוריק פון דאַווענען (אַלע מיידלעך פלעגן, מיט די דערוואַקסענע צוגלייך, גיין פרייטיק און שבת דאַווענען אין שול), וואַרט ער אויף דיר און מער זעט מען אייךביידע נישט. און זונטיק זייט איר שוין ווידער אין „זאַנדקרוג״ ביים ים.״

איך האָב זיך אָבער נישט געקאָנט העלפֿן: ער איז מיר געפֿעלן געוואָרן און מיר האָבן צוזאַמען פֿאַרבראַכט. ער איז געווען מיין ברודערס פֿריינט אויך. און ווען איך בין אַוועקגעפֿאָרן צוריק קיין לאָדזש, האָט ער צו מיר געשריבן פּאָסט־קאַרטלעך און אפילו בריוו, און מיך אָנגערופֿן אין די בריוו: „טויערעס פֿרוילײַן, גינאַ.” ווי דערשיטערנדיק פּלאַטאָניש דער ראָמאַן איז געווען, קאָן מען זען פֿון דעם פֿאַקט, אַז מיר זײַנען אפילו נישט געווען אויף „דו”; אַז מיר האָבן אפילו נישט געוואוסט פֿון אַזעלכע אַמעריקאַנישע צערטלעכקייטן, ווי „האַלטן די הענט” אָדער גיין צוזאַמען „פֿאַר אַ ראַיד”. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן יאָ געטאָן, איז געווען: נעמען אַ שיפֿל מיט זעגלען און אַרויספֿאָרן אין אַ שיינעם, רואיקן טאָג אויף דער „קורישער נערונג”, אין דעם האַפֿן פֿון מעמעל. דאָרט פֿלעגן מיר כאַפּן די באַרימטע מעמעלער „שטרעמלינגע” און זיך ביטער צעוועדטלען צוליב דעם, ווער עס האָט געכאַפּט מער און זײַן בײַז מיטאַנאַנד אַ מעת־לעת אָדער צוויי. דאַן פֿלעגט ער קומען מיט אַ שטיק שאָקאָלאַד, אָדער אַ פּאָר הערלעכע רויזן פֿון זייער גאָרטן, און מיר פֿלעגן זיך אויסגלייכן. נאָר עטלעכע זומערן נאָכאַנאַנד פֿלעגן מיר זיך טרעפֿן אין מעמעל אויף וואַקאַציע, ביז די פֿריינטשאַפֿט האָט זיך אויסגעוועפּט, ווייל אונדזערע אינגלעך אין לאָדזש זײַנען געווען אינטערעסאַנטער און וואָוילער, און ווייל די רעוואָלוציאָנערע קרייזן אין אונדזערע גימנאַזיעס האָבן מיך נעענטער געבראַכט צום ציל: צו דער ברייטער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט.

צום לעצטן מאָל בין איך געווען אין מיין זיידנס הויז אין 1904. אין הארבסט בין איך אַוועק אין דער שווייץ צו באַקענען זיך מיט דער דאָרטיקער פּאָליטישער באַוועגונג. איך בין דאָרט געווען עטלעכע מאָנאַטן, און בעת דער צייט איז מיין זיידע געשטאָרבן. די באָבע, די טייערע הארציקע באָבע, איז געשטאָרבן נאָך פֿריער, און מיט דער שטאָט האָט מיך שוין גאָרנישט ניט געבונדן. איך האָב, מיט יאָרן שפּעטער, געטראָפֿן אַ טייל פֿון דער וואָלפֿסאָן־משפּחה אין בערלין, זיך זייער דערפֿרייט מיט זיי, אויך מיט נאַטאַנען, אָבער עס האָט מיך מיט זיי בלויז געבונדן די קינדהייט־עפּאָכע, דאָס געפֿיל פֿון גליק און זון און דאָס געפֿיל פֿון אַ פֿאַרלוירענעם גן־עדן. און — מאָדנע — דאָס זען זיך מיט זיי איז געוואָרן אַ ווייטיק: מיר האָבן געהאַט דעם צאַריזם. אין „פּאַוויאַק” איז געשטאָרבן פֿון קלעפּ און קראַנקהייט מיין קוזין יוזעף בירענצווייג, זײַנע

חברים האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר, און זיי דאָרט, אין מעמעל, אין בערלין און קעניגסבערג, האָבן געהאַט פאַרלאַמענטן און פּאָליטישע פּריי־הייט און עס איז געווען שווער זיך אין דעם צו באַדן, אָן קרבנות. האָב איך באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין פּוילן און ווייטער ארבעטן אין אונדזערע ערשטע קרייזן פון די בעסטע ארבעטער און אינטעליגענטן צוזאַמען. זיי האָבן זיך געהאַט אָרגאַניזירט אין 1902, אין מיין קלאַס, צווישן די פּוילישע חברטעס.

מיט עטלעכע יאָר פריער איז אונדזער משפחה צעשיידט געוואָרן: מיין עלטערער ברודער איז אַוועק פון אונדז. צוערשט איז ער אַרום פון הויז און האָט אָנגעהויבן צו וואוינען פאַר זיך באַזונדער. ער האָט געהאַט מאַטעמאַטישע פייאיקייטן און אַ שטיקל מוזיקאַלישן טאַלאַנט: ער האָט שוין זייער גוט געשפּילט אויף דער פידל. אָבער אַלס אַן אַמאַטאָר, אַ דילעטאַנט, האָט ער נישט ליב געהאַט צו אַרבעטן שווער. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם פאַרמעגן. ער האָט פאַרמאָגט אַ פאַבריק פון טעפּיכער און האָט געהאַט אַ שותף. ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף אים אינגאַנצן, און יענער האָט אינגיכן געמאַכט אַ סוף פון דעם געשעפט און זיי זיינען זיך צעגאַנגען.

די צעשיידונג

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז מיין ברודער אַוועק קיין אַמעריקע, צו דער אויסשטעלונג אין סעינט לואיס. דאָרט האָט ער געהאַט אַ צייטונגס־סטענד, ווי ער האָט אונדז געשריבן מאָנאַטן שפּעטער. מיין מוטער האָט געליטן אָן אַ שיעור פון זיין אָפּפאָרן. מיר האָבן אַלע געקאָנט זען, ווי שטאַרק זי האָט אים ליב געהאַט. און מיר האָבן עס אים פאַרגונען: ער איז געווען אַ פיינער, מוזיקער, זעלטן־שיינער יונג. אַלע האָבן אים ליב געהאַט, שוין דורך זיין געווינענדיקן שמייכל אַליין. ער פלעגט מיט מיין מוטער גיין איבעראַל, פּונקט ווי ער וואָלט געווען איר מאַן און נישט מיין פאָטער. ער האָט אונדז, די צוויי אינגערע קינדער, געהאָלפן דערציען. ער האָט אונדז געבראַכט שפּילצייג און גוטע זאַכן. געווען דער ערשטער צו פירן אונדז זיך פאָטאָגראַפירן. דער ערשטער געכאַפּט נייע

זאַכן, וואָס זיינען אויפגעקומען אין יענע צייטן: אַ מאַשין אויסצו־קוועטשן דאָס וואַסער פון נאַסער וועש (אַ וויזשימאַטשקע, אויף פּויליש), אַ פאָנאָגראַף, אַ בליץ־לאָמפּ. ער האָט געזאָרגט, אַז מיין מוטער זאָל האָבן געלט פאַר אירע רייזעס צום זיידן. און דאָ פאָרט ער פלוצלונג אוועק...

דאָס הויז איז פאַריתומט געוואָרן. דערצו נאָך איז ער אָפּגעפאָרן, נישט זאָגנדיק עס אונדז, נאָר אַ יונגע, שיינע מיידל איז געקומען צו מיין מוטער און האָט עס איר אָנגעזאָגט. דאָס איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר איר מוטער־ליבע און פאַר איר שטאָלץ. מיין פאָטער האָט עס אַמאָל ארויסגערעדט: „זעסט, ווי דו האָסט דיין זון דערצויגן? אַן ענגאַאיסט, אַ לייכטזיניקער! ער האָט נישט געטראַכט וועגן דיר און דיין אומעט, נאָר איז אוועק, נישט געזעגענענדיק זיך, קיין אַמעריקע, אין דעם לאַנד, וואוהין אַלע מעסערשטעכער גייען, אַלע גנבים, ווייל דאָרט דאַרף מען נישט קיין פּאַס, קיינע פּאַפּירן, יעדער בייט דאָרט דעם נאָמען..."

עס האָט איר אָממערסטן ווויי געטאָן, וואָס אַזאַ געראָטענער, פייאיקער בחור איז אוועק קיין אַמעריקע, אַ לאַנד פון שלעכטן שם אין יענע צייטן. און זי איז געווען גליקלעך, ווען ער איז נאָך עטלעכע מאָנאַטן געקומען צוריק און איז אוועק קיין פעטערבורג, דערנאָך קיין כאַרבין, אין כינע.

פון דאָרט פלעגן קומען בריוו, און ער אַליין פלעגט אויך אַ פּאָר מאָל קומען זיך זען מיט דער מוטער אין ווילנע. קיין פּוילן איז ער מער נישט געקומען און אין מיין זכרון איז ער פאַרבליבן דער יונגער, שיינער, בלאָנדער בחור. און אין 1913, ווען איך בין געווען אין קאָוונע ווייל מעדעם איז דאָרט אַרעסטירט געוואָרן, זיינען ביידע ברידער געקומען מיך זען, גראָד אין יענעם אָוונט ווען מען האָט מעדעמען געפירט אין דער וואַרשעווער תפיסה צום „סלעדאָוואַטיעל" און צו דער אויספאָרשונג. און צוליב דעם, וואָס מיין צוג איז געגאַנגען מיט אַ שעה פריער — האָבן מיר זיך נישט געטראָפן און איך האָב אים שוין קיינמאָל מער נישט געזען...

די יאָרן אין דער גימנאַזיע זיינען געווען גאַנץ שווערע

פינאַנציעל איז אונדז געגאַנגען אַלץ ערגער. מיין פאָטער האָט זיך, ווי איך האָב פריער דערמאָנט, פאַרלוירן אין דער נייער, שווינדל־דיקער שטאָט פון ספעקולאַציע און דרייען מיטן שטעקן, פון כאַבאַר און קרימינעלע אַקטן, פון „גאָט פאַרגעסן” און „דעם גוף באַפרידיקן”, ווי מיין פאָטער פלעגט זאָגן. צוריק פאָרן אין שטעטל טאָמאַשאָוו האָט ווידער מיין מוטער נישט געוואָלט צוליב אונדז, קינדער. האָט מען פאַר־קויפט איין שטיקל ערד נאָך דער צווייטער און מען האָט זיך אָנגעשפאַרט אויף מיין מוטערס הויז אין ווילנע. נאָכן אָפּפאָרן פון מיין ברודער איז זי געוואָרן די יורשטע צום הויז. צוליב דעם פלעגט זי מוזן אָפט פאָרן קיין ווילנע — צו באַנייען די קאָנטראַקטן מיטן אַרענדאַטאָר פון הויז, און זי פלעגט אונדז מיטנעמען אהין. דאָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסן איינפלוס סיי אויף אונדזער דערציאונג, סיי אויף מיין באַקאַנען זיך מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון וועלכער ווילנע איז געווען דער צענטער פון יאָר 1898 אָן.

אַ גרויסע ראָלע אין מיין אויסבילדונג און אין מיין צווייטן ברודערס פּראָפעסיע האָט געשפּילט איר ברודער, וולאַדימיר פיינבערג, אַ פילאָלאָג, אַ לערער פון רוסישע אָפּיצערן אין פרעמדע שפּראַכן, אַן אַלטער ווייבער־שונא און אַ זעלטענער קלוגער מענטש. ער האָט שטודירט אין באָן און אין מינכען, וואו עס האָט אויך שטודירט אַ צווייטער ברודער זיינער, דער שפּעטערדיקער שעף־דאָקטאָר פון אַ מינכענער נערוון־שפּיטאָל און דער שעף פון דער פּסיכיאַטרישער אָפּטיילונג פון „מאַונט סייניי האָס־פּיטאַל” אין ניו־יאָרק, דר. סימאָן פיינבערג.

וולאַדימיר פיינבערג איז געווען אומגעהויער באַלעזן און האָט געהאַט אַ פּערפעקטע קענטעניש פון דייטש און פראַנצויזיש, פון ענגליש, רוסיש און העברייאיש. ער האָט נישט געקאָנט הערן די אידישע שפּראַך. ער איז אין דעם פּרט געווען כמעט אַן אַנטיסעמיט. ער איז געווען אַ פילאָלאָג פון „גאָטס גענאַד”, ווי ער האָט אונדז דערקלערט, און יעדע „פאַרקריפּ־לונג” פון אַ שפּראַך האָט ער פיינט געהאַט ביז גאָר. דערפאַר האָט ער

געפירט אַ שריפטלעכע מלחמה מיט אַלע דייטשע דיאַלעקטן פון בייערן, שלעזיע, פּרייסן און עסטרייך. געוואָלט זיי אויסוואָרצלען און בלויז איבערלאָזן די שפּראַך פון בערנע, היינע, שילער און לעסינג. געפירט אַ מלחמה מיט די ווילנער בעטלער פון זאַוואַלנע און סטעפּאַנאָווסקע גאַס, ענטפערנדיק זיי אויף „הויך־דייטש״, אַז ער גלויבט נישט אין צדקה. זיי האָבן אים גערופן „משומד״ און געזידלט מיט די פינצטערסטע קללות. אָבער שפּעט אין אָוונט פלעגן ביי אים זיצן אָרעמע אינגלעך, לערן־קינדער, פּריקאַזשטשיקעס און שוסטער, וועלכע ער פלעגט אומזיסט לער־נען רוסיש און אַריפמעטיק... ווייל ער איז געווען האַרציק און גוט, נאָר מיט אַ מוראדיקער חוצפּה און אויסגעהאַלטנקייט פון כאַראַקטער. מיר ביידע זיינען געווען גרויסע פריינט און ער האָט מיט מיר ביז זיין טויט, אַפּריל 1938, געהאַלטן אין איין איבערשרייבן זיך. בעת דער פּוילישער מאַכט האָט ער פאַרלוירן אַלע זיינע מעגלעכקייטן צום לעבן, צוליב אַנטי־סעמיטיזם און אידן־באָיקאָט. רוסישע אָפיצערן אין צאַרישע צייטן פלעגן זיך ביי אים לערנען שפּראַכן פאַר דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. פאַרלאָרן האָט ער זיי מיטן אָנקומען פון די פּאָליאַקן אין ווילנע.

זייט 1918 בין איך געווען זיין גאַנצע שטיצע, און מיר האָבן זיך געזען בעת אַלע מיינע רייזעס קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען איך פלעג אַדורכפאָרן פּוילן. ביז צו דער סאַמע לעצטער מינוט איז ער געווען אַ שטאַרקער, שטאָלצער, נישט־געבויגענער כאַראַקטער, און מיר פלעגן האָבן ערנסטע קאָנפליקטן צוליב זיין לייענען דייטשע נאַצי־צייטונגען, בעת פּוילן איז שוין געווען פאַשיסטיש. אָט־דער פעטער האָט אין אונדזער קינדהייט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, אַלס אונדזער עצה־געבער און אַלס דער פירנ־דיקער כח אין אויסקלייבן אַ פּראָפעסיע.

מיר פלעגן זיך מיט דער מוטער אָפּשטעלן אין ווילנע און וואוינען ביי אים, אין זיין פּיטשינקער הייזל, אויף זאַוואַלנע 32, וואָס ער פלעגט דינגען ביי אַ פּוילישער פּריצטע, פּאַני זשעבראָווסקאַ. זי איז געווען אַן אַלטע אַריסטאָקראַטקע, אַ גראַפּיניע פון דער היים, וועלכע האָט חתונה געהאַט, אַנטקעגן דעם ווילן פון אירע עלטערן, מיט אַ פּשוטן „שליאַכ־טשיץ״, אַ מאַיאָר אין דער רוסישער אַרמיי. דאָס הויז און אַ גאָרטן זיינען געווען ווייט אין הויף, און אין פראָנט איז בלויז געווען אַ קליין הייזל, איין צימער און אַ קאַמער מיט אַ פאָרהויז, און דאָרט פלעגן מיר וואוינען די צוויי־דריי וואָכן, איידער מיר פלעגן פאָרן, איבער איידטקונען און

וויערזשבאָלאָווא, קיין פּריימן. עס פּלעגן זיין אומפּאַרגעסלעכע טעג פאַר אונדז: אַן אמתער משפּחה־לעבן. עפּעס פּלעגט אַראָפּפאַלן אַ לאַסט פון אונדז אַלעמען, אפילו פון אונדז, קינדער. אַ שווערער יאָך פון דער פאַר־שאָלטענער, מיאוסער, פאַררויכערטער שטאָט לאָדזש. און ווידער פּלעגן מיר זיך באָדן אין נאַטור־שיינקייט. מיר, די קינדער פון טאָמאַשאָוו, פון ברזשוסטאָוואָקאַ, פון דער „קאָלירטער אָזיערע" ביי ספּאַלאַ, פון דעם טייך פּיליצאַ, ביי וועלכן מיר זיינען אויסגעוואַקסן און וואו אַלע האָלץ־העקער האָבן גערופן מיין פאָטער מיטן נאָמען „פּאַן הערמאַן".

דער פעטער, מיין מוטערס אינגערער ברודער, האָט נישט ליב געהאַט דעם נאָמען וועלוול, מיט וועלכן מיר פּלעגן אים אָנרופן. ווען מיר פּלעגן וועלן פון אים אַ שטיקל טובה, אונדז ווייזן די שטאָט און די גאָרטנס, פּלעגן מיר אים רופן מיטן „איידעלן" נאָמען: וואָלדעמאַר, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט, ווייל עס האָט אים דערמאָנט אין זיינע סטודענטישע יאָרן אין פּאַריז און מינכען. מיט די זכרונות פון יענע יאָרן פּלעגט ער זיך אַרומטראָגן זיין גאַנצן לעבן. און עס איז געווען גאַנץ פאַרכאַפּנדיק צו הערן פון זיינע איבערלעבונגען.

ביידע זין פון מיין זיידן, דעם רב גבריאל פיינבערג, זיינען אַוועק פון אַ רבנישער היים שטודירן אין אויסלאַנד: איינער מעדיצין, דער צווייטער פילאָלאָגיע און פילאָסאָפיע. ביידע זיינען געווען אַפּיקורסים. נישט געגלויבט אין גאָט, נישט געהאַלטן פון רעליגיעזע תנועות און מנהגים. און ביידע האָבן ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט זייער פאָטער, דעם רב. וואָלאָדימיר, דער פילאָלאָג, איז נאָכן טויט פון מיין באָבען געקומען קיין מעמעל אויף 10 חדשים צו העלפן מיין זיידן אָנשרייבן אויף העבּ־רייאיש זיין ווערק: קאָמענטאַרן צום „חושן המשפט" און „יורה־דעה", ווי מיר, קינדער, האָבן עס געהערט גאַנצע טעג און נעכט אין זייערע שמועסן. און אַזוי איז עס פאַרבליבן אין אונדזער זכרון. דער זיידע פּלעגט שטענדיק האָבן אַרום זיך אַן אָרעם־בחור, וואָס פּלעגט „לערנען" מיט אים, ווען זיינע אויגן זיינען שוין געוואָרן שוואַך. אַזוי האָט מען געזאָגט אין שטוב: „לערנען מיטן זיידן", כאָטש איך פּלעג מאַכן סקאַנדאַלן, אַז אַזאַ יונגער בחור קאָן נישט „לערנען" אַזאַ קלוגן, אַלטן רב, מיט אַזאַ הערלעכער זילבערנער באָרד, מיט אַזאַ גלייכן שטאָלצן גאַנג, וועגן וועלכן אַלע דייטשן אַרום דעם „פרידריכס־מאַרק", וואו מיר האָבן געוואוינט, האָבן גערעדט ווי וועגן דעם „הערן אָבער־ראַבינער" און אים

אָפּגעטראָטן דעם וועג, ווען ער פּלעגט פינף אַזייגער פאַרנאַכט גיין דאַווענען מעריב.

מיין פעטער איז אָפּגעזעסן צען חדשים אין מעמעל ביים זיידן און האָט געמאַכט אַן אָרדענונג אין זיינע ספרים, האָט זיי נומערירט און געמאַכט צו זיי אַ קאַטאַלאָג אויף העברייאיש. אָבער דאַווענען איז ער נישט געגאַנגען... נישט געקוקט אויף דעם בעטן זיך ביי אים פון מיין זיידן און פון מיין מוטער. ער פּלעגט ענטפערן אויף הויך־דייטש: „איך בין קיין היפּאָקריט. איך האַסע רעליגיאָן. איך בין איין פריידענקער און לאַסט מיך אין רוהע!" — מען האָט בלויז ביי אים געפּועלט, אַז ער וועט נישט רויכערן שבת אין גאַס, אַז ער וועט נישט גיין מיט קיין שטעקן, אַז ער וועט נישט זיצן אין אַ קאַפע־הויז און וועט נישט עסן יום־כיפּור.

דער זומער פון 1900, ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען מיט אים אין מעמעל, האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף מיין ברודערס קאַריערע און אויף מיינע צוקונפטיקע פּלענער אויך.

ער האָט גענעצהט מיין מוטער, אַז מען זאָל פון מיין ברודער נישט מאַכן קיין סוחר, אָדער אַ רייזנדן קאָלעקציאָנער, ווי אַלע יונגע לייט אין לאָדזש, נאָר מען זאָל אים מאַכן מעגלעך צו שטודירן כעמיע אָדער פאַר־מאַצעאוטיק (אַפּטייקעריי), און איך זאָל שטודירן אויף אַ לערערין פון שפּראַכן, אָדער מעדיצין. די פּלענער האָבן אויף אונדז, קינדער, געמאַכט אַ פאַרכאַפּנדיקן איינדרוק, און מיר האָבן לאַנג געשוויגן און זיך צו־געהערט צו מיין מוטערס איינווענדונגען קעגן די פּלענער און צו זיינע ענטפערס פאַר זיי.

נאָך אין דעם איינענעם זומער האָט מען באַשלאָסן מיין ברודער אוועקצושיקן קיין באָריסאָוו, מינסקער גובערניע, צו אַ ווייטן פעטער פון מיין מוטער, צאַדיקאָוו, וואו ער וועט זיך אָנהויבן לערנען אויף אַ פאַרמאַ־צעווט און שפּעטער אַריינקומען קיין וואַרשע אין אוניווערסיטעט, כדי צו ווערן אַ פּראָוויזאָר.

איך האָב געדאַרפט ענדיקן די גימנאַזיע אין לאָדזש און פאָרן ערגעץ־וואו צו ענדיקן אַן אַכטן קלאַס און באַקומען אַ דיפּלאָם פון אַ הויז־לערערין און זוכן אַן אוניווערסיטעט פאַר ווייטערדיקן שטודירן. איך בין געוואָרן זייער שטאַרק צוגעבונדן צום פעטער. איך האָב געזען, אַז ער גיט באַשטימטע צילן אין לעבן און נעמט אַראָפּ פון דער נשמה אַ

שווערע לאַסט, די לאַסט פון זוכענישן און פון אַליין געפינען אַן אויסוועג. עפּעס איז איצט דער וועג געלעגן אַ גלייכער, אַ גלאַטער פאַר אונדז. מען האָט געזען אַ סעריע פּאַרנומענע טעג און חדשים. מען האָט נישט גע־דאַרפט זיצן און גריבלען זיך וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין נאָכן ענדיקן די שול. עס וועט זיין ווידער אַ שול. און דאָס האָב איך געוואָלט. איך האָב ליב געהאַט דאָס לערנען זיך...

פון דעם פעטער האָב איך אויך באַקומען די ערשטע ערנסטע עטישע געבאָטן: פריינטשאַפט איז געוואָרן נישט אַ פּוסטער קלאַנג, נאָר אַ הויך־ווערטיקער אינהאַלט. דער פעטער איז געווען אַ זעלטן־ערלעכער און ערנסטער אידעאַליסט. ער האָט גענומען ערנסט אַ מענטשלעך וואָרט, געדרוקט אָדער געזאָגט — אַלץ איינס. ער האָט געהאַט דעם טיפסטן דרך־ארץ פאַר רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין דער געשיכטע פון דייטש־לאַנד אָדער רוסלאַנד, פראַנקרייך אָדער איטאַליע. ער איז געווען דער, וועלכער האָט מיר אָנגעוויזן וואָס צו לייענען אין היינעס, בערנעס, שילערס און לעסינגס ווערק. ער האָט מיך באַקאַנט מיט די ווילנער גרופּעס פון די פאַרשיידענע אַרבעטער־סעקציעס. ער האָט אונדז דערציילט וועגן הירש לעקערטס שאָס אין טרעפּאָוון. מיר זיינען גראָד יענעם זומער דאָרט געווען, און חדשים־לאַנג איז די שטאָט ווילנע געווען אונטער דער טיפער ווירקונג פון די פּאָליציייאישע טעראָר־שטיק און פון לעקערטס נקמה־אַקט. יענער זומער האָט אַ סוף געמאַכט צו די זאָרגלאָזע שפּילערייען און לייכטע ביכער, און מיר האָבן ביידע, דער ברודער און איך, אָנגעהויבן לייענען ערנסטערע ביכער: געשיכטע, אַנטראָפּאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און די ערשטע אומלעגאַלע אויסגאַבן האָבן אונדז דערגרייכט: צוערשט אין ווילנע און דאַן אין לאָדזש.

בעת איך בין געווען אין דער רוסישער גימנאַזיע האָב איך זיך שטאַרק געחברט מיט אַ דייטשער מיידל, מעלאַ יעקעל. אַרום דער פריינט־שאַפט איז געלעגן אַ שטיקל טראַגעדיע. איך האָב זיך מיט אַלע כוחות געריסן צו אַנדערע עלעמענטן אין מיין קלאַס: צו פּראָגרעסיווערע און מער אינטעליגענטע; צו מיידלעך, וועלכע זיינען אָנגעפאָרן פון מאָסקווע, בערדיטשעוו, קיעוו, נאָכדעם ווי מען האָט זיי אויסגעוויזן פון דאָרטן — ריכטיקער: זייערע עלטערן. זיי זיינען געווען אמתע רוסישע מיידלעך, מיט אַ שיינעם רוסיש, מיט אַ קענטעניש פון רוסישער ליטעראַטור און מיט אַ הויכן טעאַטער־חוש. זיי פלעגן האָבן קרייזן פון גימנאַזיסטן, אויך

פון רוסלאַנד געקומענע, און מען האָט שבת נאָך דער שול זיך פאַרזאַמלט און געלייענט צוזאַמען, געגאַנגען אין טעאַטער ווען אַ רוסישע טרופּע פלעגט קומען. דאָס אַלץ האָט מיך געצויגן צו זיי.

אָבער איך האָב געמוזט זיצן און פאַרברענגען אַלע פרייע שעהן מיט מעלאַן, ווייל די פריינטשאַפט מיט איר איז געווען אַ מסירת־נפש פון מיין זייט. איר פאָטער איז געווען קראַנק אויף טובערקולאָז און זי האָט געמוזט אַרויסהעלפן אין שטוב. צוליב דעם איז זי געוואָרן הינטער־שטעליק אין די לימודים, און זי איז איינמאָל געקומען צו מיר, איך זאָל איר העלפן. האָב איך מיט איר געלערנט דריי וואָכן בעת די ווינטער־וואַקאַציעס. עס האָט זיך אַזוי געצויגן פינף יאָר, און איך פלעג נאָר געציילטע שעהן קאָנען פאַרברענגען מיט די אַנדערע מיידלעך, ווייל מעלאַ איז געווען אייפערזיכטיק אויך... זי פלעגט וויינען, ווען איך בין זונטיק פון אינדערפרי אָן נישט געקומען צו איר. און ווען איר פאָטער איז גע־שטאָרבן, איז שוין געווען אָפּגערעדט: איך האָב דאָרט געגעכטיקט און געטאָגט, געהאָלפן אין שטוב און געשריבן טאָפּלטע קאָמפּאָזיציעס — פאַר מיר און פאַר איר. זי האָט אַבסאָלוט נישט געקאָנט אָנשרייבן קיין זאַך. נישט אַ געדאַנק אויסדריקן. אפילו זכרונות פון דער קינדהייט אויך נישט. זי האָט אין קלאַס, בעת אַן אויפגאַבע, געדולדיק געוואַרט ביז איך וועל פאַרטיק ווערן מיט מיין אַרבעט און וועל אָנשרייבן אַ צווייטע פאַר איר, אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז איך אַליין בין געוואָרן הינטערשטעליק אין מיינע בעסטע לימודים און די לערער האָבן גערופן מיין מוטער צו אַ באַראַטונג. דאָ האָט זיך די גאַנצע זאַך אַנטפּלעקט און מען האָט איר געוואָלט אַוועקזעצן באַזונדער פון מיר. צום ערשטן מאָל האָב איך געמוזט פאַרטיידיקן פריינטשאַפט און איך האָב די לערערין געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע, ווען איך האָב איר געפרעגט: וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו ציטירן גריכישע אָדעס וועגן פריינטשאַפט, אויב דאָ, אין קלאַס, הייסט מען פאַרראַטן מיין פריינדין, וועלכע נויטיקט זיך אין מיר?... און איך בין געבליבן מיט איר. זי אַדורכנעשטופּט אין אַלע קלאַסן, געשריבן טאָפּלטע אַרבעטן, געלערנט מיט איר אין אָוונט און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איך האָב קיין גאָלדענעם מעדאַל נישט באַקומען, ווייל פון דער ערשטער בין איך געוואָרן די דריטע אין קלאַס.

די לערער האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ וועגן דעם, וואָס איך געפין

אין איר: מען האָט מיט מיר גערעדט אין די איבערדרייסן אין קאָרידאָר. מען האָט מיך גערופן אין לערער־צימער, צום דירעקטאָר. מען האָט מיר געזאָגט: „דו פאַרשפּילסט דיין גאָלדענעם מעדאַל. דו וועסט, אַלס אַ אידישע מיידל, נישט קאָנען אָנקומען אין פּעטערבורגער „וויסשיע זשענסקיע קורסי" (העכערע פרויען־קורסן).

עס האָט מיך שווער געטראָפן אַזאַ שמועס. אָבער פאַרראָטן אַ פריינט — דאָס איז געווען אַ מיאוסע זאַך! ווי וועל איך קאָנען איר קוקן אין פּנים, ווען זי וועט זיצן אַליין און טרערן וועלן זיך גיסן פון אירע אויגן? ווייל זי פלעגט זייער לייכט וויינען. און זי איז געווען זייער שיין און איז געווען גוט צו מיר. זי פלעגט קומען צו אונדז און העלפן דער מוטער מיינער אין אַלע הויז־אַרבעטן, ערב די יום־טובים, ווען די מוטער איז געווען שטאַרק פאַרנומען. זי פלעגט קומען מאַכן איינגעמאַכטע פרוכט און איך פלעג זיצן און שרייבן אונדזערע קאָמפּאָזיציעס.

אָבער עס איז געקומען אַ צייט, ווען איך האָב באַקומען אַ פּאָר „קאָרקעס" (אַזוי פלעגן מיר אָנרופן אַ „קאָרעפּעטיציע", דאָס הייסט: ארויסהעלפן אין שול־אַרבעט פון אינגערע קינדער, פאַר געלט). און אַזוי ווי איך האָב געהאַט צו ווייניק צייט פאַר דריי אַרבעטן, האָב איך איר בלויז געהאָלפן אין שריפטלעכע לימודים.

דאָס ערשטע פאַרדינטע געלט האָט אויף מיר שטאַרק געווירקט. איך פלעג עס אָפּגעבן מיין מוטער און איך האָב מיט שטאָלץ געטראָגן מיין שול־מונדיר, געקויפט פאַר מיינע אייגענע שווער־פאַרדינטע געלט. פאַר אַ שטונדע טעגלעך האָט מען געצאָלט 10 רובל אַ מאָנאַט. און מאַנכע מיידלעך האָבן געהאַט דריי־פיר שעה אַ טאָג „קאָרקעס". נישט קיין וואונדער, וואָס זיי זיינען געווען שטענדיק מיד, נישט אויסגעשלאָפן, געווען אָנעמיש און קוים געקאָנט דורכציען דאָס יאָר, וואַרטנדיק אויפן זומער. און אין זומער פלעגן זיי אָננעמען אַ „קאָנדיציע", דאָס הייסט: פאָרן אויפן לאַנד מיט אַ שילערין און קנעלן מיט איר אַ זומער. אָבער עס פלעגט זיין אינטערעסאַנט, ווייל מען פלעגט האָבן אַ שאַנס אוועקצוגיין פון דער היים און זען אַ קליין שטעטל.

מיין פריינטשאַפט האָט זיך געצויגן ביז צו דעם מאָמענט, ווען איך בין אריין אין אַ רעוואָלוציאָנערן שילער־קרייז און מעלאַ האָט נישט גע־האַט קיין אַספּיראַציעס דערצו. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט די רוסישע מיידלעך פון קלאַס און מיט אַ פּאָר בעסערע, פּוילישע. און עס

האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַן אמתע, הארמאָנישע, גלייכע חברשאַפט, מיט געמיינזאַמע אינטערעסן און פּלענער פאַר דער צוקונפט. און ביסלעכ־ווייז איז מעלאַ אַראָפּ אויפן צווייטן פּלאַן. ווען איך האָב איר אַדורכ־געשטופּט צום אַטעסטאַט, האָט מען ביי איר געפרעגט: „צי ווייסטו כאָטש, אַז צוליב דיר האָט גינאַ נישט באַקומען קיין גאָלדענעם מעדאַל, נאָר אַ באַלויכונג פון ערשטן גראַד, וואָס מען גיט געוויינטלעך צו קיינעם נישט, נאָר איר האָט מען געגעבן פאַר איר שווערער אַרבעט פאַר אייך צווייען?" האָט זי געזאָגט: „איך ווייס עס. אָבער זי האָט צוגעזאָגט מיין פאָטער, אַז זי וועט מיך נישט פאַרלאָזן. און זי האָט געהאַלטן וואָרט. איך ווייס עס."

פאַר מיין מוטער איז עס געווען אַזאַ שווערער קלאַפּ, אַז זי איז געוואָרן אומעטיק, ווי עפּעס נאָך אַן אומגליק. אַלע קרובים זיינען געווען אַנטוישט. מיט מיר האָט געקלונגען די שול: מען פּלעגט קומען פון אַנדערע קלאַסן קוקן אויף מיינע אַרבעטן, ציטירט מיינע ענטפערס אין געשיכטע און ליטעראַטור, געלייענט מיינע עקזאַמען־אַרבעטן — און איצט אַזאַ אַנטוישונג!... פאַר מיין מוטער איז עס געווען שווער. כאָטש מען האָט מיר געגעבן אַ באַלויכונג פון ערשטן גראַד, אָבער דער געדאַנק, אַז דעמידאָווואַ, אַ טעמפּע, נישט־פּייאיקע רוסישע מיידל, אַ טאָכטער פון אַ פּאָלקאָווניק, האָט באַקומען מיין מעדאַל נישט־פאַרדינטערהייט, האָט מיין מוטער ווי געטאָן. און דאָס האָט אויך אויף מיר אָנגעהויבן צו ווירקן. איך האָב צוגעזאָגט מיין מוטער, אַז מער וועט עס נישט פּאַסירן, און אַז אין אוניווערסיטעט וועט מען נישט דאַרפן העלפן קיינעם: דאָרט זיינען די סטודענטן אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע אַרבעטן...

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען מעלאַ האָט חתונה געהאַט און איך בין אַרויס פון תפיסה. עס איז געווען אַ פרעמדע וועלט און מיר האָבן נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. די איראָניע פון דער זאַך איז געווען די, וואָס איר מאַן איז געווען אַ זייער טעטיקער און גוטער חבר אין דער באַוועגונג, אַ טשעך, אַ מוזיקאַנט, און זי האָט נישט געהאַט דעם חשק צו טאָן עפּעס פאַר דער „ספּראַווע", ווי מען האָט געזאָגט אויף פּויליש וועגן דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אין יענע טעג האָט מען שוין געהאַט אין לאָדזש אַ גאַנץ גרויסע פּוילישע אַרבעטער־באַוועגונג. עס זיינען געווען די יאָרן פון 1900־1903. עס האָט זיך געעפנט אַ קאָמערץ־שולע אין זגיערש, נישט ווייט פון לאָדזש

מיט הונדערטער אידישע און נישט־אידישע אינגלעך פון רוסלאַנד; אַ שול, וועלכע האָט געהאַט רעכט פון אַ קאַזיאָנער שול און פון וועלכער מען האָט געקאָנט, נאָכן אויסהאַלטן אַ קאָנקורס־עקזאַמען, אַריינגיין אין פּאָליטעכניקום פון וואַרשע אָדער פּעטערבורג. פון יענער שול איז אַרויס אַ ריי גאַנץ גוטע באַוואוסטזיניקע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן אין 1905 און 1906 געשפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָלע אין דער אויסגע־וואַקסענער אַרבעטער־באַוועגונג פון לאָדזש און וואַרשע, אַלס פּראַכטפולע רעדנער און פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר דער אַרמיי.

נאַטירלעך, איז אַלץ געווען זייער שטאַרק פאַרקאָנספּירירט און מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט די נעמען פון די פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט אונדז, שילער. און שפּעטער, ווען מיר אַליין זיינען געוואָרן זעלבסטשטענדיקע לעקטאָרן און רעדנער, האָבן מיר אויך געהאַט אַנדערע נעמען. עס איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, וואָס ליטע און רוסלאַנד זיינען געווען אַ סך מער טעטיק און רירעוודיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן דער יוגנט פון דער אינטעליגענץ, איידער עס איז געווען פּוילן. די מערסטע טוער פלעגן זיין סטודענטן פון דאָרטן, אידן און נישט־אידן. און בלויז וואַרשע, אַ שטאָט מיט אַן אויסגעשפּראָכענער מערהייט פּוילישע אידן, די הויפּט־שטאָט פון דעם פּוילישן אומאָפּהענגיקן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, האָט געהאַט פּוילישע פּראָפּאַגאַנדיסטן און רעדנער, סיי אין דער פּ.פּ.ס. (פּוי־לישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), סיי אין דער יונגער ס.ד. (סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פּאַרטיי פון פּוילן און ליטע). וועגן דעם „בונד" — שוין אָפּגערעדט: דער גאַנצער באַשטאַנד פון „בונד" אין וואַרשע, אין יענע יאָרן, ביי דער יוגנט, איז געווען אַ פּויליש־אַסימילאַטאָרישער, וואָס האָט נישט גערעדט אידיש. איך האָב שפּעטער, אין דער שווייץ, געטראָפן אַ סך וואַרשעווער חברטעס און חברים, וועלכע זיינען געווען אין „בונד", געאַרבעט אין פּויליש־אידישע קרייזן און האָבן נישט געקאָנט רעדן קיין אידיש... דאָס איז געווען אַ פּאָליטיש־נאַציאָנאַלער פּאַראַדאָקס אויף דעם סמך פון אַ געפיל פון קאָלעקטיווער שולד בנוגע דעם אידישן האָרע־פּאַשניק, וועלכן מען האָט געוואָלט העלפן זיך שטעלן אויף די פיס פּאָליטיש, אָבער נישט פאַרשטאַנען זיין שפּראַך... און ווע̇לנדיק אים ראַטעווען פון די אָרעמס פון די ציוניסטן, ספּעציעל פון דעם דעמאָלטיקן „אַרבעטער־ציוניזם" מיט זיין צעשוואומענקייט און נאַציאָנאַליזם, איז

מען געגאַנגען „אין פאָלק”, אין אידישן פאָלק, ווי עס זיינען געגאַנגען די רוסישע „נאַראָדניקעס” אין 1880 צו די רוסישע פויערים, כדי צו ראַטעווען זיי פון דעם רעאַקציאָנערן איינפלוס פון די גלחים און טשי־נאָווניקעס, און אויף דעם וועג — פון צאַריזם.

איך אַליין בין באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם אייגענעם אימפּולס. איך האָב געזען שטאַרקע, קרעפטיקע פּוילישע פאָלקס־מאַסן אין אומ־געציילטע פּראָצעסיעס און שפּעטער דעמאָנסטראַציעס. זיי זיינען געווען אין זייער גאַנג אַפילו אַנדערש ווי די אידן, שוין אָפּגערעדט פון זייער פיזישן אויסזען, פון דער שטענדיקער געדריקטקייט פון די אידן, פון דער פּערמאַנענטער מורא פאַר עפּעס, וואָס קאָן פּאַסירן פלוצלונג מיט זיי, ווי דער פּאָגראָם פון 1892, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין מיטן העלן טאָג, אויפן מאַרק, פון איין כוליגאַן, אַ רוסישן שיכור, וועלכער האָט איבערגעקערט אַ קוישל מיט עפּל ביי אַ פרוי און געשריגן: „שלאָגט די אידן!” נאַטירלעך, האָט עס גענומען טעג, איידער מען האָט זיך דער־וואוסט פון אַ פּוילישער פּראָקלאַמאַציע, אַז די פּאָליציי האָט אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם, כדי אָפּצואווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די פּוילישע אַרבעטער פון זייער סטרייק אין דער פאַבריק פון דעם גרעסטן לאָדזשער באַוול־קעניג, איזראַעל קאַראַל פּאָזנאַנסקי.

דער סטרייק איז געווען דער ערשטער אין דער געשיכטע פון דער לאָדזשער אינדוסטריע. דער ערשטער אויך אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן. ער האָט זיך געצויגן וואָכן־לאַנג. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָבן טויזנטער מענטשן דערהערט דאָס פרעמד־לענדיש־קלינגענדיקע וואָרט: „שטרייק”. איך געדענק די שטענדיק־גליכע „טיגאָדניואַווקע” (דעם וואָכן־לוין) פון אַ טעקסטיל־אַרבעטער אין אַלע פאַבריקן פון לאָדזש: פון דריי רובל ביז דריי רובל מיט 75 קאָפּיקעס אַ וואָך! טויזנטער פרויען פלעגן דעריבער מוזן מיטאַרבעטן אין דער פאַבריק, כדי נישט אויסצוגיין פאַר הונגער און קעלט. און מאַסן קליינע קינדער פלעגן אומקומען פון שרפות און קאָכיקער וואַסער אין זייערע היימען, ווען זיי פלעגן בלייבן אַליין, אָן אויפזיכט, און צוגיין צו אַן אויוון אָדער זיך שפּילן מיט שוועבעלעך.

איך געדענק נאָך היינט זייער לעבעדיק אַ בילד, וואָס איך האָב געזען אויף דער פּולנאָצנע גאַס, קומענדיק אַהיים פון דער שול. אַ ריזיקער עולם שטייט פאַר אַ הויז און קוקט מיט פאַרריסענע פּנימער אַרויף צו

דעם לעצטן שטאָק־ווערק פון אַ הויז, אַ דאַך־שטיבל, וואו עס זיצט ביי אַ געעפנטן פענצטער אַ קינד פון אפשר דריי יאָר, און אונטן שטייט און שרייט מיט באַנומענע קולות: „יעזוס, לודזיע, ראַטויציע דזיעצקאָ!" זיין מוטער, קומענדיק נאָר־וואָס פון אַ פאַבריק אהיים און דערזעענדיק דאָס געעפנטע פענצטער און דאָס קינד גרייט אַרויסצופאַלן... דער עולם שרייט, עמעצער שפרייט אויס אַ קאָלדרע, כדי אויפצוכאַפּן דאָס קינד, און ווידער אַנדערע, געבנדיק עצות אַרויפצוגיין אויבן און אויסהאַקן די טיר און אַראָפּנעמען דאָס קינד פון געזימס. און די מאַמע בעט זיך מען זאָל נישט גיין, ווייל די קלעפּ אין טיר וועלן איבערשרעקן דאָס קינד און עס וועט אַרויספאַלן. „אַנטאַש, טשעקאַי, מאַמוסיאַ אידזיע", — האָט געזעדט פאַרצווייפלט דאָס קול פון דער מאַמען, און ביי מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט די האָר פון שרעק, ווייל איינע אַזאַ סצענע האָב איך שוין געזען, ווען איך בין נאָך אינגער געווען...

אַ פאַרנומענע אידישע מאַמע, אַ מאַרק־הענדלערין, האָט פאַרלוירן אַמאָל, זומער, דאָס געדולד, ווען ערב־שבת איז צו איר צוגעשטאַנען איר מיידעלע מיט אַ קלענער קינד אויף די הענט און האָט עפּעס געוואָלט פון איר, בשעת אַרום זיינען געשטאַנען קונים, און די מאַמע האָט אַ געשריי געטאָן צו איר: „געשעדיקט זאָלסטו ווערן, וואַרף זיך אַרויס אין גאַס!" מיט אַ שעה שפּעטער איז פאַר אונדזער הויז געשטאַנען אַ געדיכטער עולם און מיט באַנומענע קולות געטייטלט צו דעם דאַך, וואו דאָס מיידעלע מיטן קינד איז געשטאַנען. דערשראָקן פון די קולות און מורא־האָבנדיק פאַר קלעפּ, האָט זי זיך אַרונטערגעוואָרפן פון דריטן שטאָק און איז דערהרגעט געוואָרן מיטן זויג־קינד צוזאַמען... די מוטער איז אַראָפּ פון זינען...

אַזעלכע פאַלן זיינען געווען אין די צענדליקער און הונדערטער, און די דריי לאָדזשער צייטונגען, אָרגאַנען פון די לאָדזשער פאַבריקאַנטן און פון דער פּאָליציי (אַ דייטשע, אַ פּוילישע און אַ רוסישע), האָבן קיינמאָל נישט באַריכטעט וועגן אַזעלכע פאַלן. בלויז וועגן גנבים און נאַכט־איבער־פאַלן אין „באַלוט" און אויף „גייערס מאַרק" פון מעסער־שטעכער. לאָדזש איז געווען אַ שטאָט פון דער העכסטער קרימינאַליסטיק אין לאַנד: פון לאָדזש שטאַמט דאָס ווערטל „ניגוס" (לײדיק־גייער), מיט וועלכן די אַרבעטער פלעגן באַצייכענען אַ צוקונפטיקן גנב און מערדער.

דאָס עלנט און די פאַרצווייפלטע לאַגע פון דער אידישער באַ־

פעלקערונג אין קליינעם שטעטל זיינען נאָך גרעסער געווען, איידער אין די גרעסערע שטעט. דערפאַר אפשר איז אַזוי גרויס געווען דער געשריי אין די 90ער יאָרן נאָך עמיגראַציע, און דערפאַר זיינען די לוינען פון די אידישע וועבער און נופערקעס אין די שטעטלעך, וואו זיי פלעגן נעמען אַרבעט אַהיים, געווען אַזוי מוראדיק קליין. דאָס פעלד פאַר עקספּלואַטאַציע איז דאָרטן געלעגן ברייט אָפן, ווייל די אַרבעטער זיינען געווען פרומע חסידים, וועלכע פלעגן פאַרשטאָפּן זייערע אויערן צו יעדן פּרואוו פון אָרגאַניזירן זיי אין פאַראיינען, און פירן אַן אַקטיוון קאַמף מיט די ערשטע בונדישע אָרגאַניזאַטאָרן אין זייער פאַך און פלעגן זוכן ביים רבין טרייסט און האָפענונג.

דער אָרעמסטער צווישן די אָרעמע פלעגט הונגערן דורכן יאָר, פלעגט שפּאָרן אַ גראָשן צו אַ גראָשן און פאָרן אויף יום־טוב צום רבין. אין די אַכט טעג פון סוכות פלעגט ער פאַרגעסן דעם הונגער און דעם חורבן אין דער היים, און פלעגט קומען אַ „געשטאַרקטער” צו ווייב און קינד. און ווען דער עלנט פלעגט ווערן שוין נישט צום אויסהאַלטן, פלעגט מען „גיין איבער די הייזער”, קלייבן פאַר אַ שווינדזיכטיקן וועבער אָדער שפּינער פון אַ קעלער אָדער אַ דאַך־שטיבל.

איך האָב אַליין גענומען אַן אָנטייל אין אַזאַ אונטערנעמונג. דאָס איז טאַקע געווען אין מיין היים־שטעטל אינאָוולאָדז. עס ליגט צווישן די הערלעכע טאָמאַשאָווער וועלדער איינגעבעט, ביים טייך פּיליצאַ. אַ דריי ווערסט פון שטעטל איז געווען מיינעם אַ פעטערס אַ מאַיאָנטעק, אויף וועלכן ער האָט אויסגעבויט עטלעכע־און־צוואַנציק זומער־הייזער, האָט זיי אָנגערופן מיט נעמען און האָט זיי פאַרדונגען צו די רייכע לאָדזשער און וואַרשעווער משפּחות. מיטן אָרט האָט געקלונגען גאַנץ פּוילן. עס זיינען געווען געדרוקטע קאַטאַלאָגן מיט דעם כעמישן באַשטאַנד פון דעם וואַסער, פון דער לופט און פון די גרינסן מיט די פרוכטן.

די יוגנט פלעגט אָנפילן מיט געזאַנג און מוזיק די „ווילעס” אין די זומער־נעכט. מען פלעגט מאַכן שייטערס אויפן צווייטן ברעג פון טייך פּיליצאַ, און דאָרטן איז שוין געווען די ראַדאָמער ערד. פלעגן אינגלעך פירן מלחמה מיטן פאַרהאַסטן צאַר, מיט די „מאָסקאַליעס” און באַפרייען די ראַדאָמער ערד, לויט אַלע כללים פון דער „פּאָווסטאַניע” אין 1864. די עלטערע יוגנט, סטודענטן און סטודענטקעס, מאַנכע פון שווייצאַריע און פראַנקרייך, פלעגן זיך אין די זומער־מאָנאַטן דאָרטן פאַרזאָרגן מיט

„קאַרקעס" און זיין פאַרנומען דורכן טאָג אויך מיט פּאָליטישע ענינים: זיי פלעגן שטיין אין קאָנטאַקט מיט וואַרשע און לאָדזש (עס איז געווען בלויז דריי שעה רייזע מיט דער באַן פון די שטעט) און נישט איין בלעטל, נישט איין קאָנפערענץ, נישט איין פּאָליטישן באַשלוס האָט מען דאָרטן אין דעם זומער־אָרט אויסגעפירט בשלום. און איין זומער, באַלד נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע, ווען איך בין געקומען אַן אויסגעמאַטערטע פון די לעצטע שווערע מאָנאַטן, האָבן מיר געמאַכט די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אַ פּאָליטישער אַקציע אין אָרט גופא.

מיר האָבן אָרגאַניזירט די „פאָרנאַלעס" (פאַרם־אַרבעטער) ביי מיין פעטער, אַ לאָדזשער אַדוואָקאַט און באַלעבאָס פון דעם מאַיאָנטעק גופא. מיר איז אויסגעקומען צו רעדן דאָס ערשטע מאָל צו די פּויערים אין וואַלד, וואוהין עס איז אויך געקומען דער „לעסניטשי" און „גאַיאָווי", וואַלד־היטער און עטלעכע פּוילישע סטראַזשניקעס פון דעם פּאַלאַץ פון רוסישן צאַר אין ספּאַלאַ. זיי אַלע האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די ווערטער מיינע. אויס דרך־ארץ צו מיין פעטער, דעם „דזיעדזיץ" (פּריץ), האָבן זיי נישט געוואַגט עפּעס צו טאָן. איך האָב פאַרשטאַנען די גאַנצע געפאַר פון אַזאַ וואַלד־מיטינג און האָב דערפאַר דעם גרעסטן טייל פון דער רעדע געבויט אויף ריין־פּוילישע היסטאָרישע ענינים, אַזוי אַז די וואַלד־היטער און די פּוילישע סטראַזשניקעס האָבן אַזש די היטלען אַראָפּגענומען און געהאַלטן אָרדענונג צווישן די פּויערים, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל געהערט אַ רעדע און אויפן קול געזיפצט און געקרעכצט וועגן די צאַרישע קאַטאָרזשנע פּלעצער, וואו פּוילישע פּאַטריאָטן זיינען געווען פאַרשיקט. צום סוף האָבן מיר געזונגען דאָס באַרימטע ליד וועגן די פּוילישע „אַפּיזערס" און פאַררעטער פון 1830 („גדי נארוד דאַ באַיו").

דער סטרייק איז געווען באַשלאָסן און מיין פעטער איז געווען בלינד מיט צאָרן אויף מיר. אָבער עס איז געווען די צייט פון די „זשניוועס", ווען מען האָט געשניטן און געקאָסעט אין די פעלדער, און ער האָט געמוזט באַוויליקן 20 קאָפּיקעס מער פּאַר אַ טאָג אַרבעט. מיר האָט מען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען קאָן זיך דעם סעזאָן באַגיין אָן מיר אין אינאָוולאָדז. מיינע עלטערן זיינען ווידער געווען באַליידיקט, וואָס דער פעטער האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט וועגן זייער טאָכטער, ווען דאָס גאַנצע דאָרף מיט די וואַלד־באַאַמטע האָבן געגריסט פון דער ווייטן, נאָך דער רעדע, אַראָפּנעמענדיק די היטלען, און דערציילנדיק אויפן יאַריד

אין טאַמאַשאָוו וועגן דער „פּאַניענקע", וואָס רעדט ווי אַ גלח צו זיי.

עס איז געווען מיין ערשטע רעדע פאַר אַ פּוילישן עולם, און אונ־דזערע סטודענטן, וואָס האָבן שוין געאַרבעט אַ לאַנגע צייט אין דער פּאָליטישער באַוועגונג און וואָס זיינען געווען דעם זומער עטלעכע מאָל אויף אומלעגאַלע קאָנפערענצן ביי אונדז אין דאָרף, האָבן זיך געגרייט מיך צו שיקן אין ראַיאָן, אויף אַרבעט צווישן די פּויערים. עס איז געווען אַ זומער פון גרויסע ענטוזיאַסטישע האָפענונגען אויף אַן איבערבייט — 1903. פון רוסלאַנד פלעגן אָנקומען ידיעות וועגן גרויסע סטרייקס אין דרום, אין קאַווקאַז און אויך פון טאָמסק, פעטערבורג און קיעוו. אין לאָדזש און וואַרשע פלעגט מען שוין אַרעסטירן די יוגנט פון אונטער די גימנאַזיע־בענקלעך און דער פּאָלקאָווניק פון די זשאַנדאַרמען פלעגט רופן צו זיך די פּאָטערס פון די אַרעסטירטע סטודענטן און גימנאַזיסטן און זיי פאַרשעמען — זיי, די בכבודיקע בירגער, סאָלידע פאַבריקאַנטן אָדער דאָקטוירים, און — טאַטעס פון „בונטאָווטשיקעס" — דאָס דעמאָלטיקע ווערטל פאַר רעוואָלוציאָנערע טוער.

מיר האָבן געאַרבעט צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג. מיר האָבן אַלע גערעדט פּויליש צווישן זיך. פון אַרבעט צווישן די אידישע אַר־בעטער איז נאָך דערוויי‌ל נישט געווען קיין רייד. אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג איז געווען אין די דערפער און אין די קליינע שטעטלעך: די אידן האָבן גערעדט אַ גוטן פּויליש. דאָס צוזאַמענלעבן מיט די פּוילישע פּויערים און קליינע באַאַמטע פלעגט זיין פריידלעך. מיר האָבן אין יענע צייטן נישט געוואוסט וועגן אַזאַ זאַך, ווי אַנטיסעמיטיזם. מען פלעגט זיין גוטע שכנים אין שטעטל און קויפן אויפן יאַריד ביי די אידישע סוחרים און אין די אידישע געוועלבער. דער איד פלעגט געבן פּראָדוקטן „אויף באָרג" און נאָכן שניט פלעגט דער פּויער באַצאָלן. די אידן אין שטעטל פלעגן האַלטן פערד און ברענגען די זומער־געסט פון דער סטאַנציע אין טאָמאַשאָוו צו דעם זומער־אָרט. די פּויערים ווידער פלעגן פאַר־דינגען זייערע פערד, ווען זיי האָבן זיי נישט געדאַרפט אין פעלד, צו די געסט צו רייטן אויף זיי. ווען עס פלעגן אויספעלן פערד ביי סרולעקן, דעם צושטעלער פון אַלע אַרטיקלען פאַר די געסט, פלעגט דער פריינט זיינער, קוויאַטעק, אָדער מאַגיערא, אויסלייען זיינע פערד און מען האָט זיך געטיילט מיטן פאַרדינסט. ווען ביים פּויער פלעגן שטיין אין דער כאַטע סטודענטן און זיי האָבן עפּעס געדאַרפט פון שטאָט, פלעגט דער

פויער בעטן סרולעקן אָדער זיין ברודער, הערש יונהן, און זיי פלעגן ברענגען די נייטיקע זאַכן פון שטעטל.

מיר האָבן שוין אין יענע יאָרן געוואוסט פון אַזא מאָדערנער אַמעריקאַניש־ענגלישער זאַך, ווי אַ „וויק־ענד" (סוף פון דער וואָך). מען פלעגט פון שטאָט קומען פרייטיק אָוונט און בלייבן ביז מאָנטיק אין דער פרי. די מענער פלעגן קומען פון שטאָט און ברענגען צייטונגען, נייעסן און געסט. די פרויען פלעגן מיט די קינדער גיין אַנטקעגן אין אָוונט, אויפן ברייטן דאָרפס־וועג לענג־אויס דעם טייך און ווען די ברישקעס און וואָלאַנטן פלעגן זיך באַווייזן אין אַ טומאַן פון שטויב, פלעגן די קינדער זיך אַרויפכאַפּן אויף די וועגענער און, ווי פליגן, באַקלעפּן די טאַטעס און פעטערס.

אין אָוונט פלעגט אין „קאַסינאָ" שפּילן אַן אָרקעסטער פון טאָמאַ־שאָווער קלעזמער און מען איז געגאַנגען אַ טאַנץ. פון טייך פלעגן זיך הערן רעוואָלוציאָנערע לידער, וועלכע מען האָט געלערנט די „פּליסאַקעס", די האָלץ־העקער און די וואַלד־אַרבעטער. איבער די וואַלד־וועגן און סטעזשקעס פלעגן זיך באַוועגן די שפּאַציר־גייער און דער פּלירט, דער שטענדיקער באַגלייטער פון אַלע יוגנט־צענטערס, פלעגט זיין אין דער העכסטער געדעטעניש אין אינאָוולאָדז.

אין איינער אַזא נאַכט, בעת אַן עקסקורסיע איבערן טייך, איז דער־טרונקען געוואָרן אַ גאַנץ באַקאַנטער פּויליש־אידישער קונסט־מאָלער, פּיליכאָווסקי, וועלכער האָט געהאַט זיין סטודיאָ אין וואַרשע און פלעגט קומען גאַנץ אָפט פאַרן זומער אין דעם מאָלערישן וואַלד־אָרט, צוזאַמען מיט זיין פריינט, אַ פּוילישן מאָלער, סטאַניסלאַוו פּיענקאָווסקי. אויך הערשטיין און צעזאַרי יעלענטאַ, אַ צווייטער אידישער מאָלער און אַ פּוילישער קונסט־קריטיקער, פלעגן אַהין קומען. און איינמאָל האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך העגריק גליצענשטיינען, דעם באַרימטן לאָדזשער מאָלער, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געלערנט אין רוים.

אַ גרופּע פּוילישע זשורנאַליסטן און יונגע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך געטראָפן אין דעם אָרט און אויסגענוצט אים פאַר וויכטיקע פאַר־בינדונגען מיט פּאָליטישע פריינט אין קראָקע און לעמבערג. דאָ, אין דעם וואַלד־אָרט, האָט די פּאָליציי, פאַר 1905, נאָך נישט אַריינגעקוקט. דאָ איז מען נאָך געווען זיכער. ערשט אין 1906, ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין פּוילן האָט זיך ברייט און טיף צעוואַקסן, זיינען אָנגעקומען

דראַגונען, אַ גאַנצער פֿאָלק זייערער, אין טאָמאַשאָוו און זיך פֿאַרטיילט איבער די דערפֿער.

איך געדענק אַ נאַכט, ווען מיר האָבן געטראָגן פּעק מיט ביכער און ליטעראַטור צום טייך און זיי באַהאַלטן אין די הילצערנע ביידלעך, וואו מען פֿלעגט זיך איבערטאָן, איידער מען איז אַריין אין וואַסער. מיר האָבן אויסגעגראָבן קליינע גריבער און די ביכער אַהין פֿאַרלייגט. מיין מוטער האָט מיך געבעטן עס נישט צו האַלטן אין דער היים, זי האָט שוין אָנגעהויבן מורא צו האָבן פֿאַר מיין אַקטיוויטעט, און מיר האָבן עס ביידע געטאָן, ווען דער פֿאָטער איז שוין געשלאָפֿן. דעמאָלט האָט מיך, צום ערשטן מאָל, אָפּגעשטעלט דער געדאַנק, אַז איך וועל ברענגען אַ סך ליידן מיינע עלטערן. און צו דער פֿרייד פֿון טאָן און קעמפֿן איז צוגעקומען דער אומעט פֿון פֿאַרשאַפֿן יסורים צו די, וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

נאָכן פֿאַרענדיקן די גימנאַזיע, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האָב מיינע עלטערן שטאַרק אָפּגעלאָזן, מיט זיי כּמעט נישט געווען צוזאַמען, און איך האָב זיך געביטן און אָנגעהויבן זיך מער צוקוקן צו זיי. אַ גרויסן איינפֿלוס האָט אין דעם געהאַט דער מאַלער הערשטיין, אַ פֿילאָסאָף און אָריגינאַל, וועלכער האָט אין זיין יוגנט געוואָלט באַווייזן אַ פּערזאָן, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, אַז פֿאַר איר וועט ער אַפֿילו פֿון אַ פֿענצטער אַרויסשפּרינגען. ער האָט עס געטאָן, און צעבראָכן אַ פֿוס און געבליבן אַ קריפּל אויף זיין גאַנצן לעבן. ער האָט געמאָלן מיין בילד און גערעדט צו מיר בעת דער אַרבעט; געזאָגט, אַז מען טאָר נישט פֿאַרשאַפֿן אונדזערע נאָענטע און ליבסטע קיינע ווייטיקן, וועלכע מיר וואָלטן נישט געוואָלט פֿאַר זיך אַליין. ער האָט אַליין געהאַט אין זיין משפּחה רעוואָלוציאָנערע יוגנטלעכע און האָט געוואוסט מיין גאַנג אויך. ער פֿלעגט אָפֿט אַריינגיין צו אונדז און זען, ווי איינזאַם מיינע עלטערן זיינען געווען. איך פֿלעג אַרומפֿליען ערגעצוואו, און די מוטער און דער פֿאָטער פֿלעגן וואַרטן... מיין ברודער האָט שוין געאַרבעט אין שטאָט, אין אַן אַפּטייק, און פֿלעגט קומען בלויז אַ פּאָר מאָל אַ זומער.

עס פֿלעגט אין יענע יאָרן הערשן אַ זייער עגאָאיסטישע באַציאונג צו עלטערן מצד די קינדער. און כאָטש מיינע פֿריינט פֿלעגן לאַכן פֿון מיר, פֿון מיינע סענטימענטאַלע שפּאַצירן מיט די עלטערן, האָב איך דאָך אַ געוויסע צייט זיך אָפּגעגעבן מיט זיי, געווען אין שטוב מיט זיי, העלפֿנדיק

אין דער זומער־באַלעבאַטישקייט: מען האָט געמאַכט פּרוכט־קאָנסערוון, מען האָט איינגעזייערט אוגערקעס, געפּרעגלט פלוימען און באַרואַווקעס, געזאַלצן שוואָמען. עס פלעגט מיר פאַרשאַפן פרייד, ווען די מוטער האָט מיר געוויזן די אַלע זאַכן. אָבער מיין הארץ איז געווען אין וואַלד, וואו מיינע קאָלעזשאַנקעס (חברטעס) האָבן געלייענט „פון אוטאָפּיע ביז וויסנ־שאַפט״ פון ענגעלס, געלייענט דעם אומלעגאַלן „פשעגלאָנד סאָציאַל־דעמאָקראַטיטשני״ און אַנדערע אַזעלכע זאַכן.

איך פלעג אָפּזיצן די נויטיקע פּאָר שעה און לויפן, לויפן ווי אַ הירש, אין וואַלד, צום שאַלאַש, וואָס מיר האָבן אַליין געמאַכט קעגן רעגן און ווינט. אַ פייף געטאָן דעם הונט מיינעם און זיך געלאָזן לויפן. איך פלעג קיינמאָל נישט קאָנען גיין פּאַוואָליע. שטענדיק שנעל, כמעט געלאָפן. און שטענדיק געהאַט הינט אַרום זיך. פון זומער פלעגן קומען אין שטאָט מיט מיר עטלעכע הינטלעך און קעץ. אין שטאָט פלעגט מען זיי פאַרזאָרגן מיט אַ היים. פון יענער צייט איז ביי מיר געבליבן אַ ממש־קראַנקהאַפטע ליבשאַפט צו הויז־חיות. עס איז געווען אַ שטיק קינדהייט דערין. זיי האָבן מיר אויסגעהאָלפן צו געפינען אַ לעבעדיקע זאַך, צוצוטוליען זיך צו עפּעס. צו ווייזן אַ געפיל, פאַר וועלכן מען דאַרף זיך נישט שעמען. זיי זיינען געווען דער אָנהויב פון דער סימפּאַטיע צו הילפלאָזע און שוואַכע, צו די וואָס גייען אין לעבן לענג־אויס די ווענט, אויס מורא פאַר אַ בייז־וויליקן שטאַרקערן פאַרבייגייער. עס איז אויך געווען, ווי איך פאַרשטיי היינט, די גרויסע ליבע צו דער נאַטור, צו אַלץ וואָס לעבט, אָטעמט, גייט און גיט לעבן צו זייער מין. איך פלעג אויסווייכן מענטשן, וואָס כאַפּן פיש. ווען איך האָב איינמאָל דערהערט פון מיין ברודער, אַז פיש האָבן נישט קיין קול, און ווען איך פלעג דערזען ביים ים אָדער ביים טייך אין דאָרף, ווי מען כאַפּט קליינע פלאָטעלעך מיט דער ווענטקע, ווי מען צעשטעכט זייער צאַרטן האַלדז און מויל, פלעגט זיך מיר מאָדנע פאַר־קראַמפן מיין האַרץ, מיט אַ ממש־פיזישן ווייטיק. איך פלעג אָפּט וויינען, ווען קיינער האָט נישט געזען. ספּעציעל נאָך די מעשיות אין קיך, וועלכע איך האָב זיך אָנגעהערט פון די שטובן־מיידלעך, אַלס קינד.

און אפשר האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן מיין דערוואַכן און אָנטאַפּן די אידישע סביבה טאַקע מיט אַ רחמנות־געפיל, מיט אַ הייסן וואונטש צו העלפן באַלד, דאָ, אויפן אָרט; צו פאַרהאַלטן די טרערן, דעם זיפץ פון אַן אַלטער, האַלב־בלינדער פרוי, וועלכע פלעגט קומען צו מיין מוטער

אויסבעטן אַלטע קליידער און אַ פּאָר גראָשן אויף מילך פאַר די אייניקלעך.

און ביסלעכווייז איז געקומען דאָס געפיל פון ליבשאַפט צו דעם שוואַכערן מענטש, וואָס האָט נישט דעם כוח צו זיין רייך און מוז לעבן אין נויט. דאַן איז געקומען דאָס באַוואוסטזיין פון אומגערעכטיקייט בנוגע זיי, די מענטשן פון הויף, פון אידישע אָרעמע האַרעפּאַשניקעס, וועלכע קאָנען נישט וואוינען אין פראָנט, אויף זויבערע טרעפּ, אין ליכטיקע שיין־מעבלירטע צימערן, נאָר מוזן, צוליב עפּעס אַ סיבה, לעבן אין אַ פינצטערן קעלער אָדער אויף אַ בוידעם. און דאָס געפיל פון נישט קאָנען פאַרטראָגן אַן עוולה, פון מוזן זוכן אַן אויסוועג, האָט שוין מיך אין די שפּעטערע קינדער־יאָרן געטריבן צו גלייכגעזאָנענע און ענערגישע. דערצו איז נאָך געקומען דער מאָמענט פון פאַטריאָטיזם פאַר פוילנס שווערער לאַגע און די פאַרפאָלגונגען אין דער גימנאַזיע פאַר רעדן פויליש און לייענען פוילישע ביכער אין קלאַס גופא, הינטער דער באַנק, אויף אַ נודנער לעקציע.

* * *

רעדנדיק וועגן טרעפּ, וואו קינדער האָבן זיך אַמאָל געשפּילט און וואו זיי שפּילן זיך נאָך היינט, וויל קיין זאַך רייצט נישט אַזוי שטאַרק די קינדער־פאַנטאַזיע, ווי נישט צו גיין דעם נאָרמאַלן גאַנג פון אַ טעגלעכער באַוועגונג, ווי אַראָפּ און ארויף די טרעפּ, נאָר דאָס גליטשן זיך אויף די פאַרענטשעס, פון דער הויך ביז צו דער נידער, — דערמאָן איך זיך אָן אַ סצענע אין וואַרשע מיט יאָרן שפּעטער. אויף די פראָנט־טרעפּ פון אַ רייכער הויז, וואו קינדער האָבן זיך געשפּילט און וואו דער „סטרוזש" האָט דערזען, צווישן די קינדער פון די פראָנט־שכנים, אַ אינגל פון הויף, פון קעלער, פון דער אָרעמער וועשערין.

דער „סטרוזש" האָט דאָס אינגל אַראָפּגעטריבן פון די טרעפּ און געהייסן אים גיין אין הויף זיך שפּילן, מיט די „לאָבוזעס פון זיין מין". דאָ זיינען די בעסערע „לאָקאַטאָרן"...

האָט דאָס אינגל פאַרריסן דאָס בלאַסע פּנימל צום גרויסן, שטאַרקן „סטרוזש" און געזאָגט מיט אַ שטאָלצן קוק אין די קינדערשע אויגן : „מוי טאַטוס ביע סיע וו' הישפּאַני, אַ פראָנטו ניקט ניע פּאָשעדל סיע ביטש דאָ הישפּאַני..." (מיין טאַטע שלאָגט זיך אין שפּאַניע און פון „פראָנט־הויז" איז קיינער נישט אוועק זיך שלאָגן אין שפּאַניע...)

דער וועשערינס מאַן, אַ מעטאַל־אַרבעטער, איז געווען אַ פּרייהייטס־קעמפער און איז געפאַלן פאַר מאַדריד...

דער קראַנקער טאָמאַשאָווער וועבער

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך באַקענט מיט אידישע אַרבעטער טאָקע אין דעם שטעטל אינאָוולאָדז, ווען איך בין נאָך געגאַנגען אין גימנאַזיע. די טאָמאַשאָווער פאַבריקאַנטן פלעגן שבת נישט לאָזן אַרבעטן ביי זיך אין פאַבריק. אַ טייל פון זיי זיינען געווען חסידים, פלעגן אויסהאַלטן זייער אייגענעם רבין און זיין „שטיבל", און זייערע אַרבעטער, עלטערע אידן, פלעגן אויך זיין פרום. אָבער די אינגערע, וועלכע פלעגן פון לערנ־אינגלעך ווערן וועבער און שערער, זיינען שוין געווען אַנדערש. זיי האָבן שוין געוואוסט פון „קרייזן", פון אַ „קאַסע־פאַראיין", אַן אָנהויב פון אַ פראָפעסיאָנעלן פאַראיין. זייערע משפחות האָבן וועגן זיי גערעדט ווי וועגן אַ „חברה", וועלכע געהערט צו אַ גרופּע וואָס רופט זיך אָן „אחדות". זיי האַלטן זיך צוזאַמען, זיי פאַרברענגען צוזאַמען און גייען אַרום מיט מיידלעך, נישט צוליב חתונה האָבן מיט זיי, נאָר צוליב אַ „נייעם לעבן". זומער פלעגן קליינע גרופּקעס פון זיי אַריבערקומען קיין טאָמאַשאָוו צו אונדז, אין שטעטל אינאָוולאָדז, צו פאַרברענגען אַ וואָך אָדער צוויי ביי קרובים, וואו די לופט איז פריי פון שטויב און פון אויל און פון אָפּפאַל, מיט וועלכע עס פלעגט זיין אָנגעפילט זייער ענגע, שטיקנדיקע פאַבריק. זיי פלעגן אויך צוקומען אַמאָל צום וואַלד־קוראָרט פון מיין פעטער, צו־געצויגן דורך די „סטודענטן" און זייערע שמועסן — דורך דער מעגלעכ־קייט צו רעדן מיט „געלערנטע מענטשן", וואָס האָבן „געענדיקט אַ שקאָלע".

מיט איינער אַזאַ גרופּע בין איך באַקאַנט געוואָרן און מיר האָבן אַמאָל אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אַ שבת ביינאַכט, אויבן אין די רואינעס פון קלויסטער, וואו עס זיינען געווען קברים פון פוילישע „פּאָווסטאַנצעס" און וואו די סטודענטן און דער גלח פלעגן אָוועקלייגן קרענץ מיט בלומען. עס זיינען געווען לבנה־נעכט און מיר האָבן געוואוסט, אַז אַהער וועט 10 אַזוינער ביינאַכט קיינער נישט קומען. קיינעם וועט נישט איינפאַלן

צו קריכן הויך אויפן באַרג, וואו דאָס חרובע קלויסטערל איז געשטאַנען פּוסט און פאַרוואַקסן מיט ווילדע כוואַסטעס. ווען איך בין געקומען מיט מיין הונט, מיין היטער און פריינט, זיינען זיי שוין דאָרט געווען. איך האָב זיי געפּרעגט וועגן וואָס איך זאָל צו זיי רעדן, און צו מיין פאַר־וואונדערונג האָבן זיי געוואָלט וויסן וועגן דער ענגלישער קאָנסטיטוציע, וועגן דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך פון 1789 און וועגן פּאַלעסטינע, וועגן ציוניזם, און צי איז מעגלעך אַ אידישע מלוכה.

ווען די לעצטע פראַגן זייערע האָב איך אַליין זייער ווייניק געוואוסט און האָב געמוזט דערפאַר די אידישע ענינים אָפּלייגן אויף אַ צווייטן מאָל. זיי זיינען געווען דערשטוינט, וואָס איך, אַ אידיש מיידל, ווייס גאָר נישט וועגן די פראַגן, און זיי האָבן זיך איבערגעקוקט. אָבער דערפאַר האָב איך זייער ברייט גערעדט וועגן די ערשטע צוויי טעמעס און מיר האָבן פאַרבראַכט ביז איינס פאַרטאָג.

גערעדט האָב איך אַ מאָדנעם לשון: דריי־פערטל דייטש, אַ ביסל אידיש און דאָס רעשט: פּויליש, און מיט די הענט. אָבער זיי האָבן מיך פאַרשטאַנען און געפרעגט, צי זיי קאָנען קומען דעם צווייטן שבת אויך. זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ יונגן בחור מיט אַזאַ בלאַסן פּנים און אַזעלכע ברענענדיק־שוואַרצע אויגן, אַז איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַר־געסן. איך זע זיי היינט נאָך פאַר זיך. ער איז געווען קראַנק אויף „סוכאָטעס", ווי מען האָט דעמאָלט געזאָגט. ער האָט געהוסט מיט בלוט און שוין נישט געקאָנט אַרבעטן. די חברים זיינע האָבן אים אויסגעהאַלטן און ער פלעגט גיין איין מאָל אין חודש צו אַ טאָמאַשאָווער דאָקטאָר, אַ דייטש און אַ ספּעציאַליסט אויף לונגען־קראַנקהייט. דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן פאָרן אין אַ סאַנאַטאָריע צו דר. קרוקאָווסקי, הינטער וואַרשע. און ער האָט נישט געהאַט פון וואָס אַ טאָג איבערצולעבן. איך האָב זיך אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם בחור, אַז אין וואָסערע צען טעג האָב איך, מיט דער הילף פון מיינע גימנאַזיע־חברטעס פון אינאָוולאָדז, אָר־גאַניזירט אַ קאָנצערט ביי מיין פעטער אין קאַסינאָ, פאַרקויפט בלומען און פּרוכט און מיר האָבן געמאַכט 100 רובל.

איך האָב גערעדט וועגן דעם קראַנקן אידישן אַרבעטער, וועלכער איז 18 יאָר אַלט און וויל לעבן, פּונקט ווי מיר ווילן לעבן. ער האָט אַן אַלטע מוטער, ער איז דער איינגסטער אין דער משפחה און קיינער פון די זין וואוינט נישט אין טאָמאַשאָוו. דאָס איז געווען מיין ערשטער „אַפּיל"

אין מיין לעבן. און אַלע געסט האָבן גערן געגעבן פאַר דעם בחור, ווענן וועלכן איך האָב דערציילט, אַז ער וועט עס אָפּגעבן, ווען ער וועט ווערן געזונט און ווידער גיין אַרבעטן. איך האָב אים אין אָוונט איבערגעגעבן דאָס געלט, ביי זיינע פריינט אין שטעטל.

אין אַ פּיטשינקע הייזל האָט געברענט אַ ליכט און אין דרויסן איז ער געלעגן אויף אַ קליין, אייזערן בעטל, צוליב דער גרויסער היץ און דושנעקייט אין דעם שטיבל, וואו עס זיינען שוין געשלאָפן זיינע נאָענטע. ער איז געלעגן אַ וואַכער און פון צייט צו צייט געהוסט, אַ טרוקענעם פּייפנדיקן הוסט. ווען ער האָט מיך דערזען, איז ער געוואָרן אַ ביסל לעבעדיק און זיך געפּרואווט אויפריכטן. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט ביים בעטל און אים געהייסן רואיק ליגן, זיך נישט רירן און נישט טראַכטן וועגן זאָרג און הונגער: איך האָב אים געבראַכט אַ בריוו צו דר. קרו־קאָווסקין אין אָטוואָצק, געשריבן פון מיין פעטער, אויך אַ דאָקטאָר, און הונדערט רובל פאַר זעקס מאָנאַטן לעבן ביי אַ משפּחה, וואָס פלעגט פאַר־דינגען פאַרן זומער אַ שטוב פאַר קראַנקע אָדער אויסגעמאַטערטע אַרבעטער.

ער האָט געשוויגן און זיך צוגעהערט צו מיינע רייד. געקוקט אויף מיר און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, כדי אויסצודריקן זיין געפיל צו אונדז, יונגע חברים, וואָס האָבן אים געהאָלפן אויף אַזאַ געזעלשאַפטלעכן אופן. און גראָד דער פאַקט, וואָס ער, דער וועבער, האָט נישט געדאַנקט אויף דעם געדריקטן אונטערטעניקן שטייגער, ווי אָרעמעלייט טוען עס, האָט מיך שטאַרק צוגעצויגן צו אים. מיר האָבן זיך געזעגנט און זיך געדריקט די הענט. זיינע הענט זיינען געווען הייס און פייכט. די אויגן האָבן געגלאַנצט, ווי צוויי שטיקער נאַסע גלאָז. צו מאָרגנס איז ער געקומען צו אונדז און, נישט געפינענדיק מיך אין שטוב, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און געוואַרט געדולדיק אויף מיין קומען. גערעדט מיט מיין מוטער, דער־ציילט וועגן זיינע ברידער און זיין פאָטער, וועלכער איז פרי געשטאָרבן פון אויסצערונג: ער איז געווען אַ וועבער... ווען איך בין געקומען, האָט ער פון דרויסן אַריינגעבראַכט אַ שטייגל מיט אַ קאַנאַריקל און עס מיר געגעבן צום אָנדענק. „עס איז דאָס איינציקע, וואָס איך פאַרמאָג אויף דער וועלט און וואָס באַשיינט מיין שטיבל. נעמט עס, פרייליין, און האָט עס ליב!״

קיין מאָל אין מיין גאַנצער יוגנט בין איך נישט געווען אַזוי טיף

געריררט און דערשיטערט, ווי נעמענדיק אין די הענט דאָס אָרעמע היל־צערנע שטיינגל, געמאַכט פֿון אַ היימישן אינגל, אַ סטאָליער. אינעווייניק איז געזעסן נישט קיין קאַנאַריקל, נאָר אַ פּשוטער גרינלעכער שטשיגיעל, און האָט פֿריילעך געפּיפּסט, נישט ווײסנדיק, אַז ער בײַט דעם באַלעבאָס און אַז ער גייט אין שטאָט, צווישן גרויע ווענט און שטיינערנע טראָטואַרן.

איך האָב עס געזאָגט דעם קראַנקן. אים געבעטן דאָס פֿויגעלע איבערלאָזן דאָ און עס צוריקנעמען ווען ער וועט קומען פֿון אַטוואַצק. אָבער ער איז געווען פֿעסט אַנטשלאָסן און האָט עס מיר געררוקט אין די הענט. זיין נאָמען איז געווען יאָסל. דעם אייגענעם טאָג נאָך איז ער אַוועקגעפֿאָרן אויף דער בריטשקע פֿון שמואל־יונהן, צוזאַמען מיט עט־לעכע געסט, וועלכע האָבן מיר צוגעזאָגט אים ברענגען צו דער אַטוואַצקער „קאָלעיקע", ער זאָל נישט בלאָנדזשען אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע.

איך האָב אים קיינמאָל מער נישט געזען. מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען איך בין געווען אין אינאָוולאָדז, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן, לאַנג איידער איך בין געקומען. ער איז געווען דער ערשטער אידישער אַרבעטער, וועלכן איך האָב געקאָנט נעענטער, און ער איז געווען מיין ערשטע אָנרעגונג צו קעמפֿן קעגן דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג, וועלכע קאַליעטשעט דאָס מענטשלעכע יונג לעבן, צו קעמפֿן און זיך נישט פֿאַרנעמען מיט דער באַלעבאַטישער פֿילאַנטראָפּיע. מער האָב איך נישט געזאָמלט קיין געלט צו שיקן טובערקולאָזע אַרבעטער אין סאַנאַ־טאָריעס. איך בין אַריין דעם אייגענעם יאָר אין אַ פּאָליטישן קרייז צו האַלטן רעפֿעראַטן פֿאַר אַרבעטער וועגן דער סאָציאַלער אָרדענונג, אין וועלכער מיר לעבן. מיט די רעפֿעראַטן האָט אָנגעפֿירט אַ פּוילישער סטו־דענט, סטאַדאָלאַ. ער איז שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן, פֿאַרשיקט קיין מזרח־סיביר, און מיט יאָרן שפּעטער האָט מען אים געזען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אויך געלייענט זיין נאָמען אין פּאָפּולערע אַגיטאַציע־אויסגאַבן.

דאָס איז געווען דער ערשטער לייען־קרייז אויף פּויליש. דעמאָלט האָב איך זיך אינטערעסירט מיט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און נאָך נישט געהאַט קיין פֿאַרבינדונג מיט דער אידישער רעוואָלוציאָ־נערער גאַס. צוויי יונגע וואַרשעווער חברים זיינען צו אונדז דעמאָלט צום ערשטן מאָל געקומען אויף אַ פּריוואַטן רעפֿעראַט, אין הויז פֿון אַ באַקאַנטן אַדוואָקאַט. דאָס איז געווען סלאַוועק גראָסער, דער שפּעטער־דיקער באַוואוסטער פּויליש־אידישער פֿירער פֿון „בונד", און לוטעק

קלאַצמאַן, אַ שפּעטערדיקער דאָקטאָר, וועלכער איז אין 1919 דער־מאָרדעט געוואָרן פון דער פּוילישער דעפענסיווע צוזאַמען מיט אַ דעלע־גאַציע פון „רויטן קרייץ" ביים אריבערגיין די פּוילישע גרענעץ, צוריק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס איז דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן אַ סעריע בלוטיקע מאָרדן מצד דער אייגענער דעפענסיווע (פּוילישע פּאָליטישע געשטאַפּאָ), ביי וועלכע עס איז אויך אומגעקומען דער באַוואוסטער פירער פון די בונדישע יוגנטלעכע, אַלבערט בינשטאָק, אויף זיין וועג קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד צו אַ יוגנט־קאָנפערענץ.

די קרייזן זיינען געווען אויף פּויליש. מיר האָבן צווישן זיך גערעדט אויף פּויליש. די ביכער זיינען געווען פּוילישע — און דער פאָרשטייער איז געווען אַ פּוילישער חבר. און דאָך זיינען צווישן אונדז געווען מענטשן מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם פאַרלאַנג צו אַרבעטן צווישן אידן. און עס האָט געמוזט פאַרגיין אַ געוויסע צייט, איידער אָט־דער וואונטש איז גע־וואָרן אַ פאַקט.

די ערשטע רייזע אין דער פרעמד. דער איינפלוס פון רוסלאַנד

באַלד נאָך דעם פאַרענדיקן די לאָדזשער גימנאַזיע, 16 יאָר אַלט, בין איך געפאָרן קיין רעוואַל (היינט טאַלין), עסטאָניע, צו פאַרענדיקן דאָרטן אַן אַכטן קלאַס גימנאַזיע און צו באַקומען אַ דיפּלאָם פון אַ לערערין. אַזאַ דיפּלאָם האָט געגעבן די מעגלעכקייט אריינצוגיין אין אַן אויסלענדישן אוניווערסיטעט אָדער, נאָכן אויסהאַלטן אַ קאָנקורס־עקזאַמען, אריינגיין אין פּעטערבורגער אינסטיטוט פון „העכערע קורסן" פאַר אַלגעמיינער בילדונג.

איך האָב מיין מוטער געבעטן שרייבן צו אירער אַ קוזינע, סאָניע גוטקין, וועלכע האָט דאָרט געלעבט מיט איר משפחה, געווען אַ פאַר־מעגלעכע פרוי און האָט לייכט געקאָנט מיך אויפנעמען אין איר צאַלרייכן הויז־געזינד. איך בין באַשטאַנען דערויף, אַז פאַר מיין זיין אין איר הויז זאָל איך אַ פּאָר שעה אַ טאָג לערנען איר קליין טעכטערל פון 12 יאָר, ראָזאַ, און איר צוגרייטן צום צווייטן קלאַס גימנאַזיע.

ביי אונדז אין שטוב האָט שוין דעם גאַנצן זומער געהערשט אַ בייז לעבן צווישן די עלטערן, צוליב אָט־דער רייזע. מיין פאָטער איז געווען קעגן דעם פּלאַן. „ווי לאָזט מען דאָס פאָרן אַ קינד אַליין, אַ מיידל פון 16 יאָר? אַ וועלט מיט הפקרות וואַרט דאָך אויף איר! וואָס טוסטו, ווען מען „פאַרקויפט" זי אין ריגע? דו וועסט דאָך זיך מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר. געדענק!"

מיין מוטער האָט גאַנץ גוט געוואוסט ווי זי וועט בענקען נאָך מיר. זי האָט שוין געהאַט אין מיר אַ פריינט. זי האָט שוין געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ דערוואַקסענער טאָכטער, פון וועלכער מען דאַרף שוין נישט האָבן קיין סודות. זי האָט געהאַט אַ שטאַרקע אמביציע, מיין מוטער, און עס איז איר נישט אָנגעשטאַנען, אַז איך זאָל בלייבן אין לאָדזש, בעת איר קוזינעס טעכטער זיינען שוין געווען סטודענטקעס פון מעדיצין אין האַללע, דייטשלאַנד. האָט זי מיט איר ענערגיע און קלוגשאַפט אָנגעהויבן זוכן וועגן און מיטלען, כדי איך זאָל נישט דאַרפן פאָרן אַליין די דריי טעג און נעכט פון וואַרשע ביז רעוועל, איבער ריגע, די מוראַדיק־געפערלעכע שטאָט פאַר יונגע מיידלעך. זי האָט אויסגעפונען, אַז אין סעפּטעמבער דאַרף צוריקפאָרן פון לאָדזש, מיט קאָלעקציעס און מוסטערן, אַ שוואָגער פון מיין קוזינע אין רעוועל, אַ דאָרטיקער סוחר, מאַקס גוטקין, וועט ער מיך מיטנעמען אויף דער רייזע און איך וועל האָבן אַ שוץ אויפן וועג.

ווייל וואָס קאָן זיין בעסער, ווי אַ פאַרהייראַטער מאַן און אַ קרוב — האָט געטראַכט מיין מוטער. אַזוי שטאַרק איז מיט 40 יאָר צוריק געווען די „מאָראַל" אין אַ דורכשניטלעכער אידישער משפחה און איר צוטרוי צו אַ פאַרהייראַטן מענטשן...

מען האָט מיר אויפגענייט אַ פּאָר קליידער און גיטל, אַ הויזנייטערקע, האָט גענייט וועש און בלוזקעס און מען האָט מיך געגרייט אין וועג. מיין ברודער איז שוין געווען אין באָריסאָוו, ביים אַפּטייקער צאַדיקאָוו, און מיין מוטער האָט זייער שטאַרק געבענקט נאָך אים. דער עלטערער ברודער איז געווען אין סם. לואיס און זי האָט געווינט, ווען עס פלעגט קומען אַ בריוו... און היינט פאָר איך אויך אַוועק. אָבער איר אמביציע איז געווען שטאַרקער איידער אַלע געפילן און געדאַנקען וועגן דער מאָרגנדיקער איינזאַמקייט. און זי איז מיט מיר אין סעפּטעמבער 1902 אַוועקגעפאָרן אין וואַרשע, כדי דאָרטן צו טרעפן דעם קרוב, מיט וועלכן איך האָב געזאָלט פאָרן קיין רעוואַל.

מיר האָבן פאַרבראַכט צוויי שיינע טעג אין ווארשע, וואו איך בין געווען דאָס ערשטע מאָל אין א פריוואט־וואוינונג און נישט ווי פריער, פאַרנדיק קיין ווילנע, אין א גאַסט־הויז, מיט דער אייביקער מורא פאַר גנבים אָדער „מערדער". איך געדענק דעם שטאַרקן געפיל פון דרך־ארץ, וואָס איך האָב געהאַט, פאָרנדיק איבער דעם לאַנגן, לאַנגן בריק „קערבעדז", וואָס פירט איבער דער ווייסל; דעם שטאָלצן אייזערנעם בריק, וואָס פאַרבינדט ווארשע מיט דער פאַרשטאָט פראַגאַ. איך האָב מיט א ווייטיק געקוקט אויפן קעניגלעכן פאַלאַץ, וואו די אַלטע פוילישע קעניגן האָבן געהערשט איבער א פרייער שטאָלצער פוילן און וואו ביימער זיינען געוואַקסן אויפן הויכן טעראַס פון גאָרטן, ווי א סימבאָל פון לעבן, גרינקייט און פירערשאַפט איבערן פוילישן פאָלק... איך האָב געוואוסט, אז אין פאַלאַץ וואוינט דער צארישער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אין וועמעס הענט עס ליגט דער גורל פון ארעסטירטע פוילישע טעראָריסטן, די נאָכפאָלגער פון קוניצקי, באַרדאָווסקי, לוקאַסיעוויטש און אָסאָווסקי, די פירער פון דער פאַרטיי „פראָלעטאַריאַט".

מיר זיינען געפאָרן איבער דעם צויבערהאַפטן פאַרק „לאַזיענקי", מיט זיין אָפענער בינע פון זומער־טעאַטער, דורך די אַלייען ארום דעם פאַלאַץ פון „בעלוועדער", וואו עס האָבן געהערשט רוסישע טשינאָווניקעס און וואו דער אריינגאַנג פאַר ציווילע פוילישע מענטשן איז געווען פאַרבאָטן.

מיט א גרויסן ווייטיק בין איך געפאָרן איבער דער הערלעכער ווארשע, זיך צוגעהערט מיט א ליבשאַפט צו די שמועסן און צו דעם זאַפטיקן פוילישן ווארשעווער לשון פון סטרוזש, דראָשקאַרזש און גאַזעציארזש (הויז־היטער, פורמאַן און ציימונגס־אינגל), צו די וויצן און אויסגעשרייען פון די ווארשעווער „אַנטקעס" (די לאָבוזעס), מיט זייער אומשטערבלעכער חוצפה בנוגע די קאַזאַקן און סטראַזשניקעס בעת א דעמאָנסטראַציע.

פון די צוויי וואָכן זיינען געוואָרן זעקס, ווייל דער פעטער איז נישט אָנגעקומען. האָבן מיר מיט דער מוטער באַשלאָסן, אז לענגער קאָנען מיר נישט אָפּלייגן די רייזע קיין רעוואַל, און ווען א טעלעגראַמע פון אים איז אָנגעקומען, אז ער מוז נאָך בלייבן א מאָנאַט אין וועג, האָט מיין מוטער מיט א שווער הארץ מיך גענומען צום וואָקזאַל און געזוכט א פריינטלעכן פנים צווישן די פאַסאַזשירן, כדי מיך צו פאַרזאָרגן מיט א שטיקל שוץ. זי האָט דעמאָלט ארויסגעזאָגט צום ערשטן מאָל א געדאַנק, אז אַמאָל איז א מאַן א בעסערע שוץ איידער א פרוי, ווייל די גרעסטע

„קופּלערקעס" (פּאַרמיטלערינס) אין צושטעלן מיידלעך צו עפּנטלעכע הייזער זייִנען פּרויען, אויף וועלכע די פּאָליציי האָט אַ קלענערן חשד איידער אויף מענער.

זי האָט עפּעס אויסגעפונען אַן עלטערן אידן, אַ פריינטלעכן און אַ שוויינגדיקן, וועלכער איז אָבער, ליידער, געפאָרן בלויז ביז ווילנע און נישט ווייטער. און איר גרעסטע זאָרג איז געווען די „פאַרשאָלטענע" שטאָט ריגע... דער איד, וועלכן עס האָט באַגלייט אַ גאַנצע משפחה, האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זוכן אין וואַגאָן־רעסטאָראַן אַ צווייטע משפחה, וואָס פאָרט אפשר אין פּעטערבורג, איבער ריגע, און דאָס האָט איר אַ ביסל באַרויִקט.

און אָט פאָר איך. צום ערשטן מאָל אַליין. צום ערשטן מאָל זיך צעשיידט פון מיין מוטער. (דער פאָטער פלעגט גאַנץ אָפט אַוועקפאָרן אויף אַ קורצער רייזע, און אין 1900 איז ער געפאָרן אויף אַ לענגערער רייזע קיין דייטשלאַנד.) אָבער איצט בין איך געווען, צום ערשטן מאָל, אַליין און נישט אין דער היים, נאָר אין אַ וואַגאָן, אין אַ ווילד־פרעמדער סביבה, איבערגעלאָזן צו צופאַלן און שלעכטע מענטשן, אין משך פון דריי טעג און נעכט. אויף יענער רייזע האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערוואוסט, און מיט אַ מין אינטואיציע דערפילט, די געפאַר, וואָס לויערט אויף אַ יונגער, שיינער מיידל, ווען זי פאָרט אַליין. און אַזוי ווי דאָס איז געווען מיין ערשטע רייזע, האָט זיך מיר אָנגעהויבן וואַרפן אין די אויגן די נישט־טאַקטישקייט און נישט־פּראַקטישקייט פון מיינע קליידער: איך בין געפאָרן, נישט ווי אויף אַ לאַנגער רייזע, אין האַרבסט, צו אַ שטאָט מיט אַ קאַלטן קלימאַט, נאָר ווי אויף אַ זומער־פּיקניק... אַ לייכטע, בלוי־ווייסע באַטיסטענע קליידל, מיט בלויע בענדלעך אַרום האַלדז, מיט אַ גרויסן ווייסן שטרויענעם הוט אויף די ברוינע געלאָקטע האָר, מיט ווייסע שיך. אַזוי בין איך געפאָרן קיין רעוואַל, און — צו דער „פאַרשאָלטענער" שטאָט ריגע...

נישט קיין וואונדער, וואָס סיי דער קאָנדוקטאָר, סיי די קאָנטראָל־קאָנדוקטאָרן האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר מיין פּלאַץ און געקוקט אויף מיר און געמאַכט באַמערקונגען צו זיך און צו די פּאַסאַזשירן, אייניקע מענער. אָבער איך האָב אין אָנהויב גאָרנישט נישט באַמערקט, זיך צוגעקוקט צו אַלץ און געבליבן ערנסט, נישט געענטפערט אויף פּרואוון זיך צו באַקאָנען און בלויז געריידט פּויליש. מיין מוטער האָט מיר געקויפט אַ בילעט אין

צווייטן קלאַס, כדי איך זאָל זיין מיט „בעסערע" פּאַסאַזשירן. און דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער פעלער, ווי עס האָט זיך שפּעטער אויס־געלאָזן, ווען דער ערנסטער איד איז אַרויס אין ווילנע און צוזאַמען מיט אים נאָך צוויי פּרויען, און איך בין געבליבן אַליין, איינס אַזייגער ביי־נאַכט, אין וואַגאָן.

איך האָב שוין פריער באַמערקט, אַז איך האָב נישט געהאַט דאָס געפיל פון מורא פאַר מענטשן. איך האָב יאָ געהאַט מורא פאַר אַן אומ־זיכטבאַרן שונא, ווי דער טויט אָדער אַ קראַנקהייט, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט מיין מוטערס לונגען־אָנטצינדונג, ווען איך האָב זיך אויס־געלערנט דאַווענען, כדי זי זאָל בלייבן לעבן... און עס האָט געהאָלפן. ווייל זי איז געזונט געוואָרן. אָבער פאַר מענטשן האָב איך קיין מורא נישט געהאַט, ביז צו דער רייזע.

די פּלאַטפאָרמע אין ווילנער וואָקזאַל איז געווען פאַרפלייצט מיט ליכט, מיט מענטשן און מיט באַגאַזש. עס איז געווען דער אָנהויב פון דעם לערן־סעזאָן, ווען הונדערטער סטודענטן און שילער זיינען געפאָרן צוריק אין די שטעט, און פון אויסלאַנד — טוריסטן און פּאַציענטן. ווילנע איז געווען אַ פּאָר שעה פון ווערזשבאָלאָווע און אַ באַן־קנופּ צווישן פּוילן און פעטערבורג. עס האָט זיך געצויגן אַ שטראָם פון מענטשן צו אונדזער צוג. איך האָב געקוקט דורכן אָפענעם פענצטער פון מיין וואַגאָן און נישט געטראַכט אפילו וועגן שלאָף. אויסערדעם האָב איך אָפּגערעדט מיטן קאָנדוקטאָר, אַז פון ווילנע אָן וועט ער מיר געבן אַן אָרט אין אַ פרויען־אָפּטייל. און אָט האָב איך אים באַקומען. איך בין געווען רואיק, אַז קיין מאַן וועט אַהער נישט קאָנען אַריינגיין.

אין דרויסן האָבן זיך אַ פּאָר סטודענטן אָפּגעשטעלט פאַר מיין פענצטער און האָבן געמאַכט אַ וועט, אַז איך בין אַן אַקטריסע און אַז מען קאָן מיט מיר „רעדן". זיי האָבן גערעדט רוסיש. איינער איז טאַקע צוגעגאַנגען צום פענצטער גאָר נאָענט און מיך געפרעגט וואוהין איך פאָר. איך האָב אָבער, גאַנץ קאַלט, געענטפערט אויף פּויליש, אַז איך פאַרשטיי נישט די שפּראַך. האָט ער באַלד זיינע קאָלעגן דערקלערט, אַז דאָס איז אַ „פּראָנצוזשענקע" (אַ פראַנצויזישע), און זיי האָבן אויף מיין חשבון גערעדט, וואָס עס איז זיי געקומען אויפן צונג. איך האָב זיך צוגעהערט און שפּעטער אַוועק פון פענצטער.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער, ווען דער צוג האָט זיך שוין אַ ריר געטאָן

און איך בין געווען צופרידן, אז ביז רינע וועט קיינער נישט אריינקומען, האט זיך געעפנט די טיר פון מיין קליינעם אפטייל און די מאָרדעס פון צוויי גרויסע יאגד־הינט האבן אריינגעקוקט אין קופע, און דערנאך א גרויסער, גראבער פריץ, א רוס, האט זיך באוויזן אויפן שוועל אין א מיליטערישן מונדיר.

— „פראסטיטיע, באַרישניא!" (אנטשולדיקט, פריילין!) — האט ער געזאגט. — זיי בייסן נישט און מיר פארן בלויז ביז לידע. דאס איז מיין בילעט פאר דער רייזע, און דאס איז מיין קופע!

עס האט געדויערט א מינוט־צוויי ביז איך בין געקומען צו זיך פון דער חוצפה, — ווייל קיין אנדער ווארט פאר דעם פארפאל האב איך נישט געפונען. און גאנץ ערנסט, אין מיין בעסטן רוסיש, האב איך אים אנגעוויזן, אז קיין מורא פאר די הינט האב איך נישט, איך האב אליין הינט אין דער היים. דער קופע איז אבער א פרויען־קופע, און איך פאר נאך דריי טעג, מוז איך האבן א רואיקע נאכט און ער דארף זיך זוכן א צווייטן פלאץ מיט די הינט.

ער האט זיך צעלאכט און געזאגט, אז איך קאן דא זיין גאנץ אליין, נאר די הינט מוזן דא בלייבן. ער קאן זיין אין רעסטאראן־וואגאן. אבער ער האט זיך געמאכט באקוועם אויף דער גאנצער צווייטער באנק, האט דארט אנידערגעזעצט די צוויי הינט, צוגעדעקט זיי מיט א פליושענער פלאכטע. „זיי זיינען דעליקאטנע ענגלישע סעטערס", האט ער צו מיר גאנץ ערנסט געזאגט און געשמייכלט „אומשולדיק"...

איך האב א ריס געטאן פארן עלעקטרישן גלעקל און דער קאנדוקטאר איז אריינגעקומען. אבער דאס איז שוין געווען אן אנדער מענטש: נישט פול מיט זאכלעכקייט און ערנסט, ווי מיט א האלבער שעה צוריק, נאר איינגעבויגן אין דרייען פארן פאלקאווניק און קוים געקוקט אויף מיר.

— דאס האב איך געקלונגען נאך אייך, קאנדוקטאר. אפשר וועט איר אזוי גוט זיין און זאגן דעם פאסאזשיר, אז דאס איז א פרויען־קופע און אז איר דארפט געפינען אן ארט פאר אים אין דעם מענער־אפטייל, אדער אין פראכט־וואגאן...

דער קאנדוקטאר האט א דריי געטאן די ווייסע עמאליענע טאוול אויף דער וואנט פון וואגאן און עס האט זיך באוויזן די אויפשריפט: „דליא מוזשטשין" (מענער־קופע). „דאס איז מיין טעות", האט ער געזאגט צו מיר. „איך האב אייך דא גאר נישט געדארפט אריינלאזן, עס איז „פאר

הערן". אָבער דער „גאָספּאָדין פּאָלקאָווניק" וועט אייך געוויס דערלויבן דאָ צו בלייבן, אויב איך וועל אים בעטן, ווייל דער צוג איז איבערגעפּאַקט מיט סטודענטן ביז רינגע..."

איך בין געווען שפּראַכלאָז. אַ פינצטערער חשד איז צום ערשטן מאָל געקומען אויפן געדאַנק: זיי זיינען ביידע אין אחדות קעגן מיר... עס וועט מיר גאָרנישט ניט העלפן. איך מוז אָבער געווינען צייט, כדי איך זאָל נישט האָבן די צוויי קעגן זיך, נאָר בלויז איינעם. און די הינט זאָלן מיך נישט טשעפּען. איך האָב דעם קאָנדוקטאָר געזאָגט, אַז איך וועל מאַכן אַ „זשאַלאָבע" אויף אים אין לידע, און אַז ער וועט דערפאַר באַ־שטראָפט ווערן. איך האָב אַן עדות: דעם ארויסגעגאַנגענעם פּאַסאַזשיר פון ווילנע. דער קאָנדוקטאָר האָט מיר גראָב געענטפערט: „זוך דעם ווינט אין פעלד!" האָט אַ שמייכל געטאָן צום פריץ און איז אוועק, פרעגנדיק, צי זאָל ער עפּעס ברענגען פון בופעט פאַר אים. „יאָ, אַ גלאָז ביר", האָט שוין דרייסט און הויך געענטפערט דער פריץ.

איצט מוז איך האַנדלען שנעל, ווייל די מינוטן זיינען טייער. איך האָב אַראָפּגענומען מיין מאַנטל און מיין הוט, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך גיי זיך וואַשן די הענט, גענומען מיין קליינעם נעסעסער מיט זייף און אַ האַנטוך און שנעל געעפנט די טיר פון קופּע מיט אַ בייזן: „בעז־אָבראַזיע!" (אַ געמיינהייט!).

אין קאָרידאָר איז געווען שטיל, עס איז געווען נאָך צוויי פאַרטאָג. איך האָב שנעל געעפנט די טיר צו אַ צווייטן וואַגאָן. דער ערשטער קלאַס. באַזונדערע קופּעען. אַלץ איז רואיק. איך בין אַזוי מיט די פעקלעך אין האַנט אַדורכגעגאַנגען נאָך אַ וואַגאָן, און פּלוצלונג דערהערט אַזאַ האַר־מידער, אַזאַ געמיש פון געזאַנג, הויכע שמועסן, באַלאַלאַיקע־שפּיל, אַז עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם: עס איז געווען אַ דריטער קלאַס און פּאַק־פול מיט סטודענטן און מיידלעך, יונגע הערלעכע פּנימער, און — דער עיקר: מענטשן! ברידער! אייגענע!

— דערלויבט מיר דאָ צו בלייבן. איך בין אַליין אין אַ קופּע און איצט איז אַהין אריין אַ זשאַנדאַרם מיט צוויי הינט. און איך וויל דאָ בלייבן מיט אייך. — אַזוי האָב איך געזאָגט צו אַ מיידל מיט אַ רואיקן פּנים און זיכערע גלאָסענע באַוועגונגען.

ווען איך בין אריין אין וואַגאָן, מיט די פעקלעך אין האַנט, מיט אַ טייסטער, אריבערגעוואָרפן אויף אַ דינעם רימען איבער דער פּלייצע, אַן

אַ הוט און אַ מאַנטל, מיט לאַנגע צעפּ, זיינען באַלד צוגעקומען יענע סטודענטן פון דער ווילנער סטאַנציע, וואָס האָבן זיך געוועט, אַז איך בין אַן אַקטריסע, און האָבן גאַנץ הויך געזאָגט: „טשטאָ זאַ פּטאַשעטשקאַ פּרילעטיעלאַ!" (וואָס פאַר אַ פייגעלע איז געקומען צופליען!)

איך בין געשטאַנען אומבאַהאָלפן, און עס איז אַרום מיר געוואָרן אַ גערודער. אָבער קיינער האָט נישט געגעבן קיין אַכט. האָט די ערנסטע מיידל מיך גענומען פאַר דער האַנט, צוגעפירט צו אַ באַנק, וואו אַן אַנדער מיידל איז געזעסן און האָט מיר געזאָגט, אַז דערווייל קאָן איך זיין מיט זיי, ביז צו לידע, און דאָרטן וועט אַראַנס, אַ ווילנער סטודענט, דער „סטאַראָסטאַ" פון וואַגאָן, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער יאַזדע קיין פּעטערבורג און זייער באַגאַזש, אַרויסגיין צום נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע און מען וועט מאַכן אַ פּראָטאָקאָל. „קיין הפקרות וועלן מיר נישט דערלויבן אונטערוועגנס", האָט זי געזאָגט. עס איז געוואָרן אַ טומל, מען האָט געזידלט דעם „פּאַרקויפטן" קאָנדוקטאָר, דעם פּריץ, די בורזשואַזיע, וואָס פאָרט מיט הינט איבער דער וועלט און דו, „ראַבאָטשי טשעלאָוויעק", ווער דערשטיקט פון ענגשאַפט.

איך בין געוואָרן דער העלד פון אָוונט. פון שלאָף האָט מען דאָ נישט געטראַכט. עס איז אָנגעגאַנגען אַ הייסע דיסקוסיע וועגן אַן אַלגעמיינער „זאַבאַסטאָווקע" דעם יאָר, ווי נאָר די סטודענטן וועלן דערלאַנגען זייערע פאָדערונגען צו די רעקטאָרן פון אַלע אוניווערסיטעטן און פּאָליטעכניקומס פון רוסלאַנד. דאָס וואָרט „זאַבאַסטאָווקע" (סטרייק) האָט צום ערשטן מאָל דערגרייכט מיינע אויערן. אַלע האָבן היציק גערעדט אין וואַגאָן וועגן דעם.. אַראָנס, דער „סטאַראָסטאַ", איז פון דער ערנסטער מיידל, וואָס האָט דאָ געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע און צו וועלכער אַלע האָבן אַרויפגעקוקט מיט ליבשאַפט און רעספּעקט, באַלד באַאויפטראָגט געוואָרן צו גיין אין מיין וואַגאָן, מיט מיין בילעט און ברענגען דעם מאַנטל און אַ קישעלע, און דערקלערן דעם פּאָלקאָווניק, אַז ער האָט „אַרויסגעטריבן אַ קינד, וואָס פאָרט אַליין און פאָרט זיך ווייטער לערנען".

ער איז באַלד געקומען מיט מיינע זאַכן, אַ זיכערער, און האָט דער־קלערט, אַז דער פּאָלקאָווניק „קאַפּיטולירט", אַז ער שטייט מיט ביידע הינט אין קאָרידאָר און איז גרייט צו שטיין דאָרטן ביז לידע. „אָטסטופּיעט, פּאָ וסיעם פּראַווילאַם וואָיני" (ער טרעט אָפּ, לויט אַלע כללים פון קריג) — האָט געזאָגט אַראָנס.

אָבער מיר איז געווען גוט. אזוי גוט, אַז איך האָב נישט געוואָלט גיין צוריק אין מיין וואַגאָן. איך האָב ליב באַקומען מיין נייע סביבה. די ליכטיקע געשטאַלט פון דער ערנסטער מיידל, וועלכע האָט בייטאָג פאַרזאָרגט אַלע חברים מיט טיי, געמאַכט פאַר אַלעמען „בוטערבראָטן" (סענדוויטשעס), געשיקט דעם „סטאַראָסטאַ" איינקויפן אויף די סטאַנציעס פּראָדוקטן פון דער געמיינזאַמער קאַסע, געשיקט אַנדערע נאָך געקאָכטער הייסער וואַסער, פאַרנייט זייערע קנעפּ און געטיילט די געקויפטע צייטונגען. אַלץ איז געווען, ווי אין אַ קליינער רעפּובליק: אַלץ האָט מען באַשלאָסן צוזאַמען. צווישן צוועלף און צוויי אַזייגער האָט מען גענעסן און זיך געטיילט מיט מיר, לויט מיין ביטע מיך אַריינגענומען אין דער „קאָמונע" — אַ וואָרט, וואָס איך האָב דאָ צוערשט געהערט און פון וועלכן עס האָט זיך געטראָגן די פיגור און דאָס פּנים פון אָראַנס און פון דער ערנסטער מיידל. און מיט יאָרצענדליקער שפּעטער, האָב איך איר נאָמען געטראָפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַלס די אַסיסטענטין און פאַרזעצערין פון פּראָפעסאָר פּאַוולאָוו, דעם באַרימטן רוסישן געלערנטן: איר נאָמען איז לינאַ שטערן...

יענע רייזע, אין הארבסט 1902, איז פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן אַ ליכטיקער קאַפּיטל. עס איז געווען אַ פלי צום צפון, אַ פלי צום סאַמע הארץ פון רוסלאַנדס יוגנט־קאַמף, צו די אוניווערסיטעטן פון דאָרפּאַט און פּעטערבורג, צו דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט פון ריגע, צו דער ים־שוועל פון רעוואַל און ליבאַווע. עס איז געווען מיין ערשטער פלי, אויף יונגע מיידלשע פליגלען, אין אַ פאַרכאַפּנדיקער, שטורעמדיקער וועלט, מיט הונדערטער חברים אַלס מיטרייזנדע און מיטפליער...

די דריי טעג זיינען אַדורך ווי אַ חלום. אָראַנס, דער „סטאַראָסטאַ", האָט אַ פריילעכער און אַ זיכערער געבראַכט מיר דאָס קליינגעלט, דעם חילוק צווישן 3טן און 2טן קלאַס פון דעם לידער באַן־קאַסירער און מיר האָבן מיט דעם געלט געקויפט פרוכט און קאָנסערוו אויף דעם „פאַרשאָלטענעם" רינגער וואָקזאַל. אגב: די שטאָט ריגע איז געלעגן אין אַ זונענשיין, פאַרזונקען אין אַ בלויען הימל, מיט די לעצטע רויטע און געלע בלעטער אויף אירע בולוואַרן. נאָך אַ כאַפּטע סטודענטן איז אַריין אין אונדזער וואַגאָן פון ריגע. דאָס זיינען געווען די שוין־„אַרויסגעוואָרפענע" פון דעם פריערדיקן סעמעסטער, וואָס האָבן זיך נישט געיאַוועט צו דער דערעפענונג פון די קורסן און וועלכע האָבן איצט געזוכט אַנצוקומען אין פּעטערבורג

אַדער אין מאָסקווע. איך בין געווען די איינגסטע פון זיי אַלעמען און די באַציאונג צו מיר, נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעוואָרפן מיין פוילישן „האָנאָר", איז געוואָרן אַ חברשע און גלייכע. נאָך ריגע, אויף דער סטאַנציע טאָפּס, האָבן מיר זיך צעשיידט: זיי זיינען אַלע געפאָרן ווייטער אין דעם צוג קיין פעטערבורג, און איך בין אַריבער, מיט דער הילף פון „סטאַראָסטאַ" אַראָנס און לינאַ שטערן, אין דעם רעוואַלער צוג.

עס איז געווען מיין ערשטע אמתדיק־דראַמאַטישע צעשיידונג. זייט דעם טאָג האָב איך זיך אויסגעלערנט צו פאַרבייסן אַ טרער, צו נעמען אַ געזעגענונג לייכט, אויב מען האָט באַדאַרפט, און נישט טרויערן נאָך אָפּגעפאָרענע שטיקלעך גליק...

אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך אָנגעקומען אין רעוואַל, און נאָך אַ מינוט־צוויי זוכענישן איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ סטודענט אין אַן אָפּ־געריבענער אַלטער היטל און זיך פאָרגעשטעלט: גענריך גוטקין. דאָס איז געווען אַ זון פון מיין קוזינע. מען האָט מיך באַלד געפירט אין אַ גרויסער געראַמער וואוינונג, וואו אַ אידישע קעכין פון לאָדזש און אַן עסטאָנישע שטובן־מיידל האָבן געפירט די באַלעבאַטישקייט אין דער אָפּ־וועזנהייט פון דער משפחה. אַלע זיינען נאָך געווען אויף די דאַטשעס, א חוץ גענריכן, דעם סטודענט, און מיר מיט זיינער אַ פריינדין, אַ בלאָנדע, יונגע רוסישע סטודענטקע.

מיר זיינען באַלד געזעסן אַרום אַ טיש, וואו עס איז געשטאַנען אַ קאָכיקער געלער סאַמאָוואַר, רוסישע בייגל און קאַלאַטשן, געררויכערטע פיש און מילך, אין פלעשער, ניט ווי ביי אונדז אויפן קוואָרט. מען האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין מילך, נאָר שמאַנט, זיסע, געדיכטע שמאַנט צו דער קאַווע. עס האָט זיך געטראָגן איבער דער דירה דער רויך פון האָלץ־קוילן פון סאַמאָוואַר און דער רויך האָט, ווי אַ סימבאָל פון היימישקייט, וואַרעמקייט און זאָרגלאָזיקייט, מיך יאָרנלאַנג פאַרפאָלגט, וואו איך בין נישט געווען. דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געטראַכט, זיצנדיק מיט גענריכן און סאָפיע פּאַוולאָוונאַ אַרום דעם פרישטיק־טיש, איז געווען אַ טיפע, טיפע דאַנקבאַרקייט צו מיין מוטער, וואָס האָט מיך אַרויסגענומען פון דער נודנער לאָדזשער סביבה און געשיקט אַהער, צו אינטעליגענטע קלוגע מענטשן, צו יונגע און וויסנדיקע. איך האָב באַלד דערפילט דעם צוטרוי צו מיר מצד די צוויי מענטשן. אונטערוועגס פון דער רעוואַלער באַן־סטאַנציע האָב איך גענריכן דערציילט מיין קורצע געשיכטע,

מיינע פּלענער פאַר דער צוקונפט, מיינע פּאָליטישע אַספּיראַציעס און מיין טעטיקייט אין די שילער־קרייזן פון לאָדזש.

שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיי זיינען צו מיר געווען באַלד פון אָנהויב אַזוי גוט און טאַקטפול. אין הויז האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ ווייטע קרובה פון פרוי גוטקין — אַ קליינבירגערלעכע אידישע טאָכטער פון אַ קליין שטעטל, אָן פּערספּעקטיוון און אָן ציל. געקומען אהער חתונה צו האָבן, געזוכט אַ בחור מיט געלט און מיט אַ פּאָסטן און דערווייל געאַרבעט אין איינעם פון די מאַנופאַקטור־געוועלבער, וואָס די גוטקינס האָבן געהאַט. אָבער ווערלנדיק זיך מאַכן „נוצלעך" אין שטוב, האָט דאָס עלטערע זויערע מיידל שפּיאָנירט אַרום געגריכן און זיין רוסישער פריינדין. ער איז געווען דער שטיף־זון פון מיין קוזינע און גאַנץ אומאָפּהענגיק געלעבט אין הויז.

זיין פאָטער האָט אים גאַנץ ליב געהאַט, אָבער דער געדאַנק פון אַ הייראַט מיט אַ קריסטלעכער מיידל, האָט אים געשראָקן... און דאָ איז זי געקומען נאָכשפּיאָנירן נאָך זיי. זי האָט אויסגעפונען, ווען גענריך דאַרף פאָרן קיין פּעטערבורג צוזאַמען מיט סאָפיאַ פּאַוולאָוונאַ, האָט זי עס דעם אַלטן געזאָגט און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אים געבן געלט אויף דער רייזע. עס איז פאָרגעקומען אַ זייער פּיינלעכע סצענע צווישן פאָטער און זון, נאָכגעפאָלגט פון אַ שאַרפן איבעררייידן זיך מיט טאַניאַ, דער מסורקע. דער רעזולטאַט איז געווען איר היסטערישער געוויין און איר פעלן ביים טיש, ווען ער, גענריך, איז געזעסן דערביי.

אין מיר האָט ער דערזען אַן אַנדער מין מענטש און מיך באַלד אַריינגענומען אין דעם קרייז פון זיינע פריינט, סטודענטן און סטודענט־קעס, רוסן און עסטאָניער. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ווען מיין קוזינע איז געקומען פון דייטשלאַנד, וואו איר טויב־שטומע טעכטערל האָט זיך געלערנט, האָט זי צוגערעדט דעם מאַן אירן שלום מאַכן מיטן זון און אים לאָזן לעבן, ווי ער וויל.

זי אַליין איז געווען 30 יאָר יינגער פון איר מאַן, וועלכער האָט געהאַט דריי דערוואַקסענע טעכטער אין דייטשלאַנד, סטודענטקעס פון מעדיצין, און דריי גאַנץ יונגע קינדער מיט איר. זי איז געווען שיין, יונג און האָט געבענקט נאָך יוגנט און לעבן. ער האָט איר דאָס נישט געקאָנט געבן. ער האָט איר בלויז געקאָנט געבן געלט און אַלץ, וואָס געלט קאָן קויפן. האָט זי אָפּגעבענקט אַ לעבן, זיצנדיק ביי דער קאַסע אין זייער

גרעסטן געשעפט אין שטאָט און פון צייט צו צייט געכאַפּט א באוואונדערנ־דיקן קוק פון א רוסישן אָפיצער אָדער פּאָלקאָווניק, וואָס פלעגט קומען קויפן טייערע זאַכן פאַר א פרוי. זי האָט זיך דערנענטערט צו מיר, און צום ערשטן מאָל אין מיין יונגן לעבן האָב איך דאָרטן, אין רעוואל, געפילט דעם איינפלוס פון בילדונג און אינטעליגענץ, וואָס עס קאָן האָבן אפילו א אינגערער מענטש אויף אַן עלטערן. און אַזוי ווי צוזאַמען מיט מיר איז געקומען אין שטוב א שטראָם פון יונגע חברה, האָט זיך פאַר איר אויך געעפנט א מעגלעכקייט צו לעבן א מער אינטערעסאַנטן און רוישיקן לעבן.

און איך בין געווען גערעכט: אַרום ניי־יאָר, ווען איר מאַן איז אוועקגעפאָרן קיין פּוילן איינצוקויפן סחורה און די גאַנצע משפּחה האָט אים באַגלייט צום באַן, בין איך אויך געגאַנגען מיט עטלעכע יונגע סטו־דענטן און גימנאַזיסטן. און באַלד טאָקע, נאָך דעם אייגענעם אָוונט, גייענדיק צוריק פון דער סטאַנציע, האָבן אונדזערע סטודענטן גענומען עטלעכע שליטנס און מיר האָבן זיך אַלע א לאָז געטאָן אַרויס צום ים, צו דעם מאָלערישן זומער־אָרט: קאַטערינענטאַל. דאָרט פלעגט אין זומער־צייט זיין א זייער שפּרודלדיק און אַנגענעם לעבן. דאַטשעס און ווילעס זיינען געשטאַנען אין א וואַלד, גאָר נאָענט צום ים. מיר פלעגן אין הארבסט אהין פאָרן און שעהן־לאַנג אַרומגיין איבער די ברייטע, מיט געלע בלעטער באַשאָטענע, אַלייען פון פּאַרק.

עס איז דאָרט געשטאַנען א שטיינערנער דענקמאָל אין אָנדענק פון דער געזונקענער רוסישער אונטערוואַסער־שיף „רוסאַלקאַ”, וועלכע איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דער מאַנשאַפט. די סטודענטן האָבן גע־שמועסט, אַז אויף דער „רוסאַלקאַ” איז פאָרגעקומען א פאַרזוך פון אַן אויפשטאַנד קעגן די אָפיצערן פון דער שיף, וועלכע פלעגן נישט דערלויבן די מאַטראָסן צו גיין אויפן ברעג, ווען זיי זיינען געווען אין פּאָרט, מורא־האָבנדיק פאַר זייער קאָנטאַקט מיט די אַרבעטער פון דער שיפס־ווערף און פון דער מעטאַל־פאַבריק. אין א שטורמישער הארבסט־נאַכט איז די „רוסאַלקאַ” אונטערגעגאַנגען און קיינער אין שטאָט האָט נישט געוואוסט די איינצלהייטן פון דער טראַגעדיע. דערפאַר זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען וועגן דעם, און סטודענטן און אַרבעטער פלעגן זיך זונטיק, אויף זייערע שפּאַצירן איבער „קאַטערינענטאַל”, אָפּשטעלן ביים מאָנומענט און אַראָפּ־נעמען די היטלען אויף א רגע.

אָבער איצט, אין דער פאַרשנייטער ווינטער־נאַכט, איז דאָרטן געווען צויבערדיק־שיין. די שטאָט איז געווען פאַרגאָסן מיט אַ רויטלעכער שיין פון די עלעקטרישע ליכט. די נאַכט אַ ווייסע, ווי די באַרימטע פּעטערבורגער נעכט, די לופט פאַרגליווערט, אָן אַ ווינטל, און דער שליטן האָט זיך געטראָגן בליץ־שנעל, געצויגן פון אמתע „ריסאַקעס", יאָג־פערד. מיין קוזינע, סאָניע, האָב איך ניט דערקענט: זי איז געוואָרן יונג און אויפֿגעלעבט, מיטגעזונגען מיט אונדז און נישט געוואָלט קומען אַהיים, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די צוועלף־יאָריקע טאָכטער אירע איז געווען מיט אונדז און מיט שטרענגע אויגן געקוקט אויף איר מאַמען, אויף מיר און אויף מיינע פריינט, די סטודענטן. אויפן וועג צוריק האָבן מיר זיך געביטן מיט די פּלעצער, מיט דעם צווייטן שליטן, און נאָך מער געטומלט. עס איז געווען, ווי אַ שטראָם אין פרילינג, וואָס רייסט זיך איבער דעם ברעג. די פולקייט פון יוגנט־קראַפט, וואָס האָט נישט וואָס צו טאָן מיטן איבערפלוס פון בלוט אין די אָדערן.

מען האָט געענדיקט דעם אָוונט ביי אונדז אין הויז, מיט אַ הייסן סאַמאָוואַר, צוועלף ביינאַכט, און אַן אויסגעפּלינדערטן בופעט. איך געדענק אַ דעטאַל: מען האָט אויפגעוועקט די עסטאָנישע מיידל, אַנאַ, און מען האָט זי אַראָפּגעשיקט אין דעם נאָך־אָפענעם דעליקאַטעסן־געשעפט פון הער לוסטיק, אַ דייטש, ברענגען סאַרדינקעס און קאַוויאַר. איך געדענק, ווי איך האָב איר נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן דעם אָוונט, ווייל מען האָט איבערגעריסן איר שלאָף, און איך האָב עס איר געזאָגט דעם פרימאָרגן נאָך דעם, ווען זי איז אַריין צו אונדז אין שלאָפצימער הייצן דעם קאַכל־אויוון. אָבער אַנאַ האָט געשמייכלט און געזאָגט, אַז דערצו איז זי דאָך דאָ, כדי צו גיין איינקויפן „דליאַ גאָספּאָד". זי איז געווען געוואוינט דערצו, אַז מען זאָל זי וועקן עלף ביינאַכט, ווען דער באַלעבאָס פלעגט קומען פון זיינע געוועלבער, נאָכדעם ווי ער האָט געציילט די קאַסע, און געפאָדערט טיי און צובייסן. אין יענע צייטן האָט מען געהאַלטן די געשעפטן אָפן ביז ניין אין אָוונט און אַהיים פלעגט מען קומען עלף, נאָכדעם ווי מען האָט אַן אָרדענונג געמאַכט אין די וויטרינעס און אויף די פּאָליצעס פון געוועלב. גוטקין האָט געהאַט אָנגעשטעלטע צו צוואַנציק־דרייסיק יאָר, און איינעם פון זיי, דעם הויפּט־פאַרוואַלטער, אַ גראָבן גרויסן רוס, סאַפּעלקין, פלעגט ער שיקן אַלע יאָר קיין קאַרלסבאַד „אָפּצונעמען" אַ ביסל אין וואָג. זיי פלעגןביידע פאָרן צוזאַמען, און

ביידע פלעגן ווינטער ווידער צוריק געווינען די פארלוירענע צוואַנציק פונט.

יענער פאַקט, מיטן אויפוועקן אַנאַן, האָט געפירט צו אַ דיסקוסיע מיט מיינע פריינט, און זיי האָבן מיר געגעבן גערעכט, זאָגנדיק, אַז זיי אַליין האָבן געפילט נישט גוט דערביי, אָבער סאָניע האָט זיי אָפּגעזאָגט, ווען זיי האָבן געוואָלט שטעלן דעם סאַמאָוואַר און גיין צו לוסטיקן נאָכן עסנוואַרג.

— „ווסיאָ טאַקי, בורזשויקאַ, טוואָיאַ קוזינאַ" (זי איז דאָך אַ בורזשויקע, דיין קוזינע) — האָט געזאָגט מישאַ זאַקס. ער איז געווען מיין בעסטער פריינט און אַ צאַרטע נאָענטקייט האָט געהערשט צווישן אונדז. אָן ווערטער, אָן דערקלערונגען, אָן טרעפן זיך, אָבער וואו איך בין געווען, פלעגט ער אויך זיין. און ער איז געווען דער פאַרזאָרגער מיינער מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור אין יענע צייטן. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיר געבראַכט די דינע, אומלעגאַלע, פאַרכאַפּנדיקע „איסקראַ", דער אויסלענדישער אָרגאַן פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

עס איז געווען אַ מאָדנער געפיל, וואָס איז שווער צו באַשרייבן, ווען דאָס שורשענדיקע דינע פּאַפּיר איז צום ערשטן מאָל געלעגן אין מיינע הענט, ביים שיין פון דעם לאָמפּ, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אין דעם רייכן באַלעבאַטישן הויז. איך האָב געוואוסט, אַז עס איז געדרוקט געווען אין זשענעוואַ, שווייצאַריע. איך האָב געוואוסט, אַז צענדליקער קאָרעספּאָנדענטן ריזיקירן מיט זייער פרייהייט, שרייבנדיק צו דער רעדאַקציע פון דעם אומלעגאַלן בלעטל. איך האָב געוואוסט פון מיינע נייע פריינט וועגן דעם וועג, וואָס די דינע צייטונג גייט דורך איידער זי קומט אין די שטעט און שטעטלעך פון גרויסן צארישן לאַנד. אָבער דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב עס געהאַלטן אין האַנט און עס געלייענט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, איז געווען פאַרכאַפּנדיק. הינטער דער צייטונג איז אויסגעוואַקסן אַ זשאַנדאַרם, ווי איך פלעג זיי זען אויף די וואָקזאַלן און אין די גאַסן. און יעדער שאָרך, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, בעת די נאַכט־שעהן אויפן הויף אָדער אויף די טרעפּ, פלעגט אַרויסרופן דאָס אויטאָמאַטישע געפיל פון זוכן אַן אָרט עס צו באַהאַלטן: קיינמאָל עס ניט צו פאַרניכטן. קיינער פון אונדז וואָלט עס נישט געטאָן. פאַר קיין שטראָף נישט. עס איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ביז עס איז ווידער געקומען צום אומלעגאַלן אַרכיוו. צו דעם פּאַרטיילער פון די שריפטן.

דאָס יאָר אין רעוואַל איז אַוועק זייער שנעל, כמעט שטורעמדיק. צו שנעל. עס איז געווען אַ יאָר פון ערשטע צאַפּלדיקע איבערלעבונגען, סיי פון רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, פון סאַמע ערשטן פאָרמירן זיך פון אַ דרייסטן, רעוואָלוציאָנערן זעלבסט־באַוואוסטזיין, פון שפּירן זיך געבוירן צו גרויסע געזעלשאַפטלעכע אויפטואונגען, סיי פון ערשטע ראָמאַנטישע באַגעגענישן מיט „יענער באַשעפעניש”, צו וועלכער איך האָב געהאַט סיי אַ נייגיריקייט, סיי אַ שטיקל פאַראַכטונג, סיי אַ פּאָטענציעלן דרך־ארץ — דעם מאַן; פאַר דער „באַשעפעניש”, וואָס האָט אין דער קינדהייט געשפּילט אַ ברוטאַלע, פינצטערע ראָלע אין דעם לעבן פון „הויף”, פון דער גאַס, פון די דינסטמיידלעך און שכנות, קוזינעס און פרעמדע...

איך האָב שוין געוואוסט, אַז איך בין אַנדערש ווי די רעוואָלער און מעמעלער מיידלעך אין מײַנע יאָרן. איך האָב שוין אויך געוואוסט, אַז, לײַדער, באַגעגנט מען אַ מיידל מיט דער מאָס פון חן און שיינקייט, וואָס זי ווײַזט אַרויס; אַז זי מוז זײַן שיין, כדי צו געפעלן אַ בחור. און דאָס האָט מיך אָנגעפילט מיט אַ ווילדן צאָרן בנוגע די בחורים. איך האָב זיי ממש געוואָלט שלאָגן, ווען זיי פלעגן מיר נאָכגיין אין גאַס, אין טעאַטער, אָדער אויף אַ סטודענטן־באַל. איך האָב באַזונדערס געהאַסט געזונטע, שפּרודלדיקע יונגען, שטאַרקע און הויך־רעדנדיקע. ווײַל זיי זײַנען געווען דער טיפּ, וואָס פלעגן ברענגען צרות די פרויען. אַזעלכער איז געווען מײַן עלטערער ברודער (דער שטיף־ברודער, דער פרייליכער, צעבאַלעוועטער יונג, מיט דער פידל און די בלאָנדע ווײַכרעס). און ביסלעכווײַז האָט זיך בײַ מיר אָנגעהויבן פאָרמירן אַ מין זוכעניש נאָך אַ טיפּ מאַן, מיט אַן אינעווייניקסטער שיינקייט, מיט אַ דורך־גײַסטיקן פּנים, נישט אַ פּוסטן מיט אַ גלאַנציקן אויסזען. איך האָב בײַ זיך אויסגעאַרבעט אַ מין צוריקגעהאַלטנקייט, אַ מין גרענעץ ביים צוגאַנג צו מענער, וועלכע איך האָב שטענדיק געהאַלטן און קיינמאָל נישט דערלאָזן צו אַ דערנענטערונג, ווי שטאַרק עס זאָל נישט זײַן דער אינטערעס צו מיר פון אַ נײַעם מענטשן. פון מײַן אייגנעם שוין אָפּגערעדט: איך האָב פּשוט נישט געהאַט קיין אויגן פאַר קיינעם, וואָס האָט זיך נישט דערנענטערט צו דעם דערמאָנטן טיפּ.

צי איז מיר אָנגעקומען לײַכט אַזאַ זעלבסט־אָפּגעשיידנקייט?

יאָ. גאַנץ לײַכט. ווײַל איך האָב געלעבט אין אַ פאַרחלומטן צושטאַנד: האַלב אין ביכער־געשטאַלטן, האַלב אין אַ מין פּסיכאָלאָגיע פון

דער „יונגפראו פון אָרלעאַן" (פון פרידריך שילער), וואָס איז פון גורל אויסגעקליבן געוואָרן צו וויכטיקע שיקזאַלן אין דער צוקונפט און טאָר זיך נישט אָפּגעבן דערפאַר מיט קליינע „ראָמאַנען" פון טאָג־טעגלעכע פלירטן.

איך האָב שוין געוואוסט, אַז איך בין אינטערעסאַנט און אַנדערש ווי אַלע... אַזוי האָט מען מיר געזאָגט פון אַלע זייטן און אין אַלע שפּראַכן. נאָך אין דער גימנאַזיע האָט אַ יונגער לערער מיך פאַר־פאַלגט מיט פלענער צו אַנטלויפן מיט אים קיין רוסלאַנד. אָבער רוסן זיינען געווען ביי מיר „הענקער", צאַריסטישע פאַרשקלאַפער פון מיין פּוילישן פאָלק און לאַנד און פון די אידישע קרובים און באַקאַנטע. אָבער אין רעוואַל האָב איך באַגעגנט נייע מענטשן: עסטאָניער, דייטשן, פינ־לענדער און נייע, אַנדערע אידן: רוסישע, פעטערבורגער און ריגער, מאָסקאָווער און ליבאַווער. עס איז געווען אַ נייע צאַפּלדיקע וועלט. און אַלע טירן האָבן זיך געעפנט פאַר מיר, פאַר מיינע 16 יאָר, פאַר די ברוין־רויטלעכע צוויי צעפּ און גרינע אויגן, פאַר דער דינער שלאַנקער פיגור און די שנעלע באַוועגונגען. אָ, ווי איך געדענק זיך גוט פון יענע צייטן! פון די לאַנגע איינזאַמע אָוונטן, איבער אַ בוך, אָדער זיצנדיק אויף אַ פינצטערן באַלקאָן, אַרויסקוקנדיק אין דעם באַשטערנטן הימל, נישט צו־פרידן מיט זיך, אויסמיידנדיק אַ באַל, אַ גליטש, אַ טאַנץ און בענקענדיק נאָך דעם...

און גראָד רעוואַל איז געווען דער פּרואוו־שטיין פון מיין פעסטן כאַראַקטער און צוריקגעהאַלטנקייט... אין רעוואַל האָט זיך אָנגעהויבן אַן ערשטע צאַרטע ליבע צו אַ גימנאַזיסט פון ריגע און צו היינריכן, דעם זון פון מיין מוטערס קוזינע, ביי וועלכער איך האָב געוואוינט דאָס יאָר. עס איז געווען, ווי געזאָגט, צאַרט. ווען איך זע „אַמעריקאַנער" ליבעס ביי דער יוגנט, אָדער ווען איך האָב אין די שפּעטערדיקע יאָרן געזען באַגעגענישן ביי פריינט און חברים, בענק איך נאָך יענע שטילע און צערטלעכע אויסדרוקן פון אַ געפיל, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ האַלב־פינצטערער אַרבעטער־שטוב אין אַ רעוואַלער פאָרשטאָט־געסל, וואו עט־לעכע רוסישע מאַטראָסן און אייזנבאַן־אַרבעטער האָבן זיך צונגעהערט, ווי איך אָדער מישאַ, מיין גימנאַזיסט פון לעצטן קלאַס, האָב געלייענט אַן אַרטיקל פון פּלעכאַנאָוון אָדער מאַרטאָוון אויפן קול און שפּעטער אים דיסקוטירט. און מישאַ איז אויך געווען אַ בלאַסער חבר, מיט גרויסע, שטאָל־גרויע אויגן, מיט אַ ביסל קראַנקע לונגען און פיינע מוזיקאַלישע

פינגער. ער פלעגט פראַכטפול לייענען פרוגן און גאַרקיס „שטורעם־פויגל״. אָבער איך פלעג זיך שוין פאַרקוקן אויף רוסישע אַרבעטער. זיי זיינען געווען פיזיש אַזוי אַנדערש ווי די אידן. אויך ווי די פוילישע אַר־בעטער פון לאָדזש און וואַרשע. זיי זיינען געווען מער אַנטוויקלט און באַ־לייענט, ווי די היימישע, ביי אונדז. וואָס א טאָג האָב איך מער געוואוסט, זיך מער געלערנט, מער געזען און מער געטראַכט.

צוגלייך האָב איך זיך געלערנט פאַר מיין עקזאַמען, ווייל דאָס האָט מיך געזאָלט ברענגען אין דער שווייץ צו מיין שטודירן מעדיצין. דאָס האָב איך באַשלאָסן צו טאָן. און וועגן מיינע רעוואָלוציאָנערע באַקאַנטשאַפטן האָט קיינער פון די אייגענע נישט געוואוסט — נישט די עלטערן, נישט די קרובים. נאָר ווען היינריך, דער סטודענט, פלעגט קומען פון פעטער־בורג צו זיינע עלטערן, פלעגן מיר רעדן וועגן „אונדזערע״ ענינים מיט אים. און דאָס איז געווען אַ מאָדנע, מאַטערנדיקע זאַך: ער איז מיר זייער סימפּאַטיש געווען און ער האָט ליב געהאַט זיין רוסישע בלאָנדע סטודענטקע, נישט מיך. איז עס געווען אַ שטיקל מאַרטירערטום און אַ שטיק „זשאַן ד׳אַרק מעשה״, און האָט ווי געטאָן און געררייצט דאָס האַרץ... און איך פלעג זיך אַליין באַוואונדערן וויפיל איך קאָן אויסהאַלטן און נישט געבן אַפילו אַ פּראָוו צו קעמפן קעגן... ווייל די רעוואָלוציאָנערע מאָראַל איז געווען העכער, איידער דאָס פּערזענלעכע גליק; און ווייל — היינריך איז פאַרט נישט געווען דער „פּרינץ״ — די מענלעכע בת־מלכה! אויסער דעם, האָט ער געהאַט שטענדיק אַ גרויסן אַפּעטיט, און כאָטש ער האָט געוואוינט מיט נאָך צוויי נישט־פּאַרמעגלעכע סטודענטן אין איין צימער, אין פעטערבורג, איז ער פאַרט געווען פון אַ רייכער שטוב, און די אַלע געוועלבער וועלן אַמאָל זיין זיינע, — און דאָס האָט זיך נישט געפּאַסט אין מיין פּראָגראַם. האָב איך געזוכט די פריינטשאַפט פון מישאָן און מיט אייפער געאַרבעט צו ווערן אַ — רעדנער. דאָס איז געוואָרן מיין אַמביציע: מישאַ האָט גערעדט גלענצנדיק, לאָגיש, מיט פּאַטאָס, ווען מען האָט עס געדאַרפט, מיט אַ בייסיקער איראָניע צו די ליבעראַלע אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים אויף וועטשערינקעס אָדער אין קלוב, וואו ער פלעגט זיך באַווייזן — אין ציווילע קליידער, אָן זיין גימנאַזיסטן־אוניפאָרם.

איך געדענק איינעם אַזאַ אָוונט, ווען ער, מישאַ, דער 17־יאָריקער שילער, האָט געגעבן אַ פּאַרציע דעם באַרימטן „גאָראָדסקי גאָלאָוואַ״,

דעם מעיאָר פון רעוואַל, אַ רוסישער שוואַרץ־מאהניק, און שפּעטער אַ דייטשישן באַראָן — פאָן איקסקיל — געווים דער גייסטיקער פאָטער פון דעם היטלער־הענקער, אַלפרעד ראָזענבערג. מישאַ האָט באַקומען רווישיקע אַפּלאָדיסמענטן פון זאַל, וואו עס זיינען געווען מערסטנס אַר־בעטער און סטודענטן, אויף אַ מין פאָר־וואַל פאַרזאַמלונג צו דער שטאָטישער „דומע" (שטאָט־ראַט).

איך בין געזעסן נישט ווייט פון אים און בין געווען גאַנץ שטאָלץ, ווען ער איז שפּעטער צוגעקומען צו מיר און באַשיידן — ווי נישט ער האָט עס געטאָן — געבעטן דערלויבעניש אַפּפירן מיך אַהיים. מיר האָבן גענומען אַ שליטן, מיט גלעקלעך און אַ בערן־פּעלץ אויף די פיס, און עס האָט אַ שאָס געטאָן דאָס געשפּאַן מיט טייערע זאַטע פערד איבער די וואַלד־וועגן פון „קאַטערינענטאַל", ווייל מיר האָבן נישט געקאָנט אַריינגיין אין אַ שטוב. עס איז געווען די ערשטע אַרויסטרעטונג פון אונדזער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע (דער באָלשעוויסטישער דערצו) אין די וואַלן פון 1903. און מען האָט אויסגעקליבן מישאַן צו רעדן, ווייל מען האָט אים סיי ווי געהאַלטן ביים אַרויסוואַרפן פון גימנאַזיע פאַר דעמאָנ־סטראַציעס אין אַ שילער־מונדיר.

ווען איך טראַכט צוריק און זוך צו טרעפן די גרעסטע מאָס גליק און אינטערעס פון די יוגנט־יאָרן — איז רעוואַל באַלד אויפן צווייטן אָרט נאָך דעם דאָרף מיינעם אין פּוילן, נאָך איוואָנאָלאָדז. און ווען איך האָב צופעליק געטראָפן אין לאָנג־ביטש, קאַליפאָרניע, אַ יוגנט־פריינדין פון יענער שטאָט און פון יענע יאָרן — ראָזאַ אַלקאַזאַר — האָבן מיר ביידע מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם ציטער גערעדט וועגן רעוואַל, ווי וועגן אַ היימאַט. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז די נאַציס האָבן דערמאָרדעט אירע און מיינע קרובים אין יענער שטאָט, בעת זיי האָבן פאַרנומען רעוואַל אין די יולי־טעג פון 1941... זי האָט די שטאָט געזען אין 1931. איך — אַ ביסל פריער.

עס שטייט פאַר מיינע אויגן דער דענקמאָל פון דער רוסישער סובּ־מאַרין „רוסאַלקאַ", וועלכע איז אונטערגעגאַנגען אין 1902 ביי די פעלזן פון רעוואַלער ים־ברעג.

עס שטייט פאַר מיינע אויגן דאָס וואַרעמע באַקוועמע הויז פון היינריכס עלטערן, וואו איך האָב געלעבט אַ יאָר אַזוי גליקלעך — און עס שטייען פאַר די אויגן די יאָרן פון לויטערסטן, ריינסטן אידעאַליזם

פון מיינע פריינט, די ווילנער און דאָרפּאַטער בחורים, וואָס זיינען צוויי יאָר שפּעטער געפאַלן אין די גאַסן־קאַמפן פון אָדעס, מאָסקווע, ווילנע און פּעטערבורג. צווישן זיי — סעמיאָן מארגולין אין װאַרשע און סיאָמאַ גורעוויטש אין ריגע...

געפאַלן — און דאָך ווייטער געלעבט אין אונדז.

צוריק אין פּוילן

איך בין אוועק פון רעוואַל אין 1903. אוועק מיט א דיפּלאָם פון אכט קלאַסן גימנאַזיע און מיט א פּלאַן צו זוכן אַנצוקומען אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. אָבער איך בין געווען מיד פון דעם יאָר אין רעוואַל. געלערנט מיט דער טאָכטער פון מיין קוזינע, ראָזאַ גוטקין. געלערנט מיט קליינע אידישע קינדער אין דער רעוואַלער קהילה־שולע, וועלכע זיינען געווען זין פון אידישע באַלמעלאָכעס און, אַלס אַזעלכע, האָבן זיי געהאַט א רעכט צו לעבן אין רעוואַל, וואָס איז געווען אויסער דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי" (תחום־המושב) פאַר אידן אין רוסלאַנד. אויסער דעם, האָב איך זיך געמוזט צוגרייטן צו מיינע אייגענע לימודים און צו די רעפּעראַטן, וועלכע מיר פלעגן האַלטן פאַר די רוסישע און עסטאָנישע אַרבעטער אין די אומלעגאַלע פלעצער, אין אַרבעטער־וואוינונגען.

דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף מיינע יונגע כוחות. איך בין קיינמאָל נישט געווען צו קרעפטיק, געלעבט שטענדיק פון דער געוואַלטיקער ענערגיע און דעם אָנגעשטרענגטן ווילן צו דערגרייכן דאָס אוממעגלעכע... איך בין געפאָרן אומגערן אַהיים: איך האָב זיך שטאַרק צוגעבונדן צו דער געזונטער רעוואָלוציאָנערער סביבה אין רעוואַל, וואָס איז געווען פאַר מיר: רוסלאַנד. ווייל אַלע פריינט מיינע זיינען דאָך געווען רוסן, אָדער רוסישע אידן — וואָס איז פאַר מיר געווען דאָס זעלביקע... איך האָב זיך מאָדנע אָפּגעוואוינט פון דער אָמאָליקער שטאַרקער פּוילישער אידעאָלאָגיע. א ביסל מורא געהאַט צו טרעפן זיך מיט די „היימישע" באַקאַנטע: רוסלאַנד איז געווען אַזוי פיל שטאַרקער און מעכטיקער, אַלס א באַוועגונג, אין מיינע אויגן.

דערצו איז צוגעקומען א ביסל א פּערזענלעכע איבערלעבונג: דער

גרויסער קרייז פון באקאנטע האט מיך אין רעוואל באגלייט צום באן. דער אפשייד איז געווען הילכיק און חבריש, מיט א סך שפאס און וויצן, ווען מען האט געהאלטן א רעדע וועגן אונדזער גרויסן רעוואלוציאנערן שכן: פוילן. צווישן די באגלייטער איז אבער נישט געווען מיין פריינט און פארערער, מישא זאקס. ער האט מיר געגעבן דעם אדרעס פון זיין מוטער און זיין שוועסטער אין ריגע און מיך געבעטן אריינגיין צו זיי אין שטוב, ווען איך וועל בייטן דעם צוג, נאך טאפּס.

דערפאר האט עס מיך געוואונדערט, וואס איך זע אים נישט אויף דער פלאטפארמע. דער צוג האט אנגעהויבן גיין, איך בין געשטאנען ביים פענצטער אין קארידאר. דאן בין איך אריין אין וואגאן און — דא איז געזעסן מישא זאקס, מיט א צייטונג אין האנט, און לעבן אים א צווייטער פריינט מיינער, אן אנגעשטעלטער ביי מיין קוזינעס מאן, דזשאן לעוו.

מיין פרייד און איבערראשונג זיינען געווען זייער גרויס: אויף אזא שריט האב איך זיך נישט געריכט! עס איז געווען אזוי „דערוואקסן" און אזוי ריטערלעך, אז איך בין געבליבן כמעט אן א לשון... מישא האט מיט מיר פארפירט א זייער ערנסטן שמועס בעת דער האלבער שעה, וואס ער איז מיטגעפארן מיט מיר ביז צום קנופּ־פונקט, וואו עס האט געדארפט ביינאכט אנקומען א צוג צוריק קיין רעוואל. אין דעם קורצן שמועס האט ער, נישט מער און נישט ווייניקער, פארלאנגט גאנץ ערנסט, אז איך זאל דעם זומער, ווען ער וועט פארענדיקן די גימנאזיע, חתונה האבן מיט אים, און אז מיר זאלן ביידע אוועקפארן זיך ווייטער לערנען... ער האט געוואלט דעם ענטפער דא, אויפן ארט, די מינוט. איך האב אים געזאגט, אז איך וועל דעם ענטפער אנשרייבן און ער וועט אים לייענען אין רעוואל, אין א פּאר שעה ארום.

ער האט איינגעשטימט און געשמייכלט, זייענדיק זיכער אין דעם ענטפער. זיינען מיר דאך געווען אומצעשיידבאר די גאנצע צייט אין דעם יאר. איך האב אויף א קליין בלעטל פון זיין נאטיץ־ביכל אנגעשריבן א קורצן ציטאט פון פרוגס א פּאעמע: „סעמעינאיע סטשאסטיע פּרעסטופּנא אי לאזשנא, קאגדא ווסיודו קרוגאם בעזאטראדנא טיעמנא" (דאס פּער־זענלעכע גליק איז א פארברעכן און א ליגן, ווען ארום איז אזוי פינצטער). איך האב עס גוט פארקנייטשט און אריינגעלייגט עס אין זיין זייגערל, ווען מיר זיינען דערפארן צו דער סטאנציע.

מיר האָבן זיך אַלע צעקושט און זיך געזעגנט. דורכן פענצטער האָב איך זיי געזען, ווי זיי האָבן די היטלען געהאַלטן אין די הענט און געפאָכעט מיט זיי: צוויי אינגלעך, וואָס האָבן אַזוי קונציק אָפּגענאַרט די דער־וואַקסענע און מיך באַגלייט 30 מייל מיט דער באַן...

געקומען אַהיים, האָב איך אין צוויי טעג אַרום באַקומען אַ בריוו פון מישאַ זאַקסן, אין וועלכן ער האָט, שוין גאָר נישט אויף אַן אינגלשן אופן, אויסגעלאַכט מיין „פרומען" פּרינציפּ פון אַסקעטיזם און „קאַטוילישקייט" און געוואונטשן מיר גליק אין מיין מדבר, אין וועלכן איך גיי לעבן. איך מוז זיך מודה זיין, אַז עס האָט מיך געוואַלטיק אימפּאָנירט דער איראָני־שער בריוו, מיט דער זאַכלעכער קריטיק: פאַרקערט, האָט ער געטענהט, כדי צו זיין אַן אמתער רעוואָלוציאָנער, און נישט קיין גלח, מוז מען דאָס לעבן נעמען פּאָזיטיוו, אין זיין גאַנצער פולקייט, און נישט מעסטן עס אויפן קוואָרט, ווי אַ קאַרגער סוחר. מען איז בלויז איינמאָל יונג און צוזאַמען איז מען בכח מער צו טאָן אין דער רעוואָלוציע, איידער אַליין...

איך האָב געענטפערט נאָך איין מאָל, פאַרעקשנט זיך געהאַלטן אָן דאָס מייניקע און — די קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אָפּגעריסן.

אין די ערשטע מאָנאַטן אין לאָדז האָט זי מיר שטאַרק געפעלט. שפּעטער זיינען געקומען געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און איך האָב זיך אָפּגעטרייסלט פון דער בענקשאַפט.

עפּיזאָדן און באַגעגענישן

איך בין געווען אַ יאָר אין דער שווייץ.

כדי צו מאַכן מעגלעך דאָס לערנען זיך אין בערנער אוניווערסיטעט, האָב איך באַלד נאָכן קומען פון רעוואַל, אין יולי 1904, אָנגענומען אַ פּאָסטן פון אַ לערערין פון געשיכטע און פון דייטשער ליטעראַטור אין אַ פּריוואַטער שולע פאַר אידישע מיידלעך. איך האָב געוואוסט, אַז מיינע עלטערן וועלן מיר נישט קאָנען שטיצן בעת דער שטודיע־צייט און איך האָב גענוג פאַרדינט צו האָבן אויף אַ יאָר לעבן און אויף צו באַצאָלן פאַר דעם סעמינאַר.

דאָס סטודענטישע לעבן האָט מיך פאַרכאַפּט מיט דעם גאַנצן פאַרנעם

פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר. איבעריק צו זאָגן, אַז די ערשטע דריי מאָנאַטן פון בערנער לעבן זיינען געווען פאַרשלונגען פון די פּאָליטישע דיסקוסיעס און רעפעראַטן פון דער גרויסער פיל־שפּראַכיקער קאָלאָניע פון סטודענטן און פּאָליטישע עמיגראַנטן פון אַלע מינים און גרופּירונגען, וואָס האָבן זיך געפּרואווט אויסצולעבן אין דער פרייער, פון קיין שום פּאָליציי־באַגרענעצונגען נישט געשטערטער, שווייצארישער אַטמאָספער.

אויפגערודערט פון דער גאַפּאָן־דעמאָנסטראַציע דעם 9טן יאַנואַר, 1905, האָט די גאַנצע קאָלאָניע אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן זאַמלונגען, צו שיקן קיין רוסלאַנד אויף רעוואָלוציאָנערער אַרבעט די פּאָליטישע עמי־גראַנטן, וועלכע האָבן זיך געריסן אהין, נאָך די חדשים אָדער יאָרן פון עמיגראַציע. יעדע, אפילו די קלענסטע, פּאָליטישע גרופּע האָט וועריבירט נייע אָנהענגער פאַר דער זאַך פון דער רעוואָלוציע. און יעדע פּאָליטישע גרופּע אָדער פּאַרטיי האָט פאַרשטאַנען אַנדערש די מעטאָדן פון דערגרייכן דאָס פאַלן פון דעם צאַריזם. צו אונדז, אַ קליינע גרופּע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע סטודענטן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען: די ענערגישע, פייערדיקע רוזשקאַ קאָטעק, נאַדזיאַ שער, סאַמעק שנייערסאָן און פּאָליאַ בערעזאָווסקאַ, פלעגן זיך ציען פּ.פּ.ס.ישע ווענדקעס: די גרופּע האָט גע־האַט גוטע רעדנער און באַהאַוונטע דיסקוטאַנטן.

איך געדענק אויך, ווי נאָך אַ רעפעראַט פון דעם סאָציאַליסט־רעוואָ־לוציאָנער מינאָר, איז צו מיר צוגעגאַנגען ש. אַנסקי, אַ זייער פּאָפּולערע פי־גור אין דער קאָלאָניע, מיט אַ פיינעם קאָפּ, אַ הויכער פיגור, מיט פינקלדיקע שוואַרצע, יונגע אויגן און גרויע האָר, און פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס. ער האָט גערופן צו זיין פּאַרטיי, צו זייערע העלדישע קעמפער, וואָס לייגן זייערע לעבנס אַוועק אין אָפּראַמען פון וועג די ראָמאַנאָוום. (נאָר־וואָס האָט אָפּגעקלונגען די באָמבע, וועלכע האָט צעריסן דעם גרויספירשט סערגיי, דעם פעטער פון צאַר ניקאָלאַי דעם 2טן, און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיינען געווען די „העלדן" פון טאָג.)

— גינאַ, וואָס וועסטו טאָן דאָרט ביי דיין נודנעם „בונד", מיט די אַלטע ביינערנע פירער אייערע? לייענען נאָך אַ קאַפּיטל פּלעכאַנאָוו, אָדער נאָך אַן אַפאָריזם פון ליובאָטשקאַ אַקסעלראָד? קום צו אונדז. עס איז לעבעדיק ביי אונדז. דאָס לעבן רוט נישט איין מינוט. עס באַווירקט די געשיכטע!"

עס איז געווען פאַרכאַפּנדיק אים צו הערן. עס האָט געווירקט אויף דער פאַנטאַזיע די העלדישע גרייטקייט פון זייערע קעמפער צו גיין אויף דער תליה. אָבער עטלעכע באַגעגענישן מיט אידישע אַרבעטער, געקומענע פון תפיסות און פון סיביר, געקומענע שוין פון אַקטיווע אַרויסטרעטונגען, ווי סטרייקס און גאַסן־דעמאָנסטראַציעס בעת דער כוואַליע אין יאַנואַר און פעברואַר 1905, דער גלויבן אין אַ מאַסן־באַוועגונג אַלס אַ פּאַר־באַדינג צו אַ רעוואָלוציע אין דעם גרויסן לאַנד, — האָט מיך גאַנץ שטאַרק באַווירקט אָפּצואַוואַרפן די ווערבירונג און די פּאָליטישע „נשמה־שמועסן”. כאָטש די פּערזענלעכקייט פון אַנסקין איז געווען שטאַרק און איז געבליבן שטאַרק, ביז צו זיינע לעצטע טעג, ווען מיר האָבן זיך נאָך אַמאָל געזען אין וואַרשע, אין 1919... אַ קורצער ווידערזען, איבערגעריסן אויף אייביק, דורך זיין אַוועקגיין פון די לעבעדיקע.

אין יולי, 1905, בין איך איבער מינכען און בערלין אַוועק צוריק קיין לאָדז. מיר האָבן געהאַט אין זשענעווע אַ געזעגענונגס־אָוונט פאַר עטלעכע אָפּפאָרנדיקע טוערס, וועלכע דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד” האָט געשיקט „אויף אַרבעט” אין רוסלאַנד. אויף דעם אָוונט האָט דער פאָרשטייער פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד”, וו. קאָסאָווסקי, וועלכער פלעגט זיין דער רעפערענט פאַר אונדזערע קרייזן, מיך באַקאַנט מיט מעדעמען. מיט אַ יאָר פריער האָב איך מעדעמען געזען צום ערשטן מאָל, אין אַ קליין דערפל פון בערנער אָבערלאַנד, אין שפּיץ, און דער אָנבליק פון דעם בלאַסן, קרענקלעכן יונגן טוער, ווען וועלכן עס זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אָבער אויפן אָוונט, אין אַ שטאָטישן קאָסטיום, גלאַט ראַזירט און מיט אַן „ענגלישן” שניט פון אַ גוט־צוגעפּאַסטן רעקל, האָט ער גע־מאַכט אַ גאַנץ אַנדער איינדרוק, אויך נישט אויסגעזען אַזוי בלאַס און מיד.

מיר האָבן פאַרבראַכט דעם אָוונט צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגע מענטשן, און בעת מען איז געגאַנגען אַהיים, האָט מיך מעדעם געפרעגט, וואָס איך וועל טאָן מאָרגן.

— פאָרן, — האָב איך געענטפערט.

— וואוהין ?

— קיין פּוילן, אַרבעטן. און איר וועט בלייבן דאָ, אין אויסלאַנד, שרייבן בראָשורן, — האָט איך גאַנץ חוצפּהדיק געענטפערט. (ער האָט זיך עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געוואונדערט וועגן אָט־דער חוצפּה.)

מעדעם האָט אַ ביסל אַ שמייכל געטאָן, אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן און געענטפערט:

— מיינט איר נישט, אַז עמעצער מוז שרייבן, כדי אַנדערע זאָלן האָבן מאַטעריאַל צום רעדן?

— מאַטעריאַל צום טראַכטן און רעדן גיבן ביכער און דענקער, אָבער נישט בראַשורן, — האָב איך פאַרעקשנט געענטפערט.

דערויף האָט זיך מעדעם שוין הילכיק צעלאַכט און געזאָגט:

— גוט, אייך צוליב הויב איך אָן פון מאָרגן צו שרייבן גראָבע ביכער. אָבער לייגט אָפּ אייער פאָרן. עמעצער מוז דאָך לייענען מיינע ביכער...

אין דער קליינער קאַפע, וואוהין מיר זיינען אריין אויף אַ גלאָז גרע־נאַדין, האָט מען זיך צעזעגנט און טאַקע מאָרגן בין איך אָפּגעפאָרן קיין פּוילן. דריי יאָר האָב איך וועגן מעדעמען נישט געהערט. ערשט אין 1908, אין דער זעלבער זשענעווע, אין „רי דע קאַרוזש", אויף אַ וועטשע־רינקע, האָב איך געטראָפן מעדעמען נאָך אַמאָל. ער איז נאָר־וואָס גע־קומען פון פּעטערבורג, האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן, און מיר האָבןביידע אויסגעביטן איינדרוקן וועגן בערלין, דרעזדען, מינכען, וועלכע יעדערער פון אונדז האָט געזען אויף דער רייזע קיין זשענעווע.

אויף יענער וועטשערינקע האָבן מיר זיך באַפריינדעט, און דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אונדזער פּערזענלעכער דערנענטערונג.

איך האָב פאַרגעזעצט מיין לערנען זיך אין אוניווערסיטעט. אין 1911 איז מעדעם אוועק קיין ווין, וואו ער איז געוואָרן דער קאָרעספּאָנדענט פון דער טעגלעכער רוסישער ליבעראַלער צייטונג „דיען" („טאָג"), וואָס דער רוסישער פּובליציסט, יאָנאַ קוגעל, האָט ארויסגעגעבן אין פּעטערבורג.

אַ געפערלעכע רייזע

טאַקע בעת דער רייזע צוריק קיין פּוילן האָט פּאַסירט איינער פון יענע עפּיזאָדן, וואָס קאָנען אַזוי טראַגיש פאַרענדיקן אַ יונג, האָפענונגספול לעבן.

און טראַכטנדיק אָפּט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן ריזיקאַלישע

שריט און געפאַרן, אין וועלכע אַ מענטש געפינט זיך פון צייט צו צייט, געפאַרן, וועלכע פּאַסירן היינט נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, איידער פריער, מוז איך צוגעבן, אַז איך האָב געירשנט פון מיין פאָטער איין מעלה: מוט. איך האָב נישט דאָס געפיל פון מורא. איך פלעג זיך נישט פאַרלירן. אונטער דעם דרוק פון אַ געפאַר פלעגט דער מוח אַרבעטן שנעל און דרייסט, בעת אויסערלעך האָב איך געקאָנט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין, ווי נאָענט די געפאַר איז. איך האָב מיט די יאָרן אַנט־וויקלט אַ טאַלאַנט צו פאַרשטעלן זיך, אויב מען באַדאַרף עס.

פאַרנדיק פון זשענעווע קיין מינכען, בייערן, בין איך געווען צוועלף שעה אין אַ קופּע מיט צוויי פרויען און אַ מאַן, וואָס זיינען געווען אַגענטן און צושטעלער פון יונגע מיידלעך פאַר אַרגענטינע און בודאַפּעסט. נישט מער און נישט ווייניקער... און די זייבערע באַנדע איז באַשטאַנען פון אונגאַרישע הענדלער, צו דער גרעסטער חרפּה — אידן...

בעת מיין פאָרן מיט זיי אין איין קופּע, האָב איך זיך דערמאָנט, ווי מיין גוטע מוטער האָט מורא געהאַט פאַר אָט־די „מענטשן" מיט צוויי יאָר צוריק און ווי איך פלעג קיינמאָל נישט טראַכטן וועגן אָט־אַזאַ געפער־לעכער באַגעגעניש. און איצט איז „עס". איך האָב עס אויסגעפונען נישט מיט אַמאָל, נאָר אין לויף פון זייער שמועס מיט מיר. און אין דעם סאַמע אָנהויב פון דער באַקאַנטשאַפט האָב איך שוין באַשלאָסן צו שפּילן די קאָמעדיע פון אַ פּויליש מיידל, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך קיינמאָל נישט כאַפּן, אַז איך פאַרשטיי דייטש. און דייטש איז געווען די שפּראַך, אויף וועלכער זיי האָבן גערעדט.

איך בין „פאַר זיי" געווען אַ קינדער־פריילין, וואָס איז געווען מיט אַ פאַמיליע אין דער שווייץ און וואָס פאָרט אַהיים קיין קראָקאָוו אויף אַ מאָנאַט וואַקאַציע. דאָס האָבן זיי באַלד פאַרטייטשט צווישן זיך און באַלד אַריינגערופן פון מענער־קופּע אַ פעטן, שוואַרץ־האָריקן מאַן און מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז מיר פאָרן צוזאַמען ביז מינכען. פריער האָבן זיי געזאָגט צו מיר (זיי האָבן גערעדט סיי פּויליש, סיי רוסיש, אויסער זייער אונגאַריש און דייטש), אַז זיי פאָרן בלויז ביז לינדאַו און אַז פון דאָרט נעמען זיי דעם צוג קיין בודאַפּעסט...

זיי זיינען געווען צוויי פעטע פרויען, מיט אַ קאָלעקציע רינגען אויף די פינגער און מיט אַ געמיש פון פאַרבן אין זייערע קליידער, וואָס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געפאָרן גלייך צו אַ מאַסקאַראַד. אין דער אָנ־

וועזנהייט פון דעם פעטן מאַן, האָט מען אָראָפּגענומען פון דער באַגאַזש־נעץ אַ קליינעם לעדערנעם נעסעסער און מיר געוויזן צענדליקער שימערירנ־דיקע פאַלשע בריליאַנטן, הונדערטער ביליקע רינגלעך און בראָשקעס. אַלע האָבן געקוקט צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וועט מאַכן אויף מיר. און איך בין געווען באַגייסטערט: אַזאַ פּראַכט! אַזאַ רייכקייט! זיי האָבן אַנגעקוואָלן...

— דו קאָנסט זיך אויסקלייבן, וויפיל דו ווילסט, פון דער ביזשו־טעריע. מיר וועלן דיר געפינען אַ פּאַסיקערן פּאָסטן, ווי אַ קינדער־פרייליין. דו וועסט שפּילן אין אַ טעאַטער פאַר רייכע מענטשן און וועסט זיין אַ קינסטלערין ביי אונדז אין שטאָט.

אין לינדאַו האָב איך געמוזט אָפּשטעמפּלען מיין רייזע־בילעט. איך האָב זיך געשטעלט ווייט פון זיי בעתן דורכקוקן די זאַכן אויפן צאָל־אַמט, כדי זיי זאָלן נישט הערן, ווי איך רעד דייטש. צוריק אין וואַגאָן, האָב איך אויפגעהאַנגען מיין מאַנטל און אַרויס אויף אַ ווײַלע אין וואַגאָן־רעסטאָראַן. ווען איך האָב זיך געזעצט ביים פענצטער און אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע, האָב איך דאָרט שוין נישט געפונען מיין קליין טייסטערל מיטן בילעט ביז מינכען.

איך האָב די האַנט נישט אַרויסגענומען פון דער קעשענע און האָב שנעל, שנעל געטראַכט וואָס צו טאָן. זיי האָבן, הייסט עס, געגנבעט מיין בילעט, כדי מיך צו שטעלן אין אָפּהענגיקייט פון זיי, מיינענדיק, אַז איך האָב מער נישט קיין געלט ווי אויף אַ בילעט און נישט אויף צוויי... איך בין דאָך אַן אָרעמע קינדער־פרייליין, און איך פאָר מיטן דריטן קלאַס. זיי זיינען אויך געפאָרן מיטן דריטן קלאַס, ווייל פון דאָרט פלעגן זיי דאָך ווערבירן די מיידלעך.

איך האָב באַשלאָסן צו גיין צום הויפּט־קאָנדוקטאָר, וועלכער האָט געזען מיין געשטעמפּלטן בילעט, נאָכדעם ווי מיר זיינען אַריינגעפאָרן קיין בוקס, דער גרענעץ פון בייערן. אים האָב איך געמאָלדן, אַז איך האָב „פאַרלוירן" דעם בילעט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען וועט עס רעגיס־טרירן בעת דער קאָנטראָלע. מיין האַנט־בייטל האָב איך געהאַלטן אין האַנט. איך בין רואיק אַריין אין וואַגאָן און געפונען דאָרט דעם שותּף זייערן, כאָטש עס איז געווען אַ קופּע פאַר פרויען, און איצט, ביינאַכט מוז ער גיין אין דער מענער־אָפּטיילונג. ער האָט געברוגזט. איך האָב אים געבעטן אַרויסגיין פון קופּע, ווייל פאַר מענער איז פאַראַן

א צווייטער אָפּטייל. אָבער די פרויען האָבן פּלוצלונג געביטן זייער באַציאונג צו מיר, וויסנדיק, אַז מיין בילעט איז ביי זיי און מיינענדיק, אַז איך בין הילפלאָז און בין שוין אין זייערע הענט. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער מאַן איז זייער ברודער און אַז ער האָט א רעכט צו זיין מיט זיי א צייט. דאַן זיינען זיי אַרויס פון קופּע אין קאָרידאָר (אין דייטשע באַנען איז דער וואַגאָן איינגעטיילט אין קליינע קאָמפּאַרטמענטס און יעדער אָפּטייל האָט א גלאָז־טיר, וואָס פירט אין קאָרידאָר). ווען ער האָט נישט אויפגעהערט צו רויכערן, האָב איך אָן עפן געטאָן די טיר און בין אויך אַרויס אין קאָרידאָר. איך בין דאָרט געשטאַנען, ביז עס זיינען צוריקגעקומען די צוויי פרויען און עס איז געקומען די באַן־קאָנטראָלע. דער מאַן האָט דערציילט די פרויען אויף דייטש, אַז איך בין אַרויס א בייזע און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן א פּלאַן זייערער, אפשר צוצונעמען ביי מיר דאָס האַנט־בייטעלע און אַזוי אַרום מיך איבערלאָזן אינגאַנצן אָן פּאַפּירן און אָן געלט.

דער קאָנדוקטאָר האָט ביי זיי גענומען דורכקוקן די בילעטן, דערנאָך געפרעגט וועגן מיינעם. איך האָב זיך געמאַכט זוכנדיק צוערשט אין מאַנטל, דערנאָך אין מיין קלייד־קעשענע און אין בייטל: נישטאָ קיין בילעט. זייערע פּנימער זיינען געווען אָנגעשטרענגט. אָבער דער קאָנדוקטאָר — אָדער ער האָט באַקומען פון זיי כאַבאַר, אָדער דער הויפּט־קאָנטראָלער האָט אים גאָרנישט ניט געזאָגט — איז באַשטאַנען דערויף, אַז איך מוז צאָלן פאַר א בילעט ביז מינכען.

זיי האָבן צו מיר געזאָגט, אַז ער איז גערעכט און איך האָב מיין בילעט געוויס פאַרלוירן אין דרויסן. איך האָב געוואונקען דעם קאָנדוקטאָר מיט דער האַנט, אַז ער זאָל מיט מיר גיין צום „שעף־קאָנדוקטאָר" און דער מאַן האָט, כלומרשט, געוואָלט מיר „העלפן". איך האָב אים אויף פּויליש געזאָגט: „פּרעטש!" („טראָג זיך אָפּ!") און בין מיטן קאָנדוקטאָר אַוועק צו זיין הויפּט. ער האָט געשוויגן און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פון זיי באַקומען א „טרינק־געלט", כדי צו פאַרפירן א סכסוך מיט מיר.

אָבער, צו זיין גרעסטער פאַרוואונדערונג, האָט אים דער שעף־קאָנדוקטאָר געוויזן מיין נומער, רעגיסטרירט ביי דער קאָנטראָלע מיט צוויי שעה צוריק, און ער האָט מיר געמוזט אַרויסגעבן א דופּליקאַט מיטן נומער ביז מינכען...

— דאָרט שווייגט זי, אין יענעם וואַגאָן, און דאָ רעדט דאָס פּרויליין אַ גוטן דייטש! — האָט בייז געזאָגט דער קאָנדוקטאָר צו מיר שוין אין קאָרידאָר. איך האָב אויסגענוצט דאָס זיין ביים שעף, כדי אים קאַטעגאָריש צו בעטן, אַז פון אונדזער קופּע זאָל אַרויסגיין דער נפש מיטן גראָבן ציגאַר אין מויל. ער איז אַריין מיט מיר צוזאַמען אין אונדזער קופּע און אַ קוק געטאָן אויף דער באַנדע.

— „דאָ ווירד ניכט געראָוכט און דער הער מוס הערויס", — האָט ער גאַנץ קורץ געזאָגט. און דער „הער" האָט זיך אָפּגעטראָגן, זאָגנדיק צו די צוויי ווייבער, אַז „מען וועט זיך נאָך זען".

מען האָט ווידער אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע דעם לעדערנעם נעסעסער און ווידער געפּרואווט מיר צו געבן אַ רינג און אַ בראָשקע. איך האָב עס ווידער אָפּגעוואָרפן, זאָגנדיק, אַז איך נעם נישט קיין מתנות פון קיין פרעמדע. זיי האָבן שוין גאַנץ בייז געזאָגט, אַז איך וועל ווערן בעסער, און דערקלערט, אַז אָן דער שפּראַך וועל איך זיך נישט קאָנען באַגיין אָן זיי...

זיי זיינען געזעסן און געדרעמלט, אָדער זיך געמאַכט שלאָפנדיק. איך האָב אַפילו נישט געטראַכט צו מאַכן דעם אָנשטעל פון שלאָף: איך האָב אַרויסגענומען אַ פּויליש ביכל פון מיין טשעמאָדאַן און אָנגעהויבן לייענען: אַ ראָמאַן פון טעטמייער, וואָס איך האָב געזאָלט ברענגען צו פריינט אין מינכען, אַזוי איז געווען אָפּגעמאַכט; אָבער איך האָב די גאַנצע צייט געקוקט אויף דער טיר, צי עס באַווייזט זיך נישט דער נפש מיט דעם ציגאַר. דאַן האָב איך געוואוסט, אַז איך וועל שוין נישט וואַרטן ביז מינכען צו מאַכן אַ טומל וועגן זיי, נאָר אַז איך וועל מיט דער גאַנצער קראַפט אַ צי־טאָן פאַר דער „נאָט־ברעמזע", וואָס העגגט איבער מיין אָרט — דער טאָרמאָז, וואָס פאַרהאַלט דעם צוג אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט... וועגן דעם האָט מיין מוטער שטענדיק גערעדט, ווען מיר זיינען מיט איר געפאָרן אין פּריסן. און איינמאָל האָט טאַקע אַ רייזנדע, ווערנדיק קראַנק, געהאַט די קראַפט צו ציען דעם טאָרמאָז און דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און מען האָט זי אַרויסגעטראָגן.

די צייט האָט זיך געצויגן שרעקלעך לאַנג. איך האָב שוין געקעמפט מיטן שלאָף און צוויי מאָל געגאַנגען טרינקען קאַלטע וואַסער, כדי נישט איינצושלאָפן. דאַן האָט איינע פון די פרויען מיר געוואָלט געבן שאָקאָלאַד, וואָס זי האָט געהאַט אין אַ ווייסער פּודעלקע. אָבער גראָד קעגן

פּאַפּיראָסן און שאָקאָלאַד פון פרעמדע אונטערוועגס, האָט מיין מוטער געוואָרנט! איך האָב גאַנץ רואיק געענטפערט, אַז איך האָב מיין אייגענעם שאָקאָלאַד און אַז איך עס נישט ביינאַכט.

אַזייגער פינף פאַרטאָג איז אַריין דער נפש און איך האָב אַ שפּרונג געטאָן פון מיין פּלאַץ מיט דער האַנט אויף דער ברעמזע און געזאָגט אויפן קול, אַז אויב ער וועט נישט אַרויס די מינוט וועל איך אָפּשטעלן דעם צוג, ווייל דאָ איז אים נישט דערלויבט צו זיין... און ווען ער האָט געשמייכלט חוצפּהדיק און געהאַלטן דאָס טיר־הענטל, נישט פאַרמאַכנדיק די טיר, האָב איך זיך אינגאַנצן אויפגעהערט צו האַלטן רואיק און האָב אַ שליידער געטאָן דאָס בוך אויף אים, אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר און ערשט אין אַ האַלבער שעה, אָדער מער, אַריין צוריק אין קופּע. די צוויי פרויען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר מיט זידלערייען, מיט סטראַשונ־קעס, אַז איך פאַל אָן אויף מענטשן און אַז „מען" וועט עס נישט פאַרגעסן...

איך האָב געשוויגן. געקוקט דורכן פענצטער, ווייל מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער פאָרשטאָט פון מינכען. מיין קאָפּ האָט מוראדיק ווי־געטאָן פון מידקייט און פון אויפרעגונג. אָבער איך האָב געוואוסט, וואָס איך וועל טאָן. איך האָב זיי איבערגעבעטן, געזאָגט, אַז איך בין געווען מיד, געבעטן זיי מיט מיר צו עסן פרישטיק און צוזאַמען אָפּוואַרטן ביז מיין צוג וועט אָפּגיין. זיי זיינען געווען צופרידן, שוין אָנגעזאָגט זייער „ברודער", אַז ער זאָל מיט מיר נישט רעדן, און מיר זיינען אַריין אין זאַל פון באַן־רעסטאָראַן.

איך בין, אונטערן תירוץ פון וועלן זיך אַרומוואַשן, אַוועק פון זיי, אַריין אין צייטונגס־קיאָסק און פון דאָרט טעלעפאָנירט צו פריינט, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקאַנט דעם זומער אין זשענעווע, און זיי געבעטן באַלד קומען צום וואָקזאַל — באַלד, די מינוט, ווייל איך בין אין געפאַר.

און אַזוי ווי מיר האָבן זיך געהאַט צונויפגעשריבן מיט אַ פּאָר טעג פריער, אַז איך קום אין מינכען, האָבן זיי (צוויי סטודענטן וואָס האָבן געוואוינט צוזאַמען אין אַ שטוב ביי דייטשע פריינט) געוואוסט, אַז איך דאַרף קומען אין גיכן אין זייער שטאָט.

אָבער מיין טעלעפאָנירן צו זיי, דאָס בעטן זיי צו קומען באַלד צום וואָקזאַל, דאָס וואָרט „געפאַר", מיין אויפגערעגטע שטימע — דאָס אַלץ האָט אויף ליאָווא ר., אַ יונגן מאַשין־אינזשענער פון רוסלאַנד, וואָס

האָט זיך געלערנט אין מינכען, געווירקט אַלאַרמירנדיק און ער האָט געזאָגט, אַז זיי קומען זאַלבעדריט, מיטן דייטשן פּריינט.

איך האָב זיי אָפּגעוואָרט ביים אַריינגאַנג צום וואָקזאַל פון שטאָטישן סקווער און געזאָגט, אַז איך וויל נעמען אַ פּאָליציאַנט. אָבער דער דייטשער פּריינט אונדזוערער האָט דערקלערט, אַז צו פאַרהאַפטן אַ מענטשן אין דייטשלאַנד מוז מען האָבן אַ האַפט־באַפעל — און אַזעלכן האָבן מיר נאָך נישט, ער ווייסט בכלל נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ווען איך האָב זיי דערציילט, אַז זיי ווילן מיך פירן קיין בודאַפּעסט, אַז זיי ליגן מיר פאַר צו זיין אין טעאַטער — און אַז זיי האָבן גענבעט מיין בילעט — האָט דער פּריינט געזאָגט, אַז דער באַן־דעטעקטיוו וועט זיין גענוג מעכטיק, כדי זיי צו אַרעסטירן.

איך בין אַריין די ערשטע אין זאַל, זיך געזעצט טרינקען קאַווע מיט דער באַנדע, און אין פינף מינוט אַרום זיינען אַריין פיר מאַן אין זאַל, צוגעגאַנגען צו אונדזער טיש און דערקלערט, אַז מיר זיינען אַלע אַרעסטירט. דער דעטעקטיוו האָט געוויזן זיין בלעכל אונטערן לאַץ פון מאַנטל און האָט באַלד צוגענומען אַלע האַנט־ביטלען פון די פרויען. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען פון אויבנאויף, אין דעם נעסעסער מיט די רינגען און בריליאַנטן, איז געווען — מיין באַן־בילעט, וועלכן זיי האָבן אַרויסגענומען פון מיין מאַנטל־קעשענע...

מיר זיינען אַלע אַריין אונטער אַ וואַך אין דער באַן־פּאָליציי, וואו מען האָט מיך, נאָך אַ קורצן פאַרהער, באַפרייט און גענומען מיין אַדרעס, כדי איך זאָל זיין אַן עדות ביי זייער פּראָצעס. איינע פון די פרויען האָט געפּרוּווט מיך באַשולדיקן, אַז איך האָב זיי אָפּגענאַרט, זאָגנדיק אַז איך רעד נישט קיין דייטש, אַז איך האָב געפּרוּווט „צעקאַליעטשען" זייער ברודער, און אַזוי ווייטער. אָבער דער פּאָליציי־באַאַמטער האָט, פאַרקערט, געהאַלטן, אַז איך האָב געהאָלפן כאַפּן אַ באַנדע פון דער „טרעט בלאַנש", פון פרויען־הענדלער, וועלכע איז געווען געזוכט פון דריי לענדער.

ווען איך האָב דערציילט מיינע פּריינט אין מינכען, אַז פאַר מיינע קרובים וועט עס זיין אַ תירוץ נישט צו לאָזן מיך פאָרן ווייטער זיך לערנען אין אויסלאַנד, אַז זיי וועלן ציטערן יעדע מינוט פאַר מיין לעבן — וויילאיך בין נאָך נישט געווען קיין 18 יאָר אַלט — האָט מען אין קרימינאַל־געריכט אין אַ פּאָר טעג אַרום גענומען שריפטלעכע נאָטיצן פון מיין עדות־זאָגן אין געגנוואַרט פון אַ פאָרשטייער פון געריכט און מען האָט מיך באַ־

פּרייז פון אַ ספּעציעלער רייזע קיין מינכען, מיט דריי מאָנאַטן שפּעטער. די מיטגלידער פון דער באַנדע האָבן באַקומען צו פינף און דריי יאָר תפיסה פאַר אַ פּאַרזוך צו אַראָפּפירן פון וועג דורך שווינדל אַ מינדעריאָריקע.

עס האָט געדויערט וואָכן־לאַנג, ביז איך האָב זיך באַרואיקט. מיינע פריינט האָבן מיר דערציילט, אַז איך האָב אויסגעזען ווי אַ רויב־פויגל, ווען איך האָב זיך ממש געוואָלט וואַרפן שלאָגן דעם נפש, ווען מען האָט אים אויסגעפרעגט און ער האָט אַלץ געלייקנט, אויך ווען דער קאָנדוקטאָר האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט גענומען געלט פון אים פאַר אַריינלאָזן אים אין אונדזער אָפּטייל...

איך געדענק אָבער איין געפיל אין דעם גאַנצן אינצידענט: אַ ברע־נענדיקן האַס צו דעם מאַן, וואָס האָט געוואָלט פאַרניכטן אַ צווייטן מענטשנס לעבן אויף שטענדיק. נישט דער עלעמענט פון פאַרניכטן דאָס לעבן פון אַ יונג מיידל, נאָר פון אַ צווייטן מענטשן. אַלס פרוי האָב איך אין דעם פאַל נישט עקזיסטירט ביי זיך אַליין, נאָר אַלס מענטש. עס איז אין מיינע אויגן געווען די סאָציאַלע קריוודע, דאָס פאַרברעכן קעגן אַ צווייטן מענטשן. וואָס איז שייך די צוויי פרויען, האָב איך זייט יענער רייזע באַקומען אַ געפיל פון שנאה צו פרויען... דער פאַקט, וואָס זייער פּראָפעסיע האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן, בשותפות צו מענער־שקלאַפן־טרייבער, האָט מיך אָנגעפילט אויף שטענדיק מיט אַן אומצוטרוי צו יענעם טיפּ אויסגעפּוצטע און מיט פאַלשע בריליאַנטן אויסגעצירטע, אָנגעשמינקטע ווייבער, וועלכע איר באַגעגנט אין אַ באַן אָדער אין אַ נאַכט־קאַפע אין די הויפּט־שטעט פון דער וועלט. זיי וואַרטן געדולדיק, ווי רויב־פייגל, אויף אַ הילפלאָזער, קליינער באַשעפעניש, כדי זי צו כאַפּן זיבער און פעסט, אין אַ מאָמענט פון זאָרגלאָזיקייט. און ווען די צוויי סטודענטן האָבן מיר געזאָגט, אַז איך בין געשטאַנען מיט געבײלטע פויסטן, מיט ברענענדיקע אויגן, פאַרעלטערט אויף יאָרן און בלאַס, גרייט זיך צו וואַרפן שלאָגן, צעבלוטיקן, דערהרגענען — איז דאָס געווען אמת. איך האָב דערפילט, אַז פאַרניכטן אַזאַ נפש קאָן ווערן דער ציל פאַרן גאַנצן לעבן, דער אָביעקט פון קאַלטסטן טראַכטן און צוגרייטן דעם פּלאַן פון נקמה־נעמען. טויטן אַ שונא איז אַ געוואַלטיקע באַפרידיקונג, אַלץ איינס ווער דער שונא איז: אַ פּערזענלעכער אָדער אַ פאַשיסט.

אַ ביסל האַרצווייטיק...

איך בין געווען נאַאיוו אין האַרץ־ענינים. איך האָב פאַרגעסן אַלע ביכער־חכמות, ווען עס איז געקומען צו מענטשן אַרום מיר. איך האָב זיי באַנומען לויט זייערע ווערטער, זייערע מעשים. אמת, עס זיינען נישט געווען ביז אַהער קיין פּערזענלעכע פּראָבלעמען, קיין „דערוואַקסענע", יעדנ־פאַלס, און קיין ראָמאַנטישע פון אַן ערנסטער נאַטור. מען האָט זיך אויסגעלעבט אין — טעאַטער־פאָרשטעלונגען, און גוטע דערציי. איך האָב אין יענע צייטן זיך באַקאַנט מיט קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַן, דער גרויסער רוסישער דראַמאַטישער קינסטלערין, וואָס האָט צו אונדז געבראַכט די געשטאַלטן פון דער וועלט־ליטעראַטור און סצענע. געזען די ברידער אַדעלגיים, גאַסטראָלן פון פּעטערבורגער טעאַטער און פון סטאַניסלאַווסקיס מאָסקווער קונסט־טעאַטער. געהערט גוטע קאָנצערטן. און איבער דעם אַלעם האָט דאָמינירט דער קאַמף, די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אַרבע־טער — מיט זייער שווערן לעבן, מיט די שווערע פיזישע באַדינגונגען אין זייערע וואוינונגען, מיט זייער דורשט נאָך בילדונג און אַ ביסל קונסט... אויף אַזאַ אופן איז פאַרן ריין־פּערזענלעכן עלעמענט נישט געווען קיין צייט און קיין רעכט.

דערפאַר איז דער „ראָמאַן" אין בריוו מיט מישאַן, עפּעס נישט געווען רעאַל. אָבער, ווי געזאָגט, בין איך געווען נאַאיוו.

איך האָב נישט געוואוסט, אַז פון אויבן־אויף קאָן עס מאַכן דעם איינדרוק, אַז מען האָט דיך פאַרגעסן, אַז מען הערט אויף אפילו צו שרייבן צו דיר, און דאָך קוקן צו דיר אַריבער פריינט און חברים אויף אַ שטח פון טויזנט מייל. מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען איך בין געווען אין דער שווייץ, איז פּלוצלונג צו מיר צוגעגאַנגען, אין אַ סטודענטישער קיך, מישאַ זאַקס און איז גאָרנישט געווען איבערראַשט מיך דאָ צו זען.

— איך האָב אַלץ געוואוסט וועגן דיר די גאַנצע צייט, — האָט ער געזאָגט. — איך קום איצט פון דווינסק, וואו איך בין פאַרוואונדעט גע־וואָרן אויף אַ דעמאָנסטראַציע. דאָ וועל איך בלייבן בלויז אַ קליינע צייט. דאַן קער איך זיך אום קיין רוסלאַנד.

ער איז געווען זייער שטאָלץ און האָט מער קיינמאָל נישט געפּרואווט

אויף מיר צו ווירקן אין דער ריכטונג פון אַ פּערזענלעכער דערנענטערונג.

אין די פאָלגנדיקע מאָנאַטן האָב איך געזען, ווי ער גייט אויף דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד. נישט ער לערנט זיך, נישט ער טרעט אַרויס אויף מיטינגען. איך האָב אים געזען אין זשענעווע מיט עפּעס אַן אומבאַשטימטער מיידל, נישט אַ סטודענטקע, נישט אַ „פּאַרטייערין", סתם אַ געקומענע פון קיעוו, אָן אַ ציל, אָן אַן אויפגאַבע.

ער האָט געפילט די נישט־אינטערעסאַנטע סביבה זיינע, געווען ציניש אין זיינע באַמערקונגען און איך האָב געפילט, אַז איך האָב אַ געוויסע שולד אין זײן נישט־גראָטענעם היינטיקן לעבן. אָבער עס איז געווען שוין צו־שפּעט עפּעס צו טאָן. איך בין געווען אַ סטודענטקע פון כאַ־ציאַלע וויסנשאַפטן און זיך אַ סך געלערנט, געגאַנגען צו יעדער דיסקוסיע אין דער קאָלאָניע און זיך נאָך מער פאַרשלאָסן אין זיך, קעגן יעדן פּרוּוו פון אַ „ראָמאַן".

און בעלנים זיינען געווען גענוג: סטודענטן פון יעדער נאַציאָנאַלי־טעט האָבן אין מיין סעמינאַר געהערט די לויב־געזאַנגען פון אונדזער פּראָפעסאָר פון געשיכטע און פּאָליטישער עקאָנאָמיע וועגן דער אַרבעט מיינער. און אַזוי ווי איך האָב באַהערשטביידע שפּראַכן, סיי דייטש, סיי פראַנצויזיש, האָב איך גענומען לערנען מיט סטודענטקעס און אַרויס־העלפן זיי אין זייער סעמינאַר.

אין זומער, 1905, בין איך אַוועק אין פּוילן, צו נעמען אַן אָנטייל אין דער פּאָליטישער אַרבעט פון לאַנד, באַלד ווי די אָדעסער שטורעם־טעג האָבן זיך אָנגעהויבן.

איך בין אַרויסגעפאָרן אין אַ קליין דערפל, „לאַנסי", כדי זיך גע־זעגענען מיט עטלעכע פריינט. דאָרט האָב איך צופעליק געטראָפן מישאַ זאַקס מיט זיין פריינדין און מיר האָבן אַלע פאַרבראַכט דעם לעצטן טאָג מיינעם אין דער שווייץ גאַנץ פריילעך, ווי עס פּאַסט זיך פאַר יונגע רעוואָ־לוציאָנערע מענטשן, וועמעס היינטיקער טאָג קאָן זיין דער לעצטער — ווי עס זינגט זיך אין אַ ליד.

מיט מישאַ זאַקסן האָבן מיר זיך געטראָפן אין 1910 נאָך אַמאָל, אין קלאַרענס, נישט ווייט פון זשענעווע, ווען איך בין שוין געווען מעדעמס פרוי. ער איז געווען שוין מער דערוואַקסן און סאָליד, האָט שטודירט, און מיר זיינען געווען גוטע פריינט, כאָטש בעתן שפּילן קראָקעט און טעניס האָבן זיי ביידע, ער און מעדעם, מיך שטענדיק „געשלאָגן" און איך האָב

זיך געמוזט זוכן אַ בעסערן פּאַרטנער אין ספּאָרט.

איך האָב געקאָנט זען, ווי זיין אַמביציע ליידט נאָך אַלץ, ווען ער קוקט אויף מעדעמען און מיך, און זייענדיק זייער ערלעך, האָט ער גע־מוזט צוגעבן, אַז ער איז דאָך געווען צו־יונג און צו־ווייניק פֿאַראַנטוואָרט־לעך דעמאָלט, אין רעוואָל, ווען ער האָט זיך געוואָלט פֿאַרבינדן יונגערהייט, נישט האָבנדיק קיין שום באַגריף וועגן לעבן און קאַמף.

מיין אַקטיוויטעט אין פוילן

צווישן יולי 1905 און יוני 1908 האָב איך געאַרבעט אין לאָדזש אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, מיט אַן איבעררייס פון 8 מאָנאַטן אין תפיסה. עס איז אינטערעסאַנט, אַז קיינמאָל דורך אָט־דער צייט איז נישט געווען קיין פראַגע וועגן מיין פאָרמעלער צוגעהעריקייט צום „בונד". נישט אפילו אַזאַ זאַך ווי אַ שמועס מיט מיר אין זשענעווע, אין יוני 1905, ווען גלעב (מוטניק), אויסלענדישער פאָרשטייער פון „בונד", האָט מיך פון סטודענטישן קרייז, מיט וועלכן עס האָט מיט אונז, סטודענטקעס, אָנגעפירט אַ צווייטער פאָרשטייער, מאַקאַוויי, אַרויסגענומען, מיט דער קורצער דערקלערונג, אַז אויב איך וויל פאָרן אויף אַרבעט אין לאָדזש, וועט ער, גלעב, געבן אַ „יאַווקע", דאָס הייסט: אַן אַדרעס. אָבער עס איז מיר קיינמאָל נישט געשטעלט געוואָרן די פראַגע שאַרף, צי בין איך פאָרמעל געוואָרן אַ מיטגליד פון „בונד".

דאָס איז פאַר אַ צייט געווען אפילו פאַר מיר אַליין אַן אומקלאָרע פראַגע, ווייל, ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט מיך געצויגן אַ סך שטאַרקער צו די פוילישע מאַסן, וועלכע זיינען געווען, לויט מיין דערפאַרונג, ווייניקער באַוואוסטזיניק און אָריענטירט, איידער די אידישע. און דער פאַקט פון מיין לויזער צוגעהעריקייט צום „בונד" האָט מיר טאַקע געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו צעשפרייטן איבער אַלע נאַציאָנאַלע גרופעס פון לאָדזש. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילע, אָבער טיפע צעשפּאָלטנקייט ביי מיר וואוהין צו גיין ענדגילטיק?

די קריוודע און עוולה, די אָרעמקייט און פאַריתומקייט איז טאַקע גרעסער געווען ביי די אידישע בעלי־מלאכות און מיידלעך. די פיזישע קראַפט און ברייטפּלייציקייט אָבער איז געווען גרעסער ביי די קריסט־לעכע מאַסן. און אין דער ערשטער צייט פון מיין אַרבעט אין די פאַב־ריקן, בעת די „מאַסאָוואָוקעס", ווען יעדע מינוט האָט דער מייסטער גע־קאָנט אַרויסרופן פאָליציי און פאַר מיר זיינען געשטאַנען אידישע ווע־בער, נופערינס און שטאָפּערינס, האָב איך בעתן ריידן, זיך אַליין גע־פרעגט: וויפל קלעפּ וועט קאָנען אויסהאַלטן הודעס, דער געלער מרדכי אָדער שלמה שיפּעטאָשן? די פראַגע האָב איך זיך קיינמאָל נישט געשטעלט אין די גרויסע פאַבריקן פון שייבלער, פון גראָמאַן, פון דאָב־ראַניצקי אָדער פּאָזנאַנסקי, מיט די טויזנטער גרויסע, שטאַרקע געשטאַלטן. עס איז געווען, נאַטירלעך, אויבערפלעכלעך און נאַאיוו אַזוי צו שטעלן

די פראַגע, ווייל בעת יעדער דעמאָנסטראַציע שפּעטער האָט מען אין די נאָסן געקאָנט זען, ווי די אייגענע קאָזאַצקע נאַגייקע האָט צו דער ערד געקאָסעט, סיי דעם געזונטן פּוילישן מעכאַניק פון דער „קאָטליאַרניע" (דעם דאַמף־קעסל) חבר „זשיראַנדאָלי", סיי דעם בלאַסן שטרומפּוועבער, שייע זיסקינד.

און דאָ וויל איך טאַקע ריידן וועגן הויפּט־עלעמענט, וואָס האָט מיך שפּעטער גוואַלטיק צוגעצויגן צו די לאָדזשער אידישע אַרבעטער: זייער אומדערשראָקנקייט! דאָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער פּאָ־ליטישער אַרבעט. און מיר, אינטעליגענטן, האָבן געהאַט אַ גרויסן דרך־ארץ צו מוטיקע מענטשן, אַלץ איינס וואָס עס האָט גענערט זייער מוט: האַס, צי ענטוזיאַזם פאַר דער אַקציע. דאָס אָרגאַניזירן אַנטלויפן פון אַ קאָנוואָי, דאָס „אָפּשלאָגן" פון אַרעסטירטע דורך דעם „באַיעוואָ אָט־ריאַד", די זעלבסט־שוץ פון 1906 קעגן כוליגאַנעס, דאָס „ספּראַווען" זיך מיט אַ פּראָוואָקאַטאָר, דאָס אָנקלאַפּן די ביינער אַ פּאָטענציעלן מייסטערל־טעלערלעקער, דער העלדישער קאַמף פון אידישע אַרבעטער קעגן „אַל־פאָנסן" און קעגן זייער קאָאָפּעראַציע מיט שפּיצלס (שפּיאָנען) און סטרו־זשעס — דאָס אַלץ איז אַ מוטיקער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם פרימאָרגן פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פּוילן, וועל־כע איז, לויט איר כאַראַקטער און לויט די באַזונדערקייטן פון דער אי־דישער שטייגער־סביבה, געוועזן אַן אויסגעשפּראָכענע סאָציאַלע באַוועגונג, זי האָט אַרומגענומען נישט בלויז קלאַסן־קאַמפן, נאָר אויך משפּחה־באַציאונגען, רעליגיעזע סכסוכים און אפילו קאָנפליקטן ביי חסידישע רבנים, מיט וועלכע מען איז געגאַנגען צום „בונד", פּונקט ווי מען איז געגאַנגען צו אים, אויב אַ באַלעבאָס פון אַ שטוב האָט נישט צורעכט געמאַכט דעם רויכנדיקן אויוון אָדער אַ דורכגעלעכערטן דאַך . . .

פאַר מיר, אַ יונג מיידל, וואָס איז קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען פון די ראַמען פון משפּחה, וואָס האָט נישט געקאָנט קיין אַנדערע קנופּן ווי קרובהשאַפט, בלוט־נאָענטקייט — פאַר מיר האָט זיך געעפנט אַ נייע, אויפרעגנדיקע וועלט, פון באַציאונגען צווישן מענטשן, וואָס זיינען געווען נעכטן נאָך פרעמדע און — מיר; מענטשן פון אַן אַנדער קלאַס, פון אַן אַנדער סביבה, פון אַן אַנדער גראַד דערציאונג און טראַדיציע; מענטשן, וועלכע זיינען אין משך פון איין אָוונט, פון איין שמועס מיט זיי, געוואָרן פאַר מיר חברים, כמעט אייגענע, לייבלעך אייגענע.

עס איז געווען גוט צו זען, אַז עס איז נישט געווען קיין סימן פון הכנעהדיקייט, פון אונטערטעניקייט ביי זיי צו מיר. פאַרקערט, עס האָט זיך געפילט אַ פולשטענדיקע גלייכקייט, פון וועלכער עס האָט געפירט אַ וועג צו ליבשאַפט און דרך־ארץ. און דאָס האָב איך געזען: באַלד נאָך די ערשטע זיצונגען אין די קרייזן, באַלד נאָך די ערשטע שמועסן מיט חסידישע פאַבריק־מיידלעך, האָבן אויגן געלויכטן, ליפּן געשמייכלט, אָנגעבאָטן זיך צו פאַרשפּרייטן בלעטלעך, צו שטיין אַלס אַ פּאַטראָל ביי דעם טויער ביז איך וועל קאָנען גיין אהיים, ווען די גאַס וועט זיין „ריין".

אָט אַזוי געדענק איך מיין טיפע צוגעבונדנקייט צו אַ יונגער, שיינער, מוטיקער מיידל, אַ נופעריין ביי שעפּסן אין פאַבריק, וועלכע איז געווען אין משך פון כמעט דריי יאָר מיין פאַרבינדונגס־חברטע צווישן דעם קאָמיטעט פון „בונד" אין לאָדזש און דער פּראָווינץ, און מיר. דורך אירע הענט איז דורכגעגאַנגען מיין באַזוך אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון לאָדזש און פון די קליינע וועבער־שטעטלעך אַרום זדונסקאַ־וואָלאַ, זגיערזש, פּאַביאַניץ, טאָמאַשאָוו, ווידזעוו. און פון די אַלע ערטער האָט מען מיך „געפאָדערט", ווי זי פּלעגט מיט אַ ליבן, קלוגן שמייכל מיר זאָגן. דער אמת אָבער איז געווען, אַז זי האָט מיך רעקאָמענדירט אהין, כאָטש אין די וועבער־סכאָדקע זיינען געווען נאָך פיר אָדער פינף אַנדערע רעדנער און אַקטיוויסטן. הודעס פּלעגט זאָגן צו די אָנוועזנדע, זיי האָבן „באַפוילן", אַז עס זאָל קומען געניא — „ווייל זיי האָבן געהערט אַז זי גייט איבעראַל". (דאָס האָט געזאָלט מיינען, אַז איך זאָג זיך נישט אָפּ, ווי עס פּלעגן אָפּט טאָן אַנדערע, וואָס זיינען, ווי איך, נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנאַלע טוער, דאָס הייסט: נישט געווען אויסגעהאַלטן פון דעם „בונד", נאָר זיי האָבן זיך אַליין אויסגעהאַלטן.

זיי האָבן נעהאַט דאָס רעכט נישט צו גיין איבעראַל, אָדער נישט צו פאָרן אויף דער פּראָווינץ, ווייל זיי זיינען געווען, ווי איך, פּרייוויליקע טוער. אָבער איך פלעג זיך נישט אָפּזאָגן פון קיין פאַבריק אָדער וואַרשטאַט, ווי קאָנסערוואַטיוו עס זאָלן נישט זיין די אַרבעטער דאָרטן.

עס איז אַלץ געווען איינגעשטעלט זייער פּרימיטיוו: איך פלעג אַליין צאָלן אַלע מיינע אויסגאַבן, די טראַנספּאָרטאַציע. דאָס מאַנעווּרירן קעגן שפּיצלעס האָט אַמאָל אַ סך געקאָסט. מען האָט געמוזט זיך שיין אָנטאָן, פאָרן מיט אַ דראָשקע, זיך אָפּשטעלן אין עלעגאַנטע צוקיערניעס (קאַפעס).

דורכן טאָג פֿלעג איך פֿאַרדינען דורך לערנען קינדער אין אַ שולע, און דער אָוונט איז געווען פֿון 3 נאָכמיטאָג אָן פֿאַר מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען. קיינעם איז נישט איינגעפֿאַלן זיך פֿרעגן ביי מיר ווען מיינע מאַטעריעלע מיטלען אָדער באַדינגונגען. מיר אַליין איז דאָס אויך נים איינגעפֿאַלן. איך האָב געפֿילט אַ געוויסע שעמעוודיקייט צו בעטן געלט פֿאַר די אַלע גוויטיקע אויסגאַבן. פֿאַרקערט: איך פֿלעג אַליין געבן אַ מאָנאַטלעכן בייטראָג פֿון 5 רובל, אָדער געבן די וואוינונג פֿון מיינע עלטערן פֿאַר אַן אומלעגאַלער קאָמיטעט־זיצונג, כדי צו פֿאַרשפּאָרן אויסגאַבן.

מיך האָט מיט דער הודעס פֿאַרבונדן אַ געוויסע ענלעכקייט אין טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער. מירביידע האָבן אויך געהאַט מזל: אין אַלע אונזערע גענג און אומלעגאַלע אַקציעס האָט מען אונז קיינמאָל נישט „געכאַפּט". אַלץ פֿלעגט זיך ענדיקן בשלום. הודעס איז געווען פֿאַרזיכטיק, געניט אין שטעלן גוטע חברים צו פּאַטראָלירן ביים פֿאַבריק־טויער. איין מאָל זיינען מיר ביידע אַוועק צען מינוט פֿאַרן אָנקומען פֿון דער פּאָליציי, ווען אַ באַלעבעסל פֿון אַ וואַרשטאַט האָט זי געמסרט. אַ ווייטערדיקער פּאַטרול, מיט דריי גאַסן אָן אַ זייט, האָט אונז געמאָלדן אַז „מען גייט", און מיר האָבן גאַנץ רואיק פֿאַרענדיקט אונזער אַרבעט דאָרטן. יאָ, הודעס איז געווען מיין ליבסטע חברטע. זי האָט געהאַט אַ געזונטן חוש און האָט אָפֿט אָרגאַניזירט די מיטינגען אַזוי, אַז צו די מענער, די וועבער און שערער, זאָל קומען אין דער איינגענער צייט אַ פֿריינט מיינער, אַ גוטער רעדנער און שיינער בחור, אַרקאַדי דלוגאַטש, פֿון דער לאָדזשער סטודענטן־גרופּע, אַזוי, אַז מיר זאָלן קאָנען גיין צוריק צוזאַמען. זי האָט מיר שטענדיק געזאָגט, אַז מיר ביידע זיינען די צוויי בעסטע אַקטיוויסטן און אַז דער „עולם" האָט אונז אַממערסטן ליב... ווען מיר האָבן זיך מיט יאָרן שפּעטער געטראָפֿן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, איז מיין פֿריינטס ערשטע פֿראַגע געווען: „געדענקסטו די קלוגע הודעס?" מיט ווייטיק האָב איך, אין 1912, זיך דערוואוסט אין לאָדזש, אַז זי איז געשטאָרבן פּלוצלינג, נאָך אַן אָפּעראַציע. עס איז געווען שווער זיך פֿאָרצושטעלן, דעם שיינעם בלאָנדן קאָפּ־האָר, מיט די לאַכנדיקע בלויע אויגן — טויט!

צווישן די אַרבעטער פֿון דער וועבער־סכאָדקע האָב איך אַ באַזונדערן דרך־ארץ און אַ ליבשאַפֿט געהאַט צום הויכן, שטרענגן, דרייסטן און מוטיקן יאַנקל קאַציק. ער האָט נישט געהאַט „קיין געטער", אַזוי צו

זאָגן. נישט געבוקט זיך נישט פאַר די „אינטעליגענטלעך", ווי ער פלעגט זיי אָנרופן, נישט פאַר די „קאָמיטעטשיקעס פון בונד", נישט פאַר זיינע מייסטערס אין פאַבריק. ער איז געווען אַ פרייער מענטש. שטענדיק אַליין, אָן אַ מיידל ארום זיך, אַ שטיק ציגיינער, אָדער אַ גאַרקי־באָסיאַק. אָבער אין דער אַרבעט איז ער געווען — טיף ערנסט, פּליכטמעסיק, דיסציפּלינירט.

איך געדענק אַ זיצונג פון דער הויפּט־סכאָדקע, וואו עס האָט געדאַרפט איינגעפירט ווערן אין לעבן דער נייער פּרינציפּ פון „דעמאָקראַטיע" ביי וואַלן צום קאָמיטעט. די דיסקוסיע האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווייל די מיטגלידער פון אַלטן קאָמיטעט האָבן זיך נישט געקאָנט איינינקן אויף אַ רעזאָלוציע, און מאָרגן האָט מען באַדאַרפט אויפשטיין צו דער אַרבעט. אין די גאַסן פון באַלוט האָט געבושעוועט דער רוצח נאָסעק, אַ סטראַזשניק, וואָס פלעגט אייגנוויליק אַרעסטירן און שלאָגן. און דאָך האָט קיינער נישט פאַרלאָזן די זיצונג. ביז מען האָט דערהערט דאָס בורטשען פון יאַנקל קאַציק אין זיין ווינקל: „איך האָב מורא, אַז ביי אָט־דער דיסקוסיע וועט זיך פון דער ,דעמאָקראַטיע' אויסלאָזן אַ בוידעם" . . .

דאָס איז געווען אַ סיגנאַל אָפּצולייגן די דיסקוסיע אויף אַ צווייטן מאָל און זיך אביסל צוקוקן צו קאַציקן . . . ער האָט, ווי איך האָב שפּעטער געהערט אין אייראָפּע, דורכגעמאַכט אַ גרויסע פּאָליטישע איבערקערעניש, געווען אַ צייט נישט אַקטיוו און געקומען אַהער קיין אַמעריקע. מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן ביי די וועבער, דאָס מאָל ביי די „פּעטערסאָנער". יאַנקל קאַציק איז דער אייגענער, וואָס אַמאָל, בלויז דער קאָפּ איז געוואָרן גרוי און דאָס בורטשען אביסל העכער. זיין גרויסער וואונטש צו זען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז מקוים געוואָרן און ער לעבט פון און מיט יענע טעג אין זיין וועבער־שטעטל פּעטערסאָן . . .

אָט אַזוי גייען אַדורך אין אַ לאַנגער ריי די געשטאַלטן פון די טוער און טוערינס פון יענע דריי יאָר: וויקטאָר (טאַראָס), וועלכער איז געבליבן אין רוסלאַנד און אַרבעט היינט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַ סאָוועטישער אינסטיטוציע. פרידאַ, שאַמע, דאַשע — די דעמאָלט פאַר מיר גאָר גרויסע טוער, וועלכע זיינען געווען אין צענטראַלע איינריכטונגען און וועלכע האָבן געלייגט „גרויסע האָפענונגען" אויף מיר. די האָפענונגען האָב איך צעשטערט, מיט יאָרן שפּעטער, דורך מיין הייראַט מיט

מעדעמען, אין 1910, ווען ע ר האָט נישט געוואָלט, אַז איך זאָל צוריק פאָרן קיין פּוילן אַרבעטן. איך געדענק דעם לעבעדיקן, ענערגישן — „ראַוווימטשיק", וועלכן איך האָב אויך דאָ, אין אַמעריקע, געטראָפן; דעם ענערגישן אָפּטימיסט אפרים לוזער, פון די שטרומף־ווערקער, וועלכער האָט, צווישן 1905 און 1945, נישט געביטן אויף אַ האָר זיין סכאָדקע־פסיכאָלאָגיע און זיין „וועלט־אַנשויאונג" . . . ער האָט בלויז געביטן זיין אַדרעס פון לאָדזש אויף ניו־יאָרק.

און איך געדענק אַ גאַנצע ריי אַרבעטער־פיגורן פון העברון מין: חיימל פּראָפּעסאָר, אברהם שטערן, שייע זיסקינד, דער באָיאַוועץ, חיהלע, די שניידערין און איר חבר, דער הויכער אברהם, שמואל־יונה מאַרקוס, דער ערשטער וועבער, וואָס איז אַוועק אין גערא, דייטשלאַנד, אין 1908 און האָט דאָרטן אָרגאַניזירט אַ וועבער־קאָלאָניע. פאַרן אָפּפאָרן האָב איך אים געלערנט דייטש און די חברים האָבן אים דאָס נישט געקאָנט מוחל זיין: ווי אַזוי גייט מען עפּעס באַמיען געניען, וואָס אַרבעט אַ גאַנצן טאָג ביי לעקציעס מיט קינדער? (די לאָדזשער האָבן נישט אַנדערש מיך גערופן ווי „געניע", כאָטש איך האָב געפּרואווט האָבן אַ פּסעוודאָנים. עס האָט נישט געהאָלפן. איך בין ביז היינט ביי רעלען, ביי קאַציקן, ביי דבורה וויגאָדזקא אין קאָפּענהאַגן, נאָך אַלץ: געניע!

עס קומען אויפן זכרון נאָך פּנימער, נאָך נעמען, וועלכע מען טרעפט אין דער בראָנקס, אין נוארק, אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין מינסק און אין אָדעס, פון יענע אַלטע גוטע יאָרן, ווען אַ קלוטשניק אין תפיסה האָט מורא געהאַט אויפצוהויבן אַ האַנט אויף אַ פּאָליטישן — מעג ער אפילו זיין אַ באַלוטער איד — ווייל הינטער אים זיינען געשטאַנען חברה, וואָס פּלעגט אָנברעכן די ביינער נאָכן אַרויסגיין פון דער תפיסה. זיי שטייען פאַר מיינע אויגן. איך קען נישט זייערע נעמען — די הונדערטער און טויזנטער פון די לאָדזשער וואַרשטאַטן און אָרעמע באַלוטער שטיבלעך — אין קיעלעמס געסל, אויף פּולנאָצנע גאַס, אין וואַכאָדניע, וואו איך האָב זיך באַקאָנט מיט מיין אַלטן פריינט, י. ב. ביילין, דעמאָלט ישראל־בער פירער פון די פּריקאַשטשיקעס . . . איך זע זיי נאָך יונג און שטאַרק גייסטיק, ווי איך האָב זיי געזען אין אונזער יוגנט. עס שטייט שיינדל, מיין חברטע פון אַרעסט און תפיסה. עס קומט אויפן זכרון דער גאַסט פון ווייס־רוסלאַנד, דער ערשטער גרויסער רעדנער, וואָס מיר האָבן געהאַט אין לאָדזש: באָרוך, דער „יונגער לאַסאַל", וועלכן מיר, אַ גרופּע

יונגע, מוטיקע חברים האָבן אַרויסגעפירט פון לאָדזשער מאַנעזש, וואו ער איז געווען אַרעסטירט מיט ניינציק אידישע בעקער, בעת איך האָב גע־דאַרפט פאַרפירן אַ שמועס מיט דעם דעזשורנעם אָפיציר . . . לאָסאַל, דער שפּעטערדיקער אַלדערמאַן פון ניו־יאָרק און מענעדזשער פון „פאָר־ווערטס" — ב. וולאַדעק (טשאַרני) . . .

דער קרייז ווערט קלענער. ערגעץ־וואו לעבט בעניע, אַ וועבערן אָדער נופערן; ערגעץ־וואו געפינט זיך אין בראַיטאָן אַ קינד פון „משה באָסיאַק", פון דער קצב'ישער סכאַדקע אין לאָדזש, וועלכער איז ביי אונז געווען דער הויפּט־באַיאָוועץ, צוליב זיין געזונטן אויסזען און זיך קאָנען באַנוצן מיט אַ „שפּייער".

וואו זיינען די איבעריקע היינט? דאָס ביסל, וואָס איז נאָך געווען אין לאָדזש, אָדער וואַרשע, אָדער אַנטוועראַפּן און פּאַריז, האָט פאַרניכ־טעט דער מעסער פון נאַציזם . . . מיט זיי איז אַוועק אַ שטיק פון אונזער יוגנט און פון אונזער קאַמף. און אָפּט — פון פּשוטער מענטשלעכער העלדישקייט, ווען דעם פאַרוואונדעטן העלדישן חבר מוצעק האָט מען אין 1905 פאַר די אויגן פון סטראַזשניקעס, אַפּגעפירט אין אַ שטוב, וואו מען האָט אים געלייגט אין גיפּס און פונוואַנען מען האָט אים שפּעטער אַ לאָמען, אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד. חברים האָבן ריזיקירט זייער לעבן צוליב חברשאַפט . . . גענומען אויספירן אין לעבן די גוואַל־טיקע אַרבעט פון איבערבויען זיך אַליין און דורך דעם — די מענטשהייט!

איך פלעג זען, מיט צענדליקער יאָר שפּעטער, טרערן אין פאַר־עלטערטע אויגן, ווען איך האָב ערגעץ־וואו אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, אָן אַ זייט פון די ברייטע שליאַכן, גערעדט וועגן דער אַלטער היים און וועגן איר געראַנגל, שוין מיט אַ דור שפּעטער, מיט דער אַלט־נייער ברור־טאַלער רעאַקציע . . . איך האָב געזען זין פון אַמאָליקע געזעלשאַפט־לעכע טוער פון פוילן אויף די שלאַכט־פעלדער אין שפּאַניע, אַ סימבאָל פון דער העכסטער געהייליקטער ירושה.

דער אַרעסט אין אַ פאַבריק

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע טרעפונגען מיט פּוילישע און אידישע ארבעטער אין לאָדזש. עס האָט געארבעט אַ פּויליש־אידישער פּראָפּאַגאַנדיסטישער קרייז ביים „בונד" אין פּוילן. די פּוילישע רעדנער האָבן אָבער באַדינט מייסטנס די שילער און סטודענטישע יוגנט, וואָס איז געווען פון אידישע אַסימילירטע משפחות. די אמתע גרויסע ארבעטער־מאַסן, פּאָליאַקן, האָבן מיר אָבער געקענט דערגרייכן בלויז דורך דער ס.ד.ק.פּ.י.ל. (פּוילישע סאָצ.־דעמ. פּארטיי), אָדער דורך דער פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָצ. פּאַרטיי). פאַר זיי פלעג איך טאַקע רעדן, ווען פאָרשטייער פון פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען פלעגן קומען אין די גרויסע לאָדזשער פאַבריקן און אָרגאַניזירן „פלי־מיטינגען" („לעטוטשקעס", אויף רוסיש).

עס זיינען געקומען די אָקטאָבער־טעג. מיט וואָכן פריער פלעגן אָנגיין הייסע דיסקוסיעס און באַריכטן פון שטאָטישן קאָמיטעט פון „בונד" און פון דער פּ.פּ.ס. מיט דער סאָצ.־דעמ. פּארטיי, כדי צו אָרגאַניזירן אַ געמיינשאַפטלעכע ארויסטרעטונג, ווען דער אַלגעמיינער סטרייק וועט אויסברעכן. מיר האָבן געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט צענטראַל־רוסלאַנד, מיר פלעגן שוין דערהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע אומלעגאַלע ליטעראַטור פאַרן מיליטער און אַ קליינע גרופּע רוסישע סטודענטן און שילער פון דער זגיערזשער האַנדלס־שולע האָבן שוין געהאַט, מער אָדער ווייניקער, סאָלידע פאַרבינדונגען מיט דער 10־טער ארטילעריע בריגאַדע און מיט טיילן פון דעם זייער אָפּגעשטאַנענעם „קאָליוואַן־פּאָלק" פון דער פיעכאָטע.

איך געדענק דעם ערשטן אויפברויז פון דער סטרייק־אידייע, וואָס איז אָנגעקומען אין לאָדזש אין וואַרעמען זוניקן אָקטאָבער נאָכמיטאָג, און מען האָט אונדז מיט אַ קורצן לאָזונג: „אַראָפּ פון טראָטואַר", פאָרגעלייגט צו מאַרשירן איבער דער גאַס און שפּעטער גערופן צו ספּאָנטאַנע קורצע גאַסן־מיטינגען, וועלכע די צעשראָקענע און איבערראַשטע פּאָליציי האָט נישט געשטערט. דעם אייגענעם טאָג האָב איך צום ערשטן מאָל גערעדט אין הויף פון דעם פאַרבאַנד פון די „האַנדלס־אָנגעשטעלטע", אָדער ווי מען האָט זיי גערופן אויף רוסיש: „פּריקאַשטשיקעס".

מען האָט געשטראָמט אין די הונדערטער צום הויף פון דעם פאַראיין,

און אין אַ פּאָר מינוט איז שוין דער גאַנצער הויף און דער גאָרטן געווען שוואַרץ פון מענטשלעכע פיגורן.

עמיצער האָט מיך אויפגעהויבן, אוועקגעשטעלט אויף אַ דאַך פון אַ נידעריק הייזל, און איך האָב אָנגעהויבן רעדן וועגן דער באַדייטונג פון דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן סטרייק אין רוסלאַנד, אַלס אַ וואָפן צו דער־שלאָגן זיך אַ קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, מיט אַ קאָנ־סטיטואַנטע, געוויילט אויפן סמך פון דער 4־פאַכיקער פאָרמולע: אַלגע־מיינע, גלייכע, געהיימע און דירעקטע וואַלן פאַר מענער און פרויען.

די רעדע איז איבערגעריסן געוואָרן דורך פּאָליציי־שאָסן פון דרויסן און דער עולם האָט זיך, דערווייל אָן פּאַניק, אַ שאָט ארויס געטאָן צום טויער אין גאַס. מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט אַ שוץ־וואַך, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער פּאָליציי און געענטפערט מיט רעוואָלווער־שאָסן אויף די פּרוואוון אונדז צו טעראָריזירן. פון דער נאָענטער גאַס האָבן זיך שוין געצויגן גרויסע מאַסן פּוילישע אַרבעטער, ווייל עס איז געווען 6 אַזייגער און זיי האָבן פאַרלאָזן די אַרבעט, ווי נאָר מען איז געקומען זיי אָראָפּנעמען, פון פּראָפּאַראַיין פון „טעקסטיל".

מען האָט מיך באַלד אַרויסגעפירט פון טויער, אַרויפוואַרפנדיק אַ מאַנטל אויף מיר. און דאָס האָט מיך סיי גערירט, סיי פאַרשעמט, ווייל יעדער לעבן האָט געדאַרפט באַשיצט ווערן און נישט בלויז דאָס לעבן פון אַ רעדנער, ווי יונג ער זאָל נישט זיין, האָב איך געטראַכט.

דער אַלגעמיינער סטרייק, מיט זיינע עטאַפּן פון אויפשטייג און פון פאַרראַט מצד דער צאַריסטישער רעאַקציע, וועלכע האָט זיך באַלד געכאַפּט און זיך מאָביליזירט, מיט אַלע אירע כוחות, פון קאָזאַקן־רציחות ביז פּאָגראָמען און פעלד־געריכטן, איז פאַר אונדז געווען אַ שטרענגע, שווערע שולע, וועלכע מיר זיינען אַדורך, שטאַפּל נאָך שטאַפּל.

ווען די רעאַקציע האָט זיך שוין געפילט זיכער, ווען די תפיסות זיינען געווען איבערגעפּאַקט און אויף די טורמע־הויפן זיינען איבערן ריזיקן לאַנד געווען אויפגעשטעלט תליות, האָבן מיר געביטן אונדזער טאַקטיק פון אַרבעט, אונדזערע מעטאָדן פון געטרויען מענטשן און איינ־געשטעלט די נייע זשמודנע, טאָג־טעגלעכע פּאָליטישע מאַסן־אַרבעט אין קליינע פאַבריקס־קאָמיטעטן פון 3 - 5, פון זיכערע אויסגעפּרואווטע קעמ־פער. מיר האָבן געביטן דעם וואוינאָרט, די שטעט, די גאַסן און די אַר־בעט־פּלעצער, אָנגעהויבן דורכזייען די אינטעליגענץ, נאָכפאָלגן יעדן פאַר־

דעכטיקן פארשוין, וואס האט זיך געוואלט אריינדרייען אין אונדזערע קרייזן.

מיר האבן נאך אלץ געהאט א ווירקונג אויף די באלעבאטים, א דאנק די פראפעסיאנעלע פאראיינען, און דער דרך־ארץ צו די ארבעטער־פאר־טייען איז געווען אזוי גרויס, א דאנק דער ארויסגעוויזענער דיסציפלין בעת דעם גענעראל־סטרייק, סיי אין אקטאבער, סיי אין דעצעמבער 1905, אז עס זיינען כמעט אינגאנצן נישט געווען קיין פאלן פון ארויסרופן די פאליציי בעת אונדזער קומען אין א פאבריק.

דערפאר בין איך געווען זייער איבערראשט, ווען עס איז אנגעקומען פאליציי אין נאוועמבער 1907 אין דער פאבריק פון יוליוס ראזענטאל, אויף פוסטא 5 (אין לאדזש), וואו עס איז געווען א סטרייק און וואו איך האב געדארפט רעדן צו די אידישע שערער און נופערינס.

איך בין דארט געווען מיט א פארשטייערין פון דער וועבער־סכאדקע, שיינדל דאנעבערג (געשטארבן אין פילאדעלפיע מיט 15 יאר צוריק, די פרוי פון יאסל וועבער) און מיר האבן געהאט דעם שליסל פון דער פאבריק. אויסערדעם זיינען אונדזערע טאשן געווען פול מיט קאסע־ביכ־לעך, קוויטן פאר אפצאלן מיטגלידערשאפט־געלטער און אומלעגאלער ליטעראטור.

ווען דער פריסטאוו פון פאליציי־באצירק איז אנגעקומען, זיינען מיר שוין געווען אויבן אין וועבער־סקלאד, און אנטלויפן האט מען נישט געקאנט: אויסערדעם האט זיך דער מיטינג נאר־וואס אנגעהויבן און דער זאל איז געווען פול. די פאליציי איז געשטאנען אין טיר, אבער איך האב נאך נישט גערעדט. דערפאר האט דער פריסטאוו נישט געקאנט מיך כאפן פאר דער האנט, אזוי צו זאגן... מען האט אלעמען געהייסן ארויס־גיין און ביים פאבריקס־מייסטער זיך געפרעגט ווער עס ארבעט דא.

מיר צוויי זיינען געווען פרעמדע. מען האט אונדז ארעסטירט. שיינדל האט זיך איינגעשפארט און געפאדערט פון מיר, אז מיר זאלן גיין צופוס דעם גאנצן מהלך — עפעס א צוויי וויארסט — כדי פריינט אונ־דזערע זאלן אונדז זען אין גאס און אזוי ארום ווילן, אז מיר זיינען פאר־האלטן. איך האב אבער געהאט אן אנדער פלאן: דער סטראזשניק, זיצנדיק מיטן רוקן צו אונדז אין דער דראשקע, וועט מיר געבן א גע־לעגנהייט צו צערייסן אלע קוויטלעך פון מיין קעשענע, און די פריינדין מיינע, שיינדל, וועט אזוי ארום קאנען ארויסווארפן די שליסלען און נאך

עפּעס געצייג פון איר קעשענע. אויסערדעם, איז זי געווען קראַנק און איך האָב נישט געוואָלט, אַז זי זאָל גיין אַזאַ שטיק וועגס, ביז דער תפיסה. אויך האָב איך געהאָפט, אַז איך וועל קאָנען טעלעפאָנירן צו מיין ברודער אהיים, אַז זיי זאָלן אונדז פּרואוון באַפרייען אויף „קאָוציע" (בעיל) אַזוי שנעל ווי מעגלעך. איז דער סטראַזשניק געווען אַן איינגעשפּאַרטער און האָט נישט געוואָלט זיצן ביים פּורמאַן אויף די קאָזלעס, נאָר ער האָט געוואָלט אונדז ביידע היטן...

אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען אין „אוטשאַסטאָק", וואו עס זיינען געווען נאָך אַרעסטירטע און וואו מען האָט אונדז נאָך פּאָר אַ שעה צייט נישט אויסגעפרעגט. אין דער שעה צייט האָב איך מיט ביידע הענט אין מיינע טאַשן געריסן אויף פּיצלעך אַלע פּאַפּירן און באַווייזן. דאָן בין איך געגאַנגען, אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָליציי־פרוי, אין דעם וואַש־צימער און אַלץ דאָרט אַריינגעוואָרפן. דאָס איינענע האָט געטאָן שיינדל. בלויז פון די שווערע פאַבריק־שליסלען האָט זי נישט געקאָנט פּטור ווערן. האָבן מיר באַשלאָסן זיי צו לאָזן ביים גרויסן אויוון, אונטער דער באַנק, וואו מען האָט אונדז ביידן געגעבן אַ נייעם פּלאַץ.

דערווייל האָט מיין ברודער געזוכט צווישן מיינע פריינט צו געפינען הונדערט רובל פאַרן פּריסטאַוו פון יענעם „אוטשאַסטאָק", וועלכער האָט געהאַט אַ שם צו נעמען געלט און צו מאַכן פון דעם אַ „מיספאַרשטענדע־ניש", כדי צו באַפרייען אַ סטודענט אָדער אַ שילער.

אָבער ער האָט אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן און אין איין פּלאַץ האָט מען אים געענטפערט, אַז אַ שטיקל „פּראַקטיק" אין זיצן אין אַ טורמע וועט מיר נישט פאַרשאַטן... די זאַך איז דעם איינענעם טאָג אַוועק צו די זשאַנדאַרמען און באַפרייען אויף קאָוציע האָט מען נישט געוואָלט.

מען האָט אונדז אָפּגעפירט, שוין צופוס, אין דער טורמע אויף דלוגע גאַס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע שווערע תפיסה־לעבן, פול מיט יענער אַטמאָספערע פון הפקרות, געפּאַר און דערנידערונגען, וועלכע קאָנען אַזוי לייכט צעברעכן אַ מענטשן, וועלכער איז נאַר־וואָס, מיט אַ שעה פריער, געווען פריי און פול מיט לעבנסקראַפט צו טאָן אַלץ, וואָס ער וויל. די לופט איז געווען שטיקעדיק מיט אָפּקלאַנגען פון דרויסן, פעלד־געריכטן און משפטים. אָבער אויך מיט באַנדיטיזם. מיט געוואַגטע דרייסטע אַקטן פון ראַבעווען און פון „עקספּראָפּריאַציעס".

פארטאָג פלעגן קומען פון אַנדערע תפיסות אַרעסטאַנטן צום משפט אין לאָדזש. מען פלעגט הערן זייערע שווערע טריט אויפן לאַנגן קאָרידאָר און מען האָט געקאָנט כאַפּן אַ שנעלן קוק אויף זיי דורכן „וואָלטשאָק" (אַ קליינע עפענונג אין דער אייזערנער טיר פון דער קאַמער).

עס איז נישט געווען קיין פרויען־אָפּטייל אין דער לאָדזשער תפיסה אין יענע יאָרן פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. האָט מען אונדז געהאַלטן צוזאַמען מיט קרימינעלע פרויען פון אַלע מינים און קאַטעגאָריעס: פון גנבטעס ביז קינדער־מערדערינס. מען האָט זיי גערופט אַלס „שפּיצליאָוור־קעס" (שפּיאָנען) קעגן די פּאָליטישע, און מיר פלעגן זיך קודם־כל פאַר־נעמען מיט אַ הייסער אַגיטאַציע בנוגע זיי, אויסנוצנדיק דעם עלעמענט פון פּוילישער סאָלידאַריטעט קעגן דעם פאַרהאַסטן רוסישן פּאָליציי־גייסט איבערן לאַנד.

מיך האָט מען צעשיידט מיט שיינדלען, אַ סיסטעם פון די זשאַנדאַר־מען, כדי מען זאָל זיך נישט קאָנען צונויפריידן צווישן זיך אין איין און דעמזעלבן פּראָצעס.

מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין דער קאַמער פון אַ פּוילישער מיידל, אַ טאָכטער פון אַ פּוילישן פּאָלקאָווניק אין דער צארישער אַרמיי, אָסטאָביעוויטש.

איר נאָמען איז געווען האַלינאַ. אָבער מיר האָבן איר גערופן גראַ־זשינאַ. אַזוי האָט זי געבעטן איר צו רופן. די באַקאַנטשאַפט מיט איר, איר צויבער און איידלקייט, איר מאָסלאָזע ליבשאַפט צו דעם פּוילישן אַר־בעטער, צו פּוילן אַליין — איר מוט און האַלטונג בנוגע די זשאַנדאַרמען, איר געוואַלטיקע עטישע באַציאונג צו די קאַמער־חברים, סיי פּאָליטישע, סיי קרימינעלע — האָבן פון איר געמאַכט די נאַטירלעכע און באַליבטע פירערין פון אַלע אַרעסטירטע, אפילו פון די מענער, וועלכע זיינען גע־זעסן אויף צווייטן עטאַזש, און מיט וועלכע מיר האָבן געפירט רעגלמע־סיקע שמועסן דורך די ווענט און געשיקט בריוו און צייטונגען דורך די גנבים.

גראַזשינאַ איז געווען אַ מיטגליד פון פּ.פּ.ס. און האָט געהאַט אַ שווערן פּראָצעס פאַר טראַנספּאָרטירן אויפרייס־שטאָף און האַנט־געמאַכטע באָמבעס איבער פּוילישע שטעט. דאָס קלענסטע, וואָס האָט איר געדראָט לויטן פאַראַגראַף 102, איז געווען 8 יאָר קאַטאָרגע, דאָס וואַרשיינלעכע און

מענלעכע, אַלס דער טאָכטער פון אַ פּאָלקאָווניק — אַ פּאָליאַק, איז געווען טויט דורך הענגען...

און גראַזשינאַ האָט זיך געגרייט צו איר משפּט. זי פלעגט מיר דער־ציילן, אין די לאַנגע שעהן ביז צו דער לעצטער „פּאַוויערקע" (10 אַזייגער אין אָוונט), ווען מען האָט נאָך געמעגט ברענען ליכט און שטיל שמועסן, עפּיזאָדן פון איר לעבן, פון איר אַרבעט און פון אירע רייזעס איבערן לאַנד, וועלכע האָבן פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ ים מיט מסירת־נפשדיקע האַנדלונגען און דאָס בילד פון אַ פּוילישער רעוואָלוציאָנערקע אין דעם שענסטן און טיפסטן זין פון דעם וואָרט...

און גראַזשינאַ איז געוואָרן פאַר מיר אַ לעבעדיקער אלף־בית פון אומלעגאַלן קאַמף און העלדישקייט. זי איז געווען יונג און זייער שיין, מיט אַ שטאָלצן, הויך־געטראָגענעם קאָפּ און אַ שלאַנקער לייכטער פיגור, זי האָט זיך שנעל געטראָגן איבערן קאָרידאָר, אויסזינגענדיק מיט ווער־טער אַלע נייעסן, וואָס זי פלעגט זיך דערוויסן פון אַ זעאונג מיט קרובים אָדער פון בריוו דורך די גנבים, וועלכע פלעגן אויף דער פריי גיין צו אונדזערע חברים אין שטאָט.

גראַזשינאַ איז געזעסן אין אָנהויב אַליין, אָבער ווען איר פּראָצעס האָט זיך דערנענטערט, האָט מען צו איר אַריינגעזעצט מיך.

אונדזער פריינטשאַפט האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען זי האָט מיר איינמאָל, שוין גרייטנדיק זיך צו פאָרן צום פּראָצעס אין וואַרשע, אין דער „סודעבנאַיאַ פּאַלאַטאַ" מיטן אָנטייל פון מיליטער־געריכט, דערציילט וועגן איר פערזענלעכן לעבן. זי איז געווען די פרוי פון אַ פּוילישן טעראָ־ריסט, אַ מיטגליד פון זייער „באָיאָוקע" (דער באָוואָפנטער גרופּע), וועל־כער האָט אין אַ באָמבן־אָנפאַל פאַרלוירןביידע פיס און איז געראַטעוועט געוואָרן פון חברים, אָפּגעפירט אין אַ פּריוואַטע קליניק און דאָרט געלעגן אַזוי לאַנג, ביז מען האָט אים אַרויסגעשמוגלט אין קראָקאָוו. אויף איינער פון אירע רייזעס אין אויסלאַנד, צו די רעוואָלוציאָנערע קוואַרטירן, האָט זי זיך מיט אים באַקענט און פון אים גענומען די באַפעלן אויף אויס־צופירן אַקציעס. ער איז געווען פון אַזאַ מאַגנעטישער קראַפט און האָט אויסגעאיבט אויף די מענטשן אַזאַ גרויסן איינפלוס, אַז די פּאָליציי־דעפּאַרטמענטס פון פּוילן האָבן זיך געבראָכן די קעפּ, וואו אים צו געפינען — און נישט געקאָנט. ווייל ווער וואָלט אים געקאָנט זוכן אין אַ פּוילישער

פירשטלעכער משפחה, אין אַן אַריסטאָקראַטישן פּאַלאַץ פון פּוילנס קע־ניגלעכע יורשים?

זיין לעגענדאַרע פיגור איז אַריין אין דער פּוילישער ליטעראַטור פון יענע יאָרן, אין אַ בוך מיטן נאָמען „קסיאָנזשעצ‟ (פּרינץ). זי ווידער איז פאַראייניקט געוואָרן אין אַנדזשעי סטרוגס אַ ראָמאַן: „פּאָרטרעט‟, ווען אַ מאָלער האָט אין אירע קורצע שעהן פון טאָג, ווען זי פלעגט אויסמיידן די גאַס, געמאָלן איר בילד אין דער שטילקייט פון זיין סטודיאָ, אין די שטילע געסלעך פון „סטאַרע מיאַסטאָ‟, דער אַלטשטאָט אין וואַר־שע, אין דער שכנות פון אַלטן פּוילישן שלאָס, וואו עס איז צו יענער צייט געזעסן דער הענקער פון פּוילן: גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן.

נישט בלויז פריינטשאַפט האָט אונדז פאַרבונדן. איך בין אַזוי דער־שיטערט געווען פון דער פּערספּעקטיווע פון טויט־שטראָף, אַז איך האָב אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן מיין נישטיקער אָנגעלעגנהייט, וואָס האָט מיך געקאָנט דראָען העכסטנס מיט אַ יאָר פעסטונג אָדער אַרויסשיקונג אין וויטן מזרח אָדער צפון. אָבער זי, גראַזשינאַ? אַ שטריק אויף איר וויסן נאַקן... די שעהן פאַרן טויט, די קאַלטע קאַמער פון די „סמערט־ניקעס‟, די פאַרמשפּטע צום טויט, וואָס איז געווען באַלד הינטער מיין קאַמער און וואו מען פלעגט ברענגען פון קריגס־געריכט די פאַרמשפּטע.

איך געדענק דעם ציינישן, אויף אייביק אומפאַרגעסלעכן אויסדרוק פון אַ סטראַזשניק, וועלכער האָט אויף דער פאָדערונג פון אַ פאַרמשפּטן אַריינצושטעלן אַ שויב אין דעם אָפענעם פענצטער (עס איז געווען דע־צעמבער) געענטפערט מיט אַ געלעכטער: „אַ שויב? דיר איז שוין די פאַרקילונג נישט געפערלעך: מאָרגן וועט מער דיך דערשיסן...‟

מיר האָבן אַמאָל ביינאַכט אַרויסגעקוקט דורכן הויכן פענצטער פון דער קאַמער, פאַרגראַטעוועט, אָבער אָפן פאַר אַ פּיצל שפּאַרע פון אונטן, ווי קאָמאַראָווסקי, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער, ביי וועלכן מען האָט געפונען בעתן אָביסק אַ רעוואָלווער און וועלכער איז געוואָרן פאַר־משפּט צום טויט, איז געשטאַנען שפּעט ביינאַכט אין טורמע־הויף און געוואַרט אויף אַ זעאונג מיט זיין פרוי, בעת דער זאַל איז געווען איבער־געפּאַקט מיט אַ קאָנוואָי־עטאַפּ. עס האָט גערעגנט, עס איז געווען אייז־קאַלט, קאָמאַראָווסקי איז געשטאַנען אין אַ לייכטן זומער־רעקל און אַן אַ היטל אויפן קאָפּ... ער האָט אָוועקגעגעבן זיין מאַנטל און זיין היטל, נאָכן משפּט, צו זיינע חברים פון דער קאַמער, זיך אָפּזאָגנדיק פון דער

טעלעגראַמע צו סקאַלאַן, מיט אַ בקשה צו פאַרבייטן דעם משפט... ווען מיר האָבן אַריינגערופן דעם קלוטשניק אין קאַמער און אים געבעטן צו געבן קאַמאַראָווסקין אַ וואַרעמען פּלעד אויף די פּלייצעס, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט: „נאַ דוויע גאָדזיני?" (אויף צוויי שעה צייט?)...

די קאַלטע גרויזאַמקייט איז שווערער צו טראָגן, איידער דעם טויט. ווייל די גרויזאַמקייט פון ווערטער איז ווייטאָגדיקער, ווי אַ קויל אָדער אַ באַגנעט אין רוקן. די פּוילישע סטראַזשניקעס זיינען געווען אַמאָליקע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעליטן פון רוסישע ברוטאַלע אָפיצערן, בעת זייער זיין אין דער אַרמיי, און האָבן אָנגענומען פּאָסטנס אין תּפיסות, כדי אַליין צו קאָנען באַלעבאַטעווען איבער רוסישע אַרעסטירטע. אַזוי האָט מיר געזאָגט גאָנסיאָראָווסקי, אונדזער קלוטשניק, אַ פּויערשער זון, וואָס האָט ליב געהאַט כבוד און וועלכער האָט זיך צו אונדזביידן באַ־צויגן גאַנץ גוט, ווייל מיר האָבן אים גערופן „פּאַן גאָנסיאָראָווסקי" און זיך געטיילט מיט אונדזערע „וואַלאָווקעס" (פּאָסילקעס פון דער פריי) מיט אים...

אָבער ער האָט דאָך אָוועקגעטראָגן דעם פּלעד אין הויף, מיט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און אַ גרוס פון נומער 16: אונדזער קאַמער. מיר האָבן געזען, ווי קאַמאַראָווסקי האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. דאָס איז געווען זיין לעצטע נאַכט. און איבער אונדז זיינען געזעסן מענער, פאַר וועלכע יעדע נאַכט איז געווען אַ לעצטע. נאָר דער, וואָס איז אַליין געזעסן אין יענער צייט אין אַ תּפיסה, ווייסט וואָס פאַר אַ העלדישער דור מענטשן איז אַדורך פאַר זיינע אויגן און אַוועק אויף אייביק פאַר דער זאַך פון באַפרייאונגס־קאַמף.

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך, וואָס אָנבאַלאַנגט מענטשן־מאַטעריאַל און קרבנותדיקייט, אין פאַרלויף פון איר גאַנצער געשיכטע: פון די „נאַראָדניקעס" און ביידע רעוואָלוציעס, 1905־1917 — איבערן בירגערקריג אַריבער און אינטערווענציעס — ביז צו די פּאַרטיזאַנען פון 1918־1924 און די העלדעשע אומדערמידלעכע קעמפּער קעגן היטלערן אין דער היינטיקער פּאַטערלענדישער מלחמה פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די יאָרן 1941־1945. דאָס מענטשלעכע לעבן איז ביליק אין אַ תּפיסה. אַ קלאַפּ מיטן באַגנעט, אַן אָבלאַווע איבער די קאַ־מערן בעתן זוכן פון אַ פייל אָדער אַ מעסערל, אָדער אַ בריוו פון דער פריי — און אַ יונג לעבן איז פאַרענדיקט. ווען מען דערמאָנט זיך די

צאַרישע טורמעס, וואו אַ הונגער־סטרייק האָט אַמאָל געקאָנט געוואונען ווערן, און ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט די תפיסות אין פּילסודסקיס פּוילן, מיט די טויט־לאַגערן אין „קאַרטוז־בערעזאַ", וואו די פּוילישע „דעמאָקראַטישע" פּאָליציי האָט צעמזיקט הונדערטער מענער און זיי פאַרקריפּלט אויפן גאַנצן לעבן — הויבט מען אָן צו פאַרשטיין די עוואָלוציע פון קאַניבאַליזם מצד די פאַשיסטן און די נאַצים... וואו די קרבנות פון ברוטאַלע מערדער ציילן זיך אין די מיליאָנען...

איין נאַכט האָט איבערגעלאָזן אַ באַזונדערס שווערן איינדרוק אויף אונדז, פּרויען, שכנים פון דער טויטן־קאַמער נומער 17. דאָס איז געווען דער פאַל פון אַדאַמסקי...

אַדאַמסקי — דער יונגער „באַנדיט"

פּלוצלונג, אין אַ קאַלטן טאָג אין יאַנואַר 1908, האָט זיך איבערן לאַנגן און געווייניטלעך שטילן טורמע־קאָרידאָר צעטראָגן אַ הילכיקער מענערשער געוויין, מיט אַזאַ קראַפט פון פאַרצווייפלונג, אַז דאָס האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָבער אַזוי ווי מען האָט נישט געהערט קיין קלעפּ און קיין זידלערייען פון דער וואַך, האָט מען באַלד געוואוסט, אַז דאָס קומט אַ באַשולדיקטער פון געריכט. אָבער קיינער פלעגט נישט וויינען ביז היינט. מען פלעגט גיין אין דער טויטן־קאַמער מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און דער שליסל פלעגט זיך אַ דריי טאָן, ווי דאָס פאַרמאַכן פון דער טרונע (קעסקעט)... מיר זיינען צוגעלאָפן צו דעם טיר־שפּעלטל אין דעם „וואָלטשאָק" און דערזען אַ יונגן, אפשר 17־יאָריקן, פּוילישן בחור, אין אַ דאַרפישער סוויטקע אָנגעטאָן, אַ שטרוי־בלאָנדן קאָפּ האָר און אַ נאַס פון טרערן טיכל אויפן פּנים, געפירט פון אַ סטראַזשניק, ווייל ער האָט ניט געקאָנט גיין גלייך, קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס... ער האָט אויפן קול געוויינט, איבעררייסנדיק זיין געוויין מיט ווערטער: „אָ, מוי יעזו, טען יודאַש אָברידאַ מניע וסיפּאַל"... (אָ, גאָט מיינער, דער פאַררעטער אָברידאַ האָט מיך פאַרשאָטן!)

צוזאַמען מיט אים זיינען געגאַנגען נאָך דריי פאַרמשפּטע צום טויט: גרויסע געזונטע געשטאַלטן אין שווערע שטיוול, געגאַנגען אָן אַ וואָרט, שטום, ערנסט.

מען האָט זיי אַלעמען אַריינגעפּירט אין דער קאַמער נומער 17 און דאָס שלאָס האָט זיך פאַרהאַקט. די שויב איז נאָך אַלץ געווען צעבראָכן. און טאַקע באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר מיט דער טאַבו־רעטקע און אַ הויכער קול האָט געפּאָדערט: „פאַרשטאָפּן דאָס פענצטער מיט אַ שמאַטע אָדער מיט שטרוי! מיר ווילן שלאָפן פאַרן טויט — אַז נישט וועלן מיר אייך צעברעכן אַלע שויבן און צעהאַקן די טיר!" און — אָ, וואונדער! עס איז באַלד געקומען פון דער סטאָלאַרניע אַ גרופּע גנבים מיט צוויי ברעטלעך און מען האָט צוגעשלאָגן דאָס אָפענע פענצ־טער, אַזוי אַז עס איז קיין עפענונג נישט געווען מער. דאָן האָט זיך דערהערט דאָס טראַסקען פון טרוקענע שייטן האָלץ אין קאָרידאָר־אויוון, וואָס האָט פאַרבונדן אונדזער קאַמער מיט זייערער.

גאָנסיאָראָווסקי איז צוגעגאַנגען צו מיין קאַמער, געעפנט דאָס פענצ־טערל און שטיל דערציילט די קורצע מעשה פון יונגן בחור: זיי האָבן (4 מאָן) אָנטייל גענומען אין אַן אָנפאַל אויף אַ פּאָסט אין אַ קליין שטעטל נעבן לאָדזש. דער יונגער בחור, אַראַמסקי, איז אָבער בלויז געווען דע־, וועמען מען האָט אָנפאַרטרויט דאָס קעסטל מיט געלט. ער אַליין האָט נישט געשאָסן אויף די באַאַמטע פון פּאָסט. מיט זיי איז געווען אַ פינפ־טער מאָן, אָברידאַ, וועלכער איז געווען דער הויפּט־שולדיקער. ער האָט אָבער אַרויסגעגעבן דעם יונגן בחור, ביי וועלכן מען האָט געפונען דאָס געלט. און דערפאַר האָט אים דאָס מיליטער־געריכט פאַרביטן די טויט־שטראָף אויף 15 יאָר קאַטאָרגע. דער יונגער בחור אַדאַמסקי האָט באַקומען טויט־שטראָף, כאָטש די דריי עלטערע מענער האָבן געזאָגט עדות, אַז ער איז נישט געווען ביים „אַקט" גופא. אָבער מען האָט זיי נישט געגלויבט, נישט געגלויבט אַדאַמסקין, וועלכער האָט געבראַכט עדות, דעם גלח פון דאָרף, אַז ער איז געווען אין דאָרף דעם אָוונט פון „אַקט".

דערפאַר האָט ער אַזוי האַרץ־ברעכנדיק געוויינט: דער ליגן, דער ליגן, פאַר וועלכן מען האָט פאַרקויפט זיין לעבן, זיין יונג לעבן! דער פאַררעטער, וועלכער וועט בלייבן לעבן, כאָטש ער האָט דערהרגעט דעם קאַסירער פון פּאָסט, בעת ער, אַדאַמסקי, דאַרף שטאַרבן...

ביי אונדז אין קאַמער איז געווען אַ שרעקלעכער צושטאַנד: מיר האָבן באַשלאָסן, גראַזשינאַ און איך, צו גיין צום נאַטשאַלניק, נעמען געלט פון אונדזער רעכענונג און שיקן אַ טעלעגראַמע צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אין זיין נאָמען, מיט דער צושטימונג פון זיין אַד־

וואָקסאַט, צו בעטן פאַרבייטן זיין משפט אין תפיסה, אַזוי ווי ער איז נאָך נישט 18 יאָר אַלט.

דאַן בין איך אַריין צו זיי אין קאַמער, בעת עס איז שוין געוואָרן פינצטער און אונדזער קלוטשניק האָט זיך געדראַפּט בייטן פאַר דער נאַכט. די דריי זיינען געשלאָפן אויף די נאַרעס, ווייל זיי האָבן זיך אָנגעגעסן און מען האָט זיי געבראַכט שנאַפּס.

אַדאַמסקי האָט אַ מידער זיך אָנגעשפּאַרט אָן אויוון, אויף זיינע קני האָט זיך געטרוקנט זיין איינציק נאָזטיכל, אין וועלכן ער האָט דעם גאַנצן וועג פון געריכט געוויינט. אַברידאַ, דעם פאַררעטער, האָט מען געהאַלטן אין אַן איינצל־קאַמער, ווייל עס פלעגט טרעפן, אַז באַשולדיקטע, ווען זיי האָבן געהאַט אַ חשד אויף אַ מיטאָנגעקלאָגטן, פלעגן אים דערמאָרדן און אַזוי אַרום אָפּציען דעם משפט.

איך בין אַריין צו אים אין קאַמער, און ער האָט קוים געקאָנט עפענען די געשוואָלענע אויגן. ער איז געווען כמעט אַ אינגל, מיט אַ פּשוטן פויערשן פּנים, בלויע אויגן און אַ קאָפּ מיט שטרויענע האָר, ווי צייטיקע ווייץ. ער איז אַפילו נישט אויפגעשטאַנען, ווייל זיין מוח האָט גאָרנישט ניט באַנומען...

איך האָב אים געבראַכט שטאַרק־הייסן טיי פון דער קאַמער, געהייסן אים טרינקען, באַרואיקט אים, אַז מיר האָבן געשיקט אַ טעלעגראַמע צו סקאַלאָנען און אַז ביז מאָרגן פרי וועט מען וויסן דעם ענטפער. עס פּאַסירט אַמאָל, אַז אַפילו ביים משפט אַליין, שוין אויפן וועג, באַקומט מען אַן ענטפער — און מען פאַרבייט די שטראָף, — אַזוי האָב איך געטענהט.

ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און אַ מערקווירדיקע ליכט האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן — עס איז אַזש געוואָרן שווער אויפן האַרצן: איך האָב געוואוסט, אַז קיין גוטער ענטפער וועט נישט קומען: סקאַלאָן האָט נאָך נישט פאַרביטן קיין טויט־שטראָף פון אַ באַנדיט בעת די פעלד־געריכטן אין די נאָך־רעוואָלוציע יאָרן...

אָבער עפּעס האָט מיך געטריבן צו מאַכן אים די לעצטע מינוטן אַזוי פול מיט האָפענונג, ווי מעגלעך, און צו ווייזן אים, אַז עס איז פאַראַן אַן אַנדער זאַך, פאַר וועלכער מען שטאַרבט, איידער באַנדיטיזם.

ער האָט געטרונקען דעם הייסן טיי, דאָס ערשטע געטראַנק היינט. ער האָט זיך נישט צוגערירט צום עסן, נישט געטרונקען מיט זיי דעם

שנאַפּס. ער האָט מיט ביידע הענט געהאַלטן דאָס טעפּל טיי, ווי מענטשן, וועמען עס איז קאַלט און זיי וואַרעמען זיך די הענט בעת זיי טרינקען.
אַזוי טרינקען פּויערים אָדער מענטשן אויפן מאַרק, אין דער קעלט.
דאַן האָט ער, אויף מיינע פראַגן דערציילט וועגן זיך און זיין גאַנצן קורצן לעבן. זיין מוטער האָט געדינט ביים פּריץ, אַ פאָטער געדענקט ער נישט, די מאַמע פלעגט זאָגן, אַז ער איז אַוועק אין מלחמה און נישט געקומען צוריק. ער האָט געוואָלט זיין אַ גערטנער און האָט געהאָלפן אין פּריצישן גאָרטן, ליב געהאַט בלומען, געהאָדעוועט יאַגדעס אין „וואַרעם־הויז" און געגאַנגען אין דער דאָרפישער שולע. דערנאָך האָט ער פאַרלוירן די מאַמע, זי איז געשטאָרבן אויף טיפוס, אַזוי האָבן געזאָגט פריינט און שכנים.
ער איז געוואָרן דער געהילף פון גערטנער און האָט געוואוינט ביים גלח, וועלכן ער פלעגט באַזאָרגן זיין גאָרטן צוויי מאָל אַ יאָר. ער איז געוואָרן 17 יאָר דעם זומער. געקאָנט לייענען און שרייבן, גענומען אַמאָל אַ ביכל ביים גלח וועגן די מאַרטירער פון דער קאַטוילישער קירך, גע־גאַנגען אין קלויסטער יעדן זונטיק.
אָבער די זאַווערוכע איז צו זיי געקומען אין דאָרף, האָט געזאָגט דער גלח. מען פלעגט אָנפאַלן אויף פּורמאַנקעס מיט שטאָטישע מענטשן, וועלכע פלעגן פאָרן מיט סחורות פון לאָדזש. איינמאָל איז מען אריין צום פּריץ, אין אָוונט, און געפּאָדערט געלט פון עקאָנאָם מיט אַ רעוואָל־ווער אין די הענט און מיט אַ מאַסקע אויפן פּנים.
דאַן זיינען אין דאָרף אַמאָל געקומען אָט־די דריי פאַרשוינען, מיטן פערטן, אָברידאַ, דעם היינטיקן פאַררעטער, און מען האָט פון זייער דאָרף אַוועקגעפירט צוויי בחורים. מען ווייסט נישט, וואוהין זיי זיינען אַוועק... ער איז זיך היינט משער, אַז זיי זיינען געוואָרן באַנדיטן.
אָבער מיט אַ מאָנאַט צוריק האָט מען געמאַכט אַן אָנפאַל אויפן פּאָסט־קאַנטאָר אין ראַדאָגאָשטש, נישט ווייט פון זייער דאָרף, און אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען צוויי פון די פאַרשוינען, אָברידאַ איז געווען דער צווייטער, געקומען נאָך אים, בעטנדיק, מיט זיי מיטפאָרן צו אַ פריינט און העלפן זיי אין אַ „ספּראַווע" — אַן ענין. אַזוי ווי עס איז געווען אַ זונטיק, און ער איז געווען פריי, איז ער אַוועק מיט זיי. צו זיין גרעסטן צאָרן און שרעק, האָט מען געמאַכט אַן איבערפאַל אויף אַ דערבייאיקן קאַנטאָר, ווי ער מיינט אַ „סקאַרבאָוון", אַ מלוכה־סקלאַד, און אים, אַדאַמסקין, געהייסן נעמען אַ קעסטל אַהיים. ער האָט נישט געוואוסט,

אז עס איז געלט, ביז עס איז געקומען די פּאָליציי צו אים מיט א גענויער באשרייבונג פון קעסטל. מען האָט עס נישט באדאַרפט לאנג זוכן — עס איז געשטאַנען אונטער דער שאַפע מיט אַלטע פערד־פּלאַכטעס, אין זיין קעמערל...

די גאַנצע גרופּע איז שוין געווען ארעסטירט און אַברידאַ, נאָך אַפּלייקענען אַלץ, סוף־כל־סוף, באקומענדיק דעם צוואַג פון א תפיסה־שטראָף, האָט אַלעמען „פאַרשאָטן" און געשיקט די פּאָליציי צו אים. און היינט האָט ער אַליין געמוזט הערן, ווי אַברידאַ האָט אויף אים אָנגעוויזן, ווי אויף אַן אַנטיילנעמער פון דער עקספּראָפּריאַציע... עס האָט נישט געהאָלפן קיין עדות־זאָגן, דער גלח איז נישט גענומען געוואָרן אין באטראַכט, ווייל מען האָט אים גערעכנט ווי עפּעס א קרוב פון אדאַמסקין. די מיליטערישע מאַכט איז געווען אויפגעצאַרנט אויף די אָנפאַלן פון דער רעכטער פראַקציע פון דער פּ.פּ.ס., וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין באַנדיטישע אָנפאַלן אויף פּאָליציי און ציווילע פּערזאָנען.

אדאַמסקי האָט געשוויגן א מידער. מיר זיינען געזעסן אויף נידעריקע טאַבורעטקעס און דאָס ליכטל אין דער פלאַש האָט געוואָרפן גרויע שאָטנס אויף זיין מידן, פּלוצלונג אַלט־געוואָרענעם פּנים, ווי ער וואָלט מיט 10 יאָר געוואָרן עלטער. אָבער דאָס איז געווען די פּיין פון די לעצטע 8 טעג: דער ארעסט, דאָס פעלדגעריכט, די אויפטרייסלונג... דאָס געזעץ האָט געגעבן 24 שעה פאַר משפּט און אויספירונג. דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע שעהן. זיין לעבן איז געהאַנגען אויף די שוואַרצע דראָטן פון טעלעגראַף צווישן לאָדזש און וואַרשע. דרויסן איז געווען א פראָסט און דער סאָלדאַט אונטערן פענצטער, א פאַרפרוירענער און בייזער, האָט געטופּעט מיט די שטיוול, ווען ער איז געשטאַנען א מינוט. דער טורמע־הויף האָט געשוויגן. יעדער האָט געהאַט געגוג צו טראַכטן וועגן זיין אייגענעם לעבן, וואָס האָט זיך איינגעקלעמט אין די שמאָלע ראַמקעס פון א פּאָליטישן פּראָצעס קעגן דער צאַרישער מאַכט, א מאַכט, אין וועמעס הענט עס איז געלעגן דער גורל פון 180 מיליאָן מענטשן: גערטנער, געלערטע, סטודענטן, פּויערים, וועבער, רעוואָלוציאָנערע קעמפער און באַנדיטן.

איך האָב אדאַמסקין געענטפערט אויף דער פראַגע, ווער איך בין: דער בחור האָט נישט געוואוסט וועגן קיין פּאָליטישע ארעסטירטע, ער האָט נאַאיוו געפרעגט, וואָס איך האָב געגנבעט, און אז עס איז א שאָד צו זיצן אין תפיסה ווען מען איז יונג, ווי די „פּאַניענקאַ"...

און איך האָב דערפילט אזא הארציקע ליבשאפט צו אָט־דעם טראַגיש־אומגעקומענעם מענטשן (יאָ, איך האָב שוין אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ מת) אזא דאנקבארקייט פאר זיין באַדויערן מיין גורל, פאר זיין מיטלייד מיט מיין יוגנט, אז איך האָב אַ גלעט געטאָן זיין האַנט: אגב, האָט ער איצט געהאט ווארעמע, לעבעדיקע הענט, מיט די הענט האָט ער געהאָדעוועט פיאלקעס און רעזעדא, די שענסטע בלומען, ווי ער האָט געמיינט. אָבער ווען ער האָט געזאָגט, מיט אַ האָפענונג אין זיין קול, אז אפשר וועט ער אמאל ארויס פון תפיסה און קאָנען פאר מיר האָדעווען בלומען און יאַגדעס, האָט זיך דאָס הארץ ממש געוואָלט צערייסן פון ווייטיק...

איך האָב אים געהייסן שלאָפן. דער קלוטשניק האָט מיך ארייַנגעפירט אין מיין קאַמער און דאָרט האָט מיך גראזשינאַ געטוליעט צו זיך און געשוויגן, בעת איך האָב געוויינט, ווי אין דער קינדהייט, שטיל און פארביסן. מיר האָבן זיך די נאַכט נישט געלייגט שלאָפן. געזעסן אָנגעטאָן אויף די נאַרעס. 5 פארטאָג האָט מען מיך גערופן צו דער קאַנצעלאַריע: „אָטקאזאַנאָ כאָדאטאיסטווע", איז געווען דער ענטפער פון סקאלאָן... (אָפּגעזאָגט די בקשה).

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט מען די גרופּע געוועקט און אָפּגעפירט „אין געריכט", ווי עס האָט געזאָגט אויפן קול דער גראָבער טורמע־נאַטשאלניק, מאָדזעלעווסקי. אָבער מיר האָבן אַלע געוואוסט, אז מען פאָרט אין וואַלד, הינטער קאָנסטאַנטינאָוו, וואו מען פלעגט שיסן די פאַרמשפּטע.

אדאמסקי איז געווען רואיק, ווייל ער האָט געהאָפט... צו איינעם פון די פארמשפּטע איז ביינאַכט געקומען דער רב, ווייל עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז איינער פון זיי איז געווען אַ געוועזענער איד, וועלכן מען האָט אַלס קינד געשמדט. אזוי האָט געזאָגט דער קלוטשניק. איך האָב צוגערופן אַ „זיי־געזונט" צו אדאמסקין מיט אַ צעבראָכן קול, מיט אַ פארצווייפלונג אין הארצן... דער יונגער בחור איז געווען איינגאַנצן אומשולדיק. אַ קרבן פון אַ געמיינעם פארראט און פון ברוטאַלע צארישע אָפיצערן, וועלכע האָבן געהאסט דעם „קליינעם מענטשן", געהאסט דאָס פּוילישע פאָלק, פונקט ווי זיי האָבן געהאסט דאָס פאָלק פון רוסלאַנד.

מיט צוויי שעה שפּעטער האָט דער קלוטשניק געזאָגט צו מיר אין דער קאַמער: „יוזש פּאָ ווּשיסטקים" (נאָך אַלעמען), — אָבער דער סאָל־

דאַט זאָגט, אַז ער האָט אויסגעשריגן מיט כעס און שנאה, פאַרן טויט: „פּרעטש ז צאַראַטעם, ניעך זשיע רעוואָלוציאַ"... אַזוי האָבן די פּוילישע סטראַזשניקעס דערציילט. (נידער מיטן צאַריזם! זאָל לעבן די רעוואָ־לוציע!)

טויט־מידע האָבן מיר זיך געוואָרפן אויף די נאָרעס און דעם גאַנצן טאָג נישט גערעדט צווישן זיך. צווישן די גנבים, וואָס האָבן געראַמט דעם קאָרידאָר, האָט געהערשט דעם טאָג אַ שווייגן, זיי זיינען געווען אויפגע־טרייסלט פון דעם אַקט פון הפקרות בנוגע אַ מינדעריאָריקן מצד דעם געריכט. זיי זיינען צוגעקומען צום פענצטערל און געזאָגט, אַז ער האָט געלאָזן זיין נאָזטיכל אין דער קאַמער. איינער פון זיי, מיינער אַ פריינט, וואָס האָט מיר געהאָלפן שיקן צעטעלעך צו דר. פּינקוס, אַ סאָציאַליסט פון דער פּ.פּ.ס., אַ שכן אונדזערן אויפן ערשטן שטאָק, האָט דאָס טיכל אויסגעוואַשן, אויסגעפּרעסט און עס מיר געבראַכט. איך בין געווען איבערראַשט פון אָט־דעם פיינעם זשעסט, אים געדריקט די האַנט און געבעטן אים צו קומען צו מיר, ווען מיר וועלן אַרויס ביידע אויף דער פריי. ער פלעגט טאַקע קומען צו אונדז, אָבער אויף אַלע מיינע עצות, צו גיין זוכן אַרבעט, פלעגט ער שווייגן. איך האָב געפילט, אַז דאָ ענדיקט זיך די גלייכקייט פון אונדזערע תפיסה־באַציאונגען און אַז איך דאַרף נישט ווירקן אויף אים און „ראַטעווען" זיין נשמה: גענוג, אַז ער איז געווען ערלעך צו אונדז, פּאָליטישע, און קיינמאָל אונדז קיין שלעכטס נישט געטאָן.

נאָך דעם פאַל מיט אַדאַמסקין האָב איך מיט אַ סך מער שנאה און חוצפּה גערעדט צו דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע, פאַרטיידיקט אַלע, וועמען מען האָט געקריוודעט פון די קרימינעלע (די פּאָליטישע האָבן זיך קאָלעקטיוו געווערט און געקעמפט) און געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אין „קאַרצער". שטענדיק אָבער פלעגט זיך געפינען איינער פון די גנבים, וואָס פלעגט נעמען דעם שליסל פון קלוטשניק און מיר אַריינרוקן אַ טעפּל טיי אָדער אַ שטיקל קאַלט פלייש, אָפּגעשפּאָרט פון אייגענעם מאָגערן טורמע־מיטאָג, איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר.

דאָרט האָב איך אָנגעהויבן ליב צו האָבן דעם מענטש מיט אַלע זיינע פעלערן און מעלות, דעם מענטש אָן פּרייהייט, וואָס איז מער פּשוט, איידער דער „פרייער".

מענטשן פון דער רעוואָלוציע, 1905־1908, אין פוילן

אַ גוואַלטיקער שטח אין צייט ליגט צווישן יענע ערשטע צאַפּלדיקע יאָרן פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און היינט; נישט אויסצומעסן אין עפּיזאָדן, באַגעגענישן, פאַקטן, נשמה־קאָנפליקטן, עקסטאַז־מאָמענטן און שווערע וואָכעדיקע טעג, ווען די טעמפּע, ברוטאַלע לאַפּע פון דער רעאַקציע פלעגט איבעררייסן אויף אַ צייט אונדזער אַרבעט און ווען מיר האָבן געשאַפן נייע מעטאָדן און נייע וועגן פון קאַמף.

עס איז אָבער געלעגן אַזאַ פאַרבן־פּראַכט אַרום יענער צייט, אַרום יענע געשטאַלטן פון דער באַוועגונג, אַרום זייער העלדישקייט אונטער אַ פּשוטער באַשיידענער האַלטונג, אָן פּראַזן און אָן פּאַטאָס פון די לעגאַלע מערב־לענדער, אַז אייניקע פון זיי שטייען ווי אויסגעטאָקט פון בראָנז, קרעפטיק און שטאָלץ, ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל פון זכרון, ביז אויפן היינטיקן טאָג.

דער פאַקט, וואָס וואַרפט אַ טיפן שאָטן איבער אַ טייל פון די געשטאַלטן, איז זייער פּאָליטישע ענדערונג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין דער „עמיגראַציע", און בכלל זייער פאַרלאָזן דעם קאַמפּס־פּלאַץ פון רוסלאַנד און פוילן אין אַזעלכע גרויסע מחנות צווישן 1906 און 1914. דאָס איז אַ דערשיינונג, מיט וועלכער איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט מאַכן שלום. אַזוי איז עס געווען ווען איך האָב צווישן די הונדערטער און טויזנטער געטראָפן אַלטע אַמאָליקע באַוועגונגס־מענטשן, סיי אידן, סיי ניט־אידן — איבער אַלע פינף טיילן פון דער וועלט, באַזונדערס איז עס מיר געווען שווער צו זען דאָ, אין אַמעריקע — בפרט נאָך די מענטשן, וואָס זיינען אַוועק באַלד נאָך 1905.

די אָפּיציעלע צאָלן אידן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן דאָס צאַרישע רוסלאַנד צווישן 1905 און 1908, איז אַרום 750 טויזנט נפשות . . . נאַטירלעך, איז די מערהייט געווען נישט דער פּראָלעטאַרישער טיפּ, עס זיינען „געלאָפן" קליינבירגער אַזוי סוחרים אוים מורא פאַר דער רעוואָלוציע, אָבער דאָס אָרגאַניזירן דאָ און אין די מערב־אייראָפּייאישע לענדער אידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אידישע קולטור־אַנשטאַלטן, צוזאַמען מיט דעם אויפבוי אין אַמעריקע פון ריזיקע יוניאָנס

און אידישע צייטונגען, ווייזט דאָך אויף א גוואַלטיקן פּראָצענט באַ־וועגונגס־מענטשן, וואָס די עמיגראַציע פון יענער גרויסער דערוואַכונגס־עפּאָכע אין מזרח־אייראָפּע האָט אריבערגעטראָגן קיין אמעריקע. צום באַדויערן, זיינען די ארבעטער־עלעמענטן נישט געווען איינזאַם: א גאַנץ היבשע, אויב נישט א גאָר גרויסע צאָל פון „אינטעליגענטן" און „האַלב־אינטעליגענטן" איז אויך געקומען אין אַלע לענדער פון מערב.

און שרייבנדיק אָט־די בלעטער פון דער פאַרגאַנגענהייט, זע איך איצט פאַר זיך דריי עמיגראַציעס — דריי באַזונדערע פאַזעס אין אַן אימ־פּעטדיקן היסטאָרישן קריסטאַליזיר־פּראָצעס פון בויען דעם סאָציאַ־ליסטישן מאָרגן, נאָך א ביטערן קאַמף מיט דעם קאַפּיטאַליזם אין זיין היינטיקער אימפּעריאַליסטישער פאַזע מצד די געבליבענע אויף די ערטער.

די דריי עמיגראַציעס זיינען די איבערשיכטונגען, סיי אין דעם מענטשן־מאַטעריאַל, סיי אין דער געשעענער עוואָלוציע אויף די ערטער, סיי אין דער קאָנצענטראַציע פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון דער אַלטער וועלט דאָ אין דער „נייער": אין אמעריקע, נישט דורך א צופאַל, נאָר דורך א דערמוטיקונג פון אויבן און פון דרויסן. און די דריי עמיגראַ־ציעס זיינען: 1) פון די רעוואָלוציאָנערע קעמפער פון 1905, וועלכע זיינען געלאָפן סיי פון דער תפיסה, סיי פון דער תליה, סיי פון הונגער, סיי פון פּאָגראָמען — אָרגאַניזירט נאָכן דערשטיקן די ערשטע רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד; 2) די עמיגראַציע, וועלכע איז געלאָפן פון דעם יונגן סאָוועטן־פאַרבאַנד נאָך 1917, און וועלכע נעמט אַרום אַלע שונאים פון סאָציאַליסטישן איבערבוי, אָנהויבנדיק מיט די אקטיווע ווייסגוואַר־דייער און מיליטערישע דיווערסאַנטן און ענדיקנדיק מיט „כשרע" מענ־שעוויקעס, בונדאָווצעס, „עס־ערן" און אַנאַרכיסטן. זיי זיינען גע־לאָפן קיין אויסלאַנד, אוים „ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד" — אַלס „קרבנות פון באָלשעוויזם", וועלכן זיי האָבן אויף זיך גענומען כלומרשט „אויפ־קלערן" זיצנדיק אין זייערע אמעריקאַנער באַקוועמע היימען. אגב — נישט צו פאַרגעסן ציוניסטן פון אַלע שאַטירונגען און פראַקציעס, פאַר וועלכע, עס ווייזט אויס, קאָרנילאָוו, מאַכנאָ און פּעטלוראַ זיינען געווען א מער־צוגעפּאַסט אָרט פאַר „אַרבעט אין גלות", איידער א סאָציאַליס־טישע רעגירונג; 3) די דריטע עמיגראַציע, די היינטיקע, — נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — וואָס שטראָמט אהער און אין דייטשע לאַגערן פון די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע און נאָכדעם ווי טויזנטער

פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט און יאָרנלאַנג געאַרבעט אין די רעפּובליקן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע פון מזרח־אייראָפּע.

אַזוי אַרום איז יעדע שפּעטערדיקע עמיגראַציע געווען ערגער קוואַ־ליטאַטיוו פון דער פריערדיקער, און געשאַפן קאָמפּליצירטע באַדינגונגען פון אַרבעט.

נאַטירלעך, אַ טייל פון די געוועזענע רעוואָלוציאָנערע טוער פון פּוילן אָדער רוסלאַנד זיינען אויך דאָ, אין דער עמיגראַציע, געבליבן טריי דער אַרבעטער־זאַך און האָבן זיך געפונען אין די רייען פון דער סאָציאַ־ליסטישער (אָן געגנזנפּיסלעך) באַוועגונג. און מיט זיי צו טרעפן זיך איז געווען גוט און האַרציק־ווייטאָגדיק, באַזונדערס ווען מען זעט וואָס די עלטער און דאָס שווערע אַמעריקאַנער אַרבעטער־לעבן האָט געמאַכט פון זיי אין דעם משך צווישן „סוועטשאַפּ“, און ניט פאַרשטאַנענער אַמעריקאַני־זאַציע און — היינט, ווען די אַרבעטער־מאַסן פון אַמעריקע האָבן אין עקשנותדיקע קאַמפן געוואונען, ביז אַ היבשן גראַד, מענטשלעכע אַר־בעטס־און פאַרזיכערונגס־באַדינגונגען.

ווידער אין זשענעווע — 1908

איך באַקום אַ לעקציע אין פּאָליטישע מאַניערן . . .

עס האָט זיך פּונקט געטראָפן אַזוי, אַז דעם איינגענעם טאָג וואָס איך בין געקומען פון פּוילן, נאָכן אָפּזיצן אין לאָדזשער תפיסה די אַכט מאָנאַטן זייט מיין אַרעסט אין ראָזענטאַלס פאַבריק, איז געווען באַשטימט אין זשענעווע אַ גרויסער פּראָטעסט־מיטינג אין „סירק ראַנסי". דעם מיטינג האָט פאַררופן אַ פאַראייניקטער קאָמיטעט פון אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע פראַקציעס, וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אין דעם באַשטאַנד פון דער „רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי", צוזאַמען מיט דער שווייצאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דער פּראָטעסט איז געווען קעגן דעם דייטשן רייכסטאַגס־געזעץ פון 1908, לויט וועלכן פּוילישע פּויערים אין דער פּראָווינץ פּאָזן האָבן נישט געטאָרט זיך באַזעצן אויף ערד, נישט געטאָרט וואוינען אין אַ הויז, נאָר זיי האָבן געדאַרפט לעבן אין אַ . . . „וואָגן", זיין, אַזוי צו זאָגן, וואַנדערער, באַוועגלעכע נפשות.

עס איז געווען אַ ברויזנדיגע צייט אין מערב־אייראָפּע און אין דייטשלאַנד האָט נאָך געקלונגען מיטן באַרימטן אינצידענט קעגן צוויי „אויסלענדער", אידישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, מאַנדעלשטאַם און זילבערבערג, וועלכע דער פּרייסישער אינערן־מיניסטער האָט אָנגערופן אין פּאַרלאַמענט: „צוויי רוסישע שנאָרער און פאַרשווערער". דער סקאַנדאַל איז געווען אומגעהויער גרויס און די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרלאַמענט־פראַקציע האָט פּראָטעסטירט באַלד אויפן אָרט און שפּעטער פאַררופן מאַסן־מיטינגען אין בערלין און גאַנץ פּרייסן. איז דעריבער געווען קלאָר, אַז ביים אָפּשטימען דאָס געזעץ קעגן פּוילישע פּויערים, האָבן זיך אויפגעהויבן מאַסן־פּראָטעסטן אויך איבער אַלע אוניווערסיטעטן, פּונקט ווי צווישן אַרבעטער־מאַסן אין די דעמאָקראַטישע לענדער.

ווען איך בין באַלד נאָכן געפינען אַ צימער אין זשענעווע (וואו איך בין שוין געווען פריער אין 1905) זיך באַוויזן אין דער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע פון די פּוילישע קרייזן, האָט מען זיך דערפרייט מיט מיר, ווי מיט אַ פּוילישן רעדנער, פאַרן מיטינג און מיך באַלד באַשטימט צו

ריידן אַלס די ערשטע אויף דעם טאָג־אָרדענונג. און דאָס האָט אויסגע־פּירט די בונדישע קליינע גרופּע פון סטודענטן, אָנמערקנדיק, אַז אַ פּאַר־שטייערין פון סאַמע אונטערדריקטן אידישן פֿאָלק אין רוסלאַנד און אַלס אַ בירגערין פון פּוילן, דעם צווייטן אונטערדריקטן פֿאָלק, מוז איך רעדן פֿאַר די רוסן, אָדער וועלכער אַנדערער נאַציאָנאַליטעט.

דער מיטינג האָט זיך געדאַרפט עפענען 2 אַזייגער, און מיט אַ האַל־בער שעה פריער בין איך שוין געווען אין דעם ריזיקן צירק „ראַנסי" אין „פּלענפּאַלע", אין דער סטודענטישער און אַרבעטער־געגנט פון זשענעווע. איך האָב געוואוסט, אַז דער צירק איז אַ ריזן־געביידע און האַלט ביי טויזנט מענטשן און האָב זיך זייער געפרייט אויף אַזאַ גרויסער אוידיטאָ־ריע. כאָטש איך האָב געדאַרפט ריידן אויף פּויליש און נישט אויף פראַנ־צויזיש, האָב איך דאָך געוואוסט, אַז עס וועט דערגרייכן אַלעמען, ווייל מען וועט איבערזעצן. צי האָב איך זיך ניט אַביסל דערשראָקן פאַר אַזאַ גרויסן עולם? איך מוז אָפן זאָגן, אַז די דערפֿאָלגן אין די גרויסע פּוי־לישע פאַבריקן, וואו עס איז אויסגעקומען אין די אָקטאָבער־טעג, און שפּעטער אין 1906, צו ריידן פאַר טויזנטער אַרבעטער, האָבן מיך אָנ־געפּילט מיט אַזאַ זיכערקייט, און מיין פּוילישע שפּראַך איז געווען אַזוי גוט פאַרזאָרגט מיט ווערטער און אויסדרוקן, אַז איך פלעג זיין זיכער. בלויז איין מאָמענט האָט מיך אַביסל געשטערט: ווי אַזוי וועל איך עפּעס ריידן צו סטודענטן, צו אינטעליגענטן? אָבער ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין פּאַרזיצער, אַ פּוילישן סטודענט, דאַווידסאָן, אַן „עס־דעק" (סאָצ.־דעמאָקראַט), וועלכער האָט מיך געקענט טאָקע פון לאָדזש, האָט עס מיך באַרואיקט און איך בין שוין געשטאַנען ביים סאַמע ראַנד פון דער פּלאַטפאָרמע, הינטערן גוואַלטיקן צירקוס־פאַרהאַנג, מיט מיין זייגערל אין האַנט, גרייט אַריינצוגיין, ווי נאָר מען וועט מיך אָנאָנסירן. מיר, די רעדנער, זיינען געשטאַנען און האָבן זיך באַגריסט; עס זיינען געווען אַרמעניער, גרוזינער, ליטווינער, לאַטישן, דייטשן. פּלוצלינג האָב איך דערזען אַ פעסט־געבויטן, קרעפּטיקן מאַן, מיט אַ קליין, טונקל־בלאָנד בערדל, אין אַ היטל, ווי אַן אַרבעטער טראָגט, אין אַ לעדערנער קורטקע פון אַן אַלפּיניסט, אַ שווייצאַרישן סטודענט, וועלכער האָט זיך עפּעס געפרעגט ביים פאָרזיצער און יענער האָט אים אָנגעוויזן אויף מיר.

דער פרעמדער איז צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט, אַז ער וועט ריידן אויף רוסיש, אַז ער מוז נאָך היינט אָוונט זיין אין אַ צווייטער

שטאָט, אויף א צווייטן מיטינג, און דעריבער בעט ער מיך, אז איך זאָל אים אָפּטרעטן די צייט פון דעם ערשטן רעדנער און אַזוי אַרום וועט ער נאָך באַווייזן צו כאַפּן דעם צוג קיין ציריך . . . ער איז געווען זייער ערנסט, גערעדט רואיק, אָבער זייער אַנטשלאָסן. איך האָב זיך דערפילט אביסל מאָדנע וואָס ער רעדט מיט מיר און נישט מיטן פאָרזיצער און אין דער זעלביקער צייט האָב איך זיך געפילט זייער וויכטיק: אַן ערנ־סטער, עלטערער פון מיר רוסישער אַרבעטער באַהאַנדלט מיך, ווי א גלייכן, ווי אויך א רעדנער, דאָ אין אויסלאַנד, אין צענטער פון דער וועלט־אויפמערקזאַמקייט פון רעוואָלוציאָנערע ענינים. און פון דער צווייטער זייט ליגט דאָך אויף מיר א געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דער אָרדענונג פון די רעדעס. און אויב מען האָט אויף א באַראַטונג באַ־שלאָסן מיר צו געבן דאָס ערשטע וואָרט, איז דאָך דערין א געוויסע נויט־ווענדיקייט. האָב איך דעריבער אַריינגעקוקט מיין „קאָנקורענט" ערנסט אין די שאַרפע, טיף־ליגנדיקע גרויע אויגן און געזאָגט גאַנץ פעסט, אז איך קאָן עס נישט טאָן; אז עס איז אַזוי באַשטימט געוואָרן פון דעם פאַראייניקטן קאָמיטעט; אז מען מוז זיין גאַנץ דיסציפּלינירט און אויס־געהאַלטן און אז ער האָט נישט געדאַרפט באַשטימען צוויי מיטינגען אין איין טאָג.

איך האָב באַמערקט א קליין פייערל זיך אָנצינדן אין די שמאָלע, גרויע אויגן פון מיין שכן; עפּעס ווי אַן אומגעדולד און א פאַרהאַל־טענער געלעכטערל, און נאָך עפּעס: א מין צאַרטקייט, ווי מען רעדט צו גאַנץ יונגע מענטשן . . . ער האָט א זאָג געטאָן: „חברטע, איך בעט אייך זייער, טוט עס פאַר מיר!" איך האָב זיך געהאַלטן ביי דאָס מייניקע: „ניין — אָטשען זשאַל, נאָ ניע מאָגו" (עס טוט מיר לייד, נאָר איך קאָן נישט). דעמאָלט איז דער מאַן אין דער קורטקע געוואָרן גאַנץ ערנסט און האָט א זאָג געטאָן, שוין מיט א שטיקל דראָאונג: „איז דאָס אייער לעצטער וואָרט?" — „יאָ מיין לעצטער וואָרט". — „גוט!" — האָט געזאָגט דער מאַן. ער איז צוגעגאַנגען צום סאַמע ברעג פון דער בינע, א הויב־געטאָן דעם פאַרהאַנג מיט ביידע הענט, אַרוים אינ־מיטן דער פּלאַטפאָרמע, אַראָפּגענומען דעם קאַרטוז פון קאָפּ און א זאָג געטאָן: „טאָוואַרישטשי אי גראַזשדאַניע!" . . .

דער זאָל האָט א דונער־געטאָן מיט אַפּלאָדיסמענטן . . . דער עולם סטודענטן איז אויפגעשטאַנען פון די פּלעצער און נישט געוואָלט זיך

איינשטילן. דער רעדנער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט (דעם באַ־רימטן מאַך מיט דער האַנט, וואָס איז שפּעטער פּאַראַיביקט געוואָרן אין אומצאָליקע מאָנומענטן), און דער עולם האָט זיך אַ זעץ געטאָן און עס איז געוואָרן שטיל אין זאַל . . .

פון די סאַמע ערשטע דערצאָרנטע, שטאַרקע זאַצן, אין וועלכע דער רעדנער האָט געוואָרנט קעגן דער אייזערנער פויסט פון ביסמאַרק־בילאָור־מאַלטקע, קעגן דעם צפונדיקן „גיבראַלטאַר" פון העלגאָלאַנד, האָט זיך געפילט די מאַכט פון געדאַנק, פון כוח, איינגעפּרעסט אין דעם צעמענט פון דעם לאָזונג: „די באַפרייאונג פון פוילישן פויער, איז די זאַך פון פוילישע און דייטשע אַרבעטער פון די צוויי לענדער — פוילן און דייטש־לאַנד. נאָר אין קאַמף ליגט דיין באַפרייאונג, דזשימאַלאַ, דו סימבאָל פון פרייסישן קרייץ־ריטערטום" . . . (דזשימאַלאַ איז געווען דער נאָמען פון פוילישן פויער, וואָס האָט געוואוינט אין אַ וואָגן).

דער רעדנער איז געווען — לעניןַ! און איך האָב זיך פאַרמאָסטן צו רעדן צו אים ווען „דיסציפּלין!" ווען ער איז אַרויס צוריק, האָט ער, מיט אַן אומפאַרגעסלעכן שמייכל, מיר דערלאַנגט די האַנט, אַראָפּ־גענומען זיין היטל און געזאָגט: „חבר'טע זאַמער (מיין פּסעוודאָנים אויף יענעם מיטינג), איר זייט נאָך יונג, כאָטש אייער עקשנות געפעלט מיר. אָבער ווייסט, נישט שטענדיק דאַרף מען זיין פאַרעקשנט — איך מוז דאָך פּאָרט באַווייזן צו דערגרייכן ציריך. און נאָך אַ זאַך: גע־דענקט — אויב די באָלשעוויקעס מוזן דערגרייכן עפּעס, וועלן זיי דאָס טאָן אונטער אַלע אומשטענדן."

ווען איך האָב דעם פּאָרזיצער אין אַ מינוט אַרום דערציילט, ווי איך האָב זיך געדונגען מיט דעם פאַר־רעדנער מיינעם, האָט ער אָנגעהויבן צו ווערן רויט און בלאַס: „נאַ באָגאַ, פּשעציע טאָ לענין" . . . (אום גאָטעס־ווילן — עס איז דאָך לענין) האָט ער געזאָגט פאַרצווייפלט.

ווען מען האָט מיך אַרויסגערופן (אַלס צווייטע שוין) צו רעדן, איז מיין גאַנצער מוט אַוועק פון מיר. עפּעס שייך צו רעדן נאָך לענינען . . . איך האָב געוואָרט אַ סעקונדע־צוויי, ביז דער אייגענער דאַווידסאָן האָט מיך שוין אַריינגעפירט ביי דער האַנט. איך האָב זיך פאַרלוירן, זיך גע־שעמט פאַר מיין רויטער בלום אויפן שוואַרצן קליידל, פאַר מיין זייגערל אין האַנט (מער ווי 20 מינוט האָט מען צוליב דער גרויסער צאָל רעדנער נישט געקאָנט רעדן), זיך געשעמט פאַר די הונדערטער סטודענטן אין

ריזן־זאַל. אָבער, קאַנטיק, אַז מען איז נישט געווען צוגעוואוינט צו יונגע רעדנערינס אין דער עמיגראַציע. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען על־טערע, ווי ברעשקאָווסאַיא, ווערע זאַסוליטש, עמאַ גאָלדמאַן, ליובאַטשקאַ אַרטאָדאָקס. ווייל ווי נאָר איך האָב זיך באַוויזן, האָט זיך דערהערט אויך דאָס פּאַטשן מיט די הענט, און דאָס איז געווען אַ שטיקל דער־מוטיקונג. עס איז מיר געקומען צוריק אין זכרון דער פּלאַן פון דער רעדע. און כאָטש עס איז געווען אין פּויליש, האָט דאָך דער עולם, הערנדיק דעם אימפּעט און טאָן פון מיין ריידן, מיט עטלעכע ציטאַטן אין לאַטיין, פון דעם בונט פון די שקלאַפן אין רוים, אַפּלאָדירט און צום סוף אפילו אויך אויפגעשטאַנען און אַפּלאָדירט.

דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן מיין אַרבעט אין דער זשענעווער קאָ־לאָניע, אויסער מיין לערנען זיך אין אוניווערסיטעט. דער עולם האָט מיך געקענט פון דעם טאָג אָן און אָפט געבעטן קומען ריידן אויף סטו־דענטישע מיטינגען. איך בין אָבער אַ לאַנגע צייט דערנאָך געווען „צע־טראָגן" און פאַרלוירן פון מיין „חוצפּה". מיט דער באָלשעוויסטישער פראַקציע האָבן מיר געלעבט בשלום.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, האָט מיך אויף אַ סטודענטישן אָוונט גע־בעטן זינאָוויעוו'ס שוועסטער אָנטייל צו נעמען אין אַ לעבעדיק בילד, וואָס האָט געזאָלט פאַרשטעלן אַ פרייהייטס־סטאַטוע. מען האָט געזוכט אַ מיידל מיט גרויסע אויגן און לאַנגע האָר. מען איז געגאַנגען צווישן די געסט און זיך אָפּגעשטעלט ביי מיר. איך האָב אין אָנהויב עס נישט געוואָלט אָננעמען. איך בין געווען צו־שעמעוודיק דערצו, אָבער ראַדעק האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ טייל פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט צו באַ־גייסטערן מענטשן אפילו אין טעאַטער . . . "

וו. מעדעם (1923—1910) *)

הינטער מיר זיינען געלעגן יאָרן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, פון תפיסה, פון אַ האַרטן קאַמף מיט דער משפחה מיינער צוליב מעדעמען, וועלכער איז געווען, לויט זיינע פּאַפּירן, אַ קריסט; לויט זיין פּאָליטישן סטאַטוס — אַ רעכטלאָזער עמיגראַנט און פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער — אַלץ שלעכטע מעלות פאַר אַ באַלעבאַטישער משפחה... און אויב ער האָט אויסגעקליבן מיך פאַר אַ לעבנס־באַגלייטערין, האָט ער געהאַלטן, אַז איך בין ווערט אַזאַ שטאַנד. דאָס האָט, סוף־כל־סוף, געמוזט איבערצייגן מישאַן, ווען איך האָב אים אַמאָל דערקלערט פאַרוואָס איך האָב מיט 7 יאָר צוריק געפילט, אַז אַ פערזענלעכן גליק מוז אונדזער אַ מענטש זיך פריער פאַרדינען: דורך יאָרן פון קרבנות פאַר דער זאַך, פאַר זיינע איבערצייגונגען. און פערזענלעך ביי מיר איז געווען נאָך אַן עלעמענט, וועגן וועלכן בלויז נאָענטע פריינט האָבן געוואוסט: מעדעם איז געווען זייער קראַנק. ער האָט געהאַט אַ כראָנישע נירן־קראַנקהייט, נעפריטיס, וואָס ער האָט באַקומען אין דער קיעווער תפיסה, אין 1902, און איך האָב געפילט, אַז עמעצער מוז אים די פאַר יאָר לעבן, וואָס די דאָקטוירים האָבן אים געגעבן, מאַכן אַזוי באַקוועם און גליקלעך ווי נאָר מעגלעך, ווייל די איינציקע זאַך, וואָס האָט אים געמאַטערט, איז געווען יענער אומברחמנותדיקער אורטייל פון די דאָקטוירים, וועלכן זיי האָבן אַרויסגעגעבן: טויט פון יורעמיאַ...

און מעדעם איז געווען דער איינציקער מענטש אין מיין גאַנצן לעבן, פאַר וועלכן איך בין געווען גרייט מקריב צו זיין אַלץ: די איינענע יוגנט, די עלטערן, אַלע פריידן פון אַ יונג זאָרגלאָז לעבן און מיין שטודירן. ווייל אויך דאָס האָב איך נישט געקאָנט פאַרזעצן. מעדעם האָט נישט געקאָנט בלייבן אַליין אין שטוב — ער פלעגט ווערן מעלאַנכאָליש און טראַכטן וועגן זיין קראַנקהייט. שטענדיק געטראַכט. געשווינגן. גאַרנישט נים פאַרלאַנגט. געליטן. אין מוזיק געזוכט פאַרגעסן. דערפאַר האָב איך

---

*) דאָס איז בלויז אַן אויסצוג פון אַ גרעסערן קאַפּיטל ביאָגראַפיע, וואָס איז אָנגעשריבן און הייסט: „פּראַגישע עדות". דער היינטיקער קאַפּיטל איז בלויז אַ זייער קאָנדענסירטער און דעקט, נאַטירלעך, נישט די גאַנצע עפּאָכע פון 13 יאָר צוזאַמענלעבן.

מיין גאַנצן פריילעכן לעבנס־לוסטיקן טעמפּעראַמענט שטענדיק אַריינגע־לייגט אין אונדזער צוזאַמענלעבן... ער האָט קיינמאָל נישט געפילט, אַז עס האָט געקאָנט זיין אַנדערש.

און מישא האָט עס פאַרשטאַנען. און מיר האָבן זיך צעשיידט אַלס פריינט. ער האָט געהאַט אַ טיפן דרך־ארץ פאַר מיר. מעדעם האָט גע־וואוסט, אַז מישא איז אַ יונגנט־פלירט און האָט קיינמאָל אים נישט באַ־האַנדלט אַנדערש, ווי אַ אינגערן, גוטן חבר. עס האָט אים בלויז פאַר־דראָסן, וואָס יענער האָט נישט געקענט אַ וואָרט אידיש. ער פלעגט זאָגן צו אים: „ווי איז מען עפּעס אַזאַ גוי? אפילו איך רעד אידיש, און מיין טאַטע איז דאָך געווען אַ גענעראַל!" — פלעגט ער צוגעבן מיט איראָניע...

נאַטירלעך, אַז די גרויסע האַרמאָניע צווישן אונדז, בעת אונדזער צוזאַמענזיין, האָט זיך באַזירט אויף געמיינזאַמע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אינטערעסן: די צוגעהעריקייט צו דער זעלבער פּאָליטישער ריכטונג, ביז 1917, ווען איך בין אונטער דעם איינפלוס פון די געשעענישן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַוועק, צוזאַמען מיט עטלעכע פוילישע פריינט, מער אויף לינקס, ווען עס האָט זיך אויסגעפורעמט אַ לינקע ריכטונג אין „בונד". צווישן די פוילישע איז געווען סלאַווא גראָסער. דאָס איז אָבער געווען ערשט שפּעטער: דער ערשטער שטויס צו אַ קריטישער באַציאונג פון מיין זייט צום „בונד" איז פאַרבונדן מיט מעדעמס אַרעסט אין 1913, וואָס האָט געקאָנט אויסגעמידן ווערן, אויב עס וואָלט געווען אַ מער אויפ־מערקזאַמע און חברשע באַציאונג צו מעדעמען מצד דעם צענטראַלן קאָ־מיטעט פון „בונד", נאָך די אַרעסטן אין וואַרשע אין 1913 פון אַ גרופּע בונדאָוועצעס, אין שייכות מיטן אַרויסגעבן דעם בונדישן אָרגאַן „לעבנס־פראַגן" אין ווין, עסטרייך, אין 1912־1913, וואו מעדעם איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן. מען האָט זיך געפרעגט אויף דער אויס־פאָרשונג ביי די אַרעסטירטע וועגן דער פּערזאָן פון מעדעם, ווייל מען האָט ביי זיי געפונען בערג מיט בריוו, אין וועלכע עס איז אויספירלעך יאָרן־לאַנג באַשריבן געוואָרן די ראָלע פון מעדעמען אין „בונד" און זיינע פּאָליטישע פונקציעס אין אויסלאַנד...

איין־איינציקע טעלעגראַמע, ווען מען וואָלט געשיקט צו אונדז אין ווין, אַז מיר זאָלן נישט אַרויספאָרן קיין רוסלאַנד, וואָלט פאַרהיט דעם אַרעסט, די צוויי יאָר תפיסה און דעם אורטייל פון 4 יאָר קאַטאָרגע, וועלכן מעדעם האָט באַקומען, ווייל אַזאַ טעלעגראַמע איז נישט געקומען.

ערשט צוויי וואָכן נאָך מעדעמס ארעסט אין קאָוונע, אין יולי 1913, איז אָנגעקומען אַן אָפענע דריי־קאָפּיקענע פּאָסטקאַרטל, אַדרעסירט צו אים אין ווין און דערהאַלטן צוריק פון מיר אין ווארשע אין אויגוסט, 1913, אַז מען גיט אים אַן עצה אָפּצולייגן די רייזע אויף אַ צייט. אַ פּאָסטקאַרטל פאַר דריי קאָפּיקעס, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער „פּאַן פון בונד", ווי מען האָט באַצייכנט מעדעמען אין זיין פּאַרטיי... נישט אַ טע־לעגראַמע, וועלכע מען האָט באַדאַרפט שיקן נאָך אין פעברואַר, 1913, באַלד נאָך דעם ארעסט און דער אויספאָרשונג זייערער...

נאַטירלעך האָט דער פּראָקוראָר זשיזשין אין ווארשע געהאַט אַ פול־שטענדיק בילד וועגן מעדעמען און זיין טעטיקייט, פון די בריוו, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן געפונען ביי איינער פון די ארעסטירטע, פרוי גאַליי, צו איר מאַן, אין וועלכע זי האָט באַשריבן מעדעמען בעת זיין טעטיקייט אין אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד".

אָבער וועגן דעם — אין אַ צווייטן פּלאַץ.

אונדז האָט אויך פאַרבונדן אַ גרויסער געמיינזאַמער אינטערעס צו מוזיק, ליטעראַטור, טעאַטער. מיר האָבן ביידע פאַרמאָגט די קענטעניש פון פרעמדע שפּראַכן. מיר פלעגן צוזאַמען איבערזעצן דייטשע וויסנ־שאַפטלעכע אויסגאַבן אין רוסיש (איך, אויסערדעם, אין פּויליש). מיר פלעגן שטעלן טעאַטער: אַמאַטאָרן־פאָרשטעלונגען, זומער אין וואַקאַ־ציע־פּלעצער ארום דער זשענעווער אָזערע, וואו מעדעם האָט זיך ארויס־געוויזן אַלס פייאיקער רעזשיסאָר (עס איז ביי זיי געווען אין דער משפּחה אַ סך טאַלאַנטן: אַ ברודער אַ קאָמפּאָזיטאָר, אַ צווייטער אַן אַקטיאָר, אַ דריטער אַ טשעליסט).

עס פלעגט צו אונדז קומען אַ קליינער אָבער אינטימער עולם סטו־דענטן און סטודענטקעס. מעדעם האָט ליב געהאַט דעם יונגן עולם. עס פלעגן נישט זיין קיין נאָענטע באַציאונגען מיט זיינע חברים פון אויס־לענדישן קאָמיטעט פון „בונד". פאַרזענלעך זיינען זיי זיך געווען פרעמד. איך האָב דאָס קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען בעת מיין זיין אין אויסלאַנד: ערשט אין ווארשע, נאָך זיין באַפרייאונג פון תפיסה, בעת דעם דייטשן אריינמאַרש אין 1915, אין ווארשע, האָב איך געזען ווי מעדעם האָט אויפגעלעבט אין דער אַטמאָספערע פון אידישע פאָלקסמאַסן, פון קאַמף און פון ארבעט פאַר בויען אַ צייטונג, שולן, כאָרן און ביבליאָטעקן. עס האָט אויפגעהערט די פאַרהאַסטע „עמיגראַציע" אין אויסלאַנד און

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אמתע לעבן. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן געזונט, וואָס די צוויי יאָר תפיסה אין די מוראַדיקע מלחמה־באַדינגונגען, בעת דער עוואַקואַציע פון וואַרשע און רייזעס איבער קליינע און גרויסע טורמעס, ווי קאָוונע, אָריאָל, סמאָלענסק, מאָלאָ־אַרכאַנגעלסק — האָבן חרוב געמאַכט און, אַלס רעזולטאַט — נאָך מער פאַרקירצט זיין לעבן.

די גרויסע פּאָליטישע דערשיטערונג, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט אין 1919, ווען דער פּוילישער „בונד" איז אַוועק (אויף אַ קורצער צייט) אויף לינקס און ער, מעדעם, איז צום ערשטן מאָל אין זיין געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט נישט דערוויילט געוואָרן אין צענטראַלן קאָמיטעט פון זיין פּאַרטיי, האָט זייער שטאַרק אויף אים געווירקט. און ווען די פּוילישע „רעפּענסיווע", די פּאָליטישע פּאָליציי, האָט אָנגעהויבן אירע רדיפות קעגן דער צייטונג און אים עטלעכע מאָל אַ וואָך גערופן אין דעם באַרימטן בנין אויפן „פּלאַץ סאַסקי", איז זיין פּאָליטישע לאַגע געוואָרן זייער אַ שווערע. די פּאָליציי האָט אים פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט פאַרן „לינקיזם" פון „בונד" און אין דער פּאַרטיי האָט מען אים אָפּן געשטעמפּלט אַלס אַ רעכטן... זיינע אַרטיקלען זיינען געווען נישט קיין „פּאָליטישע". ער פלעגט שרייבן בלויז אויף קולטורעלע טעמעס. מען האָט אים באַגרענעצט מיט קולטור־ענינים.

***

אויף מיינע איינווענדונגען, אַז דאָ איז קיין אינטערעס מער פאַר אונדז נישט צו זיין און אַז מען דאַרף פאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו אַזויפיל פון זיינע געוועזענע פריינט האָבן געפונען אַרבעט און אַ צוקונפט, ווי זאַסלאַווסקי, טיומין, פרומקינא, צאַגלין און הונדערט אַנדערע, האָט מעדעם טרויעריק געענטפערט: „קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד רופט מען מיך נישט און קיין אַמעריקע ווילט זיך נישט. צו גאַמפּערסן און צו פּאַלמערן זאָל איך פאָרן?"

אָבער די פּוילישע רעאַקציע איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. עס איז געקומען דער דריטער אַרעסט פאַר מעדעמען: צוערשט דער צאַרישער אין 1913, דאַן דער דייטשער, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין מאַי 1917, און איצט פון דער דאַשינסקי־רעגירונג פון דער פּ.פּ.ס. אין 1920. נאָך אַ פאַרלוימדונג־אַרטיקל פון ניעמאָיעווסקין וועגן מעדעמען אַלס „אַגענט פון רוסלאַנד", איז ער אַרעסטירט געוואָרן, און אַזוי ווי ער איז

געווען פון מינסק, אַ פראָנט־פּאַס בעת דער פּויליש־סאָוועטישער מלחמה, האָט אים די דעפּענסיווע פאַרגעלייגט צו פאַרלאָזן פּוילן. די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אין ניו־יאָרק האָט איינגעלאַדן מעדעמען אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע, און אין דעצעמבער, 1920, האָבן מיר פאַרלאָזן וואַרשע און זיינען איבער דאַנציק־בערלין־קעלן־פּאַריז־שערבורג געפאָרן קיין ניו־יאָרק. אָפּגעריסן זיך פון אַ קליינעם קבר אין וואַרשע, פון אונ־דזער קינד. געלאָזן אין לאָדזש די קברים פון מיינע עלטערן. געלאָזן אַ פּאָר געטרייע פריינט — און די גרויסע אידישע ארבעטער־מאַסע, וועלכע האָט מעדעמען אַזוי היימיש ליב געהאַט. מעדעם, וועלכער איז געווען פאַר די אידישע ארבעטער אין די צאַרישע צייטן אַ לעגענדע, אַ קוואַל פון מוט און אינספּיראַציע.

פאַר מעדעמען איז דאָס אָפּפאָרן פון אייראָפּע געווען אַ שווערע איבערלעבונג. איך געדענק, אַז איך האָב אים פאָרגעלייגט צו פאָרן אַליין, ווייל איך האָב געגלויבט, אַז עס וועט זיין אַ צייטווייליקע רייזע. אָבער מעדעם האָט געטראַכט וועגן דער פּוילישער רעאַקציע, ווי וועגן אַ לאַנגער, לאַנגער מעשה און זיך נישט געוואָלט צעשיידן...

איך געדענק, אַז איך האָב נישט געפּרואווט אים צו איבערצייגן. איך האָב געפילט, אַז עס איז אַן איבערברוך אין זיין לעבן. און ווידער באַהאַלטן טיף מיין אייגענעם וואונטש צו פאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו עס האָט זיך אָפּגעזוכט נאָך 7 יאָר מיין איינציקער ברודער (פון שטיף־ברודער האָב איך נישט געהערט), וואו אַלץ איז געגאַנגען אויף נייע וועגן, פון וואַנען עס פלעגן קומען גרוסן פון מעדעמס געוועזענע תפיסה־פריינט, וועלכע האָבן געהאַט פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד און וואוהין איך האָב געוואָלט פאָרן ארבעטן, און זען ווי מען בויט די וועלט פון אונדזערע יוגנט־קאַמפן.

איך האָב דאָס אַלץ אונטערדריקט, כדי צו זיין צוזאַמען מיט מעדעמען אויף זיין שווערן ליידנסוועג, אַלס אַ דעלעגאַט פון „בונד", וועלכער האָט אים אַרויסגעשטויסן פון דער פּאָליטישער ווירקונג פאַר דעם רעשט פון לעבן... און אַריינגעשטויסן אין די אָרעמס פון „פאָרווערטס" מיט זיין גאַנצן רעאַקציאָנערן פּאָליטיש־שטייגערישן אַפּאַראַט.

איך געדענק צוויי ליכטיקע מאָמענטן אין מעדעמס לעבן פון יענע געציילטע צוויי יאָר: דער ערשטער איז געווען אין קעלן, זעקס אַזייגער אין דער פרי, אין יאַנואַר 1921, בעת פון אַ זייטן־געסל אַרום דעם באַ־

רימטן קעלנער „דאָם" (דעם קלויסטער) איז אַרויס אַ יונגער אידישער אַרבעטער און זיך אָפּגעשטעלט, אַ פּאַרוואונדערטער, נעבן אונדז און אַ פרעג געטאָן: „חבר מעדעם, וואָס טוט איר אין גאָס אַזוי פרי? איר וועט זיך צוקילן, עס גיסט דאָך!..."

אַ וואַרשעווער אַרבעטער, וואָס איז אַוועק זוכן אַרבעט אין דייטש־לאַנד, האָט מעדעמען דערקענט און אין אַלטער צוגעבונדנקייט זיך גע־זאָרגט פאַר אים, געזען זיין אויסגעמאַטערט פּנים נאָך 4 מעת־לעת פאָרן. מיר האָבן געוואָלט אַ קוק טאָן אויפן באַרימטן „דאָם" פון דער נאָענט...

דער צווייטער מאָמענט איז געווען, ווען מעדעם האָט זיך באַקענט מיט צוויי ניו־יאָרקער חברים, מיט וועלכע ער האָט זיך באַפריינדעט זייער שטאַרק צוליב זייערע מענטשלעכע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן און זייער פריינטשאַפט מיט אים אין יענער צייט: דאָס איז געווען אַ לינק־געשטימ־טער, קריסטאַל־ריינער אידישער אַרבעטער, אשר סאָלאָוויי, אַ קרענקלע־כער, געטרייער ביז טויט, צו דער אַרבעטער־זאַך. ער איז טאַקע יעדע וואָך געקומען מיט זיין פאַרדינסט אין לאָקאַל פון קאָמיטעט, וואָס האָט אָרגאַניזירט די אַקציע פאַר זאַמלען געלט צו קויפן אַ לינאָטיפּ פאַר דער „פאָלקסצייטונג" אין וואַרשע (מעדעמס מיסיע אין אַמעריקע). און איין אָוונט, אין אַ נעפּל, אויפן וועג צו אַ מיטינג, איז ער געטויט געוואָרן פון אַ טראָק...

ער האָט זייער שטאַרק געהאַסט דעם „פּאָרווערטס" און „געוויינט" אויף מעדעמס קומען אַהער...

דער צווייטער חבר, וועלכער פלעגט זיין אַן אָפטער אַריינגייער צו אונדז אין יענע צייטן, איז געווען מיין לאַנדסמאַן און חבר פון אַ פּאָ־ליטישער „סכאָדקע" אין לאָדזש, אין די ערשטע בונדישע קרייזן, י. ב. ביילין, וועלכער פלעגט קומען שפּילן שאָך מי ז מעדעמען און אויסטוישן זכרונות מיט מיר פון יענע יונגע יאָרן.

די צוויי באַגעגענישן האָבן אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף מעדעמס פּנים, אַ גאַנץ זעלטענער גאַסט אין יענע טעג.

איך געדענק דעם טראַדיציאָנעלן יום־כיפור אין ניו־יאָרק, אין 1921, ווען אַ פּאָר צענדליק וואַרשעווער אידישע אַרבעטער, בונדאָווצעס, זיינען געשטאַנען אַרום מעדעמען און פאַרגליכן וואַרשע מיט דער נייער סביבה: זיי זיינען געווען גאַרנישט לאַנג אַריבערגעקומענע פון פּוילן, באַלד נאָך גענעראַל זשעליגאָווסקים בלוטיקער ליקווידאַציע פון די „רעוו־

קאָמען" אין פּוילן, און אין די „קרעסן". פּלוצלונג איז צוגעקומען אַ שפּאָגל־נייער פּנים: שמעון קוסניערזש, אַ וואַרשעווער פּוטער־אַרבעטער, באַליבט און באַקאַנט אין וואַרשע. ער איז מיט געציילטע שעה פריער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק פון וואַרשע און זאָכלעך און רואיק זיך באַגריסט, דערקלערנדיק, אַז ער איז היינט געוועזן זייער „ביזי" אין שאַפּ... ער האָט פּאַקטיש שוין געאַרבעט, אַ פּאָר שעה נאָכן אָנקומען, פאַרבייטנדיק אַ לאַנדסמאַן, אַ צווייטן „גרינעם"! מעדעם האָט זיך ברייט צעשמייכלט און צו מיר אַ זאָג געטאָן, וואַרעם און האַרציק: „טייערע פּנימער, וואַרשעווער חברה!... "

אינטערעסאַנט איז דער פאָלגנדיקער פאַקט: די גאַנצע דעמאָלדיקע בונדישע יוגנט איז געווען לינק געשטימט. אָבער מעדעמס דיסציפּלינירטע האַנדלונג: נישט צו שפּאַלטן דעם „בונד", נאָר, פאַרקערט, דאָס אונטערגעבן זיך דעם באַשלוס פון דער לינקער מערהייט אין פּוילן און דאָס אָננעמען די שליחות פון זאַמלען פאָנדן פאַר דעם צענטראַל־אָרגאַן פון אַ לינקן „בונד" — האָט אים געמאַכט פאַר אַ באַליבטער פיגור צווישן דער יונגער פּוילישער עמיגראַציע. ער פלעגט צו זיי זאָגן: „דאָס מאָל וועל איך מאַכן „דראַיווס" און חבר וואַסער וועט שרייבן אַרטיקלען און עדיטאָריעלס"...

אַ שטיק פון דער אַזוי טייערער פאַר אים וואַרשע פון די יאָרן 1915־1920 איז געווען אין ניו־יאָרק.

און אין די שווערע טעג פון זיין קראַנקהייט איז שטענדיק אַ קליינע גרופּע פון די וואַרשעווער געווען אין שטוב און געבראַכט דעם שווער־קראַנקן מעדעמען גרוסן פון בריוו און צייטונגען.

אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם ווי מעדעם איז געשטאָרבן, האָט זיך די פּאָליטישע דעקאָראַציע שאַרף געביטן און דער „בונד" איז סאָליד און אויף „אייביק" אַוועק אויף רעכטס, ביז ער איז אין די יאָרן פון 1940־1945 געוואָרן דאָ אין אַמעריקע די עקספּאָזיטור פון דעם „פאָרווערטס" און פון אַלץ, וואָס גייט אַריין אין דעם אינהאַלט פון אָט־דעם נאָמען...

דער לעצטער בריוו פון מעדעמען, אין דעצעמבער, 1922, איז געווען אַ וואָרנונג צו דער „סאָצ. איד. פעדעראַציע" נישט צו גיין מיט די עקסטרעמע רעכטע נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, ווייל אויף דעם וועג וועט ער מיט זיי ניט גיין.

שוין אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט, בעת דער לעצטער סטאַדיע

פון דעם נאָך אין קיעווער תפיסה־אָנגעהויבענעם טראַגישן גאַנג פון „נעפּריטים״ — אַ כראָנישע אָנטצינדונג פון די נירן — האָט זיך אַנט־פּלעקט דער פּאַטאַליזם אין מערעמס כאַראַקטער: די פולשטענדיקע אומ־פּייאיקייט און אומווייליקייט צו קעמפן קעגן דער קראַנקהייט דאָ, אין אַמעריקע, קעגן דעם געשפּענסט פון „אורעמיאַ״, מיט וועלכן עס פאַר־ענדיקט זיך שטענדיק די קראַנקהייט „נעפּריטים״... דער אורטייל, וואָס אַ יונגער מעדיקער, אַ נירן־ספּעציאַליסט, האָט נאָך אין 1902 אין בערן (שווייץ) אַרויסגעגעבן קעגן מערעמען, אַז ער האָט נאָך צו לעבן בלויז געציילטע יאָרן, האָט אים נישט באַאומרואיקט אין תפיסה, בעת זיין אומלעגאַלער פּאָליטישער טעטיקייט, בעתן זיצן פאַרבאַהאַלטענערהייט אין ווילנע, זשיטאָמיר אָדער קאָוונע; דורכאויס ניט. ער פּלעגט זיין אין אַ גוטער שטימונג אין דעם צענטן פּאַוויליאָן, אין דער פעסטונג פון וואַרשע, אין דער קאַטאָרזשנער טורמע פון אָריאָל און סמאָלענסק, וואו איך האָב אים „געפונען״ אין 1914 און וואוהין די צאַרישע זשאַנדאַרן האָבן עוואַקואירט די פּאָליטישע פון וואַרשע. נאָכן פּראָצעס דאָרטן, אין 1915, האָט מערעם באַקומען 4 יאָר קאַטאָרגע. עס איז געווען דער שווערסטער אורטייל מצד אַ צאַרישן געריכט קעגן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. זיינע מיטבאַשולדיקטע זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, וואָס פּלעגט זיך געווייגלעך פאַרענדיקן מיט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד נאָך עטלעכע מאָנאַטן. אָבער מערעם, אַלס מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט פון אַ אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע (און דאָס האָט ער געהאַלטן אונטער זיין געזעלשאַפטלעכן כבוד צו לייקענען), און אַלס אַ פּראָוואָסלאָוונער דערצו — שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס ער איז געווען דער זון פון אַ מיליטערישן דאָקטאָר אין ראַנג פון אַ גענעראַל — האָט ער באַקומען דעם מאַקסימום פון שטראָף פאַרן פּאַראַגראַף 102, ערשטן פּונקט. פאַר דעם פּונקט 2 פון דעם פּאַראַגראַף פּלעגט מען פאַרמשפּטן פון 8 יאָר קאַטאָרגע ביז טויט־שטראָף. עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס איך בין געווען אומפּייאיק זיך צו האַלטן רואיק, ווען איך בין באַלד נאָכן אויס־הערן דעם אורטייל געקומען צו אים אין תפיסה, צוזאַמען מיט זיין פּוילישן אַדוואָקאַט, דעם באַרימטן פאַרטיידיקער פון פּאָליטישע אַרעס־טירטע אין פּוילן, לעאָן בערענסאָן. (מערעמס ברודער, דער פּאָלקאָווניק פּאַוועל מערעם, איז באַשטאַנען, אַז מען זאָל אָנשטעלן אַ גרויסן פּעטער־בורגער אַדוואָקאַט, באָברינסקי, אַ מיטגליד פון דער „דומאַ״, אָבער

מעדעם האָט אים קאַליע געמאַכט די מלאכה בעתן פּראָצעס, מאַכנדיק עטלעכע אַפּלייקענונגען, ווען יענער האָט מעדעמען געוואָלט באַצייכענען אַלס אַ קרבן פון עפּעס אַ מיסטיפיקאַציע.)

די קרובים האָבן געהאָפט, אַז בעת דער מלחמה, ווען עס האָט זיך געפּאָדערט אַ סך „פּאַטריאָטיזם" מצד דער באַפעלקערונג צו קאָנען גע־ווינען די וועלט־מלחמה, וועלן די געריכטן זיין אַביסל „ווייכער" צו סאָציאַליסטן, וואָס האָבן דאָך קיין טעראָר ניט אָנגעווענדט אין זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. דערפאַר האָבן מיר, לויט דעם פּראָגנאָז פון די פּאַרטיידיקער, געהאָפט אויף אַרויסשיקן קיין סיביר. בערענסאָן, כאָטש קענענדיק די פּראַקטיק פון דעם בלוטיקן פּראָקוראָר זשיזשין, האָט פּאַרענדיקט זיין רעדע מיט דער האָפענונג, אַז וואָס דער משפּט זאָל ניט זיין, האָפט ער דאָך און אַפּעלירט צו דעם געריכט, אַז צו קיין קייטן זאָל דער אורטייל ניט פירן... ער האָט מיר שפּעטער געזאָגט, אַז ער האָט פון זיכערע קוואַלן געוואוסט, אַז מען קאָן מעדעמען געבן אַפילו 8 יאָר קאַטאָרגע, לויט די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געווען אין די בריוו פון אַ מיטבאַשולדיקטער, פרוי גאַליי, וועגן מעדעמען.

און אָט קומט דער משפּט: 4 יאָר קאַטאָרגע. פאַר דעם כראָניש־קראַנקן מעדעם, וועלכער זיצט שוין 25 מאָנאַטן אין אַזעלכע שווערע באַ־דינגונגען, ווי עטאַפּ־טורמעס, קאַטאָרזשנע טורמעס, עוואַקואַציע־צוגן (טיפּלושקעס) און הונגער־דיעטעס... האָב איך שוין מער ניט גע־שמייכלט, ניט גערעדט מיט די זשאַנדאַרן וועגן וועטער, און האָב זיך צעוויינט. פּשוט זיך צעוויינט — צום ערשטן מאָל זינט מעדעם האָט מיך געקענט. און דאָ האָט מעדעם אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער: „דו וויינסט גאָר? וואָס פאַר אַ נאַרישקייט! אויב די דייטשן וועלן אונז אַזוי ווייטער קלאַפּן די מאָרדע, וועלן מיר דאָך האָבן די רעוואָלוציע אין אַ האַלב יאָר אַרום — איז וואָס איז דאָ צו וויינען? דער „קאַנדאַלני סראָק" דויערט דאָך אַכט מאָנאַטן, בעת וועלכן מיר קאָנען אַפּעלירן צום פּעטערבורגער געריכט, און בעת אָט־דער צייט וועט זיין אין רוסלאַנד אַ רעוואָלוציע! איז הער אויף צו וויינען און ברענג מיר בעסער נייע ביכער מאָרגן."

דער פּעטערבורגער אַדוואָקאַט, באָברינסקי, האָט מעדעמען געבעטן זיך ווענדן מיט אַ ביטע צום צאַר וועגן בטל מאַכן דעם אורטייל, צוזאָגנ־דיק אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי. מעדעם האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון

דער קאמער, און באברינסקי האט געזאגט, אז דער משפט איז א פאר־דינטער... בערענסאן האט געזידלט מעדעמס ברודער פאר אנשטעלן אזא פארטיידיקער.

דער פראצעס איז פארגעקומען אין מאי 1915. די דייטשע ארמייען האבן זיך גערוקט אויף ווארשע צום צווייטן מאל זינט 1914, און דא האט דער געטרייער אדוואקאט בערענסאן מיט מיר אויסגעארבעט א פלאן איבערצולאזן מעדעמען, אלס שוואך־קראנקן, אין דעם שפיטאל פון דער „ארסענאל־טורמע" אויף דלוגע גאס. אזוי ווי עס האט געהאלטן ביי דער ענדגילטיקער עוואקואציע פון די צארישע איינריכטונגען, וויל די דייטשן זיינען געגאנגען פאראוים אויף ווארשע, האט מען אריינגעצויגן אין קרייז פון די פארטרוילעכע דעם פוילישן נייעם תפיסה־דאקטאר, מיעראסלאווסקי, וועלכער האט איבערגענומען די קראנקע ארעסטאנטן אין דעם קליינעם שפיטאל, נאכדעם ווי דער ארמיי־דאקטאר איז אוועק מיט אלע געזונטע ארעסטאנטן אין טיף־רוסלאנד, מאלא־ארכאנגעלסק און סמאלענסק, צום צווייטן מאל אין צוויי יאר.

ביסלעכווייז, אבער זיכער, האט זיך גערוקט די דייטשע לאווינע אויף ווארשע. דושנע, הייסע נעכט זיינען געקומען איבער אונז, א הייפעלע אנגעהעריקע פון די פאליטישע ארעסטאנטן. עס זיינען שוין אוועק די פוילישע סאציאל־דעמאקראטן, וועלכע זיינען געזעסן מיט מעדעמען נאך זינט 1913 אין צענטן פאוויליאן, ווי אומשליכט, דזשערזשינסקי, לעש־טשינסקי (לענסקי), פיאטראווסקי — שפעטערדיקע זייער פאראנטוואָרט־לעכע טוער אין סאוועטן־פארבאנד. עס זיינען אוועק די פ.פ.ס.אָווצעס, צווישן זיי מעדעמס קאמער־שכן, דלוגאשעווסקי, מיט וועלכן עס האט זיך אנטוויקלט א גרויסע, שיינע פריינטשאפט. עס זיינען אוועק די אינגערע, שפעטער־ארעסטירטע, מיטגלידער פון די פוילישע „לעגיאנען", וועלכע האבן געפירט אן אונטערערדישן קאמף קעגן די צארישע ארמייען אין דער עסטרייכישער ארמיי און וועמען עס האט געדראעט טויט־שטראף.

ביסלעכווייז האט זיך דערנענטערט די טראגישע שעה, ווען ביים סאמע לעצטן מאמענט, א מינוט, אזוי צו זאגן, פארן אויפרייסן די בריקן איבער דער ווייסל, האבן נאך די זשאנדארמען געקאנט ארויסנעמען די קראנקע ארעסטאנטן, צווישן זיי דעם קאטארזשניק מעדעם, און ארויס־פירן זיי פון ווארשע און צעשיידן מיט מיר, אויב דער לעצטער צוג וועט מיך ניט מיטנעמען קיין רוסלאנד.

איך פלעג אַרומגיין די לעצטע וואָכן מיט אַ בילעט קיין מאָסקווע און מיט אַ קליינער וואַליזקע אין האַנט, שטייענדיק ביי דער תפיסה און וואַרטנדיק אויף אַ צייכן, אַז מען פירט „זיי" אַרויס. איך וויל דאָ דער־מאָנען דעם פאָלגנדיקן פאַקט: קיין איין איינציק מאָל אין די לאַנגע 25 מאָנאַטן פון מעדעמס זיצן אין תפיסה, זינט זיין אַרעסט אין יולי 1913 ביז צו זיין באַפרייאונג, דעם 5טן אויגוסט, 1915, האָט קיין איין־איינציקער פאַרשטייער פון „בונד" ניט געפּרואווט אפילו צו דערוויסן זיך פון מיר וועגן מעדעמען — וואָס ער מאַכט, וואָס איך טו, פון וואָס איך לעב, וואָס עס גיט איבער מעדעם, ווי ער פילט זיך און ווי ער וועט בויען זיין פאַרטיידיקונג... קיין איין־איינציקער מענטש איז אין משך פון דער גאַנצער צייט ניט געקומען זיך פרעגן, ווי אַזוי דער טויט־קראַנקער מעדעם טראָגט אַריבער דעם טורמע־רעזשים, ווי ער האָט רעאַגירט אויף יענע מאַטעריאַלן, וואָס דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אים געוויזן, וועלכע האָבן מעדעמען שווער באַשולדיקט און וועלכע זיינען געווען בריוו פון אַ בונדישער פרוי צו איר מאַן — בריוו, וואָס זי האָט געהאַלטן ביי זיך וואָסערע 13־14 יאָר און אין וועלכע זי האָט דערציילט איר דעמאָלטיקן חתן אַלץ, וואָס פלעגט פאָרקומען אין בערן, שווייץ, אויפן פּאָליטישן געביט, אין „בונד", און וואו עס איז געווען שוואַרץ אויף ווייס כאַראַקטעריזירט מעדעמס ראָלע און אַקטיוויטעט אין די צענטראַלע איינריכטונגען פון „בונד". לויט די בריוו, וואָס מען האָט ביי איר געפונען בעתן אַרעסט פון איר מאַן, האָט מען זי צוערשט אויס־געפאָרשט, דערנאָך זי אויך אַרעסטירט און דאַן געגעבן אַ באַפעל צו זוכן מעדעמען גופא, אין רוסלאַנד, און צו פאַרהאַלטן אים, ווען ער וועט אַריבערגיין די גרענעץ... דאָס איז טאַקע פאָרגעקומען אָנהויב יולי, 1913, ווען מעדעם איז געקומען פון ווין קיין קאָוונע צו זיין ברודער. נאָר אַזוי ווי זיין ברודער, פּאָלקאָווניק מעדעם, האָט באַקומען פון צענט־ראַלן דעפּאַרטמענט פון דער פּאָליציי אַ צוזאָג, אַז מעדעמס אַלטער אורטייל פון 1902 — פאַרשיקן קיין סיביר — איז אַנולירט געוואָרן דורך דער אַמנעסטיע פון 1913, צו דער געלעגנהייט פון 300טן יובילײ פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, — האָבן אים די גרענעץ־באַאַמטע אין קאָוונע ניט פאַרהאַלטן. אָבער זעקס טעג שפּעטער, ווען דער פּראָקוראָר זשיזשין האָט באַקומען די טעגלעכע רשימה פון מענטשן, וועלכע זיינען אַריבער די גרענעץ, און ווען צווישן די נעמען איז געווען דער אַזוי הייס־

געזוכטער מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד", וולאַדימיר מעדעם, האָט זיך די פּאַסטקע פאַרמאַכט — און מעדעם איז, נאָך זעקס טעג זיין אויף דער פריי, ביי זיין משפחה און צווישן מוזיק־פריינט, אַרעסטירט געוואָרן...

די ערשטע מאָנאַטן אין קאָוונע האָט זיין ברודער אויסגענוצט זיין אָנזען און איינפלוס כדי אים, קודם כל, צו לייגן אין שפּיטאָל, און דורך דעם שאַפן אַ באַרעכטיקטן תירוץ צו באַפרייען אים אויף קאַוציע. ער האָט פאַרגעלייגט יעדע סומע, וואָס דער „סלעדאָוואַטעל" וועט פאָדערן. דאָס איז אויך געווען אַן אויסרעכענונג, אַז מעדעם זאָל האָבן די מעגלעכ־קייט זיך באַקענען מיט זיין פּראָצעס, מיט דעם אויסזאָגן פון די פיר מיטבאַשולדיקטע, צווישן זיי פרוי גאַליי. און אַפילו דאָ, ווען איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט מעדעמען צו זען גאַנץ פריי אין קאָוונער תפיסה־שפּיטאָל, אין גראַטעס, אַפילו דאַן האָט דער „בונד" ניט געפונען פאַר נויטיק זיך צו פאַרבינדן מיט מיר, כדי כאָטש געבן אַ קליינע אָנדייטונג דורך זייער פאַרטיידיקער, וואָס די זשאַנדאַרמען ווייסן און וואָס ניט... מען האָט מיך אַבסאָלוט ניט אויפגעזוכט. איך, ווידער, ניט וועלנדיק קאָמפּראָמיטירן מעדעמען און ניט וועלנדיק, אַז די שפּיקעס זאָלן מיר נאָכשפּיאָנירן צו מיין וואוינונג, — איך האָב געוואוינט ביי קאָנסערוואַ־טיווע קרובים, וועמען איך האָב פריער פּערזענלעך אַפילו ניט געקענט — זיי האָבן אַפילו ניט געוואוסט, אַז מעדעם איז אַרעסטירט, — האָב איך אויפן ראַט פון בערענסאָנען, ניט אויפגעזוכט די בונדאָווצעס.

איך דערצייל די דאָזיקע פאַקטן, כדי מען זאָל זיך ניט וואונדערן, פאַרוואָס מעדעם האָט פּערזענלעך מיט קיינעם פון די צענטראַלע פיגורן פון „בונד" ניט געלעבט אין קיין פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען. אַן אויסנאַם איז געווען סלאַוועק גראָסער, דער יונגער פּוילישער בונדיסט, שפּעטער אַדוואָקאַט אין פּעטערבורג, און אַלגין, וועלכן ער האָט ליב געהאַט פאַר זיין חברשן און אָפּטימיסטישן כאַראַקטער, פאַר דער שטענ־דיקער גרייטקייט צו טאָן אַרבעט, פאַר קיינמאָל זיך ניט אָפּזאָגן פון דיס־קוסירן די שווערסטע פּאַרטיי־פּראָבלעמען און פאַר זיין, אַלגינס, גע־וואַלטיקער אַרבעט־פייאיקייט. אין דעם זין האָט ער אויך געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אסתר פרומקין, וועלכע ער האָט באַטראַכט אַלס די פייאיקסטע פרוי אין דער באַוועגונג.

אין די שפּעטערע יאָרן, אין ווין, האָט אויף מעדעמען געהאַט אַ

געוויסע סטימולירנדיקע ווירקונג ר. אבראַמאָוויטש, וועלכער איז געווען פול מיט פּלענער פאַר ליטעראַרישע און פּאָליטישע אַרבעטן, וואָס האָט פּשוט פיזיש געווירקט אויפן שטענדיק־קראַנקן און שוואַרמוטיקן מעדעמען דורך זיינע פּאַרשלאָגן, זיין ענערגיע און זיין גוטער רוסישער שפּראַך, וואָס מעדעם האָט אַזוי ליב געהאַט. אבראַמאָוויטש האָט מעדעמען פאַר־געלייגט צו אַרבעטן צוזאַמען אויף אַן ענציקלאָפּעדיע אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס אַ פאַרלאַג האָט געפּלאַנעוועט, און זיי האָבן זיך שוין אַפילו געהאַט צעטיילט אין דער אַרבעט. ער האָט מעדעמען סטימולירט און זיי פּלעגן שעהן־לאַנג אַרגומענטירן וועגן דעם סדר פון די ווערטער. עס איז געבליבן אַ ווערטל, מיט וועלכן מעדעם פּלעגט אָנרופן אבראַ־מאָוויטשן, ווען ער האָט אים געוואָלט אביסל אויסלאַכן: „ביבעל־באַבעל — די ווערטער אויף ביים (ב)".

אָבער דאָס איז געווען אַ סך פריער — פאַרן אַרעסט אין קאָוונע. נאָכן אַרעסט האָט מעדעם שטענדיק אויסגעמידן צו רעדן וועגן יענעם פּאָסטקאַרטל פאַר 3 קאָפּיקעס, וואָס די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" האָט געשיקט, אָנשטאָט אַ טעלעגראַמע קיין ווין, אַז מעדעם זאָל נאָך „אביסל" וואַרטן מיטן קומען קיין רוסלאַנד ביז זיי וועלן שרייבן מער... און דאָס קאַרטל איז געקומען צוריק צו מיר קיין וואַרשע (ווי שוין באַמערקט פריער), ווייל מיר זיינען שוין געווען אַרויסגעפּאָרן פון ווין און מעדעם איז שוין געווען אַרעסטירט... ער האָט אויך אויסגעמידן צו רעדן וועגן דעם מאַטעריאַל, וואָס מען האָט געפונען ביי דער פרוי גאַליי, אויף וועלכער אונזער פּאַרטיידיקער איז געווען אויפגעצאַרנט, ווייל אויף זיין פראַגע: „ווי אַזוי האַלט עס אַ דערוואַקסענער מענטש אין צאַרישן רוסלאַנד 13 יאָר ביי זיך בריוו צו אַ חתן, אין וועלכע עס ווערן פּשוט געמסרט צו דער פּאָליציי אַזעלכע הויכע טוער פון „בונד", ווי מעדעם?" — האָט זי געענטפערט גאַנץ ערנסט: „דאָס זיינען דאָך מיינע סואווענירן פון מיין יוגנט." מעדעמס ברודער איז געווען אויפגעבראַכט: „פאַר אַזעלכע נפשות גיסטו אַוועק דיין לעבן? זיי זיינען דאָך ניט ווערט צו זיין אין דער אייגענער אָרגאַניזאַציע מיט מיר."

מעדעם האָט געשוויגן. ער האָט געקאָנט שווייגן מייסטערהאַפט; יאָרנלאַנג ניט רעדן וועגן אַ זאַך, וואָס ער האָט ניט געוואָלט באַרירן. אָבער ער האָט קיין איין וואָרט ניט פאַרלוירן אויף צו פאַרטיידיקן זי, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז צוליב דעם פאַקט פון אַזוי לייכטזיניק

שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון א פירער, פון א פּאַרטיי־פאַרשטייער, מצד א מיטגליד פון „בונד", וואָס איז יאָרנלאַנג געווען אין אויסלאַנד און געדאַרפט זיין פאַראַנטוואָרטלעך אין אירע האַנדלונגען; אַז צוליב אָט דעם מאַנגל אין דיסציפּלין און אחריות וויל איך מער גאָר ניט האָבן צו טאָן מיטן „בונד" אין זין פון אַקטיוון אָנטייל, און אַז פון היינט אָן און ווייטער בין איך בלויז די פרוי פון א פאַרשטייער פון „בונד", און אַז פון איצט אָן „קאָנסטו פאַרמאַכן די טיר, ווען דו וועסט רעדן מיט זיי"... דאָס איז געווען אין אויגוסט, 1913, אין קאָוונע.

צוזאַמען מיט אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט מען די פיר מיט־באַשולדיקטע אַרויסגעפירט פון וואַרשע קיין רוסלאַנד אין יוני, 1915, און מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין מערץ, 1917, האָט זיי די פון מערדעמען פאַראויסגעזאָגטע רעוואָלוציע באַפרייט, אַלס א רעזולטאַט פון די מפּלות און די „קלעפּ אין דער מאָרדע" מצד די דייטשן, מיט וואָס ער האָט מיך געזוכט צו טרייסטן, נאָכן פּראָצעס.

נאָך לאַנגע וואָכן פון דערוואַרטונג, נאָך א לעבן צווישן שרעק און האָפענונג, האָב איך דעם פערטן אויגוסט, 1915, דערזען דורכן פענצטער מיין ברודער, א פּאַרוטשניק אין דער אַרמיי, לויפנדיק צו מיר אין שטוב מיט א שנעלן אָנזאָג, אַז דער רוסישער פראָנט איז דורכגעבראָכן, אַז די דייטשן קומען פון דער ריכטונג פון פּאָווסין, אַז דער גאַנצער בזורא־פראָנט איז צוריקגעפאַלן און אַז מאָרגן וועלן דאָ זיין די דייטשן!

מיר זיינען אויף שנעל אַוועקגעלאָפן צו מערדעמען אין זיין תפיסה, וואו מיין ברודער האָט זיך מיט אים פערזענלעך באַקענט. נאָך פינף מינוט שמועס, מיט דעטאַלן פון פראָנט־דורכרייס, אָן עדות, אָן א סטראַזשניק, האָט זיך מיין ברודער געזעגנט מיט אונדז און איז אַוועק מיט זיין דיוויזיע אין פראַגע, ניט וועלנדיק ווערן א דייטשער קריגס־געפאַנגענער. אַוועק — אויף לאַנגע צוועלף יאָר. איך האָב אים דערנאָך ערשט געזען אין דעצעמבער, 1926, אין מאָסקווע, בעת מיין ערשטער רייזע קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכע איך האָב שוין געמאַכט פון אַמעריקע...

אַזיפן צווייטן טאָג נאָך מיין ברודערס אַוועקפאָרן פון וואַרשע, 4 אַזייגער פאַרטאָג, האָבן זיך דערהערט, איינער נאָכן צווייטן, דריי לאַנג־אויסגעצויגענע קנאַלן — מיט אומגעדולד דערוואַרטע, מיט פרייד באַ־גריסטע... דאָס האָבן די לעצטע צאַרישע אַריערגאַרדס אויפגעריסן די

געמינעוועטע דריי בריקן איבער דער ווייסל... איך בין די נאַכט געשטאַנען ביי דער תפיסה, גרייט צו גיין קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט דער אַדמיניס־טראַציע און מיט די אַרעסטאַנטן. אונדזער שרעק איז געווען געוואַלטיק גרויס, ווען מען האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז פון דער פרויען־אָפּטיילונג, אויף דלוגע גאַס, האָט מען 2 אַזייגער פאַרטאָג אַרויסגענומען נאָך דריי אַרעסטירטע פרויען, מיטגלידער פון דער פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), און זיי געגומען קיין רוסלאַנד. אין דער שפּיטאָל־אָפּטיילונג פון מענער האָט מען שוין ניט באַוויזן אַריינצוקוקן: די דייטשן זיינען געווען אויף די פּיאַטעס פון די רוסן... אויסער דעם האָט דר. מיעראָ־סלאַווסקי אין לעצטן טאָג אויסגעמעקט צוויי נעמען פון קראַנקע: דעם צום־טויט־פאַרמשפּטן בראָנעק מייזעלן, אַ לעגיאָנער, און מעדעמען, וועלכע זיינען ניט געווען אויפן בולעטין פון די קראַנקע. אויסער זיי, זיינען בלויז געווען עטלעכע גנבים און אַ פּאָר ספּעקולאַנטן, און צוליב זיי האָט זיך געווים ניט געלוינט דער פּאָליציי צו אָרגאַניזירן אַן אַמבולאַנס.

עס איז געוואָרן 6 אין דער פרי. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע דייטשע פּאַטרולן. מיט אַ שמייכל פון דאַנקבאַרקייט האָבן מיר, די קרובים, זיי באַגריסט לעבן דער תפיסה. דאָס זיינען זיי געקומען זוכן שטאָלן פאַר דער קאַוואַלעריע זייערער, און דערזעענדיק די מיט־סמאָלע־באָקלעפּטע ווענט פון די תפיסה־קאַמערן, די שוואַרצע קאַנצעלאַריע און דעם שמוציקן הויף, זיינען זיי אַנטלאָפן מיט שרעק און אַוועק אין צירק, וואו עס איז געווען זויבער און שטיל... מיר האָבן דעמאָלט באַקומען גרויס דרך־ארץ פאַר די דייטשע פערד. אָבער פּלוצלונג האָבן מיר דער־הערט שווערע אַרטילעריע־שאָסן פון יענער זייט ווייסל, וואָס זיינען טאַקע געפאַלן אין הויף פון דער תפיסה, איבער אונדזערע קעפּ און נאָענט צום שפּיטאָל... דאָס האָט די רוסישע אַרטילעריע זיך אָפּגעשטעלט אין פּראַגע, די פאָרשטאָט פון וואַרשע, און אַריינגעשאָסן צו אונדז. עס האָט זיך אָבער באַלד באַוויזן אַ באַטאַרייע דייטשע פעלד־האַוביצן און האָט געענטפערט. אין דער זעלבער צייט האָבן די דייטשע סאַפּיאָרן אָנגעהויבן צו בויען פּאָנטון־בריקן איבער דער ווייסל, און קעגן אָוונט איז די רוסישע אַרטילעריע פאַרשטומט געוואָרן. אונדזערע אַרעסטאַנטן האָבן ניט גע־וואָלט אין דער שעה פון באַפרייאונג דערהרגעט ווערן פון אַ צארישן שראַפּנעל, און האָבן אַלע געפּאָדערט פון דעם פאָרשטייער פון בירגער־

קאַמיטעט, לאַגונא, אַז מען זאָל זיי שיקן אהיים: פּראָסט־פּשוט — שיקן אהיים. די דייטשן זיינען דאָ? די רוסן זיינען אוועק? די רוסישע געזעצן האָבן אויפגעהערט? די דייטשן האָבן פּאָליטישע פרייהייט? די רוסישע אַרטילעריע שיסט אַריבער? — אָט דאָס זיינען די פאַקטן. לאָזט אונדז גיין אהיים. בראָנעק מייזעל, דער לעגיאָנער, איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז אוועק רעדן מיט די דייטשן, ווען אַן אָפיצער איז געקומען אין תפיסה. און אַרום 9 אַזייגער האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין וואַשן, גאָלן, אָנטאָן, קלייבן די מאַנאַטקעס, די אָנדענקען, די געשניצטע און אָנגע־מאָלענע זאַכן — דער אָרעמען סקאַרב פון דעם אַרעסטאַנט, מיט די אין־תפיסה־געשלאָסענע פריינטשאַפטן און חברשאַפטן.

אונדזער פריינט בערענסאָן איז געקומען צום בירגער־קאָמיטעט (ער אַליין איז געוואָרן דער מיליציע־נאַטשאַלניק פון 4טן באַצירק אין וואַרשע) און האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל די פּאָליטישע אַרעסטירטע אַרויסלאָזן. און אַזייגער 10 אין דער פרי האָט זיך באַוויזן מעדעם אין טויער פון אַרסענאַל, האָט זיך געזעגנט מיטן קליוטשניק, אַ קוק געטאָן אויפן הימל, וואו עס זיינען געפלויגן יאַדרעס פון פּראַגע — און זיך געוואַלטיק פאַר־אינטערעסירט מיט די מונדירן פון די דייטשן, וועלכע זיינען אין אַלץ גרעסערע און גרעסערע אָטריאַדן געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער ווייסל...

מיר האָבן גענומען אַ דראָשקע און זיינען געפאָרן צו מיינע קרובים, וועלכע האָבן מיך צוויי יאָר געהאַלטן ביי זיך, ניט וועלנדיק, אַז איך זאָל וואוינען אַליין. איך האָב די צוויי יאָר געאַרבעט אין אַ פאַרזיכערונגס־פירמע, וואו דער דירעקטאָר איז געווען סטאַניסלאַוו פּאַטעק, דער באַ־רימטער פאַרטיידיקער פון פּוילישע און אידישע פּאָליטישע אַרעסטירטע. מיינע קרובים האָב איך ערשט ביסלעכווייז געמוזט צוגרייטן, סיי צו מעדעמס אָפּשטאַמונג, סיי צו זיין פּאָליטישער טעטיקייט, סיי צו זיין אַרעסט. איך געדענק, ווי מעדעם האָט די ערשטע פּאָר שעה זיך גע־וואונדערט, וואָס די פענצטער האָבן ניט קיין גראַטעס; אַז מען קאָן זיצן אויף אַ באַלקאָן; אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי אַ טעלעפאָן. אָבער אין עטלעכע שעה אַרום איז שוין געהאַנגען אַ פּלאַקאַט, אַז ווער עס וועט גיין נאָך 9 אַזייגער איבער דער שטאָט, וועט אָן אַ געריכט דערשאָסן ווערן. אַלע טעלעפאָנען האָט מען אָפּגעשטעלט, און וועגן יעדער געזעל־שאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, יעדער צייטונג, מוז מען מעלדן דער דייטשער

באַזעצונגס־מאַכט. די דייטשע אָקופּאַציע״־קאָנסטיטוציע״ האָט געוויזן אירע ציין.

אָבער אויך דער „בונד״ האָט זיך געיאָוועט אין אונדזער וואוינונג. דעם אייגענעם טאָג, אַ פּאָר שעה נאָך דער „באַפרייאונג״, איז אין אונדזער וואוינונג געקומען נח פּאָרטנאָי, דער פינאַנציעלער „געניוס״ פון „בונד״, און האָט מעדעמען גענומען אויף אַ קאָמיטעט־זיצונג, פון וועלכער ער איז געקומען שפּעט ביינאַכט אַהיים. ווען איך האָב דערזען נח׳ן ביי אונדז אין דער וואוינונג צום ערשטן מאָל אין 25 מאָנאַטן אַ „לעבעדיקן״ בונדיסט, אַזוי צו זאָגן — און ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז מען נעמט מעדעמען אויף אַ זיצונג דריי שעה נאָך זיין אַרויסגיין פון תפיסה, פון וועלכער איך, זיין נאָענטסטער מענטש, און זיין געטרייער פאַר־טיידיקער, בערענסאָן, האָבן אים באַפרייט, און ניט זיינע חברים, וועלכע האָבן אפילו קיין וואָרט ניט אויסגערעדט אין די צוויי יאָר צו מיר, אָדער צו אים דורך מיר, — האָב איך פאַרלוירן יעדע געדולד. איך האָב צו נח׳ן, — וועלכן איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרטראָגן פאַר זיין צינישער זאַכלעכקייט, פאַר זיין טרוקענער פּראַקטישקייט אין מענטש־לעכע באַציאונגען, — זיך געווענדט מיט דער טענה: „פילט איר גאָרניט קיין ביסל שאַנד פאַר אייער אויפפירונג אין די לאַנגע צוויי יאָר פון מעדעמס אַרעסט, אין משך פון וועלכע ניט איר און ניט אייערע חברים האָבן ניט געפונען פאַר נויטיק זיך כאָטש פאָרמעל צו פאַראינטערעסירן ווי עס גייט מעדעמען, ווי עס לעבט זיין פרוי, צי זי נויטיקט זיך אין עפּעס, צי זי גיט זיך אַן עצה אין די שווערע יאָרן? צי מעדעם וועט עוואַקואירט ווערן נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל גיין קיין אַריאָל? איצט, ווען ער איז באַפרייט געוואָרן, זייט איר דאָ, און איצט באַגריסט איר אים צו זיין באַפרייאונג, ווען אַלץ איז פאַרטיק פאַר אייך צו נעמען אים אויף אַ קאָמיטעט־זיצונג? האָט איר ניט אַ וואָרט פון פאַרענטפערונג פאַר אייך און אייערע חברים?״

מעדעם האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי שטענדיק, ווען די סיטואַציע איז געווען קלאָר און עס איז ניט געווען קיין זאַך צו דערגאַנצן... און פון פּאָרטנאָיס צינישן מויל איז געקומען דער כאַראַקטעריסטישער פאַר אים, ביליק־סוחרישער ענטפער: „איז וואָס? ווילט איר אפשר, אַז מען זאָל אייך היינט דערפאַר באַצאָלן, פאַר די יאָרן וואָס מעדעם איז געווען אין דער תפיסה?״ מירביידע — מעדעם און איך — זיינען געבליבן

שפּראַכלאַז... אַזעלכעס האָט קיינער פון אונז ניט געהערט — ניט פריער, ניט שפּעטער... איך געדענק בלויז, ווי איך האָב געביילט ביידע פויסטן און געזאָגט אויף פּויליש: „צאָ זאַ פּאַדלאָסטש!" („וואָס פאַר אַ גע־מיינהייט!"). איך האָב זיך ניט געזעגנט מיט אים, און אין אָוונט האָב איך געפרעגט מעדעמען: „וואָס זאָגסטו דערצו איצט? פריער האָסטו געשוויגן, ווי דו האָסט געשוויגן וועגן די מאַטעריאַלן פון פרוי גאַליי. אָבער וואָס זאָגסטו איצט?"

און מעדעם האָט געענטפערט: „עטאָ בילאַ מערזאָסט. באַלשע אָן סיודאַ ניע פּרידיאָט." (דאָס איז געווען געמיין. מער וועט ער אהער ניט קומען.)

זינט יענער צייט האָב איך געהאַט אַ טיפן עקל צו נח'ן. צו מעסטן באַציאונגען צווישן מענטשן מיט דער מאָס פון געלט, האָט בלויז געקאָנט אַ פאַרטרעטער פון אַ פּאָליטיש־דעגענערירטער פאַרשטייערשאַפט פון יענער פּאַרטיי, וועלכע איז פון דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער אידישער אַרבעטער־פּאַרטיי ביסלעכווייז געוואָרן אין דעם פאַשיסטישן פּוילן די לעגאַלע נאָכפאָלגערין פון די צערגיבעלס, בלומס, וואַנדערוועלדעס, מיט אַלע באַגלייט־דערשיינונגען פון אַ פּריווילעגירטער לעגאַלער הילף פאַר דער „דעפענסיווע" אין דעם פּוילן פון פּילסודסקי, בעק און דער סאַנאַציע, וועמעס ציל עס איז געווען צו פאַרניכטן די אמתע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג און איר אַוואַנגאַרד — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן. דערפון האָבן זיך גענומען די פּאָליטישע זיגזאַגן אין דער פירערשאַפט, די וואַקלענישן און אָפּוויכונגען, ביז עס האָט געזיגט די רעאַקציאָנערע צענטראַלע באַזע פון „בונד", וואָס איז ענדגילטיק אַוועק אויפן וועג פון „רעפאָרמיזם" אין דעם אַלטן, דייטש־סקאַנדינאַווישן זינען פון וואָרט. דערפון נעמט זיך אויך דער האַס ביים „בונד" צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, דער סאַבאָטאַזש בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה מצד בונדישע טוער קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג און דאָס אַנטלויפן פון בונדישע טוער פון דעם היינטיקן נייעם, דעמאָקראַטישן פּוילן, דעם פּוילן פון 1945. דערפאַר אויך דער פּרוּאוו צו אָרגאַניזירן, מיט דער הילף און אונטער די פליגלען פון דער „פאָרווערטס"־אינסטיטוציע, אַ רעאַקציאָנערע באַזע אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס אין אַמעריקע, כדי צו „באַשיצן" די אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכקייט קעגן אמת־פּראָגרעסיווע קאָמפּערישע שטרעבונגען.

עס איז מיר ניט באַשערט געווען צו זיין פריי פון אַ צווייטן און דריטן באַזוך פון דעם זעלביקן נח, דאָ אין אַמעריקע. און ביידע וויזיטן האָבן געהאַט איין ציל: געטריי צו זיינע סוחרישע אַקציעס אין פּוילן, איז נח אויך דאָ אין אַמעריקע געווען דער פינאַנציעלער „געניוס" פאַרן „בונד". ער איז צו מיר געקומען מיט אַ צעטעלע, שוין מיט אַ פאַרטיקן טעקסט — עס איז בלויז נויטיק געווען מיין אונטערשריפט אונטער אַ טעקסט, וואָס האָט פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון יעדער פּרעטענזיע, אַלס די פרוי פון מעדעמען, נאָך זיין טויט, צו באַקומען געלט פון דעם פאַרקויף פון מעדעמס בוך: „פון מיין לעבן" — צוערשט פון דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע און שפּעטער פון דער פּוילישער. איך האָב צוגעשטימט. אין ביידע פאַלן איז ער געקומען צו מיר מיט די פאָטאָגראַפיעס פון זיין אייניקל; דאָס איז געווען דער ביליקער אופן צו שאַפן אַ מין משפּחה־שטימונג, אַן אילוזיע פון אַ שלום צווישן אונדז, כדי שפּעטער צוקומען גרינגער צום הויפּט־ענין — דעם פינאַנציעלן...

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן.

ווען איך בין געווען אין פּוילן, אין 1934, און געהאַט 7 אַרויסטרעטונגען אין פאַרשיידענע שטעט פון פּוילן פאַר דער אָרגאַניזאַציע „אגראַיד" — האָט שוין די בונדישע „פאָלקס־צייטונג" ניט געוואָלט אָננעמען אפילו אַ באַצאָלטן אָנאָנס פאַר מיינע לעקציעס, וואָס זיינען געווען רעפעראַטן וועגן דער אויפבוי־אַרבעט פון סאָוועטישן אידנטום, וועגן ביראָ־בידזשאַן, — ווייל זיי קאָנען נאָך שאַפן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג אין די בונדישע אַרבעטער־רייען צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס איז אין 1934 געווען „שטאַרקע רעוואָלוציע". דאָס האָט געקאָנט שעדיקן דעם „בונד" אין די אויגן פון דער פּוילישער פּאָליציי...

דער מענטש: מעדעם

שווער צו שרייבן וועגן מעדעמען פּערזענלעך. ער איז געווען דער סאַמע קאָמפּליצירטער נשמה־אַפּאַראַט. אַ זייער גרויסער עסטעט, מיט טיפע קינסטלערישע פּיאַיקייטן, מיט אַן אומגעווײנלעך שטאַרקן מוזי־קאַלישן חוש און אַ צייכנער־טאַלאַנט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן פּשוט און נאַטירלעך געקאָנט אַריינפּאַסן אין די סאַמע באַשיידענע, שטיינערישע באַדינגונגען אַרום זיך. ער האָט פון דער נאַטור געהאַט אַ מוראַדיקע עקשנות, וואָס האָט אים אָפּט פּאַרטראָטן דעם ווילן. און וואָלט ער ניט געווען קיין קראַנקער מענטש, און וואָלט ער אויך געווען געהאַט די נאָרמאַלע לעבנס־ענערגיע, די לעבנס־לוסט און דעם אָפּטימיזם, וואָס געזונטע מענטשן האָבן, — וואָלט ער געקאָנט געווען שאַפן מער, איידער ער האָט געשאַפן אין די געציילטע יאָרן פון זיין לערנען זיך און לעבן אין אויסלאַנד. זיינע קרובים האָבן מיר דערציילט, בעת מיין זיין אין 1913 אין קאָוונע, ווי פריילעך און שטיפעריש ער איז געווען אַלס קינד, וואָס פּאַר אַ דערפּאָלג ער האָט געהאַט אַלס סטודענט צווישן פריינט פון ביידע געשלעכטן — בחורים און מיידלעך. איך האָב דאָס געקאָנט זען אַליין, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין אַ קליין שווייצאַריש דערפל, שפּיץ, אין 1904, וואו איך בין געווען בלויז אַ פּאָר וואָכן און געזען מעדעמען עטלעכע מאָל פון דער ווייטנס. ער האָט געהאַט אַזאַ וויכטיקן שם און אַזאַ „גוואַרדיע" אַרום זיך, אַז איך, נאַר־וואָס פון דער שול־באַנק, האָב ניט געוואָגט צו רעדן מיט אים. אָבער איך האָב געהערט זיין פריילעכן געלעכטער, גאַנצע קאַסקאַדן פון געלעכטער, ווען ער איז געזעסן ביי זיינע פריינט, סטודענטקעס פון בערן און ציריך, וועלכע האָבן פאַר־בראַכט דעם זומער אין דעם הערלעכן באַרג־דאָרף, אַרומגערינגלט פון די בערנער אַלפּן.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט מיך קאָסאָווסקי, אויך אַ מיטגליד פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", באַקענט מיט מעדעמען אויף אַ בונדישער וועטשערינקע. איך בין שוין געווען אַביסל דרייסטער און, זענדיק מעדעמס אינטערעס צו מיר — אויך אַביסל חוצפּהדיקער. איך האָב זיך געקלאָגט פאַר קאָסאָווסקין, אַז עס איז מיר אַביסל אומעטיק מיט די „אַלטע" בונדיסטן, וועלכע האָבן אַזעלכע פאַרנומענע, פאַר־זאָרגטע פּנימער און זיינען אַלע פאַרהייראַטע. אייניקע פירן אַפילו קליינע

קינדער ביי דער האַנט. האָט קאַסאָווסקי זיך צעלאַכט און געזאָגט: „היינט איז גראָד געקומען פון ציריך מעדעם, וועט איך שוין ניט זיין נודנע. ער איז זייער אַ פריילעכער ביי אונדז."

ניט וואָס איך בין געווען איינזאַם אין זשענעווע. ניין. עס האָט מיר ניט געפעלט קיין געזעלשאַפט: איך האָב געהאַט דייטשע, איטאַליענישע און פּוילישע פּריוואַט־סטודענטן, אָבער זיי זיינען ניט געווען פּאָליטיש רייף גענוג פאַר מיר. זיי האָבן געוואוסט פּונקט אַזוי פיל, ווי איך. ניט מער. דער איינציקער צווישן די יונגע, וואָס האָט געוואוסט מער, איז מיר ניט געפעלן געוואָרן צוליב זיין לעבנס־שטייגער: ער האָט געטרונקען, אַרומגעשלעפּט זיך שפּעט ביינאַכט איבער די קאַפייען און געהאַט אַ שאַרפע צונג. דאָס איז געווען קאַרל ראַדעק. נאָכדעם ווי איך בין עטלעכע מאָל געווען אין אַ פּאָליטישן קרייז, וואָס ער האָט אָנגעפירט, האָט ער מיר אָנגעשריבן אַ קאַרטל און געפאָדערט, אַז איך זאָל ווערן זיין פרוי... איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן פאַר דעם אולטימאַטום (ער האָט געדראָעט מיט צוואַנגס־מיטלען, זיכער געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס דערמיט), אַז איך בין אַנטלאָפן אין אַ צווייטער שטאָט. איך בין נאָך געווען זייער „גרין", און ער האָט דאָס זיכער באַמערקט. און אַזוי ווי אַט־דער פאַל האָט מיך אָנגעפילט מיט שרעק, האָב איך איבערגעריסן מיט אַלע מיינע באַקאַנטע סטודענטן און זיך בלויז געחברט מיט מיידלעך. עס זיינען געווען צווישן זיי עטלעכע סטודענטקעס פון מעדיצין, מיט וועלכע איך האָב זיך אין די שפּעטערע יאָרן געטראָפן אין פּוילן, ווי: נאַטאַ נייפעלד, פון טשענסטאָכאָוו (געשטאָרבן אויף טיפוס אין 1919, בעת אַן עפּידעמיע אין טשענסטאָכאָוו); קלאַראַ נאָוואַק פון קיעלץ, שפּעטער אַ מיליטערי־שער דאָקטאָר אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; נאָראַ אַבראַמאָוויטש פון וואַרשע. מיר זיינען געווען פריינדינען און מעדעם האָט אונדז געגעבן אַ נאָמען: „די פּוילישע אינטריגע", ווייל מיר האָבן שטענדיק עפּעס געהאַט צווישן זיך צו רעדן, ווי באַלד ער איז צוגעקומען צו אונדז. און שטענדיק האָט ער געוואָלט וויסן, וואָס מען רעדט — און מיר האָבן גע־רעדט שטיל און געלאַכט, און אים אינטריגירט.

אין די שפּעטערע יאָרן, שוין זייענדיק פאַרהייראַט, האָב איך זיך באַפריינדעט מיט פאַניאַ סוראָוויטש, די פרוי פון פראַנץ (בלומין), אַ זייער געטרייע, ערלעכע און מוטערלעכע חברטע. אויך מעדעם האָט זי זייער ליב געהאַט — שטענדיק זי מיר פאַרגעהאַלטן אַלס מוסטער פון אַ פרוי,

וואָס האָט פאַר אַלץ צייט: סיי פאַרן הויז, סיי פאַרן לערנען, סיי פאַר דער משפּחה־אַרבעט. ער איז געווען גערעכט. פאַר מיר איז דער טאָג געווען קורץ אין אויסלאַנד. ערשט אין פּוילן האָב איך זיך אויסגעלערנט צו סיסטעמאַטיזירן מיין צייט.

מיר האָבן זיך באַקענט. איך האָב געזען מעדעמס אינטערעס אין מיר. איך האָב אָבער אויך געזען אַ גרויסע געפאַר אין פאַרבינדן זיך מיט אים. מיט עפּעס אַ באַזונדערן חוש האָב איך עס דערפילט. מעדעם איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט פאַר זיך אַליין געפאָדערט דעם גאַנצן מענטשן. ער האָט ניט געוואָלט, אַז איך, זאָל זיך ווייטער לערנען, אַז איך זאָל אַרבעטן געזעלשאַפטלעך, אַפּ איך זאָל אַפילו פאַרן זען מיינע עלטערן. מיט איין וואָרט: אַבסאָלוטע און פולשטענדיקע אויסשליסלעכקייט...

דערצו איז מעדעם געווען אַזוי צוריקגעהאַלטן, אַזוי קאַרג אויף ווערטער, אַז עס פלעגט אים זיין פּשוט פיזיש שווער צו רעדן וועגן זיך. אַ פּאַטאָלאָגישע באַשיידנקייט איז דאָס געווען. פון געציילטע פאַקטן, עפּיזאָדן, זעלטענע שמועסן און יוגנט־זכרונות, ווען ער פלעגט האָבן זיינע אָנפאַלן פון „נאָסטאַלגיע" (בענקשאַפט) נאָך רוסלאַנד, נאָך זיין היים און זיין משפּחה — ער האָט זייער ליב געהאַט דעם קאָוונער ברודער און די איינציקע שוועסטער, פלאָרא זשאַבאַ, מיט איר זון, סעריאָזשאַ, וועלכן ער האָט געהאָלפן דערציען — פון די זעלטענע שמועסן צווישן אונדז, אין דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אונדזערער, האָב איך געמוזט זיך שאַפן אַ בילד פון זיין כאַראַקטער און פון דעם גורל, וואָס איך גרייט פאַר זיך.

ווייל איך האָב נאָך אין 1905, בעת אַ זייער קורצער באַקאַנטשאַפט פון עטלעכע וואָכן, פאַרן אָפּפאָרן קיין פּוילן אויף אַרבעט, געוואוסט, אַז דאָס איז ניט סתם אַזוי אַ סטודענטישע „אינטערמעצצאָ", אַ מין זומער־עפּיזאָד ביי דער זשענעווער אָזערע, ווי סטודענטן פלעגן געוויינלעך דורכ־לעבן. ניין, עס איז געווען גאָר אַן אַנדער ענין: אַ ראָמאַנטישע באַגעג־ניש, טאַקע ביי די אַלפּן־פּאַנאָראַמעס פון „מאָנטבלאַן", אָבער באַגלייט פון דעם שווערן פליגל־גערויש פון טויט... מעדעם האָט מיר איינמאָל, דאָס איינציקע מאָל אין אונדזערביידנס צוזאַמענלעבן, געזאָגט, ווי שווער און אומהיילבאַר קראַנק ער איז, און: „בעת פאַר אַלע מענטשן אין מיין עלטער — 26 יאָר — הויבט זיך ערשט אָן דאָס לעבן, שטייט פאַר מיר איין פּערספּעקטיווע: דער פריצייטיקער טויט..." דאָס — אָט־די דער־קלערונג — איז געווען אַזאַ געוואַלטיקער קאָנטראַסט מיט דעם הערלעכן

בליענדיקן אַרום, אויף אַ זומער־טעראַסע פון אַ קאַפע אין גראַנד־לאַנסי, אַרום זשענעווע, ביי אַ טיש מיט ווייַן און אונטער דער מוזיק פון צוויי איטאַליענישע גיטאַריסטן, — אַז איך האָב דערפילט אַ פּראָסט לענגס־אויס מייַן רוקן און ניט געקאָנט געפינען קיין אַנדערע ווערטער, ווי דעם צוזאָג: „איך וועל איך קיינמאָל ניט לאָזן זיין אַליין.״

און דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע, וואָס האָט מעדעמען, אין משך פון זייַן לעבן, געמאַטערט און פּאַרוואָס ער האָט שטענדיק אַזוי מורא געהאַט: איינזאַמקייט... געדאַנקען וועגן טויט, וועגן זייַן קראַנקהייט, וועגן וועלכער ער איז געווען זייער באַוואוסטזיניק — איר פּראָגנאָז, אירע סטאַדיעס, איר סוף: אורעמיאַ... פּאַרגיפטונג פון גאַנצן אָרגאַניזם — טויט...

דערפאַר איז מעדעם געווען אַזוי געטריי צוגעבונדן צו מיר. פון אַלע פרויען, וועלכע זיינען געווען אַרום אים, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן דורך פריינטשאַפט אין די סטו־דענטישע יאָרן, בין איך געווען די איינציקע, וועלכע האָט, ווי ער האָט עס געזען, אַרויסגעוויזן גרייטקייט אים ניט צו פאַרלאָזן קיינמאָל, גיין מיט אים דעם שווערן גאַנג פון אַ פאַרמשפּטן צו אַ פּריציייטיקן טויט, פאַריאָגן דורך מיין יוגנט און אָפּטימיזם די בילדער פון סוף, און מיט אַ שטאַרקער האַנט צוריקהאַלטן אים פון אַלע שעדלעכע פאַר זייַן געזונט צופעליקייטן פון קלימאַט און שפּייז.

מיט אַ מאָדנער, מיידלש־רייפער אינטואיציע, האָב איך פּלוצלונג אָפּגעשאַצט, וואָס איך דאַרף טאָן פאַר אָט דעם איינזאַמען, יונגן, טאַלאַנט־פולן אַרבעטער־פירער, וועלכער קאָן דער וועלט געבן אַזוי פיל, אויב עס זאָל זיך געפינען עמעצער, וואָס זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ נאָרמאַלן געזונטן לעבן, פון אַלע עקספּערימענטן און רייזעס, וואָס רייצן די פאַנטאַזיע פון אַ יונגן מענטשן — בחור אָדער מיידל — איינשליסנדיק דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַ פּראָפעסיאָנעלער קאַריערע.

איך בין געווען אויפן ערשטן קורס פון מעדיצין און האָב געוואָלט פאָרן בלויז זיך זען מיט מייַן מוטער און מיט מייַן ברודער, כדי צו פועלן ביי זיי מיר צו דערלויבן פאָרזעצן מעדיצין. מייַן מוטער איז געווען קעגן דעם פּלאַן, ווייל איך בין דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער געווען זייער קראַנק אויף דיפטעריע און ניט געווען שטאַרק גענוג פאַר אַזאַ שווערער

אונטערנעמונג. איך וואָלט זיך אויך גערארפט אָפּזאָגן פון לעבן אין רוסלאַנד, ווייל מעדעם איז געווען אומלעגאַל. און איך האָב געוואָלטיס גערן געוואָלט וואוינען אין רוסלאַנד, נאָך דעם הערלעכן יאָר אין רעוואַל, אין 1903, נאָך די ערשטע באַגייסטערטע יוגנטלעכע רעוואָלוציאָנערע אָנהויבן דאָרטן.

עס איז געווען שווער זיך צו אַנטשיידן: ניט פּוילן, וואוהין מעדעם האָט ניט געוואָלט גיין און ניט רוסלאַנד, וואוהין ער האָט ניט געקאָנט גיין. און די פּערספּעקטיווע פון זיין אַן אייביקע עמיגראַנטישע פרוי איז פאַר מיר, אַ לעבעדיקע, פריילעכע און ענערגישע מיידל, געווען אַ גרויל... האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן פריער אַהיים, קיין לאָדזש, זיך אריינוואַרפן אין דער פּאָליטישער אַרבעט און זען, וואָס עס וועט דערפון אַרויסקומען. בפרט נאָך, אַז אונדזער ביידנס אַ גוטער פריינט, אַ טייערער מענטש, דער „אַמעריקאַניעץ", ווי אַלע האָבן אים גערופן, ווייל ער איז געווען אין אַמעריקע דריי מאָנאַטן און אַנטלאָפן צוריק קיין ווילנע, דערנאָך קיין זשענעווע, האָט מיר געזאָגט, אַז עס טראָגן זיך געוויסע קלאַנגען, אַז „עפּעס הויבט זיך אָן" אין רוסלאַנד און דאַן וועלן זיך דאָך אַלע „זאַגראַניטשניקעס" צעפאָרן, „מאַכן די רעוואָלוציע"...

איך בין ניט געווען דערשלאָגן ביים צעשיידן זיך. אַפּנים, עס האָט מיך געצויגן אויסצופּרואוון מיינע כוחות אין דער אַרבעט אין פּוילן. און אַביסל, אַביסל איז אויך געווען דער פאַרלאַנג נאָך צו זיין פריי. און נאָך עפּעס: אָפּצולייגן אויף אַ שטיקל צייט די פולשטענדיק אונטערגעאָרדנטע פּאָזיציע, וואָס איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל פאַרנעמען אין אונדזער צוזאַמענלעבן. ווייל איך האָב שוין געזען אין קליינע צופעליקע פּאַסירונגען, אַז מעדעם פאַרליידט ניט קיין אָפּאָזיציע. כאָטש ער באַשטייט ניט דיקטאַטאָריש אויף זיין ווילן, ווערט ער אָבער אין זיך פאַרשלאָסן און צוריקגעהאַלטן, אויב מען גיט זיך אים ניט אונטער. און אין דעם זיינען מיר ביידע געווען פאַרעקשנט: קיינער האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן. און איינמאָל, ווען איך האָב עס געטאָן, כדי ניט צו צעשטערן אַן אָפּגעמאַכטע עקסקורסיע אין די בערג, האָב איך אָבער געביילטביידע הענט און געזאָגט מיט צאָרן אויף אַ קול: „איך טו עס אונטער צוואַנג..."

איך געדענק, ווי מעדעם האָט צוערשט לאַנג געקוקט, דערנאָך פון אַן ערנסטן פּנים געגומען שמייכלען און געזאָגט: „דאָס רעדט דער פּוילישער האָנאָר אין דיר?" — אַרויסגעזאָגט האָט ער עס געלאַסן,

זייער קאָרעקט און מיט יענעם חוש פאַר הומאָר, וואָס ער האָט געהאַט אין אַ זייער גרויסער מאָס. אָבער גלייכצייטיק האָט ער זיך פאַרטראַכט און אָנגעהויבן אין קליינע זאַכן נאָכצוגעבן, כדי ניט צו פאַרלירן צופיל ענערגיע אויף מיר. און פאַר מיר איז אַ קליינער נצחון אויך געווען וויכטיק, ווייל עס איז געווען מעדעם, און ניט עפּעס אַ סטודענט אָדער אַ „פּלירט".

מעדעם איז געווען צוריקגעהאַלטן ביז גאָר. ער איז געווען אַזוי געמאָסטן אין ווערטער, אַזוי פּוריטאַניש שטרענג אין אַרויסווייזן געפילן, אַז ער האָט פּאַקטיש קיינמאָל ניט געמאַכט קיין דערקלערונג, אַז מיר זאָלן הייראַטן, נאָר ער איז אַוועק זיך שמדן צום לוטעראַנישן פּאַסטאָר, כדי איך זאָל ניט דאַרפן בייטן מיין אידישן גלויבן אויף אַ קריסטלעכן... ווייל מעדעם איז געווען אַן אָרטאָדאָקסיש־רוסישער פון זיין אַכטן לעבנס־טאָג אָן, אַ פּראַוואָסלאַוונער. מיין מוטער אָבער האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר מיין פאָטער וועט עס זיין אַ טויט־קלאַפּ, אויב איך וועל זיך שמדן. און אָן אַ לעגאַלן דאָקומענט, האָט זי מיך געבעטן, זאָל איך ניט בלייבן, צוליב אונדזער גרויסער משפּחה און דעם סקאַנדאַל, וואָס דאָס וואָלט געמאַכט אין לאָדזש און וואַרשע. „זאָל די וועלט מיט דיר ניט קלינגען", פלעגט מיין מאַמע מיך שטענדיק בעטן.

ווען מעדעם האָט געלייענט איר בריוו צו מיר, האָט ער זיך גענומען לערנען אידיש ביי וויקטאָר שולמאַנען, אַ בונדאָוויעץ אין זשענעווע, און האָט צו איר אָנגעשריבן אַ בריוו און געדאַנקט פאַר דער הסכמה. ער איז אָבער אַוועק אויף זעקס וואָכן זיך לערנען „רעליגיע" ביי אַ קאַלווינסטישן פּאַסטאָר, „ווייל" — האָט ער געטענהט צו מיר — „כאַפּט זייביידן דער קלאָג! איך גלויב זיי דאָך ביידן ניט, איז פאַרוואָס זאָל איך ניט טאָן דיין מוטער די טובה?"

איך מוז זאָגן, אַז איך בין געווען דערשיטערט פון דעם קאָמפּראָמיס, וואָס מעדעם, דער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", האָט אָפּגעטאָן מיט זיין מאַרקסיסטישן געוויסן און אידעאָלאָגיע. נאָך מער: די חתונה־צערעמאָניע איז פאָרגעקומען אין אַ קאַלווינסטישן קליינעם קלויסטערל, מיט צוויי עדות — איינע פון זיי דער שוין־דערמאָנטער פריינט אונדזערער, קראַסינסקי („אַמעריקאַניעץ"), און קאָסאָווסקי — נאָכדעם ווי מיר האָבן באַקומען די הייראַטס־ליצענזיע אין דעם זשענעווער „מאַגיסטראַט". אגב, ווייל איך דאָ דערמאָנען אַ פּאַסירונג, וואָס איז

פֿאַרגעקומען גראַד מיט אַ פּאָר וואָכן פֿריער און וואָס האָט געקאָנט ענדערן אַלע פּלענער אין מיין לעבן, ווען דאָס זאָל געווען פּאַסירן מיט אַ וויי[ניקער]־שטאַרקן מענטשן, ווי איך בין עס געווען...

עס איז געווען הארבסט, 1909. מיר זיינען געווען אַ גרופּע פֿון פֿיר סטודענטן און האָבן נאָר־וואָס פֿאַרענדיקט אַן עקסקורסיע פֿון לוצערן צופֿוס, פֿון אויבן אַראָפּ, איבערן סאַן־גאָטהאַרד אין אַסקאָנאַ, ניט ווייט פֿון לאָקאַרנאָ, אין דער איטאַליענישער שווייץ: מיין לאַדזשער שוועס־טער־קינד לעאָן האַלענדערסקי און איך, און אַ מיידל פֿון וואַרשע, רוזיא געזונטהייט און איר פֿריינט. עס איז געווען אַ הערלעכער סוף־זומער. איך בין געקומען פֿון פּוילן, וואו איך בין געזעסן אכט מאָנאַטן אין תּפֿיסה, און האָב אָנגעהויבן זיך לערנען אין זשענעווער אוניווערסיטעט, שוין ניט מעדיצין, נאָר סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן. דאָס איז טאַקע געווען דער איבער־רייס פֿון דריי יאָר, וואָס איך האָב ניט געזען מעדעמען זינט יענעם שמועס אויף דער טעראַסע פֿון דער קאַפֿע וועגן זיין קראַנקהייט. דורך דער צייט פֿון איבעררייס איז מעדעם געווען אומלעגאַל אין קיעוו, זשיטאָמיר, ווילנע, פּעטערבורג און קאָוונע, און אין מאַי, 1908, איז ער געקומען צוריק אין דער שווייץ. מיר פֿיר האָבן געפֿירט אַ פֿריילעכן וואַקאַציע־לעבן: אַלע זיינען מיר געווען סטודענטן. מיין יוגנט־פֿריינט, לעאָן, אַ פּועלי־ציוניסט, האָט מיך פֿון קינדוויז אָן ליב געהאַט, און איצט איז ער געקומען פֿון קעניגסבערג, וואו ער האָט זיך געלערנט, כּדי ענדגילטיק צו באַקומען אַן ענטפֿער אויף זיין הייסן פֿערזענלעכן ענין... און איך האָב געזאָגט, אַז איך קאָן ניט טראַכטן וועגן דעם, איך מוז זיך לערנען. האָבן מיר טאַקע ניט געטראַכט וועגן דער צוקונפֿט, געגאַנגען אויף עקס־קורסיעס, איינגעקויפֿט בשותּפֿות פּראָדוקטן, געקאָכט איטאַליענישע מאכלים אונטער דער אָנווייזונג פֿון דער אַלטער מוטער פֿון אַנטאָניאָ, דעם פּאָסט־פֿאַרוואַלטער און באַלעבאָס פֿון הויז, און געפֿאָרן אויף שיפֿלעך באַגעגענען אין אָוונט אַ גרויסן דאַמפֿער, כּדי צו זען געוואַלטיקע כוואַליעס פֿאַר אַ פּינף מינוט. אין אָוונט האָט געשפּילט מוזיק אויפֿן ברעג, אַ קאַפּעליע פֿון דייטשע קונסט־מאָלער האָט געטאַנצט און מיר מיט זיי. עס איז געווען אַ וואונדערבאַרער הארבסט — מיין לעצטער, אַלס אַן „אָרנ־באָכער", אַזוי צו זאָגן. דאַן זיינען זיי אַוועקגעפֿאָרן און פּלוצלונג האָט מיך געפֿונען — דורך דעם איינגענעם „אַמעריקאַניעץ" — מעדעם, וועלכער איז געקומען פֿון רוסלאַנד. ער האָט געהאַט עטלעכע פֿרייע וואָכן

און האָט אָנגעפרעגט, צי ער קאָן קומען. מיט דעם איטאַליענישן טייל פון דער שווייץ איז ער געווען אומבאַקאַנט און האָט זיך געפרייט מיט די ווייננגערטנער און הערלעכע ווייכע קאָנטורן פון די בערג איבער דער אָזערע „לאַגאָ מאַדזשיאָרע". מיר האָבן זיך באַקענט מיט די דייטשע קונסט־מאָלער, מינכענער מיידלעך און בחורים, און האָבן גוט פאַרבראַכט די פאָר וואָכן.

דערנאָך זיינען מיר אַוועק מיט דער שיף פון מאָנטרע קיין זשענעווע. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אויפן וואַסער, געהאַט פאַר זיך בליענדיקע מימאָזאַ־ביימער, כריזאַנטעמעס און די הייסע סעפּטעמבער־זון. אָבער אין זשענעווע גופא האָט גערעגנט און עס איז געווען קאַלט. אַ שאַרפער ווינט פון „סאַלעוו", פון די הויכע סאַוואָיער בערג, האָט בולט גערעדט וועגן ווינטער, וועגן אומעט, וועגן קעלט, וועגן איינזאַמקייט, און מעדעם איז פּלוצלונג געוואָרן שטיל, ווי איינגעשרומפּט אין זיך, איינגע־קנוילט. מיר זיינען געגאַנגען איבער דער „רי דע קאַרידזש", צו מיינער אַ פריינדין, מיט וועלכער איך האָב געהאַט געוואוינט. מעדעם האָט זיך גע־זעגנט. ער איז אַוועק צו זיך. אין דעם מאָמענט איז אַרויס פון דער זייטן־גאַס קאָסאָווסקי און האָט מיך באַגריסט מיט אַ ברייטן שמייכל. מיר זיינען געווען גוטע פריינט, ווייל איך האָב ליב געהאַט זיינע רעאַליסטישע רייד. מיט אים איז אויך געווען זיינע אַ פריינדין, אַ שיינע, בלאָנדע קיעווער מיידל, פאַניאַ ב. ער האָט נאָך באַוויזן צו זען מעדעמען און אים צו באַגריסן. מעדעם האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און שוין האָט ער געהאַט זיין „שטיינערנעם" פּנים, ווי תמיד ווען ער פלעגט זיך באַגעגענען מיט זיינע קאָלעגן פון ז. ק. (אויסלענדישן קאָמיטעט). עס איז געווען מאָדנע, ווי וויניק פריינטלעך מעדעם איז געווען מיט זיי! און דאָ האָט קאָסאָווסקי צו מיר געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, וועלכע איך האָב קיינמאָל קיינעם נים דערציילט; ווערטער, וועלכע האָבן געהאַט אַ פּונקט פאַרקערטע און דעצידירנדיקע ווירקונג אויף מיר. אָט וואָס ער האָט געזאָגט: „גינאַ, קוקט זיך גוט איין, ווי מעדעם זעט אויס, ווי אַזוי ער גייט: איינגעבויגן, טרויעריק, אין זיך אַליין איינגעוויקלט, קוים וואָס ער באַרירט דעם טראָ־טואַר; די הענט אין די טאַשן פון דעם שוואַרצן הארבסט־מאַנטל, אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין געפרוירן. פאַרטראַכט זיך גוט, איידער איר באַשליסט מיט מעדעמען זיך צו פאַרבינדן. ער איז זייער קראַנק. איר וועט דאַרפן זיין אַ קראַנקן־שוועסטער. אַ שאָד אייער יוגנט און אייער שיינקייט. איך

בין אייער פריינט, איך וואָרן אייך — מיר אַלע וואָרענען אייך: טוט עס ניט. איר טאָרט עס ניט טאָן."

איך האָב געקוקט אויף קאַסאָווסקין, דאַן זיך אומגעקוקט אויף מעדעמען, וועלכער איז געגאַנגען, אויסמיידנדיק די לוזשעס וואַסער, לאַנגזאַם, מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער. זיין בלאַסער פּנים איז געווען ווי אַ מאַסקע. ער האָט געוואוסט, אַז יעדע פאַרקילונג, יעדע הויכע טעמ־פּעראַטור איז פאַר זיין „נעפּריטיס" אַ געפאַר, און ער האָט דאָס שטענדיק געהאַט אין זינען. יעדער געדאַנק וועגן לעבן איז געווען אָפּהענגיק פון דער געפאַר פון אַ פאַרקילונג. דערפאַר איז ער געגאַנגען, ווי ער וואָלט געטראָגן זיין צלם — גאָלגאָטאַ...

איך האָב זיך אַ ריס געטאָן פון קאַסאָווסקין, אַ לאָף געטאָן נאָך מעדעמען, אָנגענומען זיין אָרעם און אים פריילעך צוגערופן: „מיר גייען צו מיר. ביי אייך איז געווים קאַלט. נאַטאַ וועט מאַכן טיי, און ווען עס וועט אויפהערן צו רעגענען, וועט איר גיין צו זיך אַהיים. אַנטשולדיקט, וואָס דאָס איז מיר פריער ניט איינגעפאַלן."

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם שנעלן איבערבייט אויף מעדעמס פּנים — פון קאַלטן, פאַרעקשנטן טרויער צו אַ זוניקן שמייכל: „לוטשיע פּאָזדנאָ טשעם ניקאָגדאַ" („בעסער שפּעט, איידער קיינמאָל ניט") — האָט ער געזאָגט און זיך אויטאָמאַטיש אויסגעגלייכט, אַזוי ווי דער רעגן וואָלט שוין אויפגעהערט.

מיר זיינען געגאַנגען שנעל פאָראויס, געאָרעמט, לאַכנדיק פון די נאַסע טראָפּנס הינטערן קאָלנער. מיר האָבן געהאַט אַ שפּיל צוגעגרייט נאָך דאָרטן, אין אָסקאָנאַ: „עס וועט ניט רעגענען אין זשענעווע, עס וועט זיין אַ גוטע באַלעבאָסטע פון זיין צימער, זי וועט דערלויבן רייכערן; עס וועט זיין זון, עס וועט זיין אַ קאַץ פאַר מיר צוגעגרייט..." דאָס האָבן מיר איצט גערעדט אויפן קול, און ווער עס האָט אונדז געזען דעם אָוונט אין דער זשענעווער קאָלאָניע, האָט זיכער געמיינט, אַז מיר זיינען משוגע געוואָרן. מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט די היט טיף איבער די פּנימער און ביי מיר אין די אויגן זיינען געווען טרערן און אין האַרץ — אַ האַס צו קאַסאָווסקין פאַר זיינע שרעקלעכע דראָאונגען. אַ גליק, וואָס איך מיין אַזוי פיל פאַר אָט דעם אויסערלעך־קאַלטן, שטאָלצן און דיסציפּלינירטן מענטשן, וועלכער האָט געוואַרט אויף אַן איינלאַדונג אַרויפצוקומען צו אונדז, די צוויי יונגע, שיינע פריינדינען, כדי ניט צו זיין אַליין דעם

ערשטן אָוונט נאָך דער זוניקער, וואַרעמער, הערלעכער איטאַליע; וועל־כער איז אָבער געווען צו שטאָלץ צו בעטן אַזאַ זאַך — און באַשלאָסן: בעסער צו זיין אַליין דעם אָוונט.

אָט־דער פאַקט האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף מיין דריי־יאָר־אַלטן באַשלוס ניט צו פאַרלאָזן מעדעמען און צו פאַרבינדן מיין גורל מיט יענעם אומזיכערן, אומבאַוואוסטן און שווערן, וואָס איז געווען דער אינהאַלט פון זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון אָט־דער וואָרנונג.

און פון נאָך איין זייט איז געקומען אַ וואָרנונג צו מיר ניט צו פאַר־בינדן זיך מיט מעדעמען: פון אַ פרוי, מיינער אַן עלטערער שול־חברטע — שפּעטער די פרוי פון קאַרל ראַדעק. זי האָט מיך ליב געהאַט און געוואָרנט, אַז מעדעם איז שטענדיק אַרומגערינגלט מיט פרויען, וועלכע „פאַרגעטערן" אים; אַז ער האָט פלירטן אין יעדער שטאָט און אַז איך וועל אַ סך ליידן דערפון. איך האָב זי באַרואיקט, אַז איך האָב דערפאַר גראָד ניט קיין מורא, ווייל איך בין אויך אַרומגערינגלט — מיט מענער. איך פיר אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט מענטשן פון „גאַנץ אייראָפּע", און בין פאַרזיכערט מיט פונקט אַזאַ דערפאָלג. אויסער דעם האָב איך אַזאַ כאַראַק־טער, אַז אין דעם מאָמענט, ווען איך זע, אַז איך בין איבעריק, גיי איך אַליין אַוועק, אָן שום ווייטיק, אָן איבעריקע ווערטער. מיר זיינען אַ שטאָלצער שבט. און דאָס האָט מעדעם אויך געוואוסט. דערפאַר איז עס קיינמאָל ניט געקומען צו קיין אייפערזוכט אָדער חשד — כאָטש אויף די בעלער אין דער קאָלאָניע, ווען איך פלעג טאַנצן און זיין אַרומגערינגלט מיט בולגאַרן, פּאָליאַקן און רוסן, פלעגט מעדעם מאַכן אַביסל באַ־מערקונגען איבער מיינע „קאַוואַליערן". ער אַליין האָט ניט געטאַנצט צוליב זיין האַרץ—און ער פלעגט אָפּטויטן אין מיר יעדן אינטערעס צו זיי.

איך געדענק, ווי אַ פראַנצויז איז אויף איין וועטשערינקע אַרומ־געגאַנגען איבער די זאַלן און געזוכט „אין פיגיר ענטעליזשאַנט" (אַן אינטעליגענטן פּנים), און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי מעדעמען און אויס־געדופן: „זשע לאַ טרואַווע" — איך האָב עס געפונען . . . מעדעם איז געווען צום ערשטן מאָל צופרידן. עס איז געווען אין אָנוועזנהייט פון אונדזערן אַ קרייז — מיינע „קאַוואַליערן".

שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך באַזעצט אין זשענעווע צוזאַמען, פלעגט מעדעם לייגן מער געוויכט אויפן אָנטאָן זיך. זיין ברודער, ניט זייער

צופרידן מיט דער הייראַט (איך בין פּאַרט געווען אַ אידישע און דערצו נאָך אַ „סאָציאַליסטקע"), האָט אָבער, אַלס אַ ליבנדיקער ברודער, אים אָנגעהויבן אַביסל צוהעלפן, און מעדעם האָט געטענהט, אַז ער איז דער „סאַמע עלעגאַנטסטער יונגערמאַן אין מערב־אייראָפּע, און ווען ניט די פּראַנזן, וואָס הענגען פון זיין רעקל און וועלכע ער שערט אַרום פון צייט צו צייט, וואָלט ער געווען פּרינץ אַלבערט"...

אונדזער הייראַט איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג פאַרן ז. ק. (אויסלענדישן קאָמיטעט): מעדעם פאַרהייראַט! נאָך אַלע מוסטערן פון אַ „קליינבירגער". אַפילו מיט אַ באַלעבאַטישקייט פון אַ פּריוואַטער וואוינונג אין זשענעווע, אויף „רי דע פּעפּליער", נומער 21", וואו עס איז געווען אַ פּיאַנאָ און וואו מיר פלעגן גאַנץ אָפט, הונגעריקערהייט, זינגען און שפּילן אַלטע פראַנצויזישע און דייטשע לידער און באַלאַדעס. מיר זיינען געווען גאַנץ אָרעם. מיין משפּחה איז געווען זייער דערשלאָגן צוליב מיין הייראַט מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן אַרבעטער־טוער אָנשטאָט מיט אַ קאַריעריסט פון פּוילן. האָט מען אַביסל געשניטן מיינע פריערדיקע געלט־מיטלען, וואָס איך האָב נאָך געדאַרפט אַריינלייגן אין די אוניווערסיטעט־לימודים. מעדעם פלעגט פון צייט צו צייט פאָרן אויף אַ לעקציע־טור איבער דייטשלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך, אין אוניווערסיטעט־שטעט, וואו עס זיינען געווען רוסישע סטודענטן. דאָס האָט אַביסל פאַרגרעסערט זיין באַשיידענעם געהאַלט, וואָס ער פלעגט באַקומען פון ז. ק. פון „בונד". עס וואָלט אפשר געווען גענוג פאַר אונדזער באַשיידענעם סטודענטישן לעבן אין זשענעווע, מיט אַ פּאָר קאָנצערט־בילעטן אין ווינטער, מיט אַ קליינער עקסקורסיע אין די זעשענעווער בערג אַ זונטיק, מיט אַ פּאָר זשורנאַלן און אַמאָל אַ באַזוך אין אַ זשענעווער קאַפע אָדער אַ סטודענטישע וועטשערינקע. דער ברודער זיינער, דער פאַלקאָווניק, פלעגט אים באַזוכן איינמאָל אַ יאָר מיט זיין פרוי, די טאָכטער פון אַ קאָוונער דייטשן פאַבריקאַנט, טילמאַנס, און פלעגט אים ברענגען בעת אַזאַ באַזוך אַ סך זאַכן: וואַרעמע וועש, אַן אָנצוג, אַ מאַנטל, שיך. עס וואָלט אפשר געווען גענוג פאַר אַ באַשיידענעם לעבן. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט קומען אַן אָנזאָג פון זיין קראַנקהייט: ווייטיקן, אַ מידקייט, אַ פאַרקילונג. עס האָט געמוזט קומען דער דאָקטאָר, מען האָט געמוזט אַרויספאָרן אין זומער אין אַ טרוקענער געגנט, העכער אין די בערג — און דאָס האָט פאַראורזאַכט אַלץ נייע אויסגאַבן.

דאַן פּלעג איך מוזן פֿאָרן קיין פּוילן אויף עטלעכע מאָנאַטן און דאָרט זוכן צו העלפֿן אַביסל אונדזער בודזשעט דורך געבן לעקציעס. צוליב דעם פּלעגן מיר זיך מוזן אויף אַ צייט צעשיידן, און מעדעם פּלעגט זיין ניט צופֿרידן דערפֿון. אָבער מיין מוטער און פֿאָטער האָבן געהאַט דערין די איינציקע מעגלעכקייט מיך צו האָבן ביי זיך אויף אַ געוויסער צייט. מיין פֿאָטער האָט ניט געטאָרט וויסן וועגן מיין הייראַט. איינמאָל, אין אָנהויב, האָב איך געשריבן אַ בריוו, אין וועלכן איך האָב דערציילט וועגן מעדעמען, וועגן זיין אָפּשטאַמונג און וועגן אַלץ, וואָס ער איז געוועזן. דער רעזולטאַט איז געווען — אַ שאַרפֿער ענטפֿער פֿון מיין פֿאָטער און אַ ביטע פֿון מיין מוטער, איך זאָל שרייבן, אַז עס איז בלויז געווען „אַ פּלאַן אַזעלכער” . . .

און ווען מיין פֿאָטער איז שפּעטער קראַנק געוואָרן, בין איך געקומען אַהיים און מיר האָבן מער ניט גערעדט וועגן דעם. פֿאַר מיר איז עס געווען אַ שווערער ענין: אַלע אין לאָדזש האָבן שוין וועגן מיין הייראַט געוואוסט, ווייל סטודענטקעס האָבן עס פֿאַרשפּרייט, און דאָ איז דער פֿאָטער, פֿאַר וועמען מען דאַרף עס האַלטן אַלס אַ סוד. שפּעטער, אונטערן איינפֿלוס פֿון זיינע פֿינאַנציעלע פּראָבלעמען, איז ער געוואָרן אַזוי דער־שלאָגן און אַזוי פֿאַנאַטיש־פֿרום, אַז ער פּלעגט אויסמיידן אַלץ, וואָס האָט געקאָנט ברענגען צו אַ קאָנפֿליקט מיט — גאָט...

מעדעם איז געווען אויסערגעוויינטלעך ערלעך און אויפֿריכטיק אין אַלע פּערזענלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע אָנגעלעגנהייטן.

ווען מיר האָבן באַשלאָסן צו הייראַטן, האָט מעדעם מיר געזאָגט, אַז אין זיין פֿאַרגאַנגענהייט איז פֿאַראַן אַ געוויסער פּונקט, וועלכן איך מוז וויסן. אַ זייער טראַגישער עפּיזאָד. ער האָט ליב געהאַט אַ יונגע, שיינע סטודענטקע פֿון מאָסקווע, אָבער אירע עלטערן האָבן בשום אופֿן ניט דערלאָזן, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, און זי האָט צוגעשטימט מיט זיי און איז אָפּגעפֿאָרן. מעדעם האָט עס זייער שווער איבערגעלעבט, און אַ קראַנקער און איינזאַמער האָט ער אויסגעמידן מענטשן, איז אַוועק אין אַ שווייצאַרישן דאָרף, אין אַ זומער (אַרום 1904). און אַזוי ווי ער האָט שטענדיק זומער געהאַט אַרום זיך אַ קרייז פֿריינט און פֿריידינגעס, האָט ער יענעם זומער זיך באַפֿריינדעט טאַקע אין דעם דאָרף מיט אַ סטודענטקע, אַ מעדיצינערין, וועלכע, ווייזט אויס, האָט אים שוין פֿון לאַנג ליב געהאַט. און איינזאַם און צעבראָכן ווי ער איז דעמאָלט געווען,

האָט זי מיט איר נאָענטקייט געווירקט אויף אים און זיי זיינען אַ צייט געווען צוזאַמען.

אין אַ צייט אַרום האָט מעדעם זיך באַרואיקט און איינגעזען, אַז עס איז געווען אַ פאַריבערגייענדיקע נאָענטקייט. ער איז אַוועק קיין רוסלאַנד. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שטורעם־טעג אין אָדעס. ער איז געווען אין זשיטאָמיר, קיעוו, ווילנע, געפאָרן קיין מאָסקווע, פעטערבורג, און אין די שפּעטערדיקע געשעענישן איז ער ווידער געוואָרן דער אַמאָליקער מעדעם און צוריק באַקומען זיין גלייכגעוויכט.

יענע סטודענטקע איז אָבער געוואָרן אַ מוטער פון אַ קינד — זיין קינד. און ווען ער איז צוריקגעקומען אין דער שווייץ, אין 1908, איז זי אויך געקומען אַהין, צו פאַרענדיקן דאָס שטודירן מעדיצין. זי איז געקומען מיט דעם קינד, און פריינט האָבן דערציילט מעדעמען, אַז איר מאַטעריעלע לאַגע איז אַ גאַנץ־שווערע. מעדעם האָט באַשלאָסן איר שיקן געלט, כאָטש פערזענלעך האָט ער זיך מיט איר ניט געטראָפן און האָט אויך ניט געקאָנט באַשליסן ביי זיך צו זען דאָס קינד. ער האָט אָבער רעגולמעסיק געשיקט הילף פאַר איר, ביז זי איז אַוועק צוריק קיין רוסלאַנד.

דאָס האָט ער מיר דערציילט מיט דעם ערנסט און דער פּשוטער ערלעכקייט, וואָס זיינען פאַר אים געווען כאַראַקטעריסטיש. איך האָב געוואָלט, אַז מיר זאָלן דאָס קינד, אַ זון, נעמען צו זיך, כדי איר מאַכן לייכטער. אָבער מעדעם האָט ניט געוואָלט. ער האָט געפילט, אַז דאָס וועט שאַפן אַ ניט־נאָרמאַלע לאַגע און וועט אפשר דערנענטערן די מוטער ווידער צו אים. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז עס איז שוין אַנדערש איצט; אַז פאַרבינדן וויל ער זיך מיט מיר. און זייענדיק ערלעך, האָט ער עס מיר דערציילט, האָפנדיק, אַז איך וועל עס אויפנעמען אויף דעם אופן ווי ער האָט עס מיר דערציילט — פּשוט און ערלעך. דאָס איז פאַר מיר געווען נאָך אַ באַווייז ווי ריין מעדעם, דער מענטש, איז געווען...

לעבן און טויט...

בעת דער מענטש איז שטאַרק פאַרצווייפלט, פאַרגעסט ער אינגאַנצן וועגן אַזאַ זאַך ווי שכל, לאָגיק. ער וויל זיך ניט רעכענען מיט דעם ביטערן אמת. ער קלאַמערט זיך אין צופעליקייטן, אין אַ לעצטער פּיצל האָפענונג.

ער הויבט אָן צו גלויבן אין נסים, אין אוממעגלעכקייטן, אין וואונטש־געדאנקען...

אזא צושטאנד לעבט איבער א צום־טויט־פאַרמשפּטער, א שווער־קראנקער, וואָס ווייסט, אז ער איז פאַרלוירן. אזא צושטאנד האָב איך איבערגעלעבט אין די לעצטע וואָכן פון מעדעמס קראנקהייט אין ניו־יאָרק. עס איז שוין געווען קלאָר, אז עס קאָן ניט זיין קיין רייד, אז זיין צושטאנד זאָל „ווערן בעסער". דערצו האָבן די ארומיקע פריינט מעדעמס, וועלכע האָבן געהאט די זאָרג וועגן דער מעדיצינישער באהאנדלונג, באַגאנגען א וויכטיקן טאקטישן פעלער, ניט רופנדיק צו זיין באהאנדלונג דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט מעדעמען אונטערזוכט אין זומער 1922, דעם אַלטן דאָקטאָר בארסקי. אָנשטאָט דעם, ניט געקוקט אויף מיינע באַמערקונגען וועגן דער נויטיקייט צו רופן א ספּעציאַליסט, וועלכער איז שוין באקענט מיט מעדעמס קראנקהייט, האָט מען גערופן א ברוקלינער אומבאַקאנטן הויז־דאָקטאָר פון דער וואָלאדעק־משפּחה. ער האָט באַהאנדלט קינדער און איז געווען א „דזשענעראַל פּיזישען", א הויז־דאָקטאָר.

פאַרוואָס דאָס איז געשען, האָב איך אין דער גרויסער צעטומלעניש פון יענע טעג, אין דער אָפּהענגיקייט פון „פאָרווערטס" און אין מיין איינזאַמקייט, ניט געקאָנט אויסגעפינען. איך ווייס בלויז איין זאך: ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אז דער ברוקלינער דאָקטאָר קאָן זיך קיין עצה ניט געבן און גיט מעדעמען מיטלען צו „שאַרפן" דעם אַפּעטיט (אַזעלכע זאַכן, ווי הערינג, פלייש, אַליוון) — האָב איך געזאָגט וואָלאדעקן, אַז אָט־די זאַכן פלעגט מעדעם ניט עסן אפילו ווען ער פלעגט זיין רעלאַטיוו געזונט, און אַז איך באַשטיי, מען זאָל רופן אַ קאָנסיליום פון עטלעכע דאָקטוירים.

דעמאָלט האָט מען איינגעלאַדן אַ באַקאַנטן דאָקטאָר, פרידמאַן, מיט נאָך אַ ספּעציאַליסט פון דעם אידישן שפּיטאָל אין ברוקלין. נאָכדעם ווי מען האָט געמאַכט די אַלע נויטיקע אַנאַליזן און אונטערזוכונגען, איז געפאַלן דער אורטייל: האָפּענונגסלאָז... ביידע נירן זיינען קראַנק, בעת די האָפּענונג איז געווען, אַז בלויז איינע איז אָנגעגריפן און אַז מען וועט אויף איר קאָנען אָפּערירן, איבערלאָזנדיק די צווייטע. און דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט יענע וואולגאַרע, אוממענטשלעכע באַציאונג פון אַן אַמעריקאַנער דאָקטאָר צו אַ פּאַציענט, וועלכן ער האָט באַטראַכט אַלס מינדערווערטיק, אַלס שוין אַ געפּטרטן, ניט אינטערעסירנדיק זיך אַפילו דערמיט, צי דער פּאַציענט הערט זיך צו צו זיינע רייד און צי איז

ער אינטעליגענט געגוג צו פארשטיין דעם אינהאלט פון זיינע אומ־פארזיכטיקע „פראפעסיאנעלע סטייטמענטס"... זיי האבן געמיינט, אז דא ליגט א „גרינער", אן אימיגראנט, וואס פארשטייט ניט קיין ענגליש, שוין אפגערעדט פון לאטיין... און דר. פרידמאן גיט זיך א זאג צו זיין קאלעגע, אז „אלץ, וואס עס פעלט דעם פאציענט, איז א נייער „נעקראס" — נייע נירן... מעדעם איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן, האט אלץ צוגעהערט, און ווען דר. פרידמאן מיטן צווייטן דאקטאר האבן געענדיקט רעדן און פאר זייער אוועקגיין האט דר. פרידמאן געזאגט צו מעדעמען: „איר מוזט זיין א לאנגע צייט קראנק, איידער איר וועט געזונט ווערן", האט מעדעם געעפנט די אויגן און געזאגט: „איך פארשטיי די לאטייניש שפראך אויך..." און האט ווידער פארמאכט די אויגן. דר. פרידמאן איז געווארן אביסל צעטומלט און איז ארויס פון צימער.

פון דעם טאג אן איז מעדעם געווארן אפאטיש, און אויף מיין בעטן זיך ביי אים צו לאזן זיך פירן אין א סאנאטאריע, צו דערלויבן רופן דעם דאקטאר בארסקי אדער מיכאילאווסקין, וועלכע זיינען מיט זיין קראנקהייט געווען באקענט, האט ער געענטפערט, אז ער וויל שוין ניט קיין נייע עקספערימענטן איבער זיך און אז ער ווייסט אלץ.

ווען איך האב וולאדעקן אינפארמירט וועגן מעדעמס ענטפער, איז ער געקומען צוזאמען מיט אב. קאהאנען און האט זיך געווענדט צו מעדעמען: „מעדעם, מיר האבן באשלאסן אייך צו נעמען אין א סאנא־טאריע. דארט וועט זיין אלץ ביי דער האנט. דא אין הויז איז דאך קיין זאך ניטא. די פלעגערין ווייסט אפט ניט וואס צו טאן. דער דאקטאר קאן אפילו ניט קומען ביינאכט, די געגנט איז אינגאנצן פארשניים." (די געגנט איז געווען א נייע, ארום יוטיקא עווענוי, אין איסט פלעטבוש, ברוקלין). מעדעם האט וולאדעקן געענטפערט: „איך וועל אין ערגעץ ניט גיין, לאזט מיך שטארבן..." אב. קאהאן האט די גאנצע צייט געשוויגן און אונטערגעזאגט: „הי לוקס טעריבל"... (ער זעט אויס שרעקלעך).

און דא געדענקט זיך אזא פאסירונג, אין דער פארצווייפלונג פון יענע טעג: איין נאכט איז אויסגעגאנגען דאס פייער פון דעם אויוון אין קעלער. איך בין ארויסגעלאפן צו א שכן לעבן אונדז, טשארלס טשארני — ב. וולאדעקס א ברודער, און אים געבעטן מיר העלפן צו מאכן דעם אויוון. עס איז געווען סוף דעצעמבער. ערטערווייז איז דער שניי געווען צעשמאלצן, אזוי אז מען האט געקאנט גיין אויפן הארטן טראטואר.

און דאָ איז מיין פּוס אַרויפגעטראָטן אויף אַ האַרטער זאַך. איך האָב זיך איינגעבויגן און דערזען אַ שטיקל שוואַרצע צעבראָכענע פּלאַנץ, נאָך פון לעצטן האַרבסט, אַ פאַרוואַלגערטע פון די פעלדער אַרום. עס איז געווען בלויז איין הויז אויפן גאַנצן ליידיקן פעלד — אונדזערס. איך האָב די פלאַנץ אויפגעהויבן פון דעם שניי און אַ מאָדנער קינדישער געדאַנק איז מיר בליץ־שנעל אַריין אין קאָפּ, ווי אין דער לאַנג־פאַרגאַנגענער צייט, ווען מיין מוטער איז געווען קראַנק אויף לונגען־אַנטצינדונג און איך האָב געהאָפט אויף אַ נס. איך בין אַריין צו זיך אין קיך, אָנגעפילט אַ גרויסע פלאַש מיט וואַסער, אַריינגעלייגט אַביסל זאַמד אויפן דעק און אַריינ־געלייגט די אַלטע פאַרטריקנטע פלאַנץ אין וואַסער, אַוועקגעשטעלט די פלאַש אויפן פענצטער־ברעט, וואו די זון איז דעם גאַנצן טאָג, און האָב עקשנותדיק געטראַכט: „ווען עס וועט פּאַרקומען אַ נס און די פלאַנץ וועט אַרויסלאָזן גרינע שפּראָצונגען, וועט מעדעם לעבן...” איך האָב געביטן דאָס וואַסער, צוגעגעבן אַביסל מער זאַמד, געוואַרעמט די פלאַנץ אויף דער זון, אויף דער שוואַכער ווינטער־זון פון ברוקלין, און אויפן נײַנטן טאָג האָבן זיך באַוויזן צאַרטע, גרינע שפּראָצונגען פון סאַמע אויבן אויף דער פלאַנץ —— אָפּלעגערס, ווי מען רופט זיי...

און — דריי אַזייגער בייטאָג, דעם איינענעם טאָג, איז מעדעם געשטאָרבן.

מיט אַ פּאָר שעה פריער האָט ער זיך אויפגעזעצט אין בעט. איך האָב אים אונטערגעהאַלטן, און ער האָט ערנסט אַ פרעג געטאָן: „וואָס וועט זיין מיט דיר?...” איך האָב זיך געמאַכט ווי איך וואָלט זיין פראַגע ניט באַנומען, און האָב אים ערנסט געענטפערט: „היינט האָסטו צום ערשטן מאָל אַ נאָרמאַלע טעמפּעראַטור, עס גייט אויף בעסער. אָט איז דיין טשאַרט (רעקאָרד וועגן צושטאַנד פון דעם חולה) — זע אַליין.” ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און האָט גאָרניט געענטפערט.

אויסער מיר איז אין צימער געווען דער דאָקטאָר פון ברוקלין, ווען דער סוף איז געקומען. אונטן אויפן פענצטער האָט מיט צאַרטע שפּראָצונ־גען געגרינט דער אַלטער, פון אונטער דעם שניי אויפגעהויבענער, געוויקס... ער האָט אויפגעלעבט, זיך געזעגנט צו דער זון...

און דערנעבן האָט אויפן קול, מיט אַ טיפן ווייטיק, געוויינט דער פריינט פון מעדעמען — מאַטוועי גורעוויטש, אַן אַלטער בונדיסט און

פריינט פון קאַפּעלסאַנען, וועלכער איז אין 1924 אָפּגעפאָרן קיין ראַטן־פאַרבאַנד.

איך האָב מיט האַס געקוקט אויף דער פּלאַנע. אין די אויערן האָט נאָך געקלונגען די פראַגע, וואָס מעדעם האָט מיר דעם פרימאָרגן געשטעלט: „וואָס וועט זיין מיט דיר, גינקאַ?"...

אַליין

ניט דער ווייטיק צוליבן טויט פון די עלטערן, און ניט דער טיפער פיין צוליבן טויט פון אונדזער קינד האָבן זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיט דעם פאַרלוסט, מיט דעם מוראדיקן געפיל פון ליידיקייט און פאַריתומט־קייט, וואָס דאָס אוועקגיין פון מעדעמען האָט געבראַכט מיט זיך. זיין ליידן, זיין ניט וועלן זיך ראַטעווען, זיין פאַראַכטונג צום גרויסן דאָקטאָר, צו וועלכן ער האָט אין אַ צושטאַנד פון טויט־נאָענטקייט איראָניש געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט לאַטיין; זיין בעטן זיך: „לאָזט מיך שטאַרבן", — דאָס אַלץ האָט געווירקט, ווי אַ געפיל פון שולדיקייט, ווי אַ געוואַלטיקע עוולה צו מעדעמען; ווי עפּעס, וואָס קאָן שוין ניט פאַרריכט ווערן; ווי אַ זאַך, וואָס מען מוז אויף זיך טראָגן אַלע פאַרבליבענע טעג פון דעם לעבן ווי אַ פריוויליק־אָנגענומענע קיים. עס האָט זיך געוואָלט דער־נענטערן צו זיינע קרובים, כאָטש עס האָט אונדז גאָרנישט ניט פאַרבונדן. מיר זיינען זיך געווען פרעמד...

איך בין דעמאָלט ערשט געווען צוויי יאָר אין לאַנד, ניט געוואוסט וואָס איך וועל טאָן. געפילט האָב איך איין זאַך: אויב איך קאָן העלפן ארויסגעבן מעדעמס זכרונות און אַנדערע שריפטן אין אַ בוך, אויב די אַרומיקע וועלט זאָל זיך באַקענען מיט דעם מענטש וולאַדימיר מעדעם, וועלכן איך האָב געקענט, — וועל איך זיין בכח ווייטער צו לעבן. וואָס איז שייך מיין אייגענעם צושטאַנד, בין איך געווען אויסערלעך ווי פאַר־שטיינערט. מעדעמס דיסציפּלין האָט אויף מיר שטענדיק געווירקט. איך האָב ניט געקאָנט וויינען אין די אַלע טעג און וואָכן. עס זיינען כמעט שטענדיק געווען אין הויז פרעמדע מענטשן, כדי מיך ניט לאָזן זיין אַליין אין דעם פּוסטן הויז פון זעקס צימערן. זיי האָבן מיך אָבער ניט אינ־טערעסירט און כדי נישט צו קוקן אויף זיי, בין איך געזעסן מיטן קאָפּ

אָנגעשפּאַרט אויף מיינע הענט און מיט פאַרמאַכטע אויגן. זיי פלעגן מיך קנייפּן אין פּנים, מיינענדיק אַז איך האָב געחלשט. דאָס האָט מיך גע־מאַכט אַזוי נערוועז, אַז איך פלעג זיך פאַרשליסן אין מיין צימער. וולאַדעק האָט עס געזען און, מורא־האָבנדיק פאַר מיין צושטאַנד, האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט, אַ פּאָר וואָכן נאָך מעדעמס טויט: „מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן מעדעמס בוך. מיר וועלן אייך דינגען אַן אָפיס און איר וועט פאַרוואַלטן איבער דער זאַך. דאָס וועט אייך אויספילן אַ געוויסע צייט, און שפּעטער וועט מען זען . . . ״

אָבער, צו מיין דערשטוינונג, האָבן זיך אָנגעהויבן עפּעס מאָדנע רייסערייען אין דער בונדישער גרופּע אַרום דעם ענין „מעדעמס בוך״, און מיר האָט מען ניט געזאָגט אין וואָס עס באַשטייט דער אָפּהאַלט. די צייט איז געגאַנגען און קיין געלט אין הויז איז ניט געווען. ווען איך פלעג פרעגן וולאַדעקן, פאַרוואָס מען הויבט ניט אָן צו דרוקן דאָס בוך, האָט ער געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך אויסרוען; אַז איך האָב נאָך צייט; אַז אַזאַ בוך פאָדערט גרויסע מיטלען און מען דאַרף זיי האָבן. ווען איך האָב געזען, אַז עס גייט אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַז איך טו גאָר ניט, האָב איך אין אַ געוויסן פרימאָרגן איבערגעלייענט אין „פאָרווערטס״, אַז מאָרגן, דעם 23טן אַפּריל, 1923, עפנט זיך אַן אַרבעטער־באַנק, די „אַמאַלגאַמעיטעד בענק אָוו ניו־יאָרק״, אויף דער 14טער גאַס און פערטער עווענוי. בין איך גלייך אַוועק אויפן אַדרעס, געזעדט מיט פּאַטאָווסקין און מיט סידני הילמאַנען, און מען האָט מיך אָנגעשטעלט אין דעם „פאָרעין דעפּאַרטמענט״. איך בין גלייך געבליבן אין באַנק אַרבעטן.

איך געדענק, ווי שטאַרק איבערראַשט ב. וולאַדעק איז געווען צוליב מיין זעלבסטשטענדיקן שריט. עס האָט באַדייט מער איידער אַ שטעלע צו פאַרזיכערן מיין עקזיסטענץ. עס האָט געמיינט: אַ סוף צו זיין אָפּ־הענגיק פון דעם „פאָרווערטס״, אָדער פון דער בונדישער גרופּע אין אַמעריקע, וועלכע האָבן געוואָלט אָדער געזאָלט זיך פאַרנעמען מיט מעדעמס ירושה. איך אָבער האָב באַשלאָסן אַמאָל אָנצושרייבן אַ בוך וועגן מעדעמען, אומאָפּהענגיק פון זיינע אייגענע זכרונות, און ניט אין פאַרבינדונג מיט זיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָנשויאונגען.

ווען איך האָב דערזען די רייסערייען און די בילי‌קע אַמביציעס צווישן דער גרופּע „יונגע בונדיסטן״ פון וואַרשע, וועלכע האָבן שוין באַוויזן, אין געציילטע מאָנאַטן, צו ווערן עקסטרעם־רעכטע, פון די

„עקסטרעם־לינקע", וועלכע זיי זיינען געווען אין 1922 — האָב איך דער־פילט, אז איצט, ווען מערעם איז ניטאָ, דאַרף איך, צוליב אים, זיך מער ניט רעכענען מיט זיי, און איך האָב זיך באַפרייט פון דער פליכט צו נעמען אָנטייל, צוזאַמען מיט זיי, אין אַ בוך, וואָס וועט סיי־ווי זיין אַ „פאָרווערטס"־ אָדער אַ „בונד"־ענין...

איך בין אַוועק אַרבעטן אין באַנק און האָב געפונען אַ סך צופרידנ־קייט צוליב קאָנטאַקטן מיט טויזנטער אידישע אימיגראַנטן פון אַלע טיילן פון דער אַלטער היים. עס האָט מיר אויסגעפילט דעם גאַנצן טאָג. אין אָוונט פלעג איך פאָרן אַהיים, אויף יוטיקאַ עוועניו, און בלייבן מיט די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט — מיט מערעמען, מיט זיינע בריוו, מיט זיינע נאָטיצן, בילדער, יוגנט־אַרבעטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טאָפּלט לעבן: בייטאָג — מיט די קליענטן פון דער באַנק, מיט 600 אַדרעסן אַ טאָג, מיט ביזנעס־שמועסן; ביינאַכט — האַלב־חלום, האַלב־וואָר, אַ מאָדנער, פאַרכאַפּנדיקער און געפּערלעכער מין פאַרטיפן זיך אין אַלטע בריוו, אָנצייכענונגען, שמועסן מיט אַ מענטשן, וועלכער האָט אין די חלומות ווייטער געלעבט, אָבער שטענדיק געווען אין אַן אַנדער לאַנד, ווייט פון מיר, יאָרן־לאַנג צעשיידט, דערנאָך ווידער אָנזאָגנדיק זיין קומען... לעבעדיק, געזונט, ווי קיינמאָל ניט ביים לעבן...

איך פלעג זיך אויפכאַפּן אין מיטן נאַכט, מיט אַן אויסגעשריי אויף די ליפּן. איך האָב נאָר־וואָס ענדלעך געפונען מערעמען ערגעץ אין אַ שטאָט אין רוסלאַנד, אויף אַ קליינער סטאַנציע, וואו ער האָט געוואַרט אויף מיר, מיט זיין ברודער, און איך פרעג אים, פאַרוואָס ער קומט ניט צוריק קיין ניו־יאָרק? שוין אַזוי פיל יאָרן... און ער בויגט זיך אַראָפּ און וויל עפּעס זאָגן... און דער וועק־זייגער רייסט זיך אַריין אין אויער: 7 אין דער פרי, די באַנק, אַרבעטן, די סאָבוויי, אַמעריקע...

אין דעצעמבער, 1922, האָט מען צוגענגבעט פון דער גאַס דעם הונט „טאַממי", וועלכן מיר האָבן אויפגעצויגן פון בלינדקייט אָן, דאָס הייסט, זינט ער איז אַלט געווען עטלעכע טעג, ווען ער און זיינע זעקס ברידערלעך זיינען געבליבן אַליין, נאָכדעם ווי אַן אויטאָמאָביל האָט דערהרגעט זיין מאַמען. מערעם איז געווען זייער צוגעבונדן צום הונט, האָט אים גע־לערנט פאַרשיידענע קונצן, גערעדט צו אים רוסיש, געגאַנגען מיט אים איבער די וועלדער. אין די לעצטע טעג פון זיין קראַנקהייט, האָט דער

הונט זיך געלייגט איבערן שוועל און ניט אריינגעלאָזן דעם דאָקטאָר, אַזוי ווי ער וואָלט געפילט, אַז מעדעם וויל אים ניט האָבן אין שטוב.

„טאָממי" פלעגט ארויסלויפן אין דרויסן, ארומיאָגן זיך אביסל מיט די קינדער און קומען אַהיים, זיך אוועקלייגן אויפן שוועל און קוקן אויפן קראַנקן מעדעם מיט באַנגע, הינטישע אויגן...

אַן איטאַליענער, וואָס פלעגט ברענגען אייז, האָט אים אוועקגעגנבעט. עס האָבן ניט געהאָלפן קיין אַנאָנסן אין דער צייטונג „ברוקלין איגל", קיין צוזאָגן פאַר אַ באַלוינונג; דער הונט האָט זיך ניט אָפּגעזוכט.

וויפיל מאָל פלעג איך גיין איבער די גאַסן אין אָוונט און רופן: „טאָממי! טאָממי!" — געהאָפט, אַז ער וועט זיך אָפּרופן, אויב ער איז אפילו צוגעבונדן צו אַ קייט.

און אין יולי, 1923, וואָסערע זיבן מאָנאַטן שפּעטער, רופט מיך אויפן טעלעפאָן וויקטאָר וואָלפסאָן, דער קליינער זון פון אונדזערע אייגנטימער פון אַ וואוינונג אין בראַיטאָן־ביטש (היינט אַ דערפאָלגרייכער נאָוועליסט און אויטאָר פון דער קאָמעדיע „עקסקווירשאָן"), און זאָגט מיר אָן אָטעם: „מרס מעדעם, דיין הונט טאָממי איז געקומען!" איך האָב יענעם טאָג געאַרבעט אין באַנק ביז 8 אין אָוונט און דער פּאַר־וואָלטער האָט מיך ניט געוואָלט אָפּלאָזן אַהיים פריער. „צוליב אַ הונט?... ער קאָן וואַרטן..." איך האָב שיער ניט געוויינט.

טאָממי איז צוריקגעקומען, און טאַקע אין אונדזער אַלטער דירה, און ער איז באַלד אַרויפגעלאָפן אין מעדעמס צימער און אים ניט געפונען און ניט געטראָפן מיך. וויקטאָר האָט אים געהאַלטן אין שטוב, און ביינאַכט, ווען ער האָט דערשפּירט מיינע טריט ביים הויז, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון וויקטאָרס הענט און — צעריסן מיין קלייד מיט די נעגל, געלעקט מיין פּנים, געביסן די הענט, געוויינט שטיל, ווי נאָר אַ קלוגער, געטרייער הונט וויינט, ניט אויפן קול... וויקטאָר און איך האָבןביידע געהאַט טרערן אין די אויגן...

ערשט איצט האָט טאָמי אָנגעהויבן צו עסן — אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך ניט צוגערירט צו קיין זאַך, אויסער וואַסער. ער איז געווען מיט אַ שטריק אויפן האַלדז, אָפּגעמאָגערט, מיט אַ צעבלוטיקט אויג — קאָנטיק, אַז ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ וואָגן, ווען ער האָט צופעליק דערקענט די געגנט, וואו דער איטאַליענער פלעגט קומען מיט אייז — און איז אַנטלאָפן צו די וואָלפסאָנס...

איך בין דאָרט געבליבן שלאָפן און טאַממי צופוסנס. יעדע פּאָר מינוט פלעגט ער פּאַוואָליע צוגיין צו מיין פּנים, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז איך בין טאַקע דאָ, אַז עס איז ניט קיין חלום פון אַ הונט... וויפיל גליקלעכער ער איז געווען פון מיר! מיינע חלומות פלעגן זיך ענדיקן מיט דעם ביטערן הייגט. ער איז מיט מיר געווען נאָך פערצן יאָר, מיט איינעקע איבעררייסן.

איך בענק נאָך מעדעמס רוסלאַנד

משה אָלגין איז געווען דער ערשטער מענטש אין אַמעריקע, וועלכער האָט געבראַכט אַן אויפרעגנדיקן גרוס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין פרילינג, 1922. אויף אונדזער רייזע קיין אַמעריקע, אין דעצעמבער 1920, האָבן מיר, מעדעם און איך, זיך פאַרהאַלטן אויף עטלעכע טעג אין בערלין, כדי צו זען זיך מיט יאָנא קויגען, אַ געוועזענער מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד", וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ קאָמוניסט און מיט וועמען מעדעם האָט זיך געוואָלט אדורכרעדן וועגן דעם „קאָמבונד" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און וועגן זיין אויפלייזונג אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. זיין פרוי, דאָראַ, האָט געאַרבעט אין דעם סאָוועטישן קאָנסולאַט; זייער טאָכטער, איזאַ, וועלכער מיר האָבן געקענט נאָך פון זשענעווע, האָט זיך געלערנט אין מאָסקווע. כאָטש עס איז ניט געווען דער ערשטער מענטש פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכן איך האָב געזען זייט 1917 (איך האָב שוין עטלעכע געהאַט געזען פריער אין וואַרשע), האָט דאָך יאָנא קויגען, אַלס אַ געוועזענער „בונדיסט", געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די פאַרזעצונג פון מיינע וואַרשעווער פריינט, די „לינקע" פּוילישע טוער: אַבעל ק., וואַצלאַוו ווארובלעווסקי, ווערא ק., סלאַוואַ גראָסער, סטעפאַן און אירענאַ ב., מיט איין וואָרט — צו די געוועזענע עס־דעקעס, וואָס זיינען געזעסן מיט מעדעמען אין צענטן פּאַוויליאָן און געוואָרן קאָמוניסטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז צוגעקומען דאָ נאָר אַ נייע פאַרזענלעכקייט: אַ געוועזענער בונדיסט, פון צענטראַל־קאָמיטעט.

עס איז דערפאַר געווען פאַרשטענדלעך, מיט וואָס פאַר אַן אויפמערקזאַמקייט איך האָב זיך איינגעהערט צו זיין שמועס מיט מעדעמען

און ווי פאַראינטערעסירט מעדעם אַליין איז געווען אין זיין אינטערוויו מיט יאָנאָן. זיי האָבן גערעדט וועגן „נעפּ״ (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק) פון דער סאָוועטן־רעגירונג, וועגן די „יעווסעקן״ (אידישע סעקציע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי) — דער טשוואָק פון אַלע בונדישע דיק־קוסיעס אין יענע יאָרן: צי זיי זיינען זעלבסטשטענדיק, אָדער זיי ווערן „אריינגעזאַפּט״ אין די מיליאָנען רוסלענדער ארבעטער? אויך וועגן דעם אזוי „מאָדערנעם״ אויסדרוק, אין יענע יאָרן, ביי די רעכטע: „רויטער טעראָר״, האָט מען גערעדט ביים טיש.

מיר איז געפעלן געוואָרן דער רואיקער, זאכלעכער טאָן, די ארגור־מענטן און די אויסגעהאַלטנקייט אין יאָנאָס רייד. זיין פראַגע צו מעדעמען איז געווען: „ווי אזוי שטעלט איר זיך פאָר די אָרגאַניזירונג פון א סאָציאַליסטישער מלוכה נאָך א רעוואָלוציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט דער הילף פון אזא קליינער צאָל מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיט אזא גאָר קליינער צאָל פון אינדוסטריעלע ארבעטער, פון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט?״ ער האָט געשטעלט די פראַגע, וואָס יעדער באַוואוסטזיניקער רוסלענדער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט יאָרנ־לאַנג געקעמפט פאַר דער פאַרניכטונג פון דער צארישער זעלבסטהער־שאַפט און האָט אויסגעקעמפט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917, פלעגט שטעלן סיי די מענשעוויקעס, סיי די עס־ערן: „וואָס פאַר א פאָרם פון א רעגירונג וואָלט איר אויסגעקליבן? — „די מאַכט פון די סאָוועטן״, פלעגן זיי ענטפערן, ווען מען האָט זיי צוגעקוועטשט צו דער „הארבער פראַגע״...

און דאָ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער שווערער פאַקט פון מעדעמס אָפּגעריסנקייט פון רוסלאַנד, בעת דאָרטן איז פאָרגעקומען די רעוואָלוציע. ער האָט די צייט דורכגעמאַכט אין פּוילן, אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע פון גענעראַל בעזעלער, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען געווען לעגאַל און וואו די דייטשע מאַכט האָט בלויז צענזורירט די פּאָליטישע ארטיקלען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע און האָט ניט געשטערט די פּראָפּעסיאָנעלע פאַראיינען. דערפאַר האָט מעדעם גע־שוויגן און ניט געענטפערט אויף דער פראַגע פון יאָנאַ קויגען. ער איז געווען ערלעך און געוואוסט, אז קויגען האָט געזען די רעוואָלוציע און געקאָנט די געפאַר פון דער „קערענשטשינע״, פון דער מענשעוויסטישער און עס־ערישער אינטערווענציע, און פון אַלע אַנדערע מינים פון יאָרנ־לאַנגע אריינמישונגען אין די אינערלעכע ענינים פון דער סאָוועטן־

רעפּובליק מצד זעקס גרויסע, מעכטיקע מלוכות אין אייראָפּע, אזיע און דער „נייער וועלט"...

ביים געזעגענען זיך מיט יאָנאַ קוינעגען האָב איך אים געזאָגט, אַז כאָטש עס איז אונדז ניט געלונגען אין 1917 אריינצופאָרן אין דער נאָך־רעוואָלוציע־רוסלאַנד, וועל איך דאָך ניט אויפגעבן די האָפענונג דאָרט נאָך אַמאָל צו זיין. דאָ האָט מעדעם, מיט אַ שמייכל, אָנגעוויזן אויף מיר און געזאָגט צו יאָנאַן: „זי איז דאָך ביי מיר אַ לינקע . . . "

און מיט צוויי יאָר שפּעטער, שוין אין אַמעריקע, האָט אַלגין גע־בראַכט אַ באַריכט פון דעם יונגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט זיך ענערגיש געראַנגלט מיט עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און מיליטערישע שוועריקייטן. עס איז אָנגעגאַנגען איבער דער וועלט אַ געפּילדער קעגן דער סאָציאַליסטישער סאָוועטישער רעגירונג מצד די מעכטיקע וויים־גוואַרדיי־אישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט זייערע שטאַב־קוואַרטירן אין טערקיי, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, פּוילן, אויף די באַלקאַנען, אין כינע און אין ביידע אַמעריקעס. אויסגעשטאַט מיט גרויסע געלט־מיטלען, מיט טיטולן און אַמטן, האָבן זיי געזוכט צו באַאיינפלוסן די פירנדיקע מלוכה־מענער פון דער וועלט קעגן אַ מעגלעכער דיפּלאָמאַטישער אָנערקענונג פון דער סאָוועטן־רעפּובליק. די אָפּקלאַנגען פון אָט־דער העצע האָבן זיך גע־טראָגן אין דער רעאַקציאָנערער אידישער פּרעסע דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מעדעמס לאַגע, אַלס אַ שליח פון „לינקן" בונד אין פּוילן, איז געווען אַ ניט־נאָרמאַלע: זייענדיק אַליין אין רעכטן פליגל, האָט ער געמוזט פאַרטרעטן די אינטערעסן און אָנשויאונגען פון דער לינקער מערהייט. שרייבן פריי פון זיין שטאַנדפּונקט האָט ער ניט געקאָנט. אַ צאָל יוניאָן־טוער, צווישן זיי ב. שלעזינגער, האָבן „געפלירטעוועט" מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, בעת זיי זיינען דאָרטן געווען אויף אַ באַזוך. דאָ, ווידער, אין דעם „פאָרווערטס", האָט מעדעם, אַלס אייראָפּייאישער סאָציאַליסט, און אַלס אַן ערלעכער דערצו, זיך אָנגעשטויסן אויף מוראַ־דיקע ווידערשפּרוכן צווישן „בויען" סאָציאַליזם און — אויסאיבן אַ טרוקענע, פּראָזאאישע פּראַקטיק פון אַ רייכער ביזנעס־צייטונג, וואָס האָט, לויט דעם וואולגאַרן אויסדרוק פון יענער „געביידע" (175 איסט בראָדוועי), געהאַט דעם סאָציאַליזם „אין טראָק"...

נאָך אַ ריי צוזאַמענשטויסן צווישן מעדעמען און אַב. קאַהאַנען, רע־דאַקטאָר פון דעם „פאָרווערטס", האָט מעדעמס ראָלע אַלס זשורנאַליסט

זיך באַגרענעצט צו צוויי אַרטיקלען אַ וואָך, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן זיין אויטאָביאָגראַפיע. עס איז פאַר מעדעמען געווען שווער צו אַרבעטן אין אַ אידישער צייטונג, וואָס האָט זיך אָנגערופן אַ „סאָציאַליסטישע" און וועמעס רעדאַקטאָר האָט די אידישע שפּראַך באַטראַכט אַלס אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן אָנאָנסן (אַדווערטייזמענטס) צווישן דעם פאַרמעגלעכן מיטל־קלאַס, אין וועלכן עס האָבן זיך פאַרוואַנדלט די אַמאָליקע פּאָסאָזשירן פון פערטן קלאַס — די אידישע אָרעמעלייט פון צאַרישן רוסלאַנד, פון רומעניע און גאַליציע.

אין אַזאַ מאָמענט פון אַ פּאָליטישן טאָפּל־לעבן האָט מעדעם געהאַט דעם טאַקט זיך אָפּצוזאָגן פון מיטאַרבעטן אין דעם „סאָציאַליסטישעסקי וועסטניק", וואוהין עס האָט אים גערופן דער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד „באַצייטנס־אָפּגעפאָרענער" ר. אַבראַמאָוויטש. — „אַזוי לאַנג ווי איך בין דער שליח פון לינקן „בונד" אין פּוילן, קאָן איך ניט שרייבן אין אייער צייטשריפט", האָט מעדעם געענטפערט אַבראַמאָוויטשן אויף זיין בריוו אין 1922.

אָט איז אָבער געקומען אָלגין, און איך געדענק אַזאַ שמועס צווישן אים מיט מעדעמען. זיי פלעגן אַלעמאָל רעדן רוסיש צווישן זיך. נאָך אין זשענעווע, ווען אָלגין איז ביי אונדז געווען צום ערשטן מאָל, האָבן מיר גערעדט אויף רוסיש, ווייל פאַר מעדעמען איז נאָך דעמאָלט אידיש געווען אַן אוממעגלעכע זאַך.

— זאָגט, אָלגין, איז דאָרט, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַראַן ברויט?

— נאָך זייער ווייניק. מען גיט אַרויס אויף קאַרטלעך.

— איז דאָרט פאַראַן פרייהייט?

— ניט פאַר קעגנער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— איז די מדרגה פון קולטור געשטיגן?

— ניין. ערטערווייז איז זי געוואָרן נידעריקער.

— אין וואָס־זשע איז די דערגרייכונג?

— עס איז אַלץ אַנדערש געוואָרן. עס קומט־אויף אַ נייע וועלט מיט יעדער שעה...

מעדעם האָט ווידער געשוויגן, ווי בעת דעם לעצטן שמועס מיט יאַנאַ קוינענען, אין בערלין. און פאַר מיר זיינען די ענטפערס פון אָלגינען געוואָרן אַ קוואַל פון אינטערעס און פון זוכענישן — זוכענישן פון דעם אמת וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די לאַנגע דריי יאָר, וואָס איך

האָב שפּעטער פאַרבראַכט, אַרבעטנדיק אין דער „אַמאַלגאַמעיטעד באַנק".
איך פלעג לייענען הונדערטער בריוו פון ווייסרוסישע און אוקראַינער שטעטלעך, געשריבן צו קרובים אין אַמעריקע און קאַנאַדע, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט ניט בלויז דער מאַטעריעלער קיום פון דעם סאָוועטישן בירגער, נאָר זיין פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער שטייגער, דער צושטאַנד פון זיין נשמה, דאָס לאַנגזאַמע אַריינדרינגען אין זיין פּסיכאָלאָגיע פון דער איבערקערעניש אין זיין לעבן און אין דעם לעבן פון פאָלק. דאָס אומבאַוואוסטזיניקע איינשטימען מצד דעם אידן מיט דער סאָוועטן־רעגירונג, וועלכע האָט דערצויגן זיין זון און זיין טאָכטער, און דער שוין־פאַראַנענער שטאָלץ מיט די דערגרייכונגען פון איבערבוי, סיי אין שטעטל, סיי אויף די ערשטע קאָלאָניעס. אויך בריוו פון רוסישע פּויערים האָב איך געלייענט, אויך פון אינטעליגענטן, וועמען עס איז געווען שווערער אריינצופּאַסן זיך אין דעם אָרעמערן לעבנס־שטייגער, אין דעם נידעריקערן לעבנס־סטאַנדאַרד, איידער פאַר 1917.

איך האָב אָנגעהויבן לייענען סאָוועטישע אויסגאַבן, געשלונגען די נייע חודש־זשורנאַלן, זיך באַקענט מיט ראַשקעסן, ווען ער איז אַהער געקומען אַלס פאָרשטייער פון „אידגעזקאָם" (אידישער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט), אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר די סאָוועטישע אידן; געגאַנגען הערן דעם פּאָעט מאַיאַקאָווסקי, וועלכער האָט באַזוכט אַמעריקע אין 1924. און איין טאָג האָב איך, דורך דר. באָריס באָגען, דעם פאָרשטייער פון „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע", באַקומען דעם אַדרעס פון מיין ברודער אין מאָסקווע, טאַקע דעם אייגענעם ברודער, וואָס האָט מיר אין אויגוסט, 1915, אָנגעזאָגט די ליכטיקע בשורה, אַז דער צארישער פראָנט איז דורכגעבראָכן דורך די דייטשן און אַז ער לויפט אויף מזרח, צוזאַמען מיט דער גאַנצער צארישער אַרמיי.

נאָך זיבן יאָר שווייגן און ניט וויסן צי ער לעבט, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון אים, אַז דר. באָגען האָט אים געפונען אין מאָסקווע, און טאַקע אין דער אייגענער דירה, וואו ער, דר. באָגען, איז געבוירן געוואָרן. און אַזוי ווי דר. באָגען איז געווען דער, וועלכער האָט אין וואַרשע גע־האָלפן מערעמען צו באַקומען די אַמעריקאַנער וויזע, איז שוין במילא פאַר מיין ברודער ליכט געווען אים בעטן אויסצוגעפינען וואו איך און מערעם געפינען זיך.

דאָס, וואָס מיין ברודער האָט צו מיר געשריבן, האָט נאָך מער פאַר־

גרעסערט מיין וואונטש צו זען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט געשריבן, אַז ער האָט דורכגעמאַכט די מלחמה, געווען פאַרוואונדעט, געקעמפט אין כאַרקאָוו קעגן די „ווייסע" באַנדעס, געווען ווידער פאַרוואונדעט, זיך דעמאָביליזירט און געוואָרן אַ באַקטעריאָלאָג אין איינער פון די גרויסע אַרמיי־לאַבאָראַטאָריעס. ער קערט זיך ניט אום קיין פוילן, פון וואַנען מיר שטאַמען, און ער בלייבט, אַלס סאָוועטישער בירגער, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס פאַשיסטישע פוילן ציט אים ניט צו. „מיר בויען אַזאַ וועלט, וואָס די מענטשהייט האָט נאָך ניט געזען אין חלום אפילו — און ווען דו וועסט קומען אַהער, וועסטו זיך איבערצייגן."

איך האָב אָנגעהויבן זיך דורכשרייבן מיט מיין ברודער און זיין פרוי. אויך אָפּגעזוכט עטלעכע פריינט מיינע, וועלכע זיינען נאָך פון דער וועלט־מלחמה פאַרבליבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיך דאָרט באַזעצט. דאָס זיינען געווען געוועזענע סטודענטן פון לאָדזש און וואַרשע, אויך אַ טייל חברטעס מיינע פון די שול־יאָרן. עס איז געוואָרן אַ פאַרבענקטע וועלט, אין וועלכער איך האָב געלעבט. איך האָב אָבער געוואָלט זי מאַכן פאַר אַ לעבעדיקער וועלט, און איך האָב דעריבער צוגעגרייט עטלעכע לעקציעס וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, לויט די מאַטעריאַלן און אויסגאַבעס, וועלכע איך פלעג לייענען אין די ביבליאָטעקן, אָדער קויפן. איך האָב צוגעגרייט אַ לעקציע וועגן דער סאָוועטישער פרוי, אַ צווייטע וועגן דער לייזונג פון דער אידישער פּראָבלעם. איך פלעג האַלטן די לעקציעס פאַר ברענטשעס פון „אַרבעטער רינג" (בעת עס האָט נאָך דאָרט געאַרבעט י. ב. ביילין) און אין די אָפּטיילונגען פון דער „מוטערס ליג", אָדער „לעידים אָקזילעריס". שפּעטער, ווען דאָס איז געוואָרן אוממעגלעך, ווייל איך האָב געדאַרפט צושטעלן טעזיסן וועגן מיינע לעקציעס צו דעם נייעם דירעקטאָר פון „אַרבעטער־רינג בילדונגס־דעפּאַרטמענט", פּ. גאַליבטער, — און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן, — האָב איך געהאַלטן די לעקציעס אין די ערשטע פּראָגרעסיווע אַרבעטער־קלובן אין ניו־יאָרק און פאַר פּוילישע, רוסישע און ענגליש־רעדנדיקע קולטור־קרייזן. דאָס האָב איך געקאָנט טאָן בלויז סוף־וואָך, ווייל איך האָב געאַרבעט אין דער באַנק. צוליב מיין אַרבעט אין די קלובן, האָב איך צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל קליענטן פאַר דער באַנק, און עטלעכע מאָל באַקומען פּרעמיעס פאַר אַריינברענגען „דעפּאָזיטאָרס" אין דער באַנק.

אין יולי, 1926, האָב איך שוין מער ניט געקאָנט איינזיצן ביים

פענצטערל 22, אין דעם „פּאַרעין דעפּאַרטמענט". איך האָב געקויפט א שיפס־קאַרטע פון טוריסטן־קלאַס אויף דער שיף „פּאַריז" און בין אוועק אויף א גאַנץ יאָר קיין אויסלאַנד. אויסער פוילן, האָב איך געוואָלט זען צוויי לענדער — דעם סאָוועטן־פּאַרבאַנד און פּאַלעסטינע. עס איז געווען זייער אן אויסדריקלעכער געפיל דערביי. איך האָב יאָרנלאַנג געלעבט מיט פּאַרטראַכטן זיך אין דער פּערזאָן פון מעדעמען — סיי ביי זיין לעבן, סיי שפּעטער. איך האָב געוואוסט, אַז מעדעם איז געווען א שטאַרקער קעגנער פון ציוניזם. צו קיין פּאָליטישער פּאַרטיי איז ער ניט געווען אַזוי „אָן־רחמנותדיק", ווי צו די ציוניסטן, באַזונדערס צו די כל'ערליי אָפּ־צווייגונגען פון דעם אַרבעטער־ציוניזם... דאָס האָט ער שוין גאָר ניט געקאָנט פאַרשטיין. מילא, ווען א שיינער איד, מיט א באָרד און א פּולן בייטל, זיצט זיך אין ניו־יאָרק אָדער אין לאָנדאָן און גיט געלט פאַר דער ציוניסטישער „אידייע", — דאָס האָט מעדעם נאָך געקאָנט פאַר־שטיין. אָבער אַז אן אַרבעטער אין וואַרשע אָדער לאָדזש, בראָנקס אָדער פּאַסעיק, זאָל ניט פאַרבינדן זיין קלאַסן־גורל מיטן פּוילישן אָדער אַמעריִ־קאַנער אַרבעטער און ניט וועלן קעמפן פאַר אידישע רעכט איבער דער גאַנצער וועלט, — דאָס האָט מעדעם (און ניט בלויז מעדעם) ניט געוואָלט אפילו דיסקוסירן. ער האָט אויך ניט געוואָלט אָנערקענען די דער־גרייכונגען פון די אידישע חלוצים אין פּאַלעסטינע, אין דער לאַנדוווירט־שאַפט. ער איז געווען דערצאָרנט, וואָס די אידישע שפּראַך ווערט דאָרט פאַרפאָלגט. האָב איך געוואָלט פאָרן אַהין און זיך באַקענען מיט דעם ענין ציוניזם אין דער פּראַקטיק. אויסער דעם, האָב איך געוואוסט, אַז א סך יונגע סאָוועטישע אידן־חלוצים זיינען אוועק פון זייערע קרימער „הכשרות" אין 1924 קיין פּאַלעסטינע. האָב איך געוואָלט פריער זיין אין די סאָוועטישע אידישע קאָלאָניעס און שפּעטער ברענגען א גרוס פון זיי צו די פּאַלעסטינער איינוואַנדערער.

איך האָב געוואָלט אויפזוכן אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד מעדעמס פּריינט פון אוניווערסיטעט און פון מינסקער גימנאַזיע: קאַפּלאַן, ווילענקין, ד. זאַסלאַווסקי, סאַשאַ עליאַזבערג. עס האָט מיך געצויגן צו אַלע, וועלכע זיינען אים געווען נאָענט, און אויף אַזא אופן האָב איך געוואָלט זיך קלאָר מאַכן אַליין, וואָס מעדעם האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן ניט געזוכט און צוליב דעם פאַרלוירן אַזא גליק, ווי דאָס איינטונקען זיין נשמה אין דעם בוי פון א נייער וועלט, צוליב וועלכער אידייע ער האָט אין אויגוסט,

1917, אויפן רוף פון דער רוסישער ציטוויליקער רעגירונג, אונטער־גענומען א געוואגטע רייזע מיט אונדזער קליין קינד פון פיר מאנאטן, פון ווארשע קיין שוועדן — איבער בערלין. ער האט געשטרעבט צו זען רוסלאנד אין איבערבוי, רוסלאנד מיט א באזייטיקטן צאר. ער האט אלץ געשטעלט אויף איין קארט; געלאזן די ציטונג און די ארגאניזאציע פון די קינדער־שולן, די פארטיי — אלץ... כדי צו נעמען אנטייל אין דער רעוואלוציאנערער בויאונג. און געמוזט זיך אומקערן צוריק, ניט דער־פארנדיק ווייטער ווי ביז בערלין, ווייל דער אויסטויש פון מעדעמען קעגן א דייטשן קריגס־געפאנגענעם גענעראל איז ניט פארגעקומען.

מיט א טיפער פערזענלעכער פוסטקייט, האבנדיק פארלוירן אלע מיינע נאענטע, און דעם נאענטסטן מענטשן דערצו, האב איך זיך ארויס־געלאזן אין וועג אין 1926. איך האב יעדן טאג, בעת דער רייזע, געלאזן א טייל פון מיין לאסט ערגעצוואו אויפן אטלאנטיק. איך האב געוואלט ווידער ווערן „איך" פון אמאל — שטארק, מוטיק, מיט א גלויבן אין די אייגענע כוחות; אפגעטרייסלט פון זיך אלע פאלעמישע טענדענצן, גע־וואלט אפן האלטן די אויגן, און אלע ארגומענטן פון יענעם צד, די שנאה און דעם סם, ארייננווארפן אין דעם האפן, צוזאמען מיטן אפפאל פון דער שיף, און גיין איבערן זויבערן אטלאנטיק, מיט דער זויבערער שיף — זען די אלטע, הונגעריקע אייראפע, מיין שטאט לאדזש — די צווייטע שטאט, וואס איז געווארן מעדעמס ציטוויליקע היימשטאט, ווארשע, צוערשט. און דאן — דאס לאנד, וואס מעדעם האט אזוי ליב געהאט און וואס איז געווארן די צווייטע היים פון מיין ברודער — רוסלאנד, איצט דאס סאוועטישע לאנד...

איך האב געוואוסט, פארנדיק קיין אייראפע, נאך אן איבעררייס פון זעקס יאר, אז איך אליין גרייט־צו אן איבערברוך אין מיין ביז־אהעריקן לעבן, און אז איך גיי אטעמען פריי א גאנץ יאר.

אויפן וועג קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד

מיין ערשטער אָפּשטעל איז געווען — פּאריז... פון דער שטאָט פלעגט מען רעדן אין די שווערע, מאָנאָטאָנע אָוונטן בעת דער „זשע־נעווער עמיגראַציע" — מיט באַגייסטערונג. ער האָט ליב געהאַט פראַנק־רייך, דאָס פראַנצויזישע פאָלק, זיין הויכע קולטור און דעם אינטעלעקט פון פראַנצויזישן מענטשן — אַרבעטער, פאָלקס־מענטש, קינסטלער. די געציילטע טעג, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, אויפן וועג קיין ניו־יאָרק, אין יאַנואַר 1921, און איין עקסקורסיע, ווען איך בין, אַלס סטודענטקע, געווען אין פּאַריז, — האָבן איבערגעלאָזן אַ מין עקסטאַז ביי מיר. די דערנעענטערונג צו פּאַריז, אין דעם צוג פון שערבורג, וואָס די שיפן שטעלן זיך אָפּ; די שפּראַך, די מענטשן, די ווייכע קאָנטורן פון דער לאַנדשאַפט, דער מילדער קלימאַט, די פולשטענדיקע אָפּוועזנהייט פון וואָלקנקראַצערס — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אַ מאָדנעם געפיל פון גליק, פון פולקייט פון גענוס, צוזאַמען מיט אַ געוויסן שטילן טרויער, אַז איצט לעבסטו דאָס איבער אַליין. מער נאָך: דאָ, אין פּאַריז, אָן דער מאַסקע פון ניו־יאָרקער ביזנעס־אַרבעט, אָן עדות קאָנסטו זיך ערשט אָפּ־געבן צום טרויער, צו דעם גאַנצן, יאָרנלאַנג־צוריקגעהאַלטענעם ווייטיק. דאָ קאָנסטו זיין שוואַך, זיין אינגאַנצן אַ פרוי, וועלכע האָט פאַרלוירן ניט בלויז אַ גרויסן מענטשן, נאָר דעם איינציקן נאָענטן מענטשן. טרויערן אויף דעם קאָן מען זיך פאַרגינען דאָ, וואו עס איז געגאַנגען דאָס גליקלעכערע, אינגערע לעבן — די סאַמע ערשטע צייט פון צוזאַמענזיין.

בין איך געגאַנגען אין „לואַוור", וואו מיר זיינען געווען אין 1921 און וואו מיר האָבן געהאַט „אונדזערע אייגענע" בילדער און סטאַטועז; אַוועק צום פאַנטעאָן, געגאַנגען אין דער „קאָמעדי פראַנסעז", צו סימ־פאָנישע קאָנצערטן; איבערגעלעבט די גענג איבער די פּאַריזער בולוואַרן, וועלכע מיר האָבן אַזוי ליב געהאַט, מיט זייערע צייטונגס־קיאָסקן, מיט די אַלטע בלומען־פאַרקויפערינס; אַריינגעקוקט אין קליינע, געפּאַקטע „ביסטראָס" (קאַפעס) מיט זייערע שטייענדיקע און טרינקענדיקע „פּאַטראָנס"; געזעסן אין די „טיולעריעס" און אין „לוקסעמבורגישן גאָרטן, און געלאָזן פאַרבייפליען פאַרן אויג די בילדער פון אונדזער רייזע איבער דער שווייץ... ביז אַ געוואַלטיקע, פּשוט־פיזישע בענקשאַפט נאָך

זשענעווע און נאָך אַסקאָנאַ האָט אַרומגעכאַפּט די נשמה, און איך בין אַוועק, אין געציילטע מינוטן, אויפֿן וואָקזאַל און — קיין זשענעווע...

און דאָרט האָב איך, געטריבן פֿון דעם אייגענעם וואונטש צו זען מעדעמס פֿריינט, זיך אָנגעשטויסן צום ערשטן מאָל, אין קעגנזאַץ צו פּאַריז, אויף דעם רעאַקציאָנערן, פּראָווינציעלן גייסט פֿון דער עמיגראַציע; אויף דער ניט־פֿאַרענדערטער, פֿאַרגליווערטער, שטויביקער מענשעוויסטיש־בונדיסטישער אַטמאָספֿערע, וואָס האָט מיט שוים אויף די ליפּן פֿאַרטיידיקט די פּאָזיציע פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַזוי ווי זיי זיינען „געשטאַנען" אין 1908, גלייך ווי עס וואָלט גאָר ניט פֿאָרגעקומען קיין צעטרייסלונג פֿון אַ וועלט־מלחמה, אויפֿשטאַנדן אין האַמבורג, בערלין, אונגאַרן, אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד... דאָ האָט מען נאָך געהאַלטן ביי די „נייע גאַרניטורן, אין וועלכע סאָוועטישע דיפּלאָמאַטן שרייבן אונטער אָפּמאַכן מיט קאַפּיטאַליסטישע לענדער"... (אַזוי ווי עס וואָלט געווען די שולד פֿון די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטן, וואָס די לענדער זיינען נאָך אַלץ קאַפּיטאַליסטיש...)

מער נאָך: מען האָט מיר גאָר פֿאָרגעוואָרפֿן, וואָס איך, די פֿרוי פֿון מעדעמען, האָב די חוצפּה צו פֿאָרן גאָר קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, זיך באַקענען מיט דעם לעבן דאָרטן... „באַיקאָטירן מוז מען עס", האָבן געטענהט די חשובע, גוט־איינגעפֿונדעוועטע, מיט גוטע פּאָזיציעס פֿאַרזאָרגטע, שווייצאַרישע בירגער — בונדיסטן פֿון וואַרשע און האַמעל פֿון פֿאַר 1905. אַפֿילו די סאַמע ערשטע רעוואָלוציע האָבן זיי פֿאַרבראַכט פֿאַרגליווערטע, ביי דער מאָלערישער זשענעווער אָזערע. היינט זיינען זיי געוואָרן פּראָפֿעסאָרן ביים אוניווערסיטעט, דאָקטוירים, כעמיקער, מלוכה־אָנגעשטעלטע, און נאַטירלעך: כשרע רעפֿאָרם־סאָציאַליסטן, כּלאָראָפֿאָרמירטע און געזיכערטע פֿון וויטיקן, פֿאַר זיך און דער וועלט...

מיט דעם האָט זיך געענדיקט מיין שמועס מיט אַמאָליקע פֿריינט. פֿון דאָרט בין איך אַוועק צו אַן אַנדער אָרט: צום הויז, וואו מיר האָבן געוואוינט צוויי יאָר, איידער מיר זיינען אַוועק קיין ווין. אַ שיינע, מאָדערנע, אָבער באַשיידענע דירה פֿון צוויי צימערלעך און אַ קיך, וואו מיר האָבן אויפֿגענומען אונדזערע געסט און צוזאַמען מיט מעדעמען זיך געלערנט פֿון אַ קוכערס בוך צוגרייטן מאכלים; וואו עס איז געווען אַ פּיאַנאָ און וואו מיר האָבן ניט איין הונגעריקן אָוונט „פֿאַרזונגען" און פֿאַרשפּילט... און דאָרט איז פֿאָרגעקומען איינע פֿון די אומגעריכטע און

פארכאפנדיקע אין איר אומגעריכטקייט באַגעגענישן: איך בין מיר אזוי געשטאַנען אויף דער גאס „רי דע פעפליער", נומער 21, און ארויפגעקוקט צום צווייטן עטאַזש, וואו די פענצטער זיינען נאָך געווען פארקלעפּט מיט דעם אייגענער מוסטער פון בילדער, וועלכע מיר האָבן אויסגעקליבן, אָנ־שטאָט פאָרהאַנגען פאר זיי. און אַ פרוי, אַן איטאַליענערקע, וועלכע האָט דעמאָלט איבערגענומען אונדזער וואוינונג, האָט מיך דערקענט און מיך ארויפגערופן אויבן. עס איז געווען סיניאָרא גאַנעטטי, וועלכע האָט דעמאָלט, אין 1912, געהאַט אַ מיידעלע פון אַ יאָר פיר. איצט איז געווען 1926, און דאָס „מיידעלע" איז געווען פארהייראַט...

איך בין ארויף אין אונדזער אַמאָליקער וואוינונג. אויף דער פּאָד־לאָגע איז געלעגן דער זעלבער לינאָלעאום, וואָס מיר האָבן געקויפט אויף אויסצוצאָלן אין דער „סאַמאַריטען". די פרוי האָט געבראַכט ווייַן, זיך נאָכגעפרעגט אויף „סעניאָר" מעדעם. זיך דערוואוסט וועגן אַלץ — און פארגאָסן אַ טרער אויף דעם, וואָס ער האָט געמוזט אוועקגיין אזוי יונג פון דער וועלט. און אָט די סימפּאַטיע פון אַ פּשוטער איטאַליענישער ארבעטערין, די טרערן אירע, האָט מיר נאָך אַמאָל דערוואַרעמט צו איי־ראָפּע, צו אירע אויפריכטיקע מענטשן, צו זייער נאַטירלעכער פריינט־שאַפט. און איך האָב זיך דערמאָנט די אַמעריקאַנער עצות, גלייך נאָך דעם ווי מעדעם איז געשטאָרבן — וואָס די „לעידים" האָבן מיר געגעבן: „יו העוו טו מעיק די בעסט אָוו איט" (איר מוזט זען צו מאַכן דאָס בעסטע פון דעם אומגליק). מען האָט מיך געבעטן וואַרטן, ביז דער מאַן און די טאָכטער וועלן קומען. איך בין געבליבן און זיך געפילט מיט זיי אזוי פיל בעסער, איידער מיט די אַמאָליקע פריינט און היינטיקע קענער, וועלכע האָבן ניט געקאָנט טאָלערירן אפילו אַן אינטערעס ביי אַ מענטשן צום סאָוועטן־פארבאַנד.

פון זשענעווע בין איך געפאָרן קיין לאָקארנאָ, און פון דאָרט מיט אַ שיף צום דערפל אַסקאָנאַ, וואו מיר האָבן פארבראַכט אַזעלכע גוטע, זוניקע וואָכן, מיט 16 יאָר פריער. אָבער עס איז געווען אינגאַנצן פאַר־ענדערט: נייע האָטעלן, נייע, גרעסערע הייזער, אַ פרעמדער עולם, ענג־לענדער מיט ליולקעס און ענגלענדערינס מיט גרויסע ציין. טאָניאָ איז שוין ניט געווען אין „ריסטאָראַנטע דעל לאַגאָ", און אַלץ איז געווען אומעטיק.

איין מאָל, זיצנדיק אין אַ קליינעם קינאָ, האָב איך דערזען אין די

נייעסן אַ פֿאַראַד אין רוים, און איך האָב פּלוצלונג באַשלאָסן צו טאָן אַן עקסטראַוואַגאַנטע זאַך און אַריבערפֿאָרן קיין באָלאָניאַ, אויפֿזוכן מוסאָ־ליניען און דערמאָנען אים די לעקציעס אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך, וואָס איך האָב אים געגעבן, אין 1908, ווען ער איז געווען אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, אַן אַנאַרכיסט, אין זשענעווע, צוזאַמען מיט זיין פֿריינט, אומבערטאָ סאַלוואַטערראַ. איך האָב באַקומען אַ טוריסטישן האַלב־פּאַס אויף פֿינף טעג און בין אַוועק קיין איטאַליע. עס איז געווען אַ מערק־ווירדיקע רייזע מיט אַן עלעקטרישן צוג איבער די בערג, שפּעטער מיט אַ געוויינלעכן צוג און מיט אַן אויטאָבוס. איך בין געווען אין מאַנצאַ און אין מילאַן, אָפּגעפֿרישט ווידער אַלטע זכרונות פֿון 1908, פֿון די וואַנ־דערונגען איבער סען־גאָטהאַרד אין אַ שניי־שטורעם אין יולי. וואָר האָט זיך איבערגעפֿלאָכטן מיט ניו־יאָרקער חלומות. איך בין געווען, ווי אין אַ צושטאַנד פֿון פֿיבער. און פּלוצלונג איז מיר געקומען דאָס באַוואוסטזיין פֿון אַן אַוואַנטורע, אין וועלכער איך לאָז זיך אַריין. אָבער איך פֿלעג קיינמאָל ניט גיין צוריק. און כאָטש דער שכל האָט געזאָגט: מוסאָליני איז היינט אַ פֿאַשיסט, פֿון וועלכן אַפֿילו די שווייצאַרישע קינדער אין דעם קינאָ האָבן הילכיק אָפּגעלאַכט מיט אויסגעשרייען: „איל דוטשע, איל פּיעראָטע!" (דער דוטשע, דער קלאָון), — האָב איך דאָך באַשלאָסן פּרוּוון אים זען און אים דערמאָנען די זשענעווער דיסקוסיעס אויפֿן פּערטן עטאַזש אין מיין סטודענטן־צימער, אין דער אָנוועזנהייט פֿון אַ בולגאַרישן חבר, שטערו דמיטראָף, אַ פֿריינט אונדזערן.

דורך אַ רעדאַקציע פֿון אַ צייטונג אין באָלאָניאַ האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון אַ פֿראַנצויזישן זשורנאַל, „וויו", און געפּרוּווט רעדן מיט איינעם פֿון מוסאָלינים סעקרעטאַרן, אים דער־ציילט ווער איך בין געווען אין יענע צייטן — אַ סטודענטקע פֿון פּוילן, אַ סאָציאַליסטקע — און ווי איך האָב געלערנט מוסאָליניען פֿראַנצויזיש, כדי ער זאָל קאָנען קריגן אַרבעט אין אַ לאַנד, וואָס איז אים געווען פֿרעמד. נו, האָט ער מיט עטלעכע טעג שפּעטער מיר געזאָגט, אין אַ שמועס אין אַ קאַפֿע־טעררּאַס, אַז איך וועל טאָן גוט, ווען איך וועל אָפּלייגן דעם וויזיט אויף שפּעטערע צייטן; אַז דער „דוטשע" איז פֿאַרנומען אין באָלאָניאַ מיט קאָנפֿערענצן, און אַז „צייטן זיינען איצט אַנדערע"... און אין האָטעל האָט מען מיר געזאָגט העפֿלעך, אַז ביינאַכט גייט אויס מיין טוריסטישע וויזע. און אַזוי ווי איך בין געפֿאָרן מיט אַן „אַפֿידעיוויט" אויף איין יאָר,

ניט מיט קיין פּול־גילטיקן פּאַספּאָרט, האָט מען זיך אין מוסאָלינים מדינה ניט שטאַרק צערעמאָניעוועט מיט אַזאַ „טוריסט". האָב איך אָנגעשריבן אין אַ פראַנצויזישן זשורנאַל, שוין צוריק אין דער שווייץ, אַ רעפּאָרטאַזש וועגן דעם ענין, און מער ניט געמאַכט קיין פּרוּוו צו זען זיך מיט „געוועזענע" עמיגראַנטן, היינטיקע פאַשיסטן.

איך האָב דערלעבט צוויי טריאומפן: די מפּלה פון מוסאָלינים האָרדעס ביי גוואַדאַלאַכאַראַ און קאַראַמאַ אין שפּאַנישן בירגער־קריג, אין 1937, און די נקמה איבער בעניטאָ מוסאָלינין אין 1945 מצד דעם פּראָ־לעטאַריאַט אין מילאַן. אָבער דער אָנבליק פון די „שוואַרצע העמדלעך" אין וואַגאָן פון באָלאָניער אייזנבאַן אין 1926 איז געווען פּונקט אַזוי שווער, ווי די ערשטע סוואַסטיקאַ אויף די ברוינע העמדלעך פון די נאַצים אין שטעטין, 6 אַזייגער פּאַרטאָג, אין יוני 1933, אויף דער דענישער שיף „אַלאַף", וואו זיי האָבן זיך געפילט ווי באַלעבאַטים...

די ערשטע סאָוועטישע וויזע

אין יאָר 1926 איז נאָך קיין טוריזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט געווען. עס איז געווען זייער שווער צו באַקומען אַ וויזע. מיין לאַגע איז נאָך געווען שווערער צוליב דעם, וואָס איך בין נאָך אַלץ געווען אַ פּוילישע בירגערין, אָבער מיט אַ פּאַס, אין וועלכן עס איז געשטאַנען, אַז מע־דעם איז אַ געבוירענער אין מינסק, הייסט עס, אַ רוסישער בירגער, און צו דעם פּאַס האָט מען מיך צוגעשריבן, כאָטש איך בין געבוירן אין פּוילן און האָב געהאַט אַ באַזונדערן פּאַס. אָבער ווי נאָר איך האָב אין די פאַרשיידענע אַמטן געזאָגט אין דער אַנקעטע: געווען פאַרהייראַט, — האָט מען איבעראַל געפּאָדערט מעדעמס פּאַס. אַזוי אַרום האָט זיך באַ־קומען אַ האַלב־פּוילישע, האַלב־רוסישע מלוכה־אָנגעהעריקייט און אַן „אַפּידעיווויט" אויף אַ יאָר מיטן רעכט צו קומען צוריק קיין אַמעריקע. קיין קאָנסולאַר־באַאַמטער האָט ניט געוואָלט לאַנג באַטראַכטן די אַלע פּעסער און ניט געוואָלט געבן קיין וויזעס אין זיין לאַנד. און דאָך בין איך געווען אין דרייצן לענדער אין די צוועלף מאָנאַטן פון מיין אַרומ־פאָרן. איך האָב יעדן קאָנסול — דעם רומענישן און עגיפּטישן אַפילו, שוין אָפּגערעדט פון דעם פּאַלעסטינער און ענגלישן — געדולדיק דער־

קלערט די פאַרשיידענע מעגלעכקייטן פון טרעפן אין לעבן אַ מענטשן, מיט וועלכן מען האָט חתונה, ניט געקוקט אויף זיין פּאַס. איך בין אפילו געווען אין גריכנלאַנד, טערקיי, אַלעקסאַנדריע, אין בוקארעסט, טשערנאָוויץ און פּאַלעסטינע. אָבער צו באַקומען אַ סאָוועטישע וויזע, האָט מען מיר איבעראַל געזאָגט, וועט זיין שווער. ניט איך פּאַר ווי אַ זשורנאַליסט, ניט ווי אַ דעלעגאַט, ניט ווי אַן איינגעלאַדענער וויסנשאַפטלער. די סאָוועטישע רעגירונג איז נאָך ניט געווען אָנערקענט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. דערצו האָב איך אפילו ניט געהאַט קיין רעקאָמענדאַציע־בריוו. איך בין געווען אַן אָנגעשטעלטע פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד באַנק" פון ניו־יאָרק, וועלכע האָט געפירט אירע געלט־טראַנספערס דורך דער „פּראָמבאַנק" (פּראָמישלעני באַנק) אין מאָסקווע, אָבער די באַנק האָט מיך ניט געשיקט אַלס איר באַפולמעכטיקטן.

איך בין געגאַנגען פּרואוון באַקומען אַ וויזע אָן רעקאָמענדאַציעס. אַריין אין סאָוועטישן קאָנסולאַט אין בערלין און געוויזן די דאָקומענטן. אויף דער אַנקעטע האָב איך געשריבן, אַז איך וויל שטודירן די אידישע אויפבוי־אַרבעט אין די אוקראַינער קאָלאָניעס. האָט מען מיך אַרויפגעשיקט צו אַ באַאַמטן, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם „געזערד" אין מאָסקווע און האָט געהייסן לאַנדאַ. ער האָט געאַרבעט אין קאָנסולאַט, געקענט דעם נאָמען מעדעם, און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז װ. מעדעם איז געווען מיין מאַן, האָט ער גענומען די דאָקומענטן און געזאָגט, אַז מיין בקשה וועט גיין דעם נאָרמאַלן גאַנג און אַז מען וועט מיר לאָזן וויסן, ווען דער ענטפער וועט אָנקומען. מיינע באַקאַנטע האָבן ווייניק געהאָפט, אַז איך זאָל קריגן אַ וויזע, ווייל עס האָט געפעלט דער עלעמענט פון קענען מיך: געזעלשאַפטלעך האָט מען מיך געקענט בלויז אין ניו־יאָרק, אויפן אייראָפּייאישן קאָנטינענט נאָך ניט (איך מיין אַלס זשורנאַליסט אָדער אַלס לעקטאָר)... מען האָט בלויז געקענט מעדעמען און געטענהט האָבן מיינע באַקאַנטע, אַז „דאָס איז דווקא געגוג, אַז מען זאָל אייך קיין וויזע ניט געבן"... אין ניו־יאָרק אָבער האָב איך ניט געבעטן ביי קיינעם קיין רעקאָמענדאַציע־בריוו, ווייל איך בין געווען פאַרבונדן בלויז מיט קולטור־אָרגאַניזאַציעס, ווי קלובן און אַרבעטער־רינג ברענטשעס, און דאָס — אין דער פאַרגאַנגענהייט.

דערפאַר איז זייער גרויס געווען מיין איבעררעשונג און מיין פרייד, ווען נאָך אַ מאָנאַט וואַרטן אין בערלין איז געקומען אַן ענטפער פון

סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז די וויזע איז דאָ... די גאַנצע וועלט האָט ביי מיר אָנגעהויבן אויסזען אַנדערש, ווען איך האָב אין דעצעמבער, 1926, פאַר־לאָזן בערלין, אַוועק קיין דאַנציג און פון דאָרט קיין װאַרשע און זיך אַריינגעזעצט אין דעם עקספּרעס: „פּאַריז־בערלין־וואַרשע־מאָסקווע".

איך האָב זיך געמוזט אָפּשטעלן אין וואַרשע צוליב אַ ביטע פון מיין ברודער: אַזוי ווי ער האָט אין 1915 איבערגעלאָזט אין וואַרשע אַביסל זאַכן זיינע און זיין מוזיקאַלישן אינסטרומענט, אַ פּליוט, האָט ער מיך געבעטן עס אים מיטברענגען קיין מאָסקווע, ווען איך וועל קאָנען פאָרן. עס איז געווען נאָך אַן ענין, צוליב וועלכן איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע: מעדעם האָט, זייענדיק אין אַמעריקע, אָרגאַניזירט הילף פאַר דעם קינדער־סאַנאַטאָריום אין מיעדזשעשין, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „מעדעם־סאַנאַטאָריום". איך האָב געבראַכט פאַר די קינדער פון דעם מעדעם־סאַנאַטאָריום אַ קעסטל מיט ערד פון מעדעמס קבר, אַז זיי זאָלן קאָנען פאַרפלאַנצן דאָרט עפּעס אַ בלום, וויל מען האָט געפירט מיט די קינדער שמועסן וועגן מעדעמען. און בעת איך בין געווען אין וואַרשע, האָב איך באַזוכט פורים־צייט די קינדער־היים און געבראַכט די קינדער דעם סימבאָל פון נאָענטקייט פון דעם גרינדער פון זייער שיינער, ליכטיקער סאַנאַטאָריע.

אין מיטן דעצעמבער, 1926, בין איך אַוועק פון וואַרשע, מיט אַן אומגעהויערער דערוואַרטונג אין האַרצן, קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די שפּאַנונג אין מיר איז געווען מוראדיק גרויס; איך פאָר צו אַ צענטער, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע געפילן און פּסיכישע רעגונגען, וועלכע זיינען יאָרנלאַנג דאָך אין מיר און וועלכע איך האָב געמוזט צוריק־האַלטן. דער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס צום לאַנד, וואו עס איז פאָר־געקומען די אויסגעבענקטע רעוואָלוציע; דאָס געפיל פון בענקשאַפט צום ברודער, דעם פריינט פון די קינדער־יאָרן, דעם איינציקן נאָענטן מענטשן, וועלכער איז געבליבן אויף דער וועלט — און וועלכן איך האָב אַזוי לאַנג ניט געזען, און די דערוואַרטונג צו זען די סאָוועטישע מענטשן, די טוער, וועלכע האָבן מיר געגעבן די אַריינפאַר־וויזע, אַרויסווייזנדיק אויף אַזאַ אופן אַ גרויסע מאָס פון פּאָליטישן צוטרוי אין מיר — דער פרווי פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן טוער. עס האָט מיך געצויגן צו זען דאָס נייע לאַנד אין געבוי, די מענטשן, וועלכע איך האָב שוין אַביסל געקענט פון דער ליטעראַטור, פון גרוסן און צייטונגען. און נאָך עפּעס איז געווען:

דאָס געפיל פון אייגענער נישטיקייט אין פּנים פון אַזאַ געוואַלטיקער וועלט־איבערקערעניש, פון אַ געשעענעם פאַקט... און דאָס געפיל פון אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער שולדיקייט בנוגע דער דאָרטיקער געזעלשאַפטלעכקייט, פאַר ניט האָבן מיטגעקעמפט אין יענע יאָרן פאַר דערגרייכן אָט־דעם ציל...

ניעגאָרעלאָיע

אַ סך איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן אָט־דעם היסטאָרישן ווייסרוסישן פּונקט אין די וועלדער, וואָס איז געווען די גרענעץ צווישן פּוילן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צווישן 1920 און 1945 — ניעגאָרעלאָיע. יעדער מענטש, וועלכער איז געפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד איבער דעם דאָזיקן פּונקט, האָט דערציילט וועגן אַ פּלאַקאַט איבער די רעלסן, וואָס האָט אַראָפּגעשיינט פון אַ מין טויערל, אַרומגעפלאָכטן מיט גרינע יאָלקעס און רויטע פענער, אַ פּלאַקאַט מיט די ווערטער: „אַ גרוס די אַרבעטנדיקע פון מערב!” באַלד הינטער דעם נייטראַלן פּונקט, קאָלאָסאָווע, צווישן צוויי וועגט נעדיכטע וועלדער, איז געווען אָט־דער פּלאַקאַט. און קיין דערציילונג, קיין באַשרייבונג האָט ניט אַזוי געווירקט, ווי צו זען מיט די אייגענע אויגן די אַרקע מיט דער אויפשריפט... דאָס איז דער ערשטער אָנזאָג פון דעם אמת, פון דער ממשותדיקייט, אַז עס עקזיסטירט טאַקע אַזאַ זאַך, ווי די ערשטע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק! און אַז די שפּראַך פון דער רעפּובליק איז די ווענדונג צום סימבאָל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון אַלע פעלקער, צום אַרבעטער פון מערב. און ניט די דיפּלאָמאַטישע ווענדונג פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַמאָל, ווי צום ביישפּיל, פון איין קאַיזער צום צווייטן: „מיין טייערער קוזין!” — דאָס געפיל פון ממשות, וועגן וועלכן מען דאַרף ניט פירן קיין דיסקוסיעס, איז געווען פאַרכאַפּנדיק. דער מין סאָוועטישער מענטש, וועלכער איז געפאָרן אין באַן, צווישן מינסק און סמאָלענסק און מאָסקווע, איז געווען אַזוי אַנדערש, אַזוי זיכער און אויך אַזוי פיל רואיקער, ווי דער מענטש אין אַמעריקע, אַז עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן באַלד נאָך די ערשטע פאַר ווערטער. דאָס איז געווען די זיכערקייט פון מאָרגן, דאָס ניט מורא־האָבן פאַר פאַרלירן די אַרבעט, דעם פּאָסטן, דאָס שטיקל

ברויט. און איך בין געקומען פון ניו־יאָרק, וואו איך האָב שוין אַליין געזוכט פּרנסה, געזען אַנדערע, וואָס זוכן אַרבעט, וואָס פאַרלירן זייער אַרבעט, וואָס זיינען אָפּהענגיק פון אַ „מענעדזשער" (פאַרוואַלטער), פון אַ פאָרמאַן, פון פּראָטעקציעס...

די יוגנט איז געווען דער באַלעבאָס פון לעבן. צענדליקער יונגע בחורים און מיידלעך זיינען געפאָרן פון און צו אַרבעטס־פּלעצער. איך האָב זיי געזען ביי דער גרענעץ, אַלס באַאַמטע, אַלס אָנגעשטעלטע: דיס־ציפּלינירט, זיכער, קאָרעקט אין אומגאַנג מיט אויסלענדער. מיט מיר אין וואַגאָן איז געזעסן אַן אָנגעשטעלטע פון דער קאָנצעסיע פון דעם אַמעריקאַנער הארימאַן, אין טשיאַטורי, אין קאַווקאַז. דאָס איז געווען אַ מאַרגאַניעץ־שאַכטע (מאַנגאַניז־מאַין), און אַזוי ווי דאָרט איז געווען אַ לאָקאַלער שפּיטאָל, האָט זי געפירט מיט זיך פון וואַרשע מעדיקאַמענטן אויך אינסטרומענטן אַהין. עס זיינען געווען עטלעכע ריזיקע הילצערנע קאַסטנס, פאַרקלאַפּט מיט נעגל און באַשלאָגן מיט אייזערנע רייפן. דער צוג שטייט אין ניעגאָרעלאָיע אַ האַלבע שעה, ווייל קיין סך אויסלענדער זיינען ניטאָ. ווייל מען אַדורכקוקן דעם באַגאַזש פון די פּאַסאַזשירן, לאָזט זי ניט אַרויסנעמען פון באַגאַזש־וואַגאָן די קאַסטנס. זי זאָגט, אַז עס איז מעדיצין און אַז עס איז דאָס אייגנטום פון דער אַמעריקאַנער קאָנ־צעסיע. ענטפערט איר דער יונגער גרענעץ־באַאַמטער, אַז יעדעס שטיקל באַגאַזש מוז ביי אַ גרענעץ געעפנט און געוויזן ווערן. שפּאַרט זי זיך אָבער איין, אַז עס איז „בלויז" מעדיצין און אַז זי וועט ניט לאָזן עפענען. אַזוי ווי מאָסקווע איז איר לעצטער אָפּשטעל מיט דעם צוג, און אַזוי ווי פון מאָסקווע מוז זי נעמען אַן אַנדער צוג קיין קאַווקאַז, האָט דער יונגער באַאַמטער אַ קורצע באַראַטונג אין אונדזער אָנוועזנהייט מיט דעם נאַטשאַלניק פון דעם צאָל־אַמט (קאַסטאָם־אָפּיס) און זיי באַשטימען, אַז אין מאָסקווע וועלן די קאַסטנס געעפנט ווערן אויפן וואָקזאַל. גלייכצייטיק שיקט מען וועגן דעם אַ טעלעגראַמע צו איר פירמע אין מאָסקווע, אַז די צאָל־רעוויזיע וועט פאָרקומען דאָרטן. די זאַך געדויערט אַ צען מינוט און די אַמעריקאַנערין, אַ „נוירס" (מעדיצינישע געהילף) באַרואיקט זיך.

מיט מיר קומט אָבער פּאָר אַזאַ ענין: צווישן די זאַכן, וועלכע איך האָב געפירט מיט זיך און וועלכע מען האָט זייער שנעל איבערגעקוקט, איז געווען מיין ברודערס פּלייט אין אַ לאַנגן קאַסטן, צו וועלכן איך האָב ניט געהאַט קיין שליסל. עס איז געווען אַ שמאָלער קאַסטן, אַ שיידל

פאַר אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט. עס האָט אָבער ניט געהאַט קיין שליסל — און אין מיין ניט געפינען קיין שליסל איז שוין געלעגן אַ געוויסע אומגעדולד. האָב איך דעם באַמטן דעריבער פאַרגעלייגט אויפצוברעכן דעם שלאָס מיט אַ טאַשן־מעסערל. האָט ער אַ קוק געגעבן אויף מיר, דערנאָך אויפן קעסטל, און געזאָגט: „ניעט, זשאַלקאָ פאַרטיט זאַמאָק" (ניין, עס איז אַ שאָד קאַליע צו מאַכן דעם שלאָס). און מען האָט עס צוריק אַריינגעלייגט אין דעם טשעמאָדאַן.

איך בין געווען איבערראַשט. אויף קיין גרענעץ, ניט פריער און ניט שפּעטער, האָט מען ניט געלאָזט אַ ניט־געעפנטע זאַך אַריינלייגן אין קאַסטן. גראַד דאָ, אין ניעגאָרעלאָיע, וועגן וועלכן „מען" פלעגט דערציילן „סטראַשנע" מעשיות, לאָזט מען דורך אַ פאַרשלאָסענעם לאַנגן שיידל. און טאָמער איז עס אַ מעסער, אָדער אַ רעוואָלווער? האָט טאַקע די סאָוועטן־רעגירונג אינטעליגענטע באַמטע ביי אירע גרענעצן...

אַ פאַרכאַפּנדיקע באַגעגעניש

פון וואַרשע בין איך אָפּגעפאָרן אַ מידע, אַ ניט־אויסגעשלאָפענע: זיך געפּאַקט אַ גאַנצן אָוונט. בין איך טאַקע באַלד אַריין אין מיין קופּע און זיך געוואָלט אָפּרוען, אפשר אַנטשלאָפן ווערן. אָבער דער קאָפּ האָט ווי געטאָן און איך האָב ניט געקאָנט אפילו ליגן. גיי איך אין וואַגאָן־רעסטאָראַן און בעט טיי מיט לימענע. אַנטקעגן מיר, ביי אַ צווייטן טישל, זיצט אַ מאַן, פון אַן אייראָפּעיאישן אויסזען, אין אַ טונקעלן קאָסטיום, און לייענט אַ בוך. ער קוקט ניט אויף קיינעם. איך ענדיק מיין טיי, שטיי אויף, און דאָ גיט דער פרעמדער אַ הויב־אויף די אויגן פון בוך און באַטראַכט מיך. אָבער אַזוי ווי ער איז פאַר מיר פרעמד, גיי איך דורך און — צוריק אין מיין קופּע. דער קאָפּ טוט וויי טער וויי. אין לידע גייען אַראָפּ די עטלעכע אידישע יונגעלייט, וועלכע זיינען אַריין אין אונדזער צוג אין וואַרשע, און דער צוג פאָרט ווייטער. פּלוצלונג דער־הער איך אויף רוסיש: „איר זייט ניט גאַנץ געזונט, חבר?" דער אומ־באַקאַנטער שטייט אין דער אָפענער טיר פון דעם קליינעם קופּע.

— יאָ, איך האָב אַ קאָפּ־ווייטיק.

דאָ גיט ער אַן עפן אַ טיר אין דער וואַנט, וואָס איך האָב אפילו ניט

געזען פריער, נעמט ארויס פון דאָרט אַ גלאָז, גיסט אָן וואסער און וואַרפט אריין צוויי ווייסע טאַבלעטן, דערלאַנגט עס מיר און זאָגט:

— טרינקט אויס, וועט איר איינשלאָפן און דער קאָפּ־ווייטיק וועט ווערן בעסער.

איך וואָלט אַ בעלן געווען זען מיין פּנים אין יענע פּאָר סעקונדעס, וואָס איך האָב זיך געוואַקלט: נעמען די טאַבלעטן פון אַ גאַנץ־פרעמדן מענטשן, אָדער ניט? איך האָב איין זאַך געוואוסט, אַז איך וואָלט עס אין קיין אַנדער וואַגאָן אויף דער גאַנצער וועלט ניט גענומען. מען נעמט ניט קיין שלאָפטרונק פון אַ פרעמדן מענטשן אין אַ צוג. דאָס איז אַ ניט־געשריבענער געזעץ.

דער אומבאַקאַנטער איז אָבער געווען אַן ערנסטער, ער האָט קיין איין מאָל ניט געשמייכלט, ניט געזאָגט קיין איין איבעריק וואָרט. פון אַלע זיינע באַוועגונגען איז געגאַנגען אַ גרויסע זיכערקייט. און אַזוי ווי איך האָב ניט געוואָלט ארויסווייזן, אַז איך וואַקל זיך, האָב איך גענומען דאָס גלאָז און אויסגעטרונקען.

— אין צוויי שעה אַרום, פאַר דער גרענעץ, וועל איך קומען געוואָר ווערן וואָס איר מאַכט. און איצט — צום ווידערזען!

ער האָט פאַרמאַכט די טיר און איז אַרויס. איך בין געבליבן מיט אַ געפיל, אַז ער, דער פרעמדער, באַהערשט די סיטואַציע, און ניט איך. צום ערשטן מאָל האָב איך זיך דערפילט עפּעס מאָדנע, ווי אַ פּאַסאַזשיר, וועגן וועלכן מען דערציילט וויצן. אויסער דעם האָב איך זיך געפרעגט: „וואו האָב איך געזען דעם מענטשן מיט די קאַלטע, בלויע אויגן, גרויס־בלאָנדע האָר און רואיקע באַוועגונגען?" אָבער אַ מידקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די אויגן און איך בין איינגעשלאָפן.

פּונקט זעקס אזייגער האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר, און אויף מיין ענטפער אויף פּויליש: „פּראָשע!" (איך האָב געמיינט, עס איז דער קאָנדוקטאָר, — איז אַריין דער פרעמדער און האָט געזאָגט — ניט געפרעגט: „אייך איז בעסער — איצט קאָנען מיר זיך דורכשמועסן." ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר און זיך אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— איר זייט נינאַ מעדעס, די פרוי פון וולאַדימיר מעדעם. איך בין געווען אייער שכן אין זשענעווע, האָב אייך געזען יעדן טאָג אין דער ביבליאָטעק און דערמאָן זיך דעם קאָליר פון אייער קאָץ, מיט וועלכער

איר פלעגט זיך אוועקזעצן ביים פענצטער, וואו מיר, סטודענטן, האָבן איך באַטראַכט... אויף „רי דע לעקאָל מעדסין, 9״...

איך בין באמת געווען אַ פּאָר סעקונדעס ווי פאַרשטיינערט. איך האָב אָנגעכאַפּט מיינע גרינע, לאַנגע קרעלן, וואָס איך האָב געטראָגן אויפן האַלדז, און זיי געדרייט מעכאַניש, ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן. אָבער איך האָב זיך ניט געקאָנט אים דערמאָנען פון זשענעווע, כאָטש איך האָב געזען יעדן טאָג אַ גרופּע סטודענטן אַנטקעגן מיין דירה. איך האָב עס אים געזאָגט. אָבער איך האָב זיך איצט גוט איינגעקוקט אין זיין פּנים און געזאָגט צו אים: „אפשר קען איך אייך פון ערגעץ אַנדערש, ווייל איך האָב אייך שוין איינמאָל געזען, אָבער דער נאָמען לוגין זאָגט מיר גאָר ניט.״

— נו, אפשר איז עס אַ צו לאַנגע צייט. איך וועל אייך דערמאָנען אַן אַנדער צייט, ניט אַזוי לאַנג צוריק. מיר האָבן זיך געזען אין 1920 אין מינסק, וואָס איז געווען פאַרנומען פון די פּאָליאַקן. איר זייט געווען דער איבערזעצער אין דער קאָמיסיע אויסצופאָרשן די פּאָגראָמען פון דער פּוילישער אָקופּאַציע־אַרמיי איבער די אידן אין לידע, ווילנע, בריסק, פּינסק, מינסק און לעמבערג. און מיר, אַ גרופּע ווייסרוסן, זיינען געווען אומלעגאַל. האָט אייער קאָמיסיע (עס איז געווען אַ געמישטע קאָמיסיע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ אין בעלגיע: אַ פראַנצויז, אַ האָלענדער, אַ דייטשער איד, אָסקאַר קאָהן, און אַן ענגלענדער) זיך אָפּגעזאָגט צו רעדן מיט אונדז, אומלעגאַלע באָלשעוויקעס, כאָטש זי האָט גערעדט מיט גלחים, מיט רבנים און באַאַמטע. האָט איר זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן מיט זיי, אויב זיי וועלן אונדז ניט אויסהערן... דאַן האָט איר אונדז אַריינגערופן און מען האָט אונדז אויסגעהערט, איר האָט גענומען נאָטיצן דערפון און זיך דערוואוסט דעם אמת.

דאָ האָב איך אים אָנגערופן מיטן נאָמען פון דעמאָלט. אים דערקענט. אויך זיינע ביידע חברים אָנגערופן ביים נאָמען. פּלוצלונג איז אַלץ געקומען אויפן זכרון: 1920. די שחיטה איבער די אידן אין „בית־העם״ אין פּינסק מצד דעם פּוילישן מיליטער, איבער פרומע אידן, וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה אין פּאָלקס־הויז. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי זיבערט, אַ בונדישער טוער אין וואַרשע, אַ זשורנאַליסט, איז אַוועק באַלד נאָך דער שחיטה אין פּינסק און איז צוריקגעקומען מיט דער שוידערלעכער באַשרייבונג ,ווי טויטע און שווער־פאַרוואונדעטע אידן זיינען פון

דעם פוילישן פאַשיסטישן מיליטער פאַרגראַבן געוואָרן צוזאַמען — נאָך איידער די נאַצים האָבן עס געטאָן מיט 24 יאָר שפּעטער. און ווי מעדעם האָט אויסגעהערט דעם באַריכט און אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין דער „פאָלקס־צייטונג": „ערד אין מויל"...

מיט צוויי מאָנאַטן שפּעטער איז געקומען די קאָמיסיע פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ קיין פוילן, כדי אויסצופאָרשן די פּאָגראָמען פון די פּאָליאַקן איבער די אידן אין די שטעט, וועלכע זיי האָבן פאַרכאַפּט פון דער סאָוועטן־מאַכט. עס איז געשטאַנען די פראַגע פון אַן איבערזעצער פאַר דער קאָמיסיע, וועלכע האָט גערעדט דריי פאַר־שיידענע שפּראַכן און ניט גערעדט — ניט אידיש, ניט פּויליש און ניט רוסיש. דער „בונד" האָט ניט געוואָלט שיקן קיין אָפיציעלן מיטגליד פון זיין אָרגאַניזאַציע צו טאָן אַרבעט מיט דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, צו וועלכן אַלע קאָמיסיע־מיטגלידער האָבן געהערט. און אַזוי ווי איך בין דעמאָלט שוין געשטאַנען אויסער דעם „בונד", ניט געווען קיין מיטגליד זיינער, האָט מעדעם איינגעוויליקט אויף מיין פאָרשלאָג צו פאָרן מיט דער קאָמיסיע און זען די „אַרבעט" פון די האַלערטשיקעס איבער די אידן אויף די צוקונפטיקע „קרעסן" (די שפּעטער פון די פּאָליאַקן אָקופּירטע אויף גאַנצע פיר און צוואַנציק יאָר געביטן, וועלכע זיינען געווען אויף יענער זייט פון דער „קורזאָן־ליניע").

איך האָב זיך דערמאָנט אויך מיין באַריכט ביי דער פינסקער לאַנדס־מאַנשאַפט אין ניו־יאָרק, אין 1921, ביי וועלכן מעדעם איז געווען אָנ־וועזנד. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מעדעם האָט מיך געהאַט געהערט רעדן, און איך בין געווען געשפּאַנט צו הערן זיין מיינונג, אַ מיינונג פון אַ גלענצנדן רעדנער. האָט ער, מיט זיין געוויינלעכער צוריק־געהאַלטנקייט, אָבער ערלעך, געענטפערט: „עס איז געווען נישקשה..."

און אָט זיצן מיר אין וואַגאָן און פאָרן צו דער גרענעץ. פאַר מיר זיצט אַן עדות פון 1909 אין זשענעווע און 1920 אין מינסק, וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די אינטערווענציע פון דעם פאַנסקן פוילן קעגן דער יונגער סאָוועטן־רעגירונג. און פאַר מיר זיצט אַ פאַרטיידיקער פון דער סאָוועטן־מאַכט, דער פּאַרטיזאַן פון סאָוועטישן אונטערערד, שפּעטער פון בירגער־קריג.

ווער איז ער היינט? אַ מיטאַרבעטער פון לעאָניד קראַסין, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט די דיפּלאָמאַטישע אָנערקענונג פון דעם סאָוועטן־

פּאַרבאַנד דורך ענגלאַנד, אין 1924. אויסער דעם, דער הויפּט פון דעם „אַזנעפט" (אוי ל־טרעסט פון אַזערביידזשאַן) אין 1926 און דער הויפּט פון דעם אַלפאַרבאַנדישן גאָלד־טרעסט אין 1933. פון פאַך אַן אינזשענער, איז ער געגאַנגען פון אַמט צו אַמט אין דער רעקאָנסטרוקציע פון דער סאָוועטישער ווירטשאַפט.

זעקס יאָר איז ניט קיין גרויסער צייט־שטח. ער האָט מיך דערקענט נאָך דאָרטן אין וואַגאָן־רעסטאָראַן און געזען, אַז איך פיל זיך ניט גוט. האָט ער פאָרגעלייגט דעם אַנטיפּירין צום קאָפּ־ווייטיק. און איצט קומט באַלד די גרענעץ. ער פרעגט מיך, צי בין איך גענוג וואַרעם אָנגעטאָן, ווייל אין מאָסקווע איז קאַלט — ביי 30 גראַד. ער לייגט מיר פאָר זיין קורצן פעלץ, וואָס פריינט פון סיביר, יעגערס האָבן אים געשיקט. ער פרעגט, צי בין איך אַמאָל געווען אין רוסלאַנד ? — יאָ, אין 1913, באַלד נאָכן אַרעסט פון מעדעמען אין קאָוונע. איך בין געפאָרן זוכן עדות און אַ צווייטן פּאַרטיידיקער. ער האָט מעדעמען געקענט פון לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר. און מיר רעדן וועגן יענע צייטן, ניט ווי מיט אַ הויכן סאָוועטישן באַאַמטן אויפן וועג קיין מאָסקווע, נאָר ווי מיט איינעם, מיט וועלכן מען גייט אויף אַ מיטינג, אָדער אויף אַ לעקציע אין איינער פון די שטעט פון פּאָליטישער עמיגראַציע פאַר די לעצטע 20 יאָר. ער איז פּשוט, ערנסט, זאַכלעך. אַ סימבאָל אויך פון דעם נייעם סאָוועטישן מענטשן, נאָר פון דעם גאָר־גרויסן פאַראַנטוואָרטלעכן באַאַמטן, פון איינעם, וואָס האַלט די עקאָנאָמיק פון דעם גרויסן פיל־פעלקערלעכן לאַנד אין זיינע פייאיקע הענט. דערביי איז ער געווען פון אַ פּשוטקייט און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וואָס האָבן צייטנווייז זיך געגרענעצט מיט אַ געוויסער שאַרפקייט, ווען איך האָב געשוויגן און בלויז געטראַכט, אָנגעשטרענגט געטראַכט, ווי אַזוי דאָס געוואַלטיק־נייע און פאַרכאַפּנדיקע איינצוזאַפּן אין זיך און אָנהאַלטן דעם פאָדעם פון פאַרשטענדעניש: עס איז פאָרט געווען אַ צו־גרויסע דערשיטערונג פאַר מיינע ביז־אַהעריקע, אויף ביכער־און צייטונגען־באַזירטע קענטענישן וועגן און איבער דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד! איצט האָב איך די געלעגנהייט פּערזענלעך זיך צו באַקענען מיט איינעם פון די וויכטיקסטע סאָוועטישע טוער, וואָס איז פון אַ סטודענט אין בעלגיע געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערער קעמפער, אַן אומלעגאַלער אַרבעטער אונטער דער מיליטערישער אָקופּאַציע פון דעם צעהוליעטן פּוילישן נאַציאָנאַליזם אין ווייסרוסלאַנד, אין 1920, און דער

נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון לעאָניד קראַסינען. איצט איז ער געווען אויפן וועג צוריק פון ענגלאַנד, וואוהין ער איז אַרויסגעפאָרן מיט עטלעכע וואָכן צוריק.

דער אַלמעכטיקער צופאַל האָט, ביים סאַמע ערשטן אַריינפאָר אין דעם לאַנד פון מיינע ניו־יאָרקער פּאָליטישע חלומות און דער בענקשאַפט נאָך מעדעמס פּאַטערלאַנד, מיך צונויפגעפירט מיט איינעם פון די ערשטע עדות, סיי פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, סיי פון מיין פּראָטעסט אין פרילינג 1920 צו אַרבעטן מיט דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אויב זי אַנטזאָגט זיך צו רעדן מיט סאָוועטישע „פּאָד־פּאָלשטשיקעס" (אומלעגאַלע אַקטיוויסטן), בעת זי הערט אויס פּוילישע פאַשיסטן — גלחים, סוחרים פון שווארצן מארק און צופעליקע מענטשן פון גאַס. און אויף אַ מינוט בין איך, צום ערשטן מאָל אין יאָרן, צופרידן געווען מיט זיך אַליין, מיט מיין געזעלשאַפטלעכן חוש פון יענער צייט, זייענדיק דער איינציקער מענטש, צווישן פינף פּאַרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער ביורא, געניטע און דערפאַרענע אין „פּאַרלאַמענטאַרישע" קאָמיסיעס, וואָס האָט, אָן עצות און אָן דירעקטיוון, ריכטיק אָפּגעשאַצט די נויטווענדיקייט צו האָבן אמתע, זאַכלעכע אינפאָרמאַציע וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין, ווי אַ מיליטערישע אינטערווענציע קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד מצד פוילן, געפירט און געשטיצט דורך דעם פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב. און פּאַגראָמען אויף אידן בעת זייער אָקופּאַציע פון די קרעסן.

ניט אומזיסט האָט מיך דער רייזנדער, דער אַמאָליקער גרישאַ לוגין, היינט אַ מלוכה־פירער, דערקענט אין וואַגאָן פון מאָסקווער צוג. עס זיינען אַוועק בלויז זעקס יאָר זייט יענעם זוניקן טאָג אין אַ מינסקער הויז, וואו די קאָמיסיע איז איינגעשטאַנען און וואו מען האָט אונדז דערלאַנגט אַ צעטעלע, אָנגעשריבן מיט אַ בלייפעדער, אַז אין אַ וויכטיקן ענין וויל זיך מיט דער קאָמיסיע זען אַ קליינע גרופּע מענטשן, בעלאָרוסן, פון דער אָרטיקער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. איך האָב איבערגעזעצט דעם צעטל אויף פראַנצויזיש פאַר דעם פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, דעם פראַנצויזישן סאָציאַליסט פּאָל רענאָדעל, דערנאָך אויף דייטש פאַר אָסקאַר קאָהן, דעם דייטשן סאָציאַל־דעמאָקראַט (אַ פּועלי־ציוניסט, לויט זיינע נאַציאָנאַלע סימפּאַטיעס), און צו דעם האָלענדישן פּאַרשטייער — אויף דייטש.

מען האָט זיך גאַנץ קורץ בעראַטן און—אָפּגעוואָרפן זייער פאָרשלאָג.

איך געדענק נאָך, אַז איך בין גאַנץ רואיק אויפגעשטאַנען און אוועק־געלייגט מיינע נאָטיצן און פּראָטאָקאָלן, וואָס איך האָב געפירט די גאַנצע צייט אין די שפּראַכן פון די פאַרשיידענע עדות, כדי עס שפּעטער צו איבערזעצן פאַר אַ בראָשור. ווען רענאָדעל האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און געפרעגט: „קיאַ טיל?" (וואָס האָט פּאַסירט?), האָב איך אים געזאָגט, אַז ער דערוואַרט זיכער ניט, אַז איך זאָל מיט אים אַרבעטן, בעת ער און די אַנדערע זאָגן זיך אָפּ אויסצוהערן די, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט אידישע לעבנס אין דער שטאָט און זיינען „פּאַרטיזאַנען־פּאָדפּאָלשטשי־קעס", באָלשעוויקעס... ער איז געווען איבערראַשט:

— אָבער מיר האָבן זיך געווענדעט צום „בונד" וועגן אַן איבער־זעצער, און . . .

— יאָ, גאַנץ ריכטיק. עס האָט געזאָלט פאָרן מיט אייך דער מיט־אַרבעטער פון דער „פאָלקס־צייטונג", זיבערט. אָבער אַזוי ווי מען האָט ניט געוואָלט ריזיקירן מיט אַ מיטאַרבעטער פון אַ בונדישער צייטונג אין פאָרשן פּאָגראָמען, אָרגאַניזירט פון דער פּוילישער אַרמיי, פון דער מלוכה אַליין, האָט מען אים ניט געשיקט. און איך בין ניט קיין מיטגליד פון „בונד". איך בין די פרוי פון וולאַדימיר מעדעם, אַ פירער פון „בונד", און אַ פּריוואַט־פּערזאָן, אַן איבערזעצער. אַלס פּריוואַט־פּערזאָן מעג איך האָבן אַן אַנדער פּאָליטישן קוק אויף דער נאַר־וואָס געשאַפענער סיטואַציע, וואָס איז אַן אַנדערע, איידער אייערע. און אַרבעטן מיט אייך ווייטער קאָן איך ניט. איך פאָדער, אַז מען זאָל זיי אויסהערן. זיי זיינען ניט ווייניקער באַגלויבט ביי מיר, ווי דער גלח...

איך בין אַרויס צו די דריי בעלאָרוסן און זיי אַריינגעפירט אין אַ צווייטן קליינעם צימער, כדי דער קאַפּראַל, וועלכער האָט אונז באַגלייט אויף דער רייזע און איבעראַל אַריינגעשטעקט זיין שנוק, זאָל זיי דאָ ניט זען. איך האָב זיי געזאָגט וועגן מיין אולטימאַטום. עס איז מיר אויפגעפאַלן, אַז איינער פון זיי, מיט זייער שאַרפע, בלויע אויגן, קוקט זיך איין אויפמערקזאַם אין מיין פּנים. אָבער עס איז געווען נאַטירלעך— זייער מיסיע איז געווען אַ וויכטיקע און ער איז געווען געשפּאַנט צו הערן דעם ענטפער. (איצט, אין צוג, האָט ער מיר דערקלערט, אַז שוין דאָרטן האָט ער מיך דערקענט פון זשענעווע, אָבער געשוויגן). איך האָב זיי ניט געוואָלט אַנטמוטיקן און געזאָגט, אַז די קאָמיסיע האָט ניט קיין ברירה: אַ צווייטן איבערזעצער פאַר אַלע שפּראַכן וועלן זיי אין דער שטאָט אַזוי

שנעל ניט באקומען, און מארגן מוזן מיר זיין אין לעמבערג. אויך דארט זיינען געווען „עקסצעסן", ווי די פוילישע פרעסע האט „דעליקאט" אנגערופן די שחיטות.

עס האט זיך געעפנט די טיר און עס איז אריין אסקאר קאהן, געבעטן מיך און די דריי פארשטייער אריינגיין ארבעטן.

— מיט דעם אויסהערן אונדז אין דער קאמיסיע האט איר אונדז אויף א פאר טעג לעגאליזירט, ווייל די קאמיסיע איז זייער כשר געווען אין די אויגן פון דער אקופאציע־מאכט, — האט איצט געזאגט מיין רייזע־באגלייטער. — און א פאר טעג שפעטער זיינען מיר שוין געווען אין אן אנדער ארט, ווייט אוועק. איך האב אייך דעמאלט געדאנקט זייער אפיציעל. היינט דאנק איך אייך נאך אמאל.

און ווידער א פשוטקייט, אן א שמייכל, אן סענטימענטן. עפעס א מין קאלטע זאכלעכקייט, באטש מיט זעקס יאר צוריק האט דאס רוישן פון א טויטלעכער קויל אין זיין ברוסט, פון דער פוילישער ארמיי אויס־געשאסן, געקאנט אויסלעשן דעם ענערגישן גלאנץ פון די אויגן.

בעת מיין זיין אין ווארשע, נאכן צוריקקומען פון דער רייזע אויף די „קרעסן", וואו עס זיינען פארגעקומען פאגראמען אויף אידן, האב איך זיך דערוואוסט פון מערעמס חברים, אז זיבערט האט זייער און זייער געוואלט פארן מיט דער קאמיסיע. ער האט ליב געהאט זשורנאליסטישע ארבעט, און צו פארן אויף די „קרעסן" מיט אן אינטערנאציאנאלער קאמיסיע איז געווען א חלום. אבער דער פוילישער „בונד" האט אין 1920 אזוי שטארק „געפלירטעוועט" מיט דער אקטאבער־רעוואלוציע, אז עס האט בשום אופן „ניט געפאסט" פאר דעם צענטראל־קאמיטעט פון „בונד" צו שיקן אן אפיציעלן מיטגליד פון דעם „בונד" צו אן ארבעט מיטן צווייטן אינטערנאציאנאל... דערפאר האט מען איינגעוויליקט, אז איך זאל פארן, ווייל איך בין שוין זינט 1913 ניט געווען אין דער פארטיי פון „בונד". דערפאר האט רענאדעל געהאט טענות צו זיי, וואס זיי האבן געשיקט א „בונטאר" אין דער קאמיסיע...

אבער איצט איז 1926, דעצעמבער. א ליכטיקע זון טראגט זיך איבער די ווייסרוסישע וועלדער און מיר זיינען באלד אין מינסק. אויפן וואקזאל באגעגענען אים חברים. מען כאפט זיך ארום מיט אים און ער פירט עטלעכע פון זיי אריין אין וואגאן צו א קורצער בראטונג. אבער פריער בעט ער מיך ארויסגיין אויפן פעראן, ווייל: „איך האב אייך דא

געבראַכט עטלעכע געוועזענע בונדאָווצעס פון מינסק, וועלכע וועלן זיך פרייען צו זען מעדעמס פרוי." און צו מיין גרויסער איבערראַשונג (מען האָט קיינמאָל ניט געקאַנט פּאַראויסזאָגן, וואָס ער וועט טאָן אין אַ מינוט אַרום, און אַלץ פּשוט, ספּאָנטאַן, אָן פּראַזן) — האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר עטלעכע יונגע, ערנסטע חברים, וועלכע האָבן מיר וואַרעם געדריקט די האַנט, מיט אַ שמייכל געפרעגט, צי ס'איז מיר ניט קאַלט אין דעם קורצן פּעלצל, ווייל דאָס איז דאָך ניט ניו־יאָרק? צי פאַרבלייב איך אינגאַנצן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? צי וועל איך קומען קיין מינסק זיי באַזוכן און דערציילן וועגן דער „נייער וועלט"?

איינער פון זיי האָט געקענט מעדעמס נאָענטן פריינט, ווילענקין, און וואַרעם אים דערמאָנט. עס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכע באַגעגעניש. ווייזט אויס, אַז מיין זשענעווער פריינט האָט טעלעפאָנירט פון דער גרענעץ צו זיינע פריינט און געבעטן, מען זאָל „ברענגען אויפן וואָקזאַל עטלעכע אידישע חברים, ווייל ער וויל פאַרשאַפן פרייד זיינעם אַן אַלטן פריינט" (מיר).

עס איז געווען 11 ביינאַכט. מינסק האָט געגלאַנצט מיט ליכט. דער וואָקזאַל איז געווען פול מיט רייזנדע. ביי אונדזער וואַגאָן איז געשטאַנען אַ רעדל מיט מענטשן. איך האָב געזען שמייכלענדיקע, פריילעכע פּנימער אין קרייז אַרום לוגינען (איך רוף דאָ ניט אָן זיין אמתן נאָמען, כּדי אויפצוהאַלטן דעם זכרון פון די גוטע זשענעווער צייטן). איך האָב געזוכט צווישן די דעכער פון מינסק יענע הויז אויף גאַליניעוויטשעס הויף, וואו עס איז געווען די וואַרעמע, צערטלעכע נעסט פון דעם יונגן וולאַדימיר מעדעם. איך האָב זי געזוכט נאָך אַמאָל צום צווייטן מאָל, נאָך 1920; ווען איך בין געקומען פון דער רייזע מיט דער קאָמיסיע צוריק קיין וואַרשע, האָט מיך מעדעם, אַן אומעטיק־אומרואיקער, אַ פרעג געטאָן: „האָסט געזען אונדזער הויז ביי גאַליניעוויטשן אויפן הויף? האָסט געזען די געביידע פון מיין גימנאַזיע? וואָס האָסטו געזען?"

אַזאַ שפּאַס פון דעם גורל! איך בין געווען אין מינסק, און מעדעם האָט, זינט 1902, ניט געקאָנט זען זיין דאָך, זיין געוועזענע היים...

דער צוג האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן — מיר פאָרן קיין סמאָלענסק. מאָרגן 2 אַזייגער וועלן מיר זיין אין מאָסקווע. איך וועל, נאָך 11 יאָר, ווידער זען מיין ברודער. איך וועל זען מיינע פּוילישע פריינט, מעדעמס חברים פון אָריאָל, פון דעם צענטן פּאַוויליאָן. איך

וועל זען אָדעס, קרים, די אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך וועל זיין אין לענינגראַד — זען זיך מיט מערעמס יוגנט־פריינט, זאַסלאַווסקי; מיט געוועזענע בונדיסטן, וואָס האָבן געהאַט די רעוואָלוציאָנערע איבער־צייגונג צו גיין מיט די רוסלענדער פאָלקס־מאַסן, ניט פאַרביי זיי און — קעגן זיי...

צוויי אַזייגער, און מיר זיינען אין מאָסקווע. אַ גרויסער אויטאָ־מאָביל איז געקומען באַגעגענען לוגינען און ער האָט פאַרגעלייגט מיך אָפּצופירן צו מיין ברודער, וועלכער האָט מיך נאָך ניט דערוואַרט אין דעם טאָג אָנצוקומען — דערפאַר בין איך געווען אַליין. אָבער ווען איך האָב דערזען דעם גרויסן אויטאָמאָביל מיט לוגינס חברים, האָב איך געדאַנקט און געזאָגט, אַז איך וועל נעמען אַ שליטן. „זעט זיך צו דינגען מיט זיי — די היגע איזוואָשטשיקעס רייסן פון אויסלענדער.״ און ווידער איז עס געווען ערנסט געזאָגט, מיט אַ פונק פון הומאָר אין די אויגן. ער האָט דעם פורמאַן געזאָגט ווי אַזוי צו פאָרן, האָט מיך געבעטן אָפּצורופן אים מאָרגן אויפן טעלעפאָן אין דער „אַזנעפּט״, און מיר האָבן זיך צע־שיידט. אַ צייט איז די גרויסע מאַשין געפאָרן נאָך אונדז, כדי דער מאָסקווער „וואַנקאַ״ זאָל וויסן, אַז איך בין ניט הילפלאָז דאָ, אין דער פרעמד. אָבער ווען איך האָב זיך צערעדט מיט אים אויף רוסיש, איז ער געוואָרן היימיש און האָט אַ יאָג געטאָן דאָס פערדל, און אין וואָסערע דרייסיק מינוט זיינען מיר אָנגעקומען אויפן צוועטנאָי בולוואַר, צום הויז פון מיין ברודער. ער האָט מיר געהאָלפן אַרויפטראָגן די זאַכן איפן פערטן שטאָק, באַקומען אַ גוטן זילבערנעם רובל „נאַ טשאַי״, און זיך געזעגנט.

ווען איך האָב מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אָנגעקלונגען ביי דער טיר און אַ מיידל האָט אַ רוף געטאָן: „מיכאַאיל גערמאַנאָוויטש, אַ גאַסט וויל אייך זען״ — איז אַרויס מיין ברודער, אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישן קיטל (ער האָט געאַרבעט אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון דער אַרמיי), מיט זעקס פּיטשינקע קעצעלעך אויף די הענט. מיר האָבן זיי שיער ניט דער־דריקט, ווען ער האָט מיך גענומען קושן און זידלען באַגלייך: „אַזאַ חוצפּה, ניט צו שרייבן דעם טאָג! טאָקאָיע סווינסטוואָ! זיך גאָר ניט געענדערט. אַלעמאָל געווען אַן אַ טאַלק!...״

איך האָב דערגרייכט אַלץ, וואָס איך האָב זיך פאַרגענומען בעתן באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. געזען די ערשטע צוריק־אויפגעבויטע אידישע קאָלאָניעס אין קרים. געווען אין אָדעס, אין לענינגראַד. געווען

אין סמאָלענסק; געזען די תפיסה, וואו איך האָב געפונען מעדעמען אין ווינטער, 1914. געזען זיך מיט די האַרציקע אומפאַרגעסלעכע פריינט פון פוילן, סיי אידן, סיי ניט־אידן. אַרומגעשפּאַנט איבער דער אומ־באַקאַנטער, גרויסער מאָסקווע, וועלכע האָט אויפגעהערט צו זיין אַן „אומ־באַקאַנטע ערד" פאַר מיר. געגאַנגען אויף זאַוואָדן, אין קינדער־היימען, געזעסן אויף געריכט־זיצונגען. געשעפּט מיט גיריקע, ניט־געזעטיקטע אויגן אַלץ, וואָס אַלגין האָט אין 1922 אַזוי קורץ און קרעפטיק פאָרמו־לירט: „אַלץ איז אַנדערש, אַלץ איז אין בוי, דער מענטש אויך."

אַלס אַ דערגאַנצונג צו די אַלע זוכענישן און בענקשאַפטן פון די ניו־יאָרקער שווערע טעג, האָב איך אויך אויסגעזוכט און זיך געטראָפן מיט דעם זון פון מעדעמען און מיט זיין מוטער. עס איז געווען שווער צו זען אַ יונגן, שטאַרקן סטודענט פון אַ יאָר 22, וועלכער האָט שטאַרק דערמאָנט אין מעדעמען, סיי מיטן קוק, סיי מיט דעם קול, סיי מיט דער שיינער רוסישער שפּראַך. מאָמענטנווייז איז געווען שווער צו גלייבן, אַז עס איז ניט מעדעם... בלויז גייענדיק צום טראַמוויי און זעענדיק דעם שטאַרקן, פעסטן טראָט, איז געווען קלאָר, אַז דאָ גייט דער אינגערער, נאָך געזונטער מעדעם...

איך האָב אויך באַזוכט זיין לאַנגיאָריקע געטרייע פריינדין, וועלכע איז געווען דער אַבסאָלוטער קענער פון אַלע זיינע פּערזענלעכע איבער־לעבונגען און פריינטשאַפטן, אַ באַגאַבטער מוזיקאַליש־געבילדעטער מענטש און אַ באַוועגטער עדות פון אַלע פריינטשאַפטן מעדעמס. דאָס איז געווען דר. ראָזאַ אַווערבוך. זי האָט אויך מיך געקענט פון דער שווייץ און צו איר זיינען מיר טאַקע געקומען זיך באַגעגענען, ווען איך בין אין 1909 צוריקגעקומען אין דער שווייץ, כדי חתונה צו האָבן מיט מעדעמען.

בלויז איין מענטשן בין איך ניט געגאַנגען אויפזוכן: יענע שיינע אידישע סטודענטקע, וועלכע האָט ניט געהייראַט מיט מעדעמען, כאָטש ער האָט זי ליב געהאַט...

און אַזוי האָבן מיר זיך געטראָפן — אַלטע פריינט פון אַ מענטשן, וועלכן מיר האָבן ליב געהאַט אין דעם גלאַנץ־פּעריאָד פון זיין יונגן, קורץ־אָפּגעהאַקטן, רייכן און שווערן לעבן. דריי פרויען, מיט פאַרשיידענע גורלות, וועלכע ער האָט געגעבן זיין פריינטשאַפט, זיין רייכע און גרויסע קולטור און זיין מענטשלעכע וואַרעמקייט, און נאָר איינער פון זיי האָט ער געגעבן זיין נאָמען...

בעת איך בין געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צום ערשטן מאָל — פון דעצעמבער, 1926 ביז אַפּריל, 1927 — בין איך געווען זייער פאַר־װאונדערט צוליב איין זאַך: דער פאַקט, וואָס איך בין געווען די פרוי פון אַ פירנדיקן בונדיסט פון רעכטן פליגל, מעדעם, האָט אויף קיין איין רגע ניט געשטערט קיין איין־איינציקן פּלאַן אָדער פּראָיעקט מיינעם פון זען אַלץ, גיין איבעראַל, זיך באַקענען מיט די פירנדיקע סאָוועטישע פאַר־שטייער אויף אַלע געביטן, און מיט זייער הילף דורכמאַכן די רייזעס, צו וועלכע בלויז פאַרטרעטער פון גרויסע צייטונגען, אָדער אַקטיווע טוער פון מערב־באַוועגונגען, האָבן געהאַט אַ צוטריט. דער „געזערד" אין מאָסקווע האָט מיך פאַרבונדן מיט אָדעס, כערסאָן, קרים; געגעבן צו וויסן דעם „אַגראָ־דזשאָינט", וועלכער האָט מיך באַגעגנט אין זיינע באַזעס מיט אַ פעלץ, וואַרעמע וואַליקעס פאַר די פיס און אַ גוטן אויטאָמאָביל. מען האָט מיר געגעבן אַ וואַרעמען קבלת־פּנים אין אָדעס, וואו איך האָב געוואוינט אין שטוב פון דעם „געזערד"־פאָרשטייער וויינשטיין, און וואו יונגע, ענערגישע אַגראָנאָמען האָבן מיך באַקענט מיט די אַלטע קאָלאָניעס אין קריוואָי ראָג און כערסאָן. און צוריק אין מאָסקווע — האָט מען מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם אידישן טעאַטער, מיט די אידישע דיכטער און שרייבער. און איך האָב נאָך אַלץ געשעפּט פון דעם נאָמען מעדעם, ווייל איך בין נאָך אין יענער צייט ניט געווען קיין לעקטאָר אָדער זשורנאַליסט, איך האָב ערשט געשטעלט די ערשטע טריט אויף דעם געביט — טאָקע די ערשטע זיינען געווען אין די קאָלאָניעס, וואו איך האָב געהאַט עטלעכע באַריכטן וועגן מערב, וואו איך בין געווען צווישן יולי און דעצעמבער, 1926, און וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט די לענדער: פראַנקרייך, בעלגיע, דייטשלאַנד, פּוילן, דאַנציג, די שווייץ.

פון די איינדרוקן און באַגעגענישן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון די מאַסן נייע יונגע טוער, אַרבעטער, קינסטלער פון „אכבר" (אַסאָציאַציע פון קונסט־מאָלער), פון שרייבער, טעאַטער־טוער, לערער און סטודענטן, שול־קינדער און היימלאָזע (אויך מיט זיי האָב איך זיך באַקענט, און דווקא ביי זיי געווען צו־גאַסט אין אָדעס און מאָסקווע, אין זייערע באַ־העלטענישן, שפּעטער אין די היימען, אין דער קאָלאָניע „באָלשעוואָ") — פון די אַלע איינדרוקן בין איך אוועק אַן אָנגעפילטע מיט מוט, מיט ענטוזיאַזם, מיט אַ ציל אין לעבן, מיט אַ געפיל פון אַ טריאומף אין אַ וועלט־מאַסשטאַב: אַ בלוטיקע וועלט־מלחמה האָט זיך אויף איין שטח

פון אונדזער ערד פאַרענדיקט מיט דעם איעבערבייט, פאַר וועלכן אַזוי פיל בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף דער גאָרער וועלט, מצד אַלע קעמפּער פאַר סאָציאַליזם.

איך האָב געזען מענער און פרויען שטיין אין דער ריי נאָך נאַפט, נאָך ברויט, נאָך פלייש און האָלץ. איך האָב אָבער אויך געזען פּלאַקאַטן, וואָס האָבן גערופן מענער און פרויען צו אַרבעט. איך האָב געזען מעל־קערינגס פון מאָסקווער דערפער אין דער לאָזשע פון „באָלשאָי טעאַטער" אויף אַ פאָרשטעלונג פון „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ". איך האָב געזען פרויען מיט זויג־קינדער ביי דער דאָקטאָרשע אויף דער „מוטער און קינד"־קאָנסולטאַציע. איך האָב געזען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין אַ קרימער דאָרף, צו וועלכער מען איז געקומען פון 30 קילאָמעטער אַרום און פאַר וועלכער מען האָט זיך באַרויבט פון פיר שעה שלאָף... איך האָב געזען די לענין־טעג אין אָדעס, ווען פון פאָרט האָבן זיך געטראָגן לאַנג־געצויגענע סירענע־פייפעריען פון די שיפן, פון די פאַבריקן, און ווען אין אַלע שולן האָבן קינדער צוגעגרייט צייכענונגען און בילדער פון דעם גרויסן פירער און טרעגער פון דער אַרבעטער־ און פּויערים־מאַכט. איך האָב געזען די פּלענערין, וואָס איז געקומען אַהיים צו אונדז, ווען מיין שוועגערין איז געוואָרן קראַנק, און האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר צו איר, אָן געלט, אָן אַ געפיל פון זאָרג: וואו וועט מען נעמען אויף מעדיצין?...

איך האָב געזען אין מיין וואַגאָן צווישן אָדעס און ניקאָלאַיעוו אַ יונגן סערזשאַנט פון דער אַרמיי מיט עטלעכע חברים, וועלכע זיינען אַראָפּ אויף אַ קליינער סטאַנציע צו ליקווידירן אַ באַנדע דיווערסיאַניסטן, וואָס האָבן נאָך אַלץ געאַרבעט פאַר דער אויסלענדישער אינטערווענציע. איך האָב געזען זייער ערנסטע חברישע האַלטונג צווישן זיך און דעם פעסטן אַנטשלוס צו מאַכן אַ סוף פון די שפּיאָנען, ווי אין אַנדערע ערטער פון דער גרויסער מלוכה. איך האָב געזען מענער און יונגע פרויען, וועלכע זיינען געפאָרן צום ווייטן מזרח אויף אַרבעט, ווייל דאָס ווייטע לאַנד איז ערשט צוויי יאָר געווען פריי פון „ווייסע" באַנדעס און פון דער יאַפּאַנישער און אַמעריקאַנער אינטערווענציע. איך האָב געזען געוועזענע צאַרישע פּראָפעסאָרן און אינזשענערן, וועלכע האָבן זיך פּאָוואָליע איינגעגלידערט אין דער נייער סאָוועטישערווירקלעכקייט.

און צוליב דעם, וואָס מען האָט מיר, דער פרוי פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, דעם בונדיסט וולאַדימיר מעדעם, געגעבן אַזאַ ברייטע מעג־

לעבקייט זיך צו באקענען מיט זאכן און מענטשן, מיט דערשיינונגען און פּראָבלעמען, — איז ביי מיר אויפגעקומען אַ גרויסער דרך־ארץ צו אַט דער מאכט, צו דער נייער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס קעמפט אַזוי מוטיק פאַר סאָציאַליזם אין אַן אַטמאָספערע פון האַס, מיסרעפּרעזענטאַציע, רכילות, סאַבאָטאַזש און טעראָר מצד דעם קאַפּיטאַליזם אין דרויסן. און אַ טיפע דאַנקבאַרקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט צו די אַלע נייע און אַלטע פריינט, וועלכע האָבן מיר אַזוי געהאָלפן צו פילן זיך ווי אין דערהיים — אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

און עס איז געקומען אין דער נשמה אַ פאַרלאַנג זיך צו טיילן מיט דער גאַנצער וועלט מיט די איינדרוקן און איבערלעבונגען פון דער מזרח־רייזע. און מיט דעם דאָזיקן דראַנג בין איך אַוועק קיין פּאַלעסטינע, רומעניע, פּוילן, פראַנקרייך און סקאַנדינאַוויע, כדי צו טיילן זיך אויפריכטיק און אַמתדיק מיט יענע פאַרכאַפּנדיקע בילדער און ברענגען גרוסן פון דעם ניעגאַרלאָיער פלאַקאַט צו די פאָלקס־מאַסן פון דער גאָרער וועלט...

* * *

דערמיט פאַרענדיקט זיך דער טייל זכרונות.

די ווייטערדיקע רייזעס, צווישן 1926 און 1940, אין ווייטע וועלט־טיילן; די דריי רייזעס קיין בירא־בידזשאַן, די יאָרן אין אַמעריקע און שפּאַניע, די צווייטע וועלט־מלחמה און צוגרייטונגען צו אַ רייזע אין מזרח־אייראָפּע — וועלן אַריינגיין אין דעם צווייטן באַנד: „טראַגישע עדות".

ניו־יאָרק, יוני, 1950.

גינאַ מעדעם